STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09652

OYF VILDE VEGN

Leon Kobrin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויף ווילדע וועגן

ראָמאַן

אוים דעם לעבען אין
דער גרויסער שטאָט.

פ ו ן

לעאָן קאָברין

ארויסגעגעבען פון פארלאג־קאָברין.
882 ברוקלין עווענין,
ברוקלין, ניו יאָרק.
1925.

Copyright 1925
By
LEON KOBRIN
(all rights reserved)

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 446

פּראָלאָג

אין דרויסען האָט שוין דער פריהלינג געשאַפען. ווייט־
ווייט הינטער דער שטאָדט האָט ער די פייכטע ערד צום
לעבען געוועקט, דעם שניי געשמאָלצען, דאָס אייז געבראָ־
כען, וואַלד און פעלד די פאַרגליווערטע גלידער געוואַרעמט
און אלצדינג, וואָס האָט דאָרט געלעבט, מיט וואַרימקייט
און לעבענסלוסטיגקייט אָנגעפילט. האָט זיך אויך אין דעם
שטיינערנעם ניו יאָרק אריינגעכאַפּט, דורך די טונקעלע
טונעלען זיך געטראָגען, איבער די „וואָלקען־קראַצער"
געשוועבט, איבער די פּאַרקס זיך צעלייגט און איז אויך אין
דעם ענגען אידישען דאַון טאַון אריינגעדרונגען.

מיט זוניגקייט און גרינקייט האָט ער געאָטעמט, גאַנצע
הויפענס ליכט האָט ער געשליידערט ארום זיך און וואו זיי
זענען געפאַלען, דאָרט איז העלער, לעבעדיגער, יום־טוב'דיי־
גער געוואָרען. די גאַסען האָבען גאָר אַנאַנדער פּנים באַ־
קומען, די שטיינער פונ'ם ברוק, די גרויע ווענט פון די
הויכע טענעמענט־הייזער. אפילו די לאַנגע און פינסטערע
קאָרידאָרען הינטער די אריינגאַנגס־טירען האָבען ליכטיגער
און פריינדליכער אויסגעזעהן.

דער מענש האָט איינגעאָטעמט די דאָזיגע וואַרימע ליכ־
טיגקייט און גרינקייט, און אין זיין האַרצען האָט זיך עפּעס
אַ ריהר געטאָן, אַ פאַרלאַנג זיך אויפגעוועקט, אַ בענקעניש
נאָך ליבע, נאָך לעבען, נאָך דאָס פאַרגאַנגענע, וואָס איז
פאַרבליבען אהינטער, און נאָך דאָס צוקונפטיגע, וואָס האָט
זיך געמאָלען אין פאָראויס...

פאַר דעם בחור האָט זיך דאָס מיידעל שעהנער גע־מאָלען, פאַר דער מיידעל דער בחור, און די גאַנצע וועלט, דאָס גאַנצע לעבען — פאַר אַלעמען...

נאָר יענע עלענדע, וואָס זענען דאָ נישט לאַנג אין דעם לאַנד געווען און האָבען נישט געהאַט קיין נאָהענטע און קיין פריינד, האָבען זיך איצט עלענדער געפיהלט, האָבען נאָך זייער פאַרלאָזענער היים געבענקט, נאָך זייערע נאָהענ־טע און טייערע, נאָך זייער הימעל, נאָך זייער גאַס, נאָך זייער פריהלינג, נאָך זייער יום־טוב, נאָך דעם אַלצדינג, וואָס האָט דאָרט זייער לעבען אָנגעפילט זייט זייער פריהסטער קינדהייט אָן מיט ליבע, שיין, ווארימקייט און יום־טוב־פרייד...

בפרט נאָך די יונגע, גרינע מיידלאַך, באַלעבאַטישע קינ־דער פון דער היים, וואָס זיי האָבען דאָ געוועלקט אין די שעפּער און אין די פאַרשטיקטע טענעמענט־הייזער, ווייט פון אַ מאַמע׳ס לאַסקע, פון אַ ליבעפולען בליק, — ווי זיי, אָט די דאָזיגע יונגע לעבענס, האָבען דאָס איצט געבענקט, ווי שאַרף זיי האָבען דאָס איצט זייער עלענדקייט געפיהלט, איצט, בעת דער פריהלינג האָט זיך צו זיי אין די טירען געריסען, דורך די שפּאַרונעס געקראָכען פון זייערע ענגע, גרויע צימערלאַך און פון די פאַרשפּאַרטע שעפּער און גע־אָטעמט אויף זיי מיט ליכט, וואַרעמקייט און בלויע טרוימען!

אין דעם העלען, פרעהליכען שיין פונ׳ם פריהלינג האָט זיך זייער עלענדקייט נאָך שאַרפער, נאָך בולט׳ער אָפּגעשפּי־געלט...

אין אַזאַ צייט האָט זיך דאָס עלענדע מיידעל געלאָזט לייכטער דערקאָנען דעם אומבאַקאַנטען בחור און לייכטער האָט זיך איהר האַרץ צונויפגעקניפּט און צונויפגעשמאָלצען מיט זיינעם, און מיט פרייד האָט זי איהר יוגענד, איהר גאַנץ לעבען איהם אָנפאַרטרויט.

און געוויסע אומבאַקאַנטע יונגעלייט, וואָס זיי זענען שטענדיג געווען אויפ׳ן גייעג נאָך דאָס אומדערפאַהרען, און עלענד מיידעל אין דעם אידישען קוואַרטאַל, אָט אַזוי ווי יאַגד־הינד — זיי זענען איצט טעטיגער געוואָרען, ווען דער פריהלינג האָט געוועקט די דאָזיגע בענקעניש נאָך לע־בען אין די יונגע הערצער פון די אָרימע און עלענדע אַרבייי־

טער־מיידלאך, און וועה איז געווען יענער, וואס איז צו זיי אריינגעפאלען!...

אט וועגען אזא איינעם, וואס איז אויפ'ן גייעג ארויס נאך אן אומדערפאהרען און עלענד מיידעל, וויל איך דא דערצעהלען...

.1

צוויי חברים

דאס איז געווען א שבת בייטאג, עטליכע טעג פאר פסח. צוויי פארשוינען האבען זיך אפגעשטעלט לעבען א פאבריק אויף ספרינג סטריט.

— אט דא ארבייט זי, דאכט זיך, — האט איינער פון זיי זיך אנגערופען, ארויסגענומען א קליין נאטיז־ביכעל פון אונטער'ן בוזים, אריינגעקוקט און א שאקעל געטאן דעם קאפ.

— ניין, צעהן נומערען ווייטער...

דיביידע זענען אוועק ווייטער און האבען זיך אפגעשטעלט לעבען אן אנדער גרויסער פאבריק.

— אט דא!...

איינער, וואס איז באקאנט מיט די אידישע טיפען פון דער אונטערוועלט, וואלט גלייך דערקאנט, אז די דאזיגע ביידע פארשוינען באלאנגען צו יענעם קלאס באשעפענישען, הגם די ביידע זענען דורכאויס ניט געווען עהנליך איינער צום אנדערען.

דער פארשוין מיט'ן נאטיז־ביכעל האט אויסגעזעהן א יאהר עטליכע און צוואנציג, הויך און שלאנק, מיט א ריין־ראזירטען פרישען, רונדען, כמעט מיידעלשען פנים, רויטע, בליהענדיגע באקען, פולע, שמייכלענדיגע ליפען און א קורץ, פאררישען, פרעך נעזעל.

אנגעטאן איז ער געווען מעשה פראנט: אין א העלען ראק און אין בליאסקענדיגע שיך. פון אונטער דעם נייעם, העלען הוט האט א פעך־שווארצער געקרויזטער לאקען וואויל־יונגעריש ארויסגעקוקט. א ווייסער, שטעהענדיגער קראגען האט ארומגעכאפט זיין שטארקען נאקען און אונטערגע־

שפּאַרט זיין רונדען, קלאָרען און שטאַרקען קינבאַק. ער האָט זיך באַוועגט אַזוי לייכט און אַזוי גראַציעז, ווי אַ גוטער טענצער אין אַ טאַנץ...

נאָך פלינקער האָבען זיך באַוועגט זיינע אויגען, שוואַרצע און קאָכעדיגע, אין וועלכע דער אויסדרוק האָט זיך נאָכאַנאַנד געביטען: דאָ האָבען זיי געקוקט אַזוי מילד און אַזוי רוהיג און באַלד אַזוי שאַרף און שטעכיג; דאָ אַזוי פאַרטראַכט און כמעט קינדעריש־נאַאיוו, און אין אַ רגע אַרום — אַזוי חוצפּה׳דיג און ממזר׳יש...

דער שמייכעל אויף זיין רונד־מיידעלשען פּנים האָט דערמאָנט אָן דעם אומשולדיגען שמייכעל פון אַ גאַסען־מיידעל, בעת זי וויל מיט איהם פאַרדעקען איהר פּראָפעסיע; דאָס קורץ, חוצפּה׳דיג נעזעל און דער רונדער שטאַרקער קינבאַק — אָן אַ בולדאָג, און די פלינקע באַוועגונגען מיט׳ן שוואַרצען, געקרויזטען לאָקען אויפ׳ן שטערען — אָן אַ „פּראָפעסאָר“ פון אַ טאַנץ־אַקאַדעמיע, און אין גאַנצען האָט ער געמאַכט דעם געמישטען איינדרוק פון אָנגענעמער אָנשטענדיגקייט און פאַרברעכערישער אומאָנשטענדיגקייט, פון דזשענטעלמאַן און גנב...

עהנליכע פּאַרשוינען קאָן מען אָפט טרעפען אין די קאַפע־הייזער אויף סעקאָנד עוועניו און אין די געגענדען אַרום בראָדוויי...

דער אַנדערער האָט שוין געמאַכט אַ מעהר באַשטימטען איינדרוק: נידעריגער, נאָר ברייטער פון דעם ערשטען, מיט לאַנגזאַמע, שווערע באַוועגונגען, אַ ברייטען, פאַרגרעבטען פּנים, אויך ריין ראַזירט. אַ פאַרשוין פון אומבאַשטימטען עלטער, מיט איין אויג, אַ רויטס, ווייט אויסגעשטשירעט. דאָס אַנדערע האַלב־פאַרזשמורעט און מיט אַ פאַר׳שכור׳טען שמייכעל אויף גראָבע ליפּען. האָט מען איהם גלייך געקאָנט צורעכענען צו יענעם קלאַס פּאַרשוינען, וואָס מען האָט אַמאָל באַגעגענט אַרום די סאַלונען אויף דער בויערי, אַרום די געמבלינג־הייזער און אַרום די הייזלאַך אין דעם אַמאָליגען „טענדערלאָין.“

ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלויען אָנצוג, האָט געטראָגען אַ ברוינעם הוט מיט ברייטע ראַנדען און געשמויכערט אַ סיגאַר.

— עפעם רעכטס? — האָט ער זיך פּלוצים אָנגערופען מיט א הייזעריגען, פאַר'שכור'טען קול, ווען דער יונגערמאַן מיט'ן מיידעלשען פּנים האָט באַהאַלטען דאָס נאָטיץ־ביכעלע אונטער'ן בוזים.

— עי ביוטס!... מיטעל־וואוקס, העל, בלויע אויגען. בלאָנדע האָר — אן אמת'ע דאָל!...

— פיין!... און וואו האַלט עס?

— עס מוז נאָך נעהמען א ביסעל צייט... היינט וועל איך זיך איהר ערקלערען...

— נאָך זיך ניט ערקלערט?...

— זי איז ניט אזא, וואָס צו איהר קאָן מען באלד צוגעהן פיף־פּאַף, און האַידא! פאַרזיכטיג מוז מען האַנדלען מיט איהר. זיין פאַרליבט, רעדען מעהר מיט די אויגען, ווי מיט די ליפּען. זיפצען און לאַסטשען, און קושען זי מיט די בליקען, נאָר מיט די בליקען...

— איך באַוואונדער דיין געדולד... ביי מיר, דו קאָנסט דאָך מיך — גלייך צום פּונקט...

— איך האָב פאַרגעניגען פון דעם שפּילען, דער בעסטער ספּאָרט ביי מיר. איך זיפץ, זי זיפצט. איך שמאַמעל, זי שטאַמעלט, ביז...

— ביז דו האָסט חתונה? כאַ! כאַ! כאַ!

— ביז איך האָב חתונה... גיב א סיגאַר!...

דער פאַרשוויז מיט'ן רויטען, אויסגעשטשירעטען אויג האָט ארויסגענומען פון דער אויבערשטער וועסט־קעשענע א סיגאַר און איהם דערלאַנגט. יענער האָט פאַררויכערט.

— הייסט עס, אז דערוויילע איז זי נאָך ניט דיין כלה?...

— היינט שלאָג איך איהר פאָר מיין האַרץ און מיין לעבען.

— און אז זי וועט ניט וועלען?

— זי וועט ניט וועלען?

און דער יונגערמאַן מיט'ן פּרעך נעזעל האָט זיך צע־לאַכט.

— קען דען אמאָל ניט טרעפען, אז דו זאָלסט דורכפאַלען ביי א מיידעל?

— נישט איך, — האָט דער יונגערמאַן מיט'ן לאַקען און פּרעכען נעזעל זיך ווידער צעלאַכט, — זייט איך בין

אין דער ביזנעס, האב איך שוין חתונה געהאט א טוצען מאל מיט מיידלאך און קיינע פון זיי, אויף וועלכער איך האב נאר אן אויג געוואָרפען, האט מיך צוריקגעוויזען. און זי, פעני, וועט זיך אודאי פיהלען גליקליך, ווען איך וועל זיך איהר היינט ערקלערען... זי בענקט אזוי, פיהלט זיך דא אזוי עלענד...

— א גרינע?

— א יאהר אינ'ם לאנד. האט דא קיינעם ניט און די ארבייט אין שאפ מאטערט זי אויס...

— ווי לאנג קאנסטו זי?

— ארום זעקס וואכען.

— זעקס וואכען און זי איז נאך...

— וואס וואונדערסטו זיך? איך וועט, אז מיט דיר, קיד דזשאו'ן וואלט זי אפילו ניט געוואלט רעדען. ווייסטו וואס? — האט דער יונגערמאן דער פראגט זיך מיט אמאל א כאפ געטאן, — געה בעסער אוועק אין העל אריין, איך וויל ניט, אז זי זאל דיך זעהן. טוט מען א קוק אויף דיר, זעהט מען גלייך ארויס, ווער דו ביזט... געה, געה, בעסער, אז זי זאל ניט זעהן, מיט וועמען איך חבר זיך.

קיד דזשאו האט כיטרע א שמייכעל געטאן מיט'ן ווייט־אויסגעשטשירעטען אויג און א פינטעל געטאן מיט'ן אנ־דערען, האלב־פארזשמורעטען.

— פארלאז זיך אויף מיר, מאָרים...

יענער האט א פינקעל געטאן מיט די אויגען און פאר־שטשעמעט די ציין.

— מאָרים! אין דיין גע'פגר'טען טאטען אריין, האסט שוין פארגעסען? געה, געה, בעסער, דו וועסט מיר אנטאן צרות!

— פארדאן, איך האב גאר פארגעסען, אז מען רופט דיך איצט ווילי דיימאנד... ווער קאן זיי אבער געדענקען, אלע דיינע נעמען!... אלזא, ווילי, ווילי, ווילי...

זיי זענען אנשווייגען געווארען.

ווילי האט ארויסגענומען א זייגער און א קוק געטאן אויף איהם.

— א פערטעל צו צוועלף — האט ער ארויסגערעדט

פאַרטראַכט, — זי אַרבייט היינט, האָט זי געזאָגט, ביז צוועלף.

— מיר קאָנען דערווייל אַריינגעהן עפּעס טרינקען. מיר זענען נישט ווייט פון וואַטסאָנ'ס פּלאַץ, — האָט קיד דזשאָו פאָרגעלייגט.

— ניין, איך ניט.

— אַ קאָקטעיל...

— ניין.

— אַ וויסקי.

— ניין.

— וואָס איז דער מעהר מיט דיר, מאַר... איך מיין ווילי, — האָט קיד דזשאָו זיך פאַרכאַפּט, — אַי בעג יור פּאַרדאָן, ווילי! ווילי! ווילי!...

— איך וויל איצט גאָר נישט טרינקען, — האָט ווילי געזאָגט מיט אומגעדולד אין קול און דערביי אָנגעקוקט זיין פריינד מיט שטעכעדיגע אויגען — און דו זאָלסט אויך ניט טרינקען, אויב דו ווילסט, איך זאָל דיך פאַרשטעלען פאַר איהר. איך קאָן דאָך דיך... אַז דו טרינקסט אויס...

— זי מוז זיין אַ ריכטיגע רביצין, אַז דו היטסט זיך אַזוי

— האָט דזשאָו זיך צעלאַכט מיט אַ הייזעריגען געלעכטער

— דאָן איז אפשר דיין גאַנצע אַרבייט אַרויסגעוואָרפען...

ביי ווילי'ן אין די אויגען האָט זיך אַ בייז פייערעל אָנגעצונדען; ער האָט אַ ציה געטאָן מיט זיין פּרעך נעזעל און מיט אַ טראַציגען שמייכעל אַרויסגערעדט:

— הם!...

דאָן מיט'ן זעלביגען שמייכעל אויף די ליפּען האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו זיין חבר, געעפענט דעם פויסט און איהם צונויפגעדריקט, געעפענט און איהם ווידער צו־נויפגעדריקט, געוויזען דערמיט זיין חבר, ווי פעסט ער פיהלט שוין דאָס מיידעל אין זיינע הענט...

דזשאָו האָט זיך אָנגערופען:

— אַזוי זיכער ביזטו?

— יו בעט יור סוויט לאַיף!

זיי זענען ווידער אַנשווייגען געוואָרען און אוועק איבער'ן טראָטואַר פאַרביי די פאַבריקען.

אַרום האָט גע׳רעש׳ט און געהוזשעט, אי פון אויבען, פון די מאַשינען אין די אַרומיגע פאַבריקען, אי פון אונטען, פון אונטער די טראָטואַרען, פון אונטער די שטיינער און ערד אַרום די פאַבריק־געביידעס. אַלצדינג, האָט זיך אויסגעוויזען, האָט דאָ געאַרבייט, געראַשט און געליאַרמט, אי הימעל, אי ערד. פון די אַרומיגע גאַסען האָט זיך גע־טראָגען דאָס קלינגען און דאָס געפּילדער פון פאַרבייפליענדע קאַרס און משא־וועגענער. די לופט איז דאָרט געווען אָנ־געטרונקען מיט שטיקענדיגען דאַמף, מיט׳ן דאַמף פון צי־ציוויליזאַציע...

און איבער דעם דאָזיגען שטיקענדיגען געפּילדער האָט די פריהלינג־זון פרעהליך געשמייכעלט מיט איהר וואַרעמען, גאָלדענעם שמייכעל און געוואָרפען גאַנצע הויפענס ליכטי־גע שטראַהלען, וואָס זענען דאָרט געפאַלען אויף די בליאַס־קענדיגע שילדען פון די פאַבריקען, ווי גאָלדענע שמעטער־לינגען, און האָבען געפינקעלט און געציטערט און זיך באַ־וועגט דאָ אַראָפּ איבער דער וואַנט און דאָ אַרויף, איבער די גרויסע שויבען פון די פאַבריק־פענסטער, און פון דאָרט האָבען זיי זיך אַריינגעריסען אינעווייניג אין די פאַבריקען און געוועקט אין הונדערטער מידע, יונגע הערצער, אַ בענ־קעניש נאָך לעבען, נאָך ליבע, נאָך אַ ביסעל גליק...

פלוצים האָט דזשאָו זיך ווידער אָנגערופען:

— ווי אַזוי האָסטו זי געמראַפּען?

— דורך מייביל׳ן...

— דורך מייביל׳ן? — האָט זיך דזשאָו אַ כאַפּ געטאָן, — ביי דזשי, אויף איהר האָב איך זיך גאָר פאַרגעסען! וואָס מאַכט זי, די דאַרלינג?

— שי איז אָלראַיט! וואוינט מיט מיסעס גוטמאַן אין די בראָנקס אין דעמזעלביגען הויז, וואו פעני.

— וועלכע פעני?

— אַט די, אויף וועלכער איך וואַרט דאָ...

— אָה, איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז זי הייסט פעני, דיין נייע כלה... דערמאָנט עפּעס מייביל אַמאָל בעני׳ן?

— וואָס זאָל זי איהם דערמאָנען? ער ליגט אין דר׳ערד, האָט זי מיט איהם מעהר קיין ביזנעס ניט.

— עך, דעוויל, אזא גוטער יונג און ליגט אין דר'ערד! — האט קיד דזשאו ארויסגעמורמעלט און זיך א קראץ געטאן אין דער פאטילניצע, — געווען מיין בעסטער פריינד. פאר א פריינד איז ער שטענדיג געווען באריים דעם קאפ אוועק־צולייגען. עך, דעוויל!...

— און אוועקגעלייגט האט ער דעם קאפ ווי אן אידיאט. — האט ווילי זיך פארטראכט אנגערופען.

— וואס, אייגענטליך האט מיט איהם פאסירט? איך וויים נאר, אז א פרוי האט אויף איהם ארויפגעגאסען א קאכעדיגען קעסעל וואסער, און ער איז דערפון געשטארבען. ווי אזוי האט עס פאסירט, ווילי?

— ווי אזוי? — האט ווילי געענטפערט, — ווען מיסעס גוטמאן האט געהאלטען איהר ביזנעס אויף סאפאלק סטריט. — ער איז געווען איהר פארטנער, — איז דארט געווען א שעהנע הויז־קיפערין, א געוויסע מיסעס דראבקין. מיסעס גוטמאן האט איהר געצאהלט פינף דאלאר א וואך פאר זעהן און שווייגען... דאן איז בעני'ן איינגעפאלען, טריף צו מאכען מיסעס דראבקין אליין. א פרומע ווייבעל איז זי געווען און פארהייראט אויך. האט דער אידיאט געדארפט אנדערש האנדלען, ווי ער האט מיט איהר געהאנדעלט. אנ־שטאט זי צו פארליבען אין זיך אזוי, זי זאל איהם נאכלויפען און דערנאך זי ארויסנעמען ערגעץ ווייט פון איהר הויז, איז ער איהר נאכגעלאפען און האט זי גענומען מיט געוואלד דארט ביי איהר אין הויז, ביז זי האט אויף איהם איינמאל ארויפגעגאסען א קאכעדיגען קעסעל וואסער... מען טאר קיינמאל נישט קומען צו א פארהייראטער פרוי אין הויז, אויב דו ווילסט זי קריגען. דארט איז איהר קינד, דארט איז איהר מאנ'ס בעט און, אויב זי איז פרום, האט זי דארט גאט געבעטען. די היים איז איהר פעסטונג. נעהמסטו זי אוועק פון דארט, האסטו זי פון איהר פעסטונג אוועקגענו־מען, איז זי טויזענד מאל שוואכער, און דו קאנסט זי לייכט באזיגען — האט ווילי געענדיגט מיט א באלעהרענדען טאן.

— דעם־איט! — האט דזשאו ארויסגערעדט מיט פאר־דרוס, — און איך בין דאן גראד געזעסען אין דזשייל. צו

זיין לויה אפילו נישט געקאָנט זיין. האָט מען איהם כאָטש געמאַכט אַ ריכטיגע לויה?

ווילי האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— מען האָט איהם פיין באַגראָבען. 15 קערידזשעס מיט בלומען און קראַנצען... גוטע ברידער און שוועסטער. און מאַנקי־דזשאָן מיט זיין „געגג,“ און קיד דעיגאָ מיט זיין „געגג,“ און אַ חזן איז געווען מיט אַ גוטער שטימע, און איידען האָט מען באַשטעלט, וואָס זאָלען אַ גאַנץ יאָהר נאָך איהם זאָגען קדיש... איך וועט, אַז ער איז שוין דאָרט לאַנג אין גן־עדן...

— דאָט'ס גוד! דאָט'ס גוד! — האָט קיד דזשאָו אונטערגעכאַפּט מיט אַ צופרידענער מינע — דעם־איט, איך אַליין וואָלט פאַר איהם קדיש געזאָגט, ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט, ווי מען זאָגט דאָס!

ווילי האָט זיך צעלאַכט.

— דיין קדיש וואָלט פאַר איהם געווען נאָך ערגער ווי מיסעס דראַבקינ'ס קאַכעדיג וואַסער. איהר וואַסער האָט איהם אוועקגעפּעקעלט אין גן־עדן אריין און דיין קדיש וואָלט איהם איבערגעפּעקעלט אין העל אריין...

— רעד ניט אַזוי, מאַר... איך מיין ווילי... קדיש א'ז קדיש... לאַך ניט פון דעם!

— דו גלויבסט טאַקע אין דעם?

— געווים. איך בין אַ גוד דזשו. ראש השנה און יום כפור געה איך אין שוהל. ביי פּאַטער'ן איבער'ן פּלאַץ... דו קאָנסט דאָך דעם פּלאַץ? מאַכט מען דאָרט ראש השנה און יום כפור אַ שוהל. די מיידלאַך און די גאַנצע ביזנעס רייניגט מען אויס פון דאָרט. און אַ חזן מיט אַ כאָר דאַוונט דאָרט... דעם־איט, אַ חזן! אַ שטימע, אַ פּלעזשור! און ער דאַוונט, אַז די העל פּיהלסטו! דו ציטערסט, וויינען ווילסטו!... דו קאָנסט איהם; ער קומט אָפּט צו מייבל'ן, אַ גוד באָי... איך קויף דעם טייערסטען טיקעט...

ווילי האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט.

— געווים קאָן איך איהם. אַ קלאָג צו דיינע ביינער, ווער דיין חזן איז. אַזאַ „גוד דזשו“ ווי דו ביזט, אַזאַ חזן האָסטו!

קיד דזשאָו האָט זיך צעהיצט:

— געוויס בין איך א גוד דזשו, געוויס. פאר הונדערט דאלאר וועל איך צו „העם" זיך ניט צוריהרען ראש השנה און יום כפור. און מיט עטליכע יאהר צוריק, אז א איד האט געהאלטען יום כפור אפען זיין רעסטאראן דאון טאון, ווער האט איהם דאן דעם רעסטאראן צוגעמאכט? איך. די שויבען צעבראכען און איהם א האלב־טויטען אוועקגעלייגט. ווייל איך בין א גוד דזשו!...

— א טייערער דזשו ביזטו, דזשאו, א טייערער איד, א בראך צו דיינע ביינער! — האט ווילי געלאכט.

— ווילי, — האט דזשאו זיך אנגערופען, — מיר וועלען מעהר פון דעם ניט רעדען. דו זאגסט, אז דורך מייביל'ן האסטו זיך מיט איהר באקענט. ווי קומט זי צו מייביל'ן?

— נאך דער געשיכטע מיט בעני' איז מייביל מיט מיסעס גוטמאן געזעסען עטליכע חדשים אין די טומס.

— איך וויים עס...

— דערנאך, אז מען האט זיי באפרייט, האבען זיי גע־נומען רומס אין די בראנקס, אין דעם אייגענעם טענעמענט־הויז, וואו דאס מיידעל וואוינט ביי א פרעמדער מיסעס. דארט האט זיך מייביל באקענט מיט איהר און באפריינדעט.

— ווייסט זי ווער מייביל איז?

— געוויס. זי איז דער פרומער מיסעס גוטמאנ'ס טאכ־טער און ארבייט אלס קאסירערין אין א מואווינג־פיקטשור פלאץ. דערפאר געהט זי יעדען אווענד אוועק פונ'ם הויז. ווארים מיסעס גוטמאן טוט דערווייל ניט קיין ביזנעס אין די נייע רומס...

— אי סי!... און דו האסט זי געטראפען ביי מיסעס גוטמאן אין הויז און מען האט זי דיר פארגעשטעלט. אי סי, אי סי! נו, גוד לאק טו יו... און וואס פאר א ביזנעס האסטו איצט?

— מיין אלטע ביזנעס. איך רייז ארום פאר א ניו יאר־קער פירמע.

— נאך אלץ די אלטע ביזנעס...

— די בעסטע ביזנעס פאר מיינע ביזנעס — האט ווילי זיך צעלאכט.

געהענדיג איבער'ן טראטואר, האבען זיי זיך ווידער

אָפּגעשטעלט לעבען דער פאַבריק, וואו פעני האָט געארבייט, און פאַררויכערט פרישע סיגאַרען.

פון א דערבייאיגען שאַפּ איז ארויסגעגאַנגען א יונג אר־בייטער־מיידעל. דיביידע חברה־לייט האָבען זי אָנגעקוקט. דאָס מיידעל זיי אויך, און איהר בלייכער פּנים האָט רויט א גליה געטאָן. פּלוצים האָט זי א ציטער געטאָן און אוועק־געדרעהט דעם קאָפּ.

דזשאָו האָט פרעך צו איהר א פייף געטאָן און ווילי האָט איהר נאָכגעשריען „העלאָו!“

זי האָט צו זיי דעם קאָפּ א קעהר געטאָן, איהם ווידער אוועקגעדרעהט און גענומען געהן שנעלער. דערנאָך האָט זי ווידער זיך אומגעקוקט, ווידער דעם קאָפּ אוועקגעדרעהט און נאָך שנעלער גענומען געהן, כמעט לויפען, אזוי ווי זי וואָלט אינסטינקטיוו ווי דערשפּירט איהרע בלוטיגסטע שונאים, אָדער ווי א שוואַכע חיה וואָס וואָלט הינטער זיך דערשפּירט געיעג־הינט...

דזשאָו האָט זיך הייזעריג צעלאַכט.

— האָסטו געזעהן, ווי זי האָט זיך דערשראָקען פאר אונז?

ווילי האָט געענטפערט:

— א געוועהנליכע זאַך. זיי שרעקען זיך אַלע פאר אונז, ווען זיי ווייסען אפילו ניט, ווער מיר זענען. און אַנדערע שרעקען זיך און ציהען זיך צו אונז אין דער איי־גענער צייט. איך ווייס עס פון ערפאַהרונג. טרעף איך א מיידעל אין סטריט, צי אויף דער קאַר, באַמערקט זי מיך שטענדיג און קוקט אויף מיר. דאַן, אז איך טו א קוק אויף איהר, ווערט זי גלייך אומרוהיג, צעמישט און קעהרט אָפּ דעם קאָפּ, אזוי ווי זי וואָלט זיך אָנגעשטויסען, ווער איך בין. דערביי האָב איך מיינע סמנים: האָט דאָס מיידעל אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ און קוקט זיך שוין מעהר ניט אום, אין א סימן, אז דו טאָרסט ביי איהר ניט אָנקלאַפּען; האָט זי זיך אָבער פון דיין בליק פאַרשעמט, איז רויט געוואָרען און האָט די אויגען ארונטערגעלאָזט און אָפּגעקערט פון דיר דעם קאָפּ, קוקט זיך ווידער אום אויף דיר, קוקט זיך אום און שעמט זיך, שעמט זיך און קוקט זיך אום, דאַן מעגסטו ביי איהר אָנקלאַפּען...

— אָט ביי דער דאָזיגער מיידעל, ווען זי וואָלט געווען

מעהר סחורה — האָט ווילי אָנגעוויזען מיט דער האַנט אויף דער אַרבייטער־מיידעל, וואָס האָט זיך פון דער ווייטענס ווידער אומגעקוקט — האָט מען געקענט אָנקלאַפּען. זי איז אָבער גאָר קיין סחורה ניט — קיי און שפּיי...

און ווען ווילי האָט איצט גערעדט, איז ביי דזשאָו'ן אויפ'ן פּנים געווען אויסגעגאָסען אַ מינע פון הינטישער הכנעה.

דאָס רעכטע, רויטע אויג איז ביי איהם געווען נאָך מעהר אויסגעשטשירעט און דאָס לינקע נאָך מעהר פאַר־זשמורעט. עס איז געווען קענטיג, אז ער האָט פאַר ווילי'ן געהאַט גרויס דרך־ארץ.

— זי אַנטלויפט דאָך אָבער? — האָט ער אַרויסגערעדט מיט דערזעלביגער הינטישער מינע אויפ'ן פּנים, און דאָס רעכטע, אויסגעשטשירעטע אויג האָט געשמייכעלט.

— זי אַנטלויפט ניט פון אונז — האָט ווילי מיט אַ באַלעהרענדען טאָן געענטפערט — זי אַנטלויפט פון זיך אליין, פון דעם געפיהל, וואָס האָט זיך אין איהר איצט אָנגעצונדען. דערפאַר פלאַמען איהרע באַקען. דערפאַר האָט זי זיך פאַר־שעמט. זעה, זעה, ווי זי קוקט אויף אונז! זעה, זעה!... עס ציהט זי צו אונז, ציהט זי, ווי די פליג צום פייער... די פליג שרעקט זיך אפשר אויך פאַר'ן פייער, ווייל אפשר אויך פון איהם אנטלויפען, און דאָך ציהט זי זיך צו איהם. ציהט זיך און דרעהט זיך ארום איהם און ווערט פאַרברענט... זעה, זעה, זי קוקט ווידער אויף אונז, זי קוקט ווידער... עך, פליגעלע, ווען דו וואָלסט געווען מעהר סחורה!...

דאָס אַרבייטער־מיידעל האָט פון דערווייטענס נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף זיי און זיך פאַרקירעוועט אין אַן אנדער גאַס.

דזשאָו האָט מיט התפּעלות אַ קלאַפּ געטאָן ווילי'ן אי־בער'ן אַקסעל און אויסגעשריען מיט זיין הייזעריגען קול:

— דעם־איט! דו האָסט אַ קאָפּ, שכל, ניט אומזיסט לעזטו דיינע ביכער... ווי דו קענסט זיי, ווי דו קענסט זיי, עך!...

— עס איז מיין ביזנעס זיי צו קענען, — האָט ווילי איינפאַך געזאָגט.

פּלוצים האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך געשטעלט ביי דזשאָו'ן הינטער'ן רוקען.

— וואָס איז דער מעהר?

— ש־ש, — האָט ווילי ארויסגעפּליסטערט און זיך איינ־געבויגען הינטער זיין חבר'ס רוקען.

אַ בלאָנד, בלייך מיידעל איז זיי פאַרבייגעגאַנגען. זי האָט געטראָגען ברילען און אַ האַנט־טאַש. זי האָט זיי ניט באַמערקט.

ווען זי איז פאַרשוואונדען הינטער דער גרויסער גע־ביידע אויפ'ן עק גאַס, איז ווילי דאַן ערשט ארויסגעטראָטען פון הינטער דזשאָו'ס רוקען און האָט ארויסגערעדט פאַר־טראַכט:

— זי מוז דאָ ערגעץ ארבייטען...

— ווער איז זי?

— מיין קוזינע, אַ בוכהאַלטערין. דעם דאָקטאָר'ס אַ שוועסטער. זעהר אַ פיין קינד. זי און איהר שוועסטער, אויך אַ בוכהאַלטערין, האַלטען אויס די גאַנצע פאַמיליע. דער דאָקטאָר האָט אויך אויסגעשטודירט אויף זייער געלט.

— דער סאָציאַליסט?

— זיי זענען אויך סאָציאַליסטקעס ווי דער דאָקטאָר.

—און דיין שוועסטער איז דאָך אויך אַ סאָציאַליסטקע?

— אַ ציוניסטקע. ביידע שוועסטער מיינע זענען ציו־ניסטקעס...

ווילי האָט זיך מיט אַמאָל אומגעדרעהט מיט'ן רוקען צו זיין חבר און אָנגעהויבען צו פייפען פאַרטראַכט.

— דיינע שוועסטער זענען שעהנע מיידלאַך, ווילי. אי־בערהויפּט די עלטערע.

ווילי האָט זיך האַלב אַ קעהר געטאָן צו זיין חבר, אַ קוק געטאָן אויף איהם אויפגערעגט און געשוויגען.

— וואָס איז? פאַרוואָס קוקסטו אזוי אויף מיר, ווילי?

— פליז — האָט ווילי ארויסגערעדט צווישען די צייהן, און זיינע אויגען זענען געוואָרען אזוינע שטרענגע, שאַרפע.

— וואָס?

— רעד ניט וועגען זיי, דערמאָן זיי ניט.

— פאַרוואָס?

— נישט דו. נישט דיין מויל. איך וויל ניט, דאָס איז מיר אומאָנגענעהם...

— דו ביזט דאָך מיט זיי צעקריגט?

— נעוועך מיינד! פליז, פליז! זיי זענען צו ריין...
איך וויל ניט, אז דו זאָלסט מיט דיין מויל זיי אפילו דער־
מאָנען...

— זיי ווילען דאָך דיך ניט קענען?...

— דאָט'ס אָל ראַיט! דאָט'ס אָל ראַיט! — האָט ווילי
גענומען שרייען העכער, און פּלוצים האָט ער איהם אַ פּאַק
געטאָן ביים אַקסעל און געזאָגט:

— געה!

— וואוהין?

— אין די העל אריין, צום טייפעל, וואוהין דו ווילסט!

— שוין משוגע געוואָרען.

— אַ קלאָג צו דיינע ביינער, דו ווייסט ניט ווי צו רעדען,
ווי צו האַלטען זיך. איך האָב עס דיר נאָך פריהער געזאָגט.
געה, פעני דאַרף דיך ניט זעהן. זי קומט באַלד ארויס.

— היינט פאַרוואָס האָסטו מיך געשלעפּט פון אַפּ־טאַון?

— איך האָט דיך געשלעפּט? דו ביזט דאָך מיט מיר
אליין געפאָהרען! האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז איך וויל
ניט, זי זאָל דיך זעהן?

— וועל, דו האָסט עס מיר געזאָגט... וועל...

— וועל, וועל, גאָו טו העל! — האָט ווילי אונטערגע־
כאַפּט מיט כעס.

— דזשאָו האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס ביזטו ביין, טייפעל?

ער איז אויף אַ ווײַלע אַנשווייגען געוואָרען. דערנאָך
האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — דערביי האָט ער
אַ פינטעל געטאָן מיט'ן רעכטען, אויסגעשטשירעטען רויטען
אויג און דאָס לינקע האָט זיך כמעט אינגאַנצען צוגעמאַכט
— און ער האָט צוגעלייגט הייזעריג:

— אָל ראַיט, איך זעה, אַז דו ביזט משוגע געוואָרען,
געה איך. וועסטו ניט פאַרגעסען דאָס, וואָס מיר האָבען
גערעדט?

— וואָס?

— צו זיין היינט ביי מעקאַרטי'ן אינ'ם פּלאַץ. מען מוז
זי איינברעכען... שוין דער דריטער טאָג... זי עסט ניט
און טרינקט ניט, און ארבייט מיט די ציין און מיט די נענעל,

ווען עמיצער טרעט צו צו איהר... מעקארטי וועט זי לענ־
גער ניט האַלטען. ער האָט מורא...

ווילי האָט שפּאָטיש אַ שמייכעל געטאָן.

— העלדען, אַ קלאָג צו אייך! — האָט ער ארויסגערעדט
און אַ ציה געטאָן מיט זיין קורץ, פרעך נעזעל — איך וועל
דאַרט היינט זיין!

— און נאָך עפּעס, איידער איך געה אוועק. איך האָב
זיך דערמאָנט... ווילי, פאַרוואָס האָסטו געשלאָגען עליזאַ׳ן?

— זי לעבט נאָך? — האָט ווילי זיך אַ כאַפּ געטאָן, און
אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזען אַ מינע פון עקעל.

— איך האָב זי נעכטען געטראָפען. פאַרשוואָלענע אוי־
גען, בלויע צייכענס אויפ׳ן פּנים. זי קען ניט ארויסגעהן צו
ביזנעס... פאַרוואָס האָסטו זי געשלאָגען?

— זאָל זי מיט מיר ניט זיין קיין מחותנת׳טע. איך האָב
זי פיינט. דערזעה איך זי, ווילט זיך מיר זי אָננעמען ביים
גאָרגעל און ארונטערדרעהען דאָס קעפּעל... טו העל וויט
דעם!...

— וואָס האָסטו צו זיי? דו מאַכסט דאָך פון זיי אַ
לעבען?...

— ניט פון די, וואָס טרייבען זיך ארום אויף דער גאַס...

— פון די מאַכט דאָך עמיצער אויך אַ לעבען.

— איך קען מיר נישט העלפען. איך מוז זיי שלאָגען.
אַט אַזוי פיהל איך...

— דו ביזט דאָך אַ דזשענטעלמאַן. דו לעזט דאָך ביכער.

— איך קען מיר ניט העלפען. זאָלען זיי מיך אויסמיי־
דען.

— אָבער עליזאַ׳ן האָסטו ניט געדאַרפט שלאָגען; שלאָ־
גען מעג איך זי, ווייל זי איז מיין פריינדין, אָבער נישט דו...
דו יו ענדערסטענד?...

ווילי האָט איהם אַ ווייַלע אָנגעקוקט מיט אַ שאַרפען
בליק. דערנאָך האָט ער ארויסגערעדט שטיל, גאַנץ שטיל,
כמעט ארויסגעפּליסטערט:

— גאָו טו העל! ווילסט זיך אפשר מיט מיר פייטען?

— איך וויל זיך מיט דיר ניט פייטען, — האָט דזשאָו
געענטפערט און איהם דערלאַנגט אַ סיגאַר, — אָבער אַ

דזשענטעלמאַן ווי דו דאַרפסט זיין אַ דזשענטעלמאַן! שלאָגען מעג איך זי, זי איז מיין פריינד׳ין. דו אָבער...

און מיט אַמאָל האָט ער זיך אונטערבראָכען:

— אַלזאָ, געדענק: היינט ביי מעקאַרטי׳ן... גוד באַי! גוד לאַק טו יו!...

און קיד דזשאָו איז מיט שווערע טריט אַוועק צו בראָד־ווײ צו...

ווילי האָט איהם נאָכגעקוקט מיט אויפגערעגטע אויגען. האַלטענדיג זיין סיגאַר אין דער האַנט. דערנאָך האָט ער דעם סיגאַר צעברעקעלט צווישען די פינגער און די ברעקלאַך אַוועקגעוואָרפען אויפ׳ן טראָטואַר, אַרויסגענומען אַ סיגאַ־רעט פון אַ קעסטעלע און פאַררויכערט...

2.

וואָס פעני האָט געטראַכט זיצענדיג אין וואַגאָן פון דער סאָבוויי

מיט אַמאָל זענען די פאַבריקען די פאַרשטומט געוואָרען. דער ליאַרם, וואָס האָט זיך ערשט געטראָגען פון אויבען און פון אונטער די טראָטואַרען, איז ערגעץ פאַרזונקען געוואָרען. אויף ספּרינג סטריט האָט זיך אויף אַ ווײלע אַ שטילקייט געטראָגען, וועלכע נאָר דאָס ווייטע קלינגען פון אַ קאַר האָט געוועקט...

ווילי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער — צוועלף.

ער האָט אַרונטערגענומען דעם הוט פון׳ם קאָפּ, אַרונ־טערגעשאַרט דעם געקרויזטען לאָקען אַ ביסעל נידעריגער אויפ׳ן שטערען, אָנגעטאָן ווידער דעם הוט, איז פלינק אָפּגעטראָטען אַביסעלע ווייטער פון דעם פאַבריק, פון וועלכער פעני האָט געזאָלט אַרויסגעהן, האָט אַרויסגעכאַפּט אַ צייטונג פון קעשענע און כלומר׳שט זיך געשטעלט לעזען.

און באַלד האָבען זיך דורך די ברייטע טירען פון די פאַבריקען אויף ביידע זייטען גאַס, אַ טראָג געטאָן לעבעדיגע שטראָמען פון „הענט,“ ס׳רוב „פרויען־הענט,“ איין מאָן צווישען צעהנדליגער פרויען, עלטערע, אינגערע און גאָר יונגינגע. אַ טייל, אויסגעפּוצט אין דער לעצטער מאָדע, מיט אַ סך פּודרע אויף די באַקען און נעזער און אונטערגעפיהרטע אויגען און שטאַרק געפאַרבטע ליפּען, האָבען געליאַרמט און געלאַכט; ס׳רוב אָבער מידע, בלייכע, קוים געשלעפּט די

פּיס, געשוויגען, אָדער האָבען מיך געפּליסטערט איינע צו דער אַנדערער...

דיביידע טראָטואַרען זענען פאַרפּלייצט געוואָרען פון די דאָזיגע לעבעדיגע שטראָמען, וואָס האָבען זיך אויסגע־מישט און איבערגעיאָגט איינע די אַנדערע און זיך געטראָגען אין אַלע זייטען — צו בראָדוויי צו, צו דער בויערי צו, צו די סאָבוועיס און צו די קאַרס...

די לופט אויף ספּרינג סטריט האָט ווידער געהילכט פון דעם געלעכטער און פון דעם פּליסטערען און פון די טריט איבער די טראָטואַרען.

אַ קאַר איז אָנגעפאָהרען, האָט זיך אָפּגעשטעלט, און גלייך איז זי געוואָרען אָנגעפּאַקט פון איין עק ביז'ן אַנדערן, אַזוי, אַז דער קאָנדוקטאָר אויף דער פּלאַטפאָרם האָט זיך ניט אַרויסגעזעהן פון צווישען די פּאַסאַזשירען.

דורך די פענסטער פון דער קאַר האָט מען געקאָנט זעהן, ווי פרויען זענען דאָרט געשטאַנען אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ, אָן אַקסעל צו אַן אַקסעל, די הענט פאַרריסען אין דער הויך איינגעקלאַמערט אין די רימענס, און ווען די קאַר האָט זיך דערנאָך מיט אַ קלינגעריי אַ ריהר געטאָן, האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די דאָזיגע פרויען שטופּען זי מיט זייערע אַקסעל...

און ווילי האָט נאָך אַלץ געהאַלטען די צייטונג און מיט איין אויג געקוקט אין איהר און דאָס אַנדערע געוואָרפען אויף דער טיר, פון וועלכער פּעני האָט געזאָלט אַרויסקומען.

צו פּאָר־ווייז און קופּקעס־ווייז זענען די אַרבייטעריננס פון דאָרט אַרויסגעקומען, דאָ זיך געשטופּט און געפּלאָנטערט זיך איינע הינטער דער אַנדערער, איינע מיט דער אַנדערער — זעלטען אַ מאַן צווישען זיי — און דאָ זיך צעטיילט און זיך צעשאָטען אין דרויסען ביים אַריינגאַנג, און ווידער זיך צונויפגעגאָסען מיט אַנדערע לעבעדיגע שטראָמען, וואָס האָבען זיך געטראָגען איבער'ן טראָטואַר אין אַלע זייטען.

און זי האָט ער נאָך אַלץ ניט געזעהן.

ער איז צוגעטראָטען נעהענטער.

צום סוף האָט ער ביים אַרויסגאַנג, צווישען אַ פּלאָנטער דיגער קופּקע מיידלאַך באַמערקט איהר בלאָנדען קאָפּ, וואָס איז גלייך פאַרלאָרען געגאַנגען צווישען די העכערע פון איהר.

ער איז ווידער פלינק אפגעטראטען אן א זייט, און ווען זי איז ארויסגעשוואומען פון צווישען די אנדערע, האט ער זי פריהער געלאזט איהם פארבייגעהן און דערנאך האט ער זי א רוף געטאן.

זי האט זיך אומגעדרעהט און איז געבליבען שטעהן פארוואונדערט מיט איהרע גרויסע בלויע אויגען.

— איהר?!

און אויף איהרע ביידע באקען האבען זיך באוויזען ראזעווע חן־גריבעלאך און זי האט געשמייכעלט.

זי האט באמת אויסגעזעהן א לעבעדיגע בלאנדע קוקלע — קליין, רונד, בלאנד, מיט איהרע גרויסע בלויע אויגען און מיט די ראזעווע חן־גריבעלאך אויף דעם רונדען, ווייסען פנים.

ער האט איהר דערלאנגט די האנט מיט א בריליאנטענעם רינג אויפ'ן מיטעלסטען פינגער, און אין גאנצען האט ער גאר אנדערש אויסגעזעהן: אזוי רוהיג, אזוי העפליך און מיט אזא פיינעם, פאר'חלומ'טען שמייכעל, געהאלטען דעם קאפ עטוואס אויסגעבויגען צו איהר און זיינע שווארצע אויגען האבען זי פארבענקט געלאשטשעט. אפילו דער פעד־שווארצער, געקרויזטער, וואויל־יונגערישער לאקען אויף זיין שטערען און דאס פרעך נעזעל זיינס, האבען איצט אויך אויסגעקוקט ווי פארבענקט און פאר'חלומ'ט.

ער האט זיך אנגערופען:

— איך האב דאך אייך געזאגט, אז איך וועל אייך היינט אפווארטען.

— איך האב געמיינט, אז איהר שפאסט — האט זי געזאגט פארשעמט און עפעס ארונטערגעלאזט די אויגען.

— איך בין ניט אויפגעלייגט צו שפאסען — האט ער באמערקט שטיל, גאנץ שטיל.

זיי זענען אוועק צו דער סאבוויי און האבען געשוויגען.

זי איז געגאנגען לעבען איהם און איז קאנטיג געווען אויפגערעגט.

זי האט נערוועז געדרעהט דעם האנט־טאש אין די הענט, געטאפט זיך יעדע ווייל'ע די ראנדען פונ'ם הוט אויף איהר בלאנדען קאפ, געדרעהט די ווייסע קנעפ פון איהר העלען מאנטעל, געווארפען צו איהם פאר'גנב'עטע בליקען,

געשמייכעלט צעמישט און די הן־גריבעלאך אויף איהרע באקען האָבען געפלאַמט.

און זיינע בליקען האָבען עס אַלצדינג באַמערקט און פון צייט צו צייט האָט ער א שטילען זיפץ ארויסגעלאָזט.

פלוצים האָט ער זיך אָנגערופען:

— אפשר וואָלט איהר מיט מיר אריינגעגאַנגען אין א רעסטאָראַן?

זי האָט א שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

— קומט. פעני.

— איך וויל ניט עסען.

— איהר ווילט ניט געהן מיט מיר — האָט ער שטיל ארויסגערעדט.

זי האָט א לאַך געטאָן.

— איך געה דאָך מיט אייך.

— איך מיין אין א רעסטאָראַן.

ווידער האָט זי א לאַך געטאָן, און איהר שניי־ווייסער שטערען האָט זיך פאַררויטעלט.

— וואָס לאַכט איהר?

— טאָר איך ניט?

— פאַרקעהרט: איך האָב ליב צו הערען, ווי איהר לאַכט.

און ער האָט זי א לאַסטשע געטאָן מיט די אויגען.

— יא, אז מען קאָן לאַכען, איז גוט — האָט זי ארויס־גערעדט מיט בענקעניש.

א ווײלע האָבען זיי דערנאָך ווידער געשוויגען. דאַן האָט ער ווידער זיך אָנגערופען:

— ווייסט איהר, פעני, מיר ווייזט זיך אויס, ווי איהר וואָלט פאַר מיר מורא געהאַט. קוק איך דען אויס אזוי שרעקליך?...

— וואָס פעלט אייך איין, מיסטער דיימאָנד? פאַרוואָס זאָל איך עפּעס מורא האָבען פאַר אייך?

— בין איך אייך אפשר אזוי נישט אָנגענעהם. זייט אויפריכטיג מיט מיר, פעני...

און ווידער האָט זי א לאַך געטאָן און גאָר נישט געזאָגט.

— האָב איך געטראָפען? פאַרוואָס שווייגט איהר, פעני?

און אז זי האט נאך אלץ געשוויגען, האט ער א זיפץ געטאן.

זי האט א קוק געטאן אויף איהם מיט איהרע גרויסע בלויע אויגען און גלייך זיך ארונטערגעלאזט.

— מיסטער דיימאנד — האט זי דאן ארויסגעפליסטערט — איך וועל אייך זאגען דעם אמת: איהר ווייסט... און זי האט ניט דערערדט...

— וואס ווייס איך?...

— איהר ווייסט? עפעס גלויב איך אייך ניט...

— מיר גלויבט איהר ניט?...

— עפעס האב איך מורא פאר אייך...

— מורא, פאר מיר? פארוואס?...

— איך ווייס ניט — האט זי א ציה געטאן מיט אן אקסעל.

— אפשר האט מען אויף מיר אנגערעדט — מיסעס גוטמאן, צי מייביל — הע?

— זיי האבען אויף אייך גאר ניט אנגערעדט. פארקערט, זיי לויבען אייך ביז'ן הימעל. אבער, ווייל זיי לויבען אייך אזוי, ווייס איך, אז... אז...

זי האט נערוועז א לאך געטאן און איז אנשוויגען געווארען.

— אז וואס, אז וואס? פארוואס דערערדט איהר ניט, פעני?...

— אך, לאזט צו־רוה, איך גלויב אייך ניט, און דאס אלעס!

זיי זענען ארונטערגעגאנגען אין סאבוויי־סטאנציע. פעני האט זיך א כאפ געטאן צו איהר האנט־טאש מיט די ווערטער:

— לאזט מיך באצאהלען פאר אונז ביידען!

און נישט ווארטענדיג אויף זיין ענטפער, האט זי איילענדיג ארויסגעכאפט פון איהר האנט־טאש א צעהן־סענט שטיק, באצאהלט פאר זיי ביידען און אין א ווײלע ארום איז זי געשטאנען צווישען אנדערע אין א געפאקטען וואגאן, מיט איין האנט אנהאלטענדיג זיך אן א ווייסען הענטעל, וואס איז ארונטערגעהאנגען פון אויבען.

מערקווירדיג. דאָ, אינ'ם וואַגאָן, האָט ווילי זיך נישט געשטעלט לעבען איהר, נאָר האָט זיך אַוועקגערוקט ווייטער פון איהר, נעהענטער צו דער טיר צו, און באַגראָבען זיין פנים אין דער צייטונג. און וויפיעל מאָל זי האָט צו איהם נישט געמאַכט מיט'ן קאָפּ, אַז ער זאָל צוגעהן צו איהר, האָט ער זי ניט באַמערקט, אָדער, ריכטיגער, ניט געוואָלט זי באַמערקען; אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מען זאָל איהם נישט דערקאָנען.

אויף דער סטאַנציע פון דער 42־טער סטריט, ווען אינ'ם וואַגאָן איז געוואָרען גראַמער און פעני האָט זיך געזעצט און לעבען איהר זענען געווען נאָך ליידיגע פּלעצער, איז ער אויך נישט צוגעגאַנגען צו איהר, נאָר געבליבען שטעהן אויף זיין פריהערדיגען פּלאַץ, דעם פנים איינגעגראָבען אין דער צייטונג.

זי האָט זיך פאַרוואונדערט:

„שוין־זשע איז ער ברוגז געוואָרען אויף מיר? פאַר־וואָס?... אפשר מיינט ער עס אויף אן אמת, אינטערעסירט זיך טאַקע מיט מיר? רבונו של עולם!"...

אין הארצען האָט זיך ביי איהר אַ צאַפּעל געטאָן און די חן־ג׳יבעלאַך אויף די באַקען האָבען זיך נאָך העלער צעפלאַמט.

אָבער ווי קאָן עס געמאָלט זיין? אַן אמעריקאַנער באַי. אַזאַ ליכטיגער פנים, אַזאַ דזשענטעלמאַן... אַ פאַרדינער. פון זיינע אויגען אַליין קאָן דאָך אַ מיידעל משוגע ווערען — וועט ער גאָר אין זינען האָבען אַ מיידעל אַן ארבייטערין! ניין, נאַרישקייטען. אַזוינע גליקען טרעפען נישט אין אמעריקע!...

און אפשר? עס טרעפט דאָך אַמאָל אַ גליק? זאָגען דאָך אי מיסעס גוטמאַן אי מייביל, אַז זי געפעהלט איהם. ערשט נעכטען האָט מיסעס גוטמאַן איהר געזאָגט: „פענילע, אַ גדולה אויף אייך, מיר דאַכט זיך, אַז איהר וועט באַלד קאָנען אַוועקוואַרפען די אַרבייט; מיסטער דיימאַנד פּגר'ט דאָך אַוועק נאָך אייך!"

און מייביל, וועלכע איז דערביי געווען, האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— שור, שור, פעני, ער איז קרייזי פאַר דיר!

פאַרוואָס גלויבט זי זיי ניט? מילא, מייביל האָט דאָס געקאָנט זאָגן אויף שפּאַס. זי, אַזאַ ברען, אַזאַ פייער, האָט ליב צו שפּאַסען. אָבער מיסעס גוטמאַן, אַזאַ שטילע, עהרליכע, גוטע פרוי, — זי וועט דאָך אויף אַזאַ אופן זיך ניט ערלויבען צו שפּאַסען מיט אַן עלענד, גרין מיידעל? היינט פאַרוואָס־זשע גלויבט זי איהר ניט?

זי האָט גענומען קוקען דורכ'ן פענסטערל פונ'ם וואַגאָן אין דעם טונקעלען טונעל אַריין, דורך וועלכען זי האָט זיך געטראָגען, און פאַר איהרע אויגען האָט די טונקעלקייט הינטער'ן וואַגאָן מיט געפילדער געטאַנצט און געפלויגען און געמישט זיך.

דאָ און דאָרט איז פון דער טונקעלקייט אַרויסגעשפרונגען אַ גרין אויג, צי אַ רויט, פייערדיג אויג איז אַרויסגעשוואומען, האָט אַ קוק געטאָן און איז באַלד ווידער פאַרפלייצט געוואָרען פון דער טאַנצענדיגער און שרייענדיגער טונקעלקייט...

אַ טונקעלקייט האָט זיך אויך געדרעהט און געמישט אין איהר מוח, און איז צייטענווייז באַלויכטען געוואָרען פון אַ קלאָרען געדאַנק, פון אַ קלאָרער עראינערונג, ווי יענע פליהענדיגע טונקעלקייט הינטער'ן וואַגאָן — פון די גרינע און רויטע אויגען...

זי האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, ווי מיט עטליכע אַווענדען צוריק, בעת זי איז אַרונטערגעגאַנגען פון דעם צווייטען שטאָק, וואו זי האָט געוואוינט, אויפ'ן ערשטען, וואו מיסעס גוטמאַן האָט געוואוינט, און איז צוגעגאַנגען צו יענער'ס טיר, האָט זי מיט אַמאָל פון אינעווייניג דערהערט ווילי'ס געלעכטער און מייביל'ס קוויטשעריי און אין האַרצען האָט איהר אַ האַק געטאָן. עס האָט זי עפּעס דערשראָקען.

זי האָט שוין אין דער טיר ניט אָנגעקלאַפּט, זי איז געשטאַנען אין דעם האַלב־באַלויכטענעם קאָרידאָר, ווי צו־געשמידט פאַר דער טיר, און האָט זיך איינגעהערט מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ.

זי האָט ווידער דערהערט ווילי'ס קול. ער האָט עמיצען גערופען: „מאַי דאַרלינג" און באַלד ווידער מייביל'ס קוויטשעריי...

זי האָט זיך אומגעקוקט אינ'ם קאָרידאָר און דערנאָך, אַזוי ווי עמיצער וואָלט זי געצוואונגען דאָס צו טאָן, האָט זי זיך איינגעבויגען און אַריינגעקוקט אין 'שליסעל־לאָך פון דער טיר...

זי האָט דערזעהן איהם און מייביל'ן.

זיי זענען געשטאַנען אין מיטען צימער; ער האָט זי געצויגען צו זיך, און זי, מיט די שעהנע האָר צעלאָזט, וואָס האָבען באַדעקט איהר וואונדערליך־שעהנע פיגור ביז די היפטען, האָט זיך געריסען פון איהם, געוואָרפען דעם קאָפּ און געקווייטשעט.

זי, פעני, האָט די אויגען ניט געקאָנט אָפּרייסען פון דאָרט און אין איהר נשמה האָט זיך עפּעס געריסען און אויף דער באַק, וואָס זי האָט צוגעדריקט צו דער טיר, כדי בעסער צו זעהן דורכ'ן שליסעל־לאָך, האָט זי געשפּירט די וואַרימקייט פון איהר אייגענעם הייסען אָטעם.

דאַן האָט זי, ווי אין חלום, דערהערט, אז עמיצער געהט פון די טרעפּ, האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון דער טיר און גענומען לויפען אַרויף די טרעפּ, און דער מאַן, וואָס איז איהר אַנגעקומען אַנטקעגען פונ'ם אויבערשטען שטאָק, האָט זי ווי דורך אַ נעבעל באַמערקט. און בעת זי איז אַריינ־געקומען צו איהר מיסעס אין שטוב, האָט די מיסעס, אַ בלייכע אידענע מיט קראַנקע אויגען, זי פאַרוואונדערט געפרעגט: „וואָס איז דער מעהר, פעני? וואָס זעהט איהר אויס אַזוי?"... זי האָט איהר ניט געענטפערט, איז אַריין צו זיך אין דעם קליינעם, פאַרשטיקטען צימער און איז געבליבען זיצען אין דער פינסטערניש אויפ'ן בעט, ניט אָנציגדענדיג די גאַז.

אַ חושך, אַ סך אַ שווערער ווי די פינסטערניש אינ'ם צימער, האָט זי איינגאַנצען אַרומגענומען און זי געדריקט, געדריקט...

און דערנאָך האָט זי דערהערט שווערע הילכענדיגע טריט, וואָס האָבען זיך גענעהערט צו איהר צימער. זי האָט גלייך דערקאָנט די דאָזיגע טריט. יאַנקעל איז דאָס געגאַנגען צו איהר — דער צווייטער קוואַרטיראַנט פון איהר מיסעס, דער גרינער סאָציאַליסט, וואָס גיט איהר גאָר קיין רוה ניט, בעת ער איז אין דער היים. מסתמא וועט ער איהר

פאַרלייענען פון פרץ'ן, שלום עליכמ'ן, צי טשעכאָוו'ס אָדער טורגעניעוו'ס א זאַך, צי גאַר רעדען פון סאָציאַליזם, פון זיין אַרבייט אין דער באַוועגונג, צי ער וועט גאַר אַזוי זיצען און רויכערען, און קוקען אויף איהר און שווייגען, ווי דאָס טרעפט מיט איהם אַמאָל...

אַ, וואָלט ער כאָטש איצט ניט געקומען איהר דרעהען א קאָפּ!...

ער האָט אָבער אָנגעקלאַפּט אין איהר טיר. נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער און איז אַריינגעקומען.

— וואָס עפּעס אין דער פינסטער? — האָט זי דערהערט זיין געלאַסענעם, רוהיגען קול.

און ער האָט גלייך אָנגעצונדען די געז.

און אַז אינ'ם צימער איז ליכטיג געוואָרען, האָט זי דערזעהן אַ רויטען באַנד פון עפּעס א בוך אין זיינע רויטע, גרויסע הענט.

„אוי וועה" — האָט זי אַ טראַכט געטאָן — אַזאַ אָנשיקעניש!"

ער, דער הויכער, שטאַרקער מאַן, מיט די קינדעריש־פאַרטראַכטע אויגען, האָט עפּעס אויסגעזעהן אינגאַנצען יום־טוב'דיג אויפגעלייגט. זיין ברייטער, רויטער, פשוט'ער און גוטמוטיגער פּנים איז געווען באַהויכט פון עפּעס א באַזונדער פאַרטראַכטען, ווייכען שמייכעל.

ער האָט זיך אָנגערופען מיט איינגעהאַלטענער התפעלות אין זיין שטילען קול:

— אַי, האָב איך איצט עפּעס געלייענט... איך זאָג אייך, אויף נאמנות... אַי, אַי, א קינסטלער!... איך האָב געוואָלט געהן צו א מיטינג אין ברענטש, איך וועל אָבער היינט ניט געהן... ער שמידט מיך צו... איך מוז איהם לייענען... אויף נאמנות, איך קען זיך ניט אָפּרייסען... סאַ דאָס איז קונסט!...

ער האָט מיט התפעלות א קלאַפּ געטאָן איבער'ן רויטען באַנד:

— אָט דאָס איז א שרייבער! ניט אומזיסט האָט ער אַזאַ נאָמען! איך זאָג אייך אויף נאמנות, עס איז א מחיה איהם צו לייענען!

ער האָט אויסגעשטרעקט צו איהר דעם בוך:

— מאַמאַסאַן! איהר זעהט? איהר ווילט הערען? אַ קליין מעשה'לע, אַ קליינטשיגע, אַט־אַט־אַ־אַ...

זי האָט איהם ניט געלאָזט ענדיגען, אַפּגעשטופּט פון זיך דעם בוך מיט דער האַנט.

— לאָזט מיך היינט צופרידען — האָט זי אַרויסגעפּלי־סטערט און געפּיהלט, אַז באַלד וועט זי זיך צעוויינען.

דאַן האָט ער אַרונטערגעלאָזט די האַנט מיט'ן בוך און זי אַנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— וואָס איז די מעשה? איהר זענט עפּעס נישט אין גאַנצען?

זי האָט געשוויגען.

— עס טוט אייך עפּעס וועה? פאַרקיהלט זיך אפשר? די ביינער ברעכען אייך?

זי האָט געענטפערט:

— כ'וויים? איך פיהל נישט גוט.

— מסתמא זיך פאַרקיהלט... טאָמער ברעכען אייך די ביינער, איז דאָ אַ גוטער מיטעל: טרוקענע מאַלינקעס און אויסשוויצען. איך האָב זיך אַמאָל פאַרקיהלט אויף אַ מיטינג, האָב איך זיך אָנגעטרונקען מיט מאַלינקעס און גוט אויסגעשוויצט, און ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען...

ער האָט זיך צוגעזעצט צו איהר אויפ'ן ראַנד פון'ם בעט און צוגעלייגט מיט כמעט געבעט אינ'ם קול:

— פאָלגט מיך, פעני, איכ'ל אַרונטערלויפען אין אַפּטייק און אַרויפברענגען מאַלינקעס און איהר לייגט זיך טאַקי תיכף אַריין אין בעט און איכ'ל פאַרקאָכען די מאַלינקעס און אייך דערלאַנגען... וועט איהר מיך לאָזען אייך אויסטאָן די שיך?...

— ניין, ניין, מען דאַרף ניט, יאַנקעל... איך דאַנק אייך.

און דאַן האָט זי לענגער נישט געקאָנט איינזיצען אויפ'ן בעט, איז אויפגעשטאַנען און דורכגעגאַנגען דאָס קליין צי־מערל און האָט געפּיהלט, ווי דאָס האַרץ אין איהר ווערט צוריסען פאַר שווערער בענקעניש.

— אָזאַ אומעט! אַזאַ אומעט! גוואַלד! — האָט זי אַרויסגעקרעכצט.

— אַה, אַט דאָס? — האָט יאַנקעל שטיל אַרויסגעערעדט, און זיינע קינדערש־פּאַרטראַכטע אויגען האָבען זיך אויך באַצויגען ווי מיט אַ וואָלקען — איז דאָס עפּעס אַ נייעס? ווען איז אייך נישט אומעטיג? די גאַנצע זעקס חדשים, וואָס איך קען אייך, האָב איך אייך שטענדיג געזעהן אַ פאַרבענקטע... איהר בענקט נאָך אייער מאַמע׳ן, אייער שוועסטער, אייער היים; אינ׳ם שאָפּ, צי דאָ, אין דעם דאָזיגען ענגען שטייגעל, בענקט זיך...

— אַזאַ אומעט ווי היינט, ווי איצט, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געפיהלט...

— מסתמא טראַכט איהר, ווי אין דערהיים זעהט אויס איצט פאַר פּסח. איך טראַכט פון דעם אויך, און, איך זאָג אייך דעם אמת, מיר בענקט זיך אויך גאַנץ שטאַרק, אויף נאַמנות... כאָטש איך בין ניט פרום, פונדעסטוועגען דערמאָנט מען זיך נישט ווילענדיג, ווי די אידען גרייטען זיך דאָרט, אין מיין שטעדטעל, צום פּסח און עפּעס וואָלט זיך אויך וועלען זיין מיט זיי. אויף נאַמנות, עס איז מיר אַליין אַ גרויסער חידוש: אין דערהיים האָט מיך דער פּסח דוקא ניט געטשעפּעט, און דאָ... מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט זיך פּשוט מחיה געווען, ווען איך זאָל קאָנען זיצען מיט מיין אַלטער מאַמע׳ן ביים סדר — האָט ער גערעדט און געשמיייכעלט מיט זיין קינדערשען, פאַרטראַכטען שמייכעל.

זי האָט אַרויסגעפליסטערט:

— אַי, אַ מאַמע! ווי איך בענק נאָך איהר, ווי איך בענק נאָך מיין שוועסטער אסתר׳קען!... דאָ איז אַזוי קאַלט, אַזוי טרויעריג. די אַרבייט אינ׳ם שאָפּ מאַטערט אויס און קומסטו אהיים, מאַטערען די געדאַנקען, דער אומעט. און טרעפסטו זיך מיט אַ מענשען, ווייסטו ניט, ווער ער איז און וואָס ער איז. עס איז שלעכט צו זיין עלענד, אַליין אין אַ פרעמדער וועלט . . .

— אמת, פעני, דאָ איז קאַלט. אַ שטיינערנע וועלט. די זון דערפיהלט מען דאָ ערשט זומער, ווען מען ווערט דערשטיקט פון דער היץ. אויף נאַמנות, ווען איך בין געזעסען אין דער רוסישער טורמע פאַר רעוואָלוציאָנערע מעשים, האָב איך מעהר די זון געפיהלט אין אַט דער צייט, ווי דאָ אין מיין

שאָפּ. אָבער, ווייס איך, לאָמיר זיין פרעהליך, אויף נאמנות!

— ווי קאָן מען דאָ זיין פרעהליך, ווען מען איז אזוי עלענד? — האָט זי ארויסגעפּליסטערט — אָט קומט אָן דער פסח. איכ'ל מסתמא ווידער טראַכטען ווי פאַראיאָהרען, אז די מאַמע דאָרט אין דערהיים זיצט ביים סדר און וויינט נאָך מיר, און גערה זיי פּרעהליך!...

יאַנקעל האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— שאַ! און טאַקי פאַרוואָס ניט? אויף נאמנות, עס איז גאָר ניט אזוי קרום! איהר ווייסט וואָס? מיר'ן מאַכען א סדר. איך קויף א פּאָר פלעשער וויין, און מצה איז דאָ, און פיש וועט זיין, און קניידלעך, און מיט א הגדה וועל איך זיך אויך פאַרזאָרגען. און ביי מיר, צי ביי אייך אינ'ם ציי־מער... איינלאַדען א פּאָר גוטע־ברידער אויך... אויף נאמנות, פעני, לאָמיר דאָס טאָן. עה, טאַקי פסח, און טאַקי פיש און קניידלעך, און טאַקי די הגדה, און טאַקי וויין, און טאַקי אָנשכור'ן זיך אויך איין מאָל אינ'ם יאָהר, אויף נאמנות, טאַקי! — האָט ער צו יעדען „טאַקי“ מיט דער האַנט גע־מאַכט, ווי מיט א האַמער געזעצט.

— ווייס איך וואָס... און נאָכדעם, יאַנקעל? נו, האָבען מיר שוין געהאַט א סדר, און נאָכדעם וואָס?..

— איז ניט געפעהרליך, אז מען האָט עפּעס אָן אינטע־רעס אויסער'ן שאָפּ... פּאָלגט מיך, פעני, טוט וואָס איך האָב אייך שוין לאַנג געראַטען: טרעט אריין צו אונז אין דער פּאַרטיי, באַזוכט פאַרזאַמלונגען, מיטינגען, לערנט און לעזט גוטע ליטעראַטור, וועט איהר זעהן, וואָס פאַר א נייעם אינטערעס איהר וועט אין אייער לעבען קריגען!...

— איך האָב אייך שוין נישט איינמאָל געזאָגט, יאַנקעל, אז דאָס איז ניט פאַר מיין קאָפּ. איך בין א פּשוט'ע מיידעל. מעהר ווי שרייבען און לעזען האָב איך אין דערהיים קיינמאָל ניט געלערנט. מיין טאַטע איז געווען א פאַנאַטישער איד. כל־זמן ער האָט געלעבט, האָט ער געפיהרט א רייכען מסחר מיט פלאַקס און זוימען און ער האָט געהאַלטען, אז אידישע מיידלעך דאַרפען נאָר קענען לעזען און שרייבען און לערנען זיך צו זיין גוטע באַלעבאַסטעס אין דערהיים. דערנאָך ביים פּאָגראָם, ווען דער טאַטע איז דער'הרג'עט געוואָרען און אונ־

זער גאַנץ הויז מיט די שפּייכלערס זענען ראזאָרעיעט געוואָרען. איך בין דאָן אַלט געווען אַ יאָהר צוועלף, איז מיר שוין אודאי אינ'ם קאָפּ מעהר ניט געלעגען, ווי מיין זעקס־יאָהריגע שוועסטערל אסתר'קע, אויף וועלכער איך האָב געדאַרפט אַכטונג געבען, ווייל מיין מאַמע איז געצוואונגען געווען צו זוכען חיונה פאַר אונז. אזוי זענען אַוועק די אַכט יאָהר, ביז מיין מאַמע האָט פאַרזעצט איהרע לעצטע פּערל און מיך אויסגעריכט אַהער. ניין, יאַנקעל, איך בין אַ געוועהנליכע, אומוויסענדע אַרבייטער־מיידעל. דאָס לערנען און די אנדערע זאַכען זענען ניט פאַר מיין קאָפּ. איך בין א פּשוט'ע ארבייטער־מיידעל — האָט זי איבערגע'חזר'ט מיט א טרויעריגען שמייכעל און מיט גאַל אינ'ם קול — איך האָב שוין באַלד פאַרגעסען, צי מיין טאַטע איז אַמאָל געווען זעמעלע עלקין, דער רייכער סוחר און גרויסער מיוחס!...

— און איך זאָג אייך, פעני, אז איהר זייט אומגערעכט — האָט יאַנקעל זיך פּלוצים צוהיצט און גענומען מאַכען צו איהר מיט זיינע לאַנגע אָרעמס — אויף נאמנות, אָט גלויבט מיר. איך זאָג עס אייך פון מיין אייגענער ערפאַהרונג. איהר קאָנט נאָך ווערען די געבילדעטסטע און אינטעליגענטסטע אין דער וועלט. עס איז קיינמאָל ניט שפּעט. אָט נעהמט מיך. איך זאָג ניט, חלילה, אז איך בין גאָט ווייסט ווי אינטעליגענט, אָבער... אויף נאמנות — ער האָט גענומען שמייכלען פאַרשעמט — ווי אַנדערע היגע דאָקטוירים און לאָיערס בין איך אינטעליגענט, אויף נאמנות. און ווער בין איך? פון דערהיים א גאַרבער בן שוסטער און דאָ א קלאָגעדיגער אַפּרייטאָר ביי העמדער. מען דאַרף וועלען, מען דאַרף האָבען דעם חשק צו לעזען, צו פאַרשטעהן, וואָס מען לעזט, איז דער קאָפּ נישט אָנגעשטאָפּט מיט קלאָטשע, און מען מענשעלט זיך אויס! אויף נאמנות, מיין ברודער אין פילאַדעלפיא, א שניידער פון דערהיים, איז אַן אמת'ער אינמעליגענט, פאַרשטעהט אויסגעצייכענט דעם סאָציאַליזם און ליטעראַטור, אויסגעצייכענט, אויף נאמנות!

זי האָט געשוויגען און דערנאָך האָט זי מיט אַמאָל ארויסגערעדט דאָס, וואָס האָט אם שטאַרקסטען געדריקט איהר האַרץ. זי האָט זיך אָנגערופען:

— יאַנקעל, ווי געפעלט אייך מייביל?
— געפעלט מיר גאָר ניט.
— פאַרוואָס?
— א טריפה'נער פנים — האָט ער געזאָגט.
— זי איז מיאום?
— זי איז שען. פאַרקערט, זי איז צו־שען. איך ווייס ניט, איך בין נאָך א גרינער. אפשר זענען אזוי אַלע אַמעריקאַנישע מיידלעך. זי אָבער געפעלט מיר ניט. טריף, טריף. איך האָב זי ביי אייך צוויי מאָל געטראָפען, האָט מיך אמת־דיג פאַרדראָסען, הלמאי זי קומט צו אייך.
— האָט איהר עפּעס באַמערקט אין איהר?
— באַמערקט? וואָס איז שייך באַמערקט? אויפ'ן שטערן איז ביי איהר גאָרנישט ניט אָנגעשריבען. אָבער עפּעס איהרע גאַנגען, איהר האַלטען זיך, איהר דרעהען מיט'ן קערפּער, איהר בויגען מיט דער טאַליע, איהר שמייכעל, איהרע גנב'שע אויגען... אויף נאמנות, זי האָט מיךביידע מאָל נערוועז געמאַכט. עפּעס האָט זי מיט די אויגען ווי געוואָלט ביי מיר עטוואָס ארויס'גנב'ענען. איהר, פּעני, וואָלט זיך בעסער ניט געדאַרפט חבר'ען מיט איהר...
זי האָט געענטפערט:
— איהר זייט גערעכט. מיר געפעלט זי אויך ניט.
— איהר האָט גאָר לכתחילה זיך ניט געדאַרפט מיט איהר באַקענען — האָט ער געזאָגט.
—איך האָב זיך באַקענט מיט איהר מאַמע'ן אין גראָסער־רי. איך האָב זי דאָרט עטליכע מאָל געטראָפען. א פריינדליכע פרוי, א שטילע און גוטהאַרציגע. זי האָט מיך עטליכע מאָל איינגעלאַדען ארייננצוקומען צו איהר, צו באַקענען זיך מיט איהר טאָכטער. אז מען איז עלענד אזוי ווי איך, ווילט זיך אריינגעהן צו אנשטענדיגע, פריינדליכע מענשען. בין איך געוואָרען אן ארייננגעהערין צו זיי. מיסעס גוטמאַן איז זיי א ליעבליכע מאַמע צו מיר און מייביל איז אויך פריינדליך. אָבער זי קען איך ניט אזוי גוט. ביינאַכט ארבייט זי ערגעץ אלס קאַסירערין אין א מואווינג פּיקטשור פּלאַץ, האָב איך זי נאָר געזעהן שבת און זונטאָג ביי טאָג, ווען איך בין אין דער־היים געוועזן. היינט ארבייט זי עפּעס ניט...

דערנאָך האָט זי געוואָלט בלייבן אַליין און איהם גע־זאָגט:

— יאַנקעל, האָט קיין פאַראיבעל ניט, איך וויל געהן שלאָפען.

ער האָט געענטפערט:

— געזונטערהייט, אָבער...

— וואָס?

— איהר מוזט מיר געבען אַ וואָרט, אַז איהר וועט אַרויסוואַרפען דעם אומעט פון׳ם קאָפּ — האָט ער געזאָגט מיט זיין גוטען שמייכעל.

— ווען איך וואָלט עס געקאָנט...

— נישקשה, איהר׳ט קאָנען! טראַכט עפּעס וועגען איינעם, וואָס איז אייך אָנגענעהם. ווייסט איהר גאָר וואָס, טראַכט וועגען מיר!

ער האָט שטיל זיך צולאַכט און צוגעגעבען:

— איהר קאָנט ניט? איך ווייס. און דאָס איז דאָך טאַקי דאָס אומגליק. ווען איהר וואָלט כאָטש אַביסעלע גע־טראַכט וועגען מיר, כאָטש איין ביסעלע...

ער האָט גענומען פּליסטערען מיט אַ רחמנות׳דיגען שמייכעל:

— און איך טראַכט יאָ וועגען אייך און אַ סך, אַ סך...

און דאָ האָט ער זיך ווידער צעלאַכט העכער און נערוועז און איז רויט געוואָרען.

— אַי, כמעט דאָך אַן ערקלערונג אין ליבע, אויף נאמנות — האָט ער געלאַכט — גוט־נאַכט!

און ער איז אַרויסגעלאָפען.

האָט זי דאַן אַ טראַכט געטאָן, ווען זי איז אַליין געבלי־בען אין׳ם צימער:

„ער ליבט מיך אויף אַן אמת!.. אַ וואוילער מענש... אַ טייערער מענש... און דאָך... און דאָך... גוואַלד, אַזוי אומעטיג!"...

זי האָט זיך אויסגעטאָן און באַמיהט זיך צו טראַכטען וועגען יאַנקעל׳ס גוטע מעלות. פאַרלאָשען די גאַז און גע־טראַכט וועגען איהם. זי האָט זיך מיט אַלע איהרע געדאַנקען געקלאַמערט אָן איהם, אַזוי ווי ביי איהם וואָלט זי געזוכט אַ אויסוועג צו איהר שווערער בענקעניש...

אזא ליבער, אזא גוטער מענש... איהם קען זי. איהם ווייסט זי... האָט גאָר פון קיינעם מעהר ניט געדאַרפט טראַכטען, ווי נאָר וועגען איהם...

באַלד אָבער איז דורך דער פינסטערניש פונ'ם צימער פאַר איהר ווילדי ארויסגעטראָטען, דער שענער דזשענטעל־מאַן, מיט'ן שוואַרצען, געקרויזטען לאָקען אויפ'ן שטערן, און יאַנקעל איז פאַרשוואונדען, אזוי ווי פון איהר מוח אָפּגע־ווישט...

די בענקעניש אין איהר האַרצען איז געוואָרען שאַרפער. זי האָט אריינגעדריקט איהר שטערן אין קישען, געשאָקעלט דעם קאָפּ אהער און אהין, אהין און אהער, אזוי ווי זי וואָלט א שטאַרקען קאָפּוועהטאָג געהאַט, און געטראַכט און דער־מאָנט זיך, און געפרעגט זיך שאלות און קיין ענטפער אויף זיי ניט געפונען.

איידער זי האָט איהם נאָך געטראָפען, האָט מיסיס גוט־מאַן איהר געזאָגט, אז זי האָט פאַר איהר א וואוילען חתן. זי וואָלט זעהר וועלען איהר דעם שידוך אויספיהרען. זי איז ביי איהר כמעט אזוי טייער ווי איהר אייגענע טאָכטער מיי־ביל. זי, פעני, וואָלט דאַן אזוי ניט געבענקט מעהר און איהר מאַמע און איהר שוועסטער אין דערהיים וואָלט זי אויך דעמאָלט געקאָנט שטיצען. דער באַי איז א גרויסער פאַרדי־נער, אַן ארומרייזענדער פון א גרויסען געשעפט. און שפּע־טער, ווען זי האָט איהם דעם ערשטען מאָל דאַרטען געטראָ־פען, א זונטאָג בייטאָג, ווי מאָדנע אומרוהיג איז זי געווען. זיינע אויגען האָבען זי דורכגענומען ווי מיט שאַרפע שפּיזען. עפּעס האָט זי גלייך איהרע אויגען ניט געקאָנט האַלטען, איז צוטומעלט געווען און האָט געפיהלט נאָר, ווי איהר פּנים פלאַקערט... און ווי פריינדליך ער האָט ניט גערעדט צו איהר, ווי פריינדליך עס האָבען ניט גערעדט צו איהר אי מיסעס גוטמאַן, אי מייביל, האָט זי זיך קיין אָרט ניט גע־קאָנט געפינען. און אַז זי איז אַוועק פון דאָרט, האָט זי זיך געפיהלט אזוי ווי אַרויסגעריסען זיך פון עפּעס א דריקענדער שטיקעניש...

דערנאָך, אַז זי איז געקומען צו זיך אינ'ם צימער, איז זי א היבשע צייט געווען נאָך ווי אין א טשאַד. און, צום

סוף, ווען זי האָט זיך בארוהיגט, איז ביי איהר געבליבען, אַז מיסעס גוטמאַן האָט מסתמא געמאַכט שפּאַס פון איהר. זי אַ כּלה פון אַזאַ באָי!...

און דעם אייגענעם פּאַרנאַכט, אַז זי האָט געטראָפען מיסעס גוטמאַן אין דרויסען פאַר דער אריינגאַנגס־טיר און יענע האָט זי געפרעגט מיט איהר גוטהאַרציגען שמייכעל: „נו, פּעני‌לע, אַ גדולה אויף אייך, וואָס זאָגט איהר עפּעס צום באָי?" — האָט זי, פּעני, געענטפערט: „איהר מוזט הפּנים מיינען, אַז איך בין אַ גרויסער נאַר, מיסעס גוטמאַן!"

— פאַרוואָס, אַ גדולה אויף אייך? ער געפעלט אייך ניט?

— און אַז ער געפעלט מיר, איז וואָס? דער פּרעזידענט פון אַמעריקאַ וואָלט מיר אפשר אויך געפעלען. נו, פיהרט מיר אוים דעם שידוך מיט'ן פּרעזידענט, נו!...

האָט מיסעס גוטמאַן זיך צעלאַכט און זי אַ גלעט געטאָן איבער די באַקען מיט איהר דיקער, וואַרימער האַנט:

— אַ גדולה אויף אייך, אַז מען האָט אַזאַ שען פּנימ'ל מיט אַזוינע חן־גריבלעך, קאָן זיך אַזאַ באָי ווי ווילי אין אייך ליכט פאַרליבען — האָט זי געזאָגט.

דערנאָך האָט זי איהם דאָרט ווידער געטראָפען, האָט זיך געפּיהלט אביסעלע דרייסטער מיט איהם, אָבער אַלץ ניט פריי, ווי זי וואָלט זיך מיט אַנאַנדערען געפּיהלט.

ער האָט איהר געזאָגט קאָמפּלימענטען, געבראַכט איהר אַמאָל בלומען, קאָנפעקטען, און וואָס ווייטער איז ער אַלץ מעהר אויסגעוואַקסען אין איהרע אויגען און אַלץ קלענער און נישטיגער האָט זי זיך געפיהלט אין פאַרגלייך מיט איהם.

זי האָט אַלץ געטראַכט:

ער קאָן דאָך ניט מיינען ערנסט. ער שפּילט זיך מיט איהר. ער מוז הפּנים מיינען, ווייל זי איז אַ גרינע, אָהן קיי־נעם ניט, אַן אָרימע אַרבייטאָרין, וועט ער זי אָפּקויפען מיט אַ קאָמפּלימענט, אַ בלום, אַ קאָנפעקטעל...

און ביי איהר איז געבליבען צו היטען זיך פאַר איהם.

און אַז ער האָט זי דערנאָך צוויי מאָל איינגעלאַדען אויסצוגעהן מיט איהם, האָט זי זיך ביידע מאָל אָפּגעזאָגט.

און איינמאל, אז זי איז געבליבען מיט איהם אליין ביי מיסעס גוטמאן אינ'ם עס־צימער, איז ער צוגעגאנגען צו איהר מיט אזוינע מאדנע אויגען און האט זי א כאפ געטאן ביי דער טאליע, האט זי זיך אזוי דערשראקען, אז זי האט איהם מיט אימפעט א שטויס געטאן פון זיך און איז ארויס־געלאפען פונ'ם צימער.

דערנאך האט זי עטליכע טעג זיך דאס הארץ אויסגע־געסען, הלמאי זי האט עס געטאן, און זיך געשעמט צו ווייזען פאר מיסעס גוטמאן, ביז יענע האט זי אפגעשטעלט אינ'ם קארידאר און זי געפרעגט, פארוואס זעהט מען זי ניט.

זי האט איהר געענטפערט:

— ווייל איך וויל ניט טרעפען מיסטער דיימאנד'ן.

— פארוואס, א גדולה אויף אייך? סטיימש, ער פרעגט זיך אלץ נאך אויף אייך...

— אי, מיסעס גוטמאן, לאזט עס צורוה — האט זי דאן זיך אנגערופען — איך בין ניט קיין שפילצייג.

— קינדעלע, וואס רעדט איהר, א גדולה אויף אייך? ער פגר'ט דאך אוועק נאך אייך.

— עס ווייזט זיך אייך אוים, מיסעס גוטמאן. ערנסט האט ער מיך אפילו ניט אינ'ם זינען. איך וואלט עס גע־פיהלט. אפשר האט ער גאר אינ'ם זינען עפעס אנדערש — האט זיך ביי איהר ארויסגעריסען און זי האט דערפיהלט, ווי דער פנים האט זיך ביי איהר אנגעצונדען.

מיסעס גוטמאן האט אויסגעשפיגען:

— טפוי! טפוי! ניט דא געדאכט! טפוי! וואס רעדט איהר, קינדעלע, א גדולה אויף אייך? טפוי! קומט אריין, קומט אריין, זייט ניט קיין נאר!...

האט זי ווידער אנגעהויבען אריינצוקומען צו מיסעס גוטמאן אינ'ם הויז, געטראפען איהם דארט ווידער. איצט אבער האט ער זיך די גאנצע צייט געהאלטען געגען איהר גאנץ קארעקט און איינמאל האט ער זיך שטילינקערהייט פאר איהר ענטשולדיגט פאר זיין גראבקייט. גארנישט האט ער ניט געמיינט, גארנישט, זיין עהרענווארט. און מיסעס גוט־מאן האט איהר שטיל געפליסטערט אויפ'ן אויער: „איהר'ט זעהן, ער וועט זיך נאך אייך ערקלערען אין ליבע אויך,

איהר'ט זעהן, א גדולה אויף אייך!" און מייביל האט איהר אויך ארייגעשושקעט, אז ער איז „קרייזי" פאר איהר. ביז דעם אבענד, ווען זי האט דערזעהן דורכ'ן שליסעל־לאך, ווי ער שטיפט מיט מייביל'ן און געהערט, ווי ער רופט זי: „מאי דארלינג!"...

ליגענדיג דא אינ'ם בעט מיט'ן שטערן ארייגעדריקט אין דעם קישען, האט זי זיך אן דעם אלעם דערמאנט, און ווידער, און ווידער האט זי מיט שטיקענדיגער בענקעניש זיך געפרעגט, אויב ער מיינט ערנסט מיט איהר, היינט ווי ער־קלערט מען די דאזיגע סצענע מיט מייביל'ן?... און ווידער איז איהר איינגעפאלען, אז ער האט נאר אינ'ם זינען צו שפי־לען זיך מיט איהר; אז זי מוז איהם אויסמיידען, אנטלויפען פון איהם; איינגאנצען ארויסציהען פון דעם הויז... און ווידער האט זי געפרואווט טראכטען וועגען יאנקעל'ן, און ווידער האט דער שענער יונגערמאן מיט'ן שווארצען, גע־קרויזטען לאקען אויפ'ן שטערן איהם פארטריבען פון איהרע אויגען...

די גאנצע נאכט האט זי דעמאלט ניט געשלאפען. און אויף מארגען, ווען זי איז אינ'ם שאפ געזעסען, האט זי א בעס אויף מייביל'ן געמוטשעט און א בענקעניש נאך דייר־מאוד'ן...

יענעם פארנאכט, ווען זי האט ווידער געטראפען מיסעס גוטמאן אינ'ם קארידאר אויפ'ן ערשטען שטאק און יענע האט ביי איהר געפרעגט, פארוואס זי איז נעכטען ניט גע־ווען, מיסטער דיימאנד האט אויף איהר געווארט, האט זיך ביי איהר, פעני'ן, מיט אמאל ארויסגעריסען:

— איך האב ניט געוואלט שטערן אייער מייביל'ן צו האלובען זיך מיט איהם!

מיסעס גוטמאן האט זיך צעלאכט:

— וואס האט איהר דארט אזוינס געזעהן? ער האט מיט איהר א שטיף געטאן, וואס?

— איך האב עפעס באמערקט דורכ'ן שליסעל־לאך...

— וואס, דורכ'ן שליסעל־לאך?...

— איך האב ניט געוואלט, אבער...

מיסעס גוטמאַן האָט א שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ און ארויסגערעדט מיט א פאָרוואורף אינ'ם קול:

— ניט שען צו קוקען אין א שליסעל־לאָך. פּע, איך האָב זיך עס גאָר ניט גערעכט אויף אייך, א גדולה אויף אייך.

זי איז רויט געוואָרען און האָט ארויסגעמורמעלט:

— איך האָב דאָס ניט געוואָלט. גלויבט מיר, מיסעס גוטמאַן... נאָר עס האָט מיך עפּעס א ציה געטאָן... טאַקי ניט שען!...

— נו, וואָס האָט איהר דאָרט געזעהן?

— כ'וויים?... ער האָט זי גערופען „מאַי דאַרלינג" און זי געוואָלט קושען...

זי האָט זיך נאָך מעהר פאַרשעמט און צומישט זיך אונ־טערבראָכען:

— אָי, וועה איז מיר! וואָס רייד איך? וואָס דער־צעהל איך אייך אזעלכע מעשיות.? ווי אַן אמת'ע יענטע!..

מיסעס גוטמאַן האָט זיך ווידער צעלאַכט נאָך העכער:

— אַי, א גדולה אויף דיר, א גרינהאָרן בלייבט א גרינ־האָרן. ער האָט א שטיף געטאָן מיט איהר. א פרעהליכער באָי, אַן אמעריקאַנער, שטיפט אמאָל מיט מיר אויך. דער־פאַר איז וואָס? מייביל האָט דאָך שוין א חתן!...

און זיצענדיג איצט אינ'ם וואַגאָן, מיט די אויגען איינ־געגעסען אין דער ווירבלענדיגער טונקעלקייט פונ'ם טונעל און דורכלעבענדיג דאָס אלצדינג ווידער אמאָל, האָט פעני דערפיהלט, ווי זי איז איצט אויך רויט געוואָרען.

אין אזא נאַרישער לאַגע איז זי דאַן געוועזן, בעת מיסעס גוטמאַן האָט עס איהר געזאָגט. שיער מיט טרערען אין די אויגען האָט זי דעמאָלט ארויסגעמורמעלט:

— איך בין טאַקי א נאַרישער גרינהאָרן!..

און אין דעם אָבענד נאָכדעם, ווען זי האָט איהם ווידער געטראָפען ביי מיסעס גוטמאַן אינ'ם הויז, האָט זי געקוקט אויף איהם עפּעס מיט מעהר צוטרויען, און אז ער האָט זי דאַן אָנגענומען ביי דער וויכער, רונדער מאָרדעטשקע אין מיסעס גוטמאַנ'ס געגענוואַרט, האָט זי איהם ניט אָפּגעשטויסען, ווי דעמאָלט, איז נאָר רויט געוואָרען, האָט זיך פאַר־שעמט און ארויסגעדרעהט איהר פנים פון זיינע הענט.

און נעכטען ביינאכט האט זי ווידער איהר צוטרויען צו איהם פארלוירען.

מייביל איז נעכטען געבליבען אין דער היים. האט זי פארגעלייגט מען זאל געהן ערגיץ טאנצען. דיימאנד האט זיך אויך אן דעם אנגעכאפט. נאר זי, פעני, האט קיין חשק ניט געהאט צו געהן. זי קאן ניט טאנצען. מיסעס גוטמאן האט זיך אריינגעמישט. זי דארף ניט זיין קיין נאר. זי זאל געהן. האלטען זיך ווי א קליינשטעדטעלדיגע פאסט ניט פאר א יונג מיידעל. זי דארף זיך אויסמענשלען, אויסגרינען זיך, א גדולה אויף איהר. מען האט זי איינגערעדט און זי איז אוועק מיט דיימאנד'ן און מייביל'ן...

דארט איז געווען ליכטיג. דער גאנצער האל האט זיך געבאדען אין עלעקטרישען ליכט.

און אין די דאזיגע ליכטיגע כוואליעס האבען זיך באוועגט און געשוואומען פרויען־קעפ מיט גאנצע בוקעטען בלומען, און פרויען־אויגען, און קעפ פון מענער, און די טענער פון דער מוזיק, וואס האט זיך דארט געטראגען פון דער ווייטער פלאטפארם, האבען זיך אויך, האט זיך אויסגעוויזען, געבאדען אין דעם דאזיגען ים פון ליכט...

איהר, פעני'ן, האט געשווינדעלט פאר די אויגען פון דער דאזיגער העלקייט, גלאנץ און פרעהליכקייט און זי האט געטראכטען מיט אומזיכערע טריט צווישען דיימאנד'ן און מייביל'ן, וועלכע האבען כסדר געמאכט צו באקאנטע מיט די הענט און געשריען: „העלאו!"

דאן איז צו זיי פלוצים צוגעגאנגען א ביולד־שעהן מיידעל, מיט ברענענדיגע אויגען, אין א שווארץ־זיידענעם קלייד, וויט אויסגעשניטען ביי דער ברוסט, וועלכע האט ארויסגעבלישטשעט ווי ווייסער מארמאר פון א שווארצער ראהם. און ווילי האט יענע א כאפ געטאן און איז אוועקגעשוואומען מיט איהר אין די ליכטיגע כוואליעס. און טאקע תיכף נאכדעם האט מייביל א כאפ געטאן עפעס א יונגענמאן מיט א גלאנציגער פאלקע אויפ'ן קאפ און איז מיט איהם אוועקגעשוואומען...

זי, פעני, איז געבליבען שטעהן אין מיטען פון דער דאזיגער פרעמדער, פרעהליכער וועלט צעמישט און צעטומעלט.

דערנאָך האָט זי זיך אויפגעזוכט אַ פּלאַץ אין אַ ווינקעל און פון דאָרט אַרויסגעקוקט אויפ'ן לוסטיגען עולם.

געוואַלד, וואָס פאַר פאַרשווינען... יענע — וואָס פאַר אויגען!... און די — וואָס פאַר אַ האָר, וואָס פאַר אַ פיגור, וואָס פאַר אַ שמייכעל! אַ מלאך, דאַכט זיך!... און ווי זיי טאַנצען!... אפנים זיי זענען אַלע אַמעריקאַנערקעס, טעכטער פון רייכע עלטערען!... זיי אַלעמען איז אפנים גוט אויפ'ן הארצען!...

זי האָט דערזעהען, ווי דיימאָנד איז אַרויסגעשוואומען מיט דער שעהנער מיידעל אין זיינע אָרעמס, און זי האָט אַ ציטער געטאָן.

זי האָט ניט געדאַרפט געהן מיט איהם — האָט זי געטראַכט — ער מאַכט שפּאַס פון איהר. אַניט וואָלט ער זי ניט איבערגעלאָזט אַזוי אַליין...

און דערנאָך, ווען דיימאָנד איז צוגעגאַנגען צו איהר, מיט אַ טיכעל אַרום האַלז און פאַרשוויצט, איז צו איהם צוגעלאָפען אַן אַנדער מיידעל, נאָך אַ שענערע איידער די פריהערדיגע, און, ווי איהר האָט זיך אויסגעוויזען, נאָך אַ רייכערע פון יענער, און ער איז אַוועק מיט איהר טאַנצען.

און עס האָט איהר פאַרקוועטשט דאָס האַרץ.

„ווי זיי לויפען אַלע נאָך איהם. ווי זיי זוכען איהם" — האָט זי געטראַכט מיט בענקעניש — „ווי קען איך איהם געפעלען? ער שפּילט זיך מיט מיר! ער שפּילט זיך מיט מיר!"

און זי האָט געוואָלט אַנטלויפען אַהיים. זי איז אָבער געבליבען זיצען, ביז דיימאָנד האָט זיך ווידער באַוויזען מיט אַן אייז־קרים אויף אַ טעצעל און מיט נאָך איינעם אַ יונגענמאַן.

ער האָט איהר דערלאַנגט דעם אייז־קרים. זי האָט ניט גענומען און געזאָגט, אַז זי וויל געהן אַהיים.

דער יונגערמאַן, וואָס דיימאָנד האָט פאַר איהר פאָרגעשטעלט, מיט אַ צעשפּאָלטענער אונטערשטער ליפּ און שוואַרצע קרויזעלאָך אויפ'ן שטערען — מר. לואי פּין — האָט זיך פאַרנויגט פאַר איהר און זי איינגעלאַדען טאַנצען. זי איז רויט געוואָרען.

— איך טאנץ ניט קיין אמעריקאנישע טענץ — האט זי געזאגט.

ער האט זיך צעלאכט.

— איהר וועט זיך שוין אויסלערנען און איך וועל מיט אייך ניט איינמאל טאנצען! — האט ער זיך אנגערופען, פארנויגט זיך ווידער פאר איהר און איז פארשוואונדען.

און א זייגער איינס, ווען זי איז געגאנגען א היים מיט מייביל׳ן און דיימאנד׳ן, האט זי זיך געפיהלט אזוי מיעד און צעבראכען און אזא בענקעניש האט איהר הארץ גע־פרעסט.

זי האט דעם גאנצען וועג געשוויגען. נאר פאר דער טיר פונ׳ם הויז, האט זי ארויסגערעדט „גוד נאיט.״ דאן האט דיימאנד זיך פלוצים אנגערופען:

— איך וועל אייך מארגען אפווארטען לעבען אייער שאפ. פונקט צוועלף א זייגער וועל איך דארט זיין.

— וואס פאלט אייך איין? — האט זי ארויסגעמור־מעלט.

— גוד נאיט — האט ער געזאגט, און איז אוועק.

— איכ׳ל משוגע ווערען!" — האט זי דערנאך גע־טראכט, אז זי איז געווען אין איהר צימער — „וואס טוט זיך דא? שפילט ער זיך מיט מיר, צי מיינט ער ערנסט?"

דאס בעט האט זיך איהר אויסגעוויזען צו הארט און די דעקע צו שווער. זי האט זיך ארומגעווארפען פון איין זייט אויף דער אנדערער און ווי מיד זי איז ניט געווען, האט זי די אויגען נישט געקענט צומאכען.

זי האט ווידער געטראכט פון איהם, און פאר איהרע אויגען האט געשוועבט דער ליכטיגער האל און ער אין מיטען צווישען די בילד־שעהנע מיידלאך...

און מיט אמאל האט זי זיך אויפגעזעצט אויפ׳ן קישען, אויסגעשטרעקט ווייט איהר ארעם אין דער פינסטערניש און איהר האט זיך אויסגעוויזען, אז זי טאנצט אויך, טאנצט, טאנצט מיט איהם...

פארטאג איז זי איינגעשלאפען. און אז זי האט זיך אויפגעכאפט, האט זי זיך תיכף דערמאנט אן איהם און ווידער מיט שארפער בענקעניש. און אויפ׳ן וועג צום שאפ

האָט זי פון איהם געטראַכט. ווי אַ שפּיציגער דאָרן האָט ער זיך אין איהר הארצען איינגעגעסען...

זי האט ביי זיך באשלאָסען: אַ סוף, אַן עק, זי וועט איהם ניט לאָזען מעהר מיט איהר זיך שפּילען. זי וועט איהם ארויסשלאָגען פונ׳ם קאָפּ. זי וועט נאָך היינט געהן זעהן אַנאַנדער וואוינונג...

אַז ער וועט זי טאַקע אָפּוואַרטען ביים שאַפּ, ווי ער האָט געזאָגט, איז איהר אַפילו ניט איינגעפאַלען צו גלויבען.

ווען דעם אַלצדינג האָט זי איצט געטראַכט און זיך דערמאָנט אין אַ צעפלאָנטערטען און צעמישטען סדר, בשעת זי איז איצט געזעסען אינ׳ם וואַגאָן און געקוקט דורכ׳ן פענסטערל אין דער שרייענדיגער און טאַנצענדיגער טונ־קעלקייט פונ׳ם טונעל אריין.

„וואָס טוט מען?“ — האָט זי זיך געמוטשעט.

צום סוף האָט זי זיך באַשלאָסען צו רעדען מיט איהם אָפּען — אדער אהער אדער אהין — מיינט ער טאַקע ערנסט, זאָל ער רעדען קלאָרע ווערטער, קיין נאר וועט זי ניט לאָזען מאַכען פון זיך!...

3.

די ערקלערונג

זי האָט דערפיהלט, אַז מען האָט זי אָנגעריהרט ביים אַקסעל. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון אַ טיפען שלאָף, ער איז לעבען איהר געשטאַנען. דער וואַגאָן איז כמעט געוועזען ליידיג.

— מיר דאַרפען דאָ ארונטערגעהן — האָט ער געזאָגט מיט אַ העפליכער מינע — מיר זענען שוין אריבערגעפאהרען אונזער סטיישאָן. איך האָב גאָרניט באמערקט. ווילט איהר ארונטערגעהן אין בראָנקס פּאַרק?

זי האָט אַ ווײַלע זיך מיישב געווען. דערנאָך האָט זי געזאָגט אַנטשלאָסען:

— יאָ, ווייל איך וויל מיט אייך רעדען.

— און איך מיט אייך, — האָט ער געשמייכעלט.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ לאַנגען און אַ שטאָלענעם קרעכצען. זיי זענען ארויסגעגאַנגען פון וואַגאָן.

אין דרויסען האָט די פריהלינג־זון געלויכטען. דער פּאַרק פון ווייטען האָט געשימערירט מיט פרישער גרינקייט און פאַר׳סוד׳עט געמאַניעט צו זיך.

פּעני האָט דאָס ניט באַמערקט, האָט איצט גאַרנישט באַמערקט אַרום זיך. זי איז געגאַנגען לעבען איהם, טיעף פאַרטאָן אין זיך, האָט געפיהלט מיט איהר גאַנצען נפש זיין נאָהענטקייט און געטראַכט, וואָס וועט ער זאָגען.

אַזוי זענען זיי אַריין אין פּאַרק.

דאָרט איז קיינער ניט געווען. אַ ווייכע טונקעלע גרינקייט, אַ סאַמעט־גרינקייט, האָט זיך דאָרט איצט געשפּרייט צווישען די בוימער און איבער׳ן גראָז; אַ פרישׁ, גרין לעבען האָט דאָרט אַרויסגעשלאָגען און אַרויסגעשפּראָצט פון יעדער בלום און יעדען גרעזעלע און יעדען בוים־צווייגעל, און פויגעלאַך האָבען פרעהליך אַרומגעשפּרונגען און אַרומגעטאַנצט און געסווי־טשערט פון די צווייגען און פון די נעסטען.

זיי זענען געבליבען שטעהן אין אַ זייטיגער אַלעע. ער האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט.

דאַן האָט ער מיט אַמאָל זיך אָנגערופען:

— נו, וואָס ווילט איהר מיט מיר רעדען?

זי האָט איהם אָנגעקוקט פאַרוואונדערט מיט איהרע גרויסע, בלויע אויגען.

— איך?! — האָט זי אַרויסגערעדט.

זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל איהר עפּעס זאָגען, מיט אַמאָל גאָר...

— איהר האָט דאָך פריהער געזאָגט, אַז איהר ווילט מיט מיר רעדען? — האָט ער ווידער אָנגעהויבען און זיינע גנב׳ישע אויגען האָבען דערביי געלאַכט.

זי איז רויט געוואָרען און אַרויסגעפּליסטערט:

— און איך האָב געמיינט, אַז איהר ווילט מיר עפּעס זאָגען... אָבער גוט — האָט זי זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן מיט אַן אויפגערעגטען קול — איכ׳ל אייך זאָגען...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעצויגען דעם אָטעם, אַזוי ווי זי וואָלט אַ שווערע משא געשלעפּט. דערנאָך האָט זי גערעדט ווייטער צעמישט, פּלאָנטערנדיג די ווערטער:

— איך וויל אייך זאָגען... עס איז ניט שעהן... עס דאַרף ניט זיין... איך פאַרשטעה דאָך... איהר זענט דאָך אַן ערענטליכער מענש...

ער האָט זיך צעלאַכט.

— איך פאַרשטעה ניט, וואָס איהר רעדט...

— וואָס שפּילט איהר זיך מיט מיר? — האָט זיך מיט אַמאָל ביי איהר ארויסגעריסען, און זי האָט זיך אמת'דיג צעכליפּעט.

האָט ער זי אָנגעקוקט. דערנאָך זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איהר וויינט, פּעני? פאַרוואָס? אפשר בין איך אייך אומאָנגענעהם, וועל איך אַוועקגעהן און איך וועל זיך באַמיהען אייך אויסצומיידען. מיר וועט עס זיין שווער. זעהר שווער, ווייל איך ליב אייך, ווייל איך דענק פון אייך, נאָר פון אייך! דאָס האָב איך אייך שוין לאַנג געוואָלט זאָגען. דאָס האָב איך איצט געוואָלט זאָגען... נאָר אויב איך בין אייך אומאָנגענעהם, וועל איך אוועקגעהן... גוד באַי, פּעני!...

ער האָט איהר דערלאַנגט די האַנט מיט אַ טרויעריגער, זעהר טרויעריגער מינע.

אַלע בוימער פון ארום האָבען זיך גענומען דרעהען פאַר איהרע אויגען, די ערד האָט זיך געוויגט אונטער איהר. אַזוי צעמישט האָט זי דער דאָזיגער אומגעריכטער אויסברוך זיינער.

זי איז געשטאַנען מיט די ליפּען פונאַנדערגעעפענט און האָט געקוקט אויף איהם צעטומעלט, און אויף איהרע בלאָנדע אויגען-לעדלעך האָבען נאָך געבלישטשעט די טרע־רען, ווי טוי־טראָפּענס.

— גוד באַי! — האָט ער ווידער געזאָגט, אַ כאַפּ געטאָן מיט אַן אייזערנעם דריק איהר שוואַך הענטעל און איז אַוועק.

האָט זיך ביי איהר ארויסגעריסען אַ פאַרשטיקטער קול:

— דיימאַנד!...

און זי האָט זיך אַ ציה געטאָן נאָך איהם.

האָט ער זיך אַ וואַרף געטאָן צוריק צו איהר, ווי אַ קאַץ נאָך אַ מויז, אַ כאַפּ געטאָן איהרעביידע הענט, איינ־

געגעסען זיך מיט זיינע אויגען אין איהרע און געמורמעלט אין איין אָטעם:

— וואָס? וואָס? וואָס? אוי, דו מאַכסט מיך גאַר משוגע!...

פון איהרע בלויע קינדערשע אויגען האָבען זיך גע־קייקעלט טרערען אויף איהרע באַקען; די ראָזעווע חוד־גריבעלאַך האָבען געפלאַמט און זי האָט שטיל געשמייכעלט.

דערנאָך האָט זיך איהר בלאָנדער קאָפּ לאַנגזאַם, לאַנג־זאַם אַרונטערגעלאָזט צו איהם אויף דער ברוסט. און באַלד, אַז זי האָט דערפיהלט אויף איהר נאַקען זיין קוש, האָט זי אין גאַנצען אויפגעשווידערט.

— קוש מיך! — האָט זי געהערט, ווי דורך אַ נעבעל.

האָט זי איהם געקושט — איינמאָל און צוויי מאָל. דערנאָך האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון זיינע אָרעמס.

— אוי וועה! עמיצער קאָן נאָך אַנגעהן! אין מיטען העלען טאָג... משוגעים! — האָט זי געפליסטערט און געשמייכעלט אַזוי גליקליך.

ער האָט אויך אויסגעזעהן גליקליך.

— וואָס געהט אונז אָן די גאַנצע וועלט? — האָט ער געזאָגט — ביזטו גליקליך?

— כ'ווייס? — האָט זי זיך צעשטראַלט אַזוי זוניג — אַ ביסעלע... איהר האָט דאָס ניט געקענט מיר פריהער זאָגען, איהר שלעכטער מענש...

— איך האָב מורא געהאָט פאַר דיר — האָט ער גע־ענטפערט, — אַז איך זעה, אַז דו היטסט זיך עפּעס פאַר מיר...

— מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איהר שפּילט זיך נאַר מיט מיר!...

— דו ביזט אַ קינד! איצט זעהסטו שוין, אַז דו ביזט אַ נאַר!...

זי האָט זיך העל צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו?

— איצט בין איך בלינד!...

— בלינד?...

— און איהר אַליין אויך.

— איך אויך?!

— יא, מען זאגט דאך, אז פארליבטע זענען בלינד — האט זי געענטפערט מיט א גליקליכען שמייכעל.
— זאג מיר „דו,“ פעני.
— האט צייט... מיר'ן זיך נאך „דוצען“ א גאנץ לע־בען — האט זי געלאכט.
— און נאך א קוש?
— ניין, טייערינקער, שפעטער!
זי האט איהם גענומען אונטער'ן ארעם.
— קומט איצט אהיים, דיימאנד!
— קום!...
און זיי זענען אוועק.
זי האט איהם געהאלטען אונטער'ן ארעם און איז גע־גאנגען לעבען איהם מיט אזא מינע, אזוי ווי זי וואלט אויסגעשריען צו דער גאנצער וועלט: „ער איז מיינער, מיינער, מיינער!“ און די גאנצע וועלט — האט זיך איהר אויסגעוויזען, האט זיך מיט איהר גלייך געפרעהט, — די העל־שיינענדיגע זון, די בוימער מיט זייערע פרישע, גרינע שפראצונגען, די סווישטשערנדיגע פויגעלאך, און יעדער פנים פון א מענשען, וואס זי האט געטראפען אויפ'ן וועג, האט עפעס באזונדערס גליקליך געשטראהלט.
לעבען רויטען, הויכען טענעמענט הויז, וואו זי האט געוואוינט, איז געשטאנען א בלאנד, געקרויזט, קליין מיי־דעלע און האט זיך געשפילט מיט א באל. דאס מיידעלע האט זי ניט געקאנט. אבער ווען עס האט א קוק געטאן אויף איהר מיט קינדערשע לאכענדיגע אויגעלאך, האט זיך פעני אווארף געטאן צום קינד און עס געכאפט קושען.
דאס מיידעלע האט זיך דערשראקען און אנגעהויבען צו וויינען. פעני האט ארויסגעכאפט א פינף סענט שטיק פון דער האנט־טאש, אריינגעשפארט דעם קינד אין הענטעל מיט די ווערטער:
— שא, שא, מיידעלע, וויין ניט! איך האב דיך ליב! קויף זיך קענדי!
„משוגע!“ האט ווילי א שמייכעל געטאן.
זיי זענען אריין אין דעם האלב־טונקעלען קארידאר פון דעם טענעמענט הויז און האבען אנגעקלאפט ביי מיסעס גוטמאן אין דער טיר.

— קאם אין! — האט זיך דערהערט מיסעס גוטמאנ'ס קול פון אינעווייניג.

און ווען ווילי האט די טיר א שטופ געטאן און איז מיט פעני'ן אריין אינעווייניג צו מיסעס גוטמאן אין דעם עס־צימער, איז זי, מיסעס גוטמאן, געזעסען ביים טיש איבער אן אפענעם טייטש־חומש,ביידע הענט פארלייגט איבער די שפיצען פון איהר נייעם שבת'דיגען קלייד ביים בוזים, האט געשאקעלט דעם קאפ, וואס איז געווען באדעקט מיט א שבת'דיגען שייטעל, און, לאנגזאם ציהענדיג די ווערטער מיט א תחינה־ניגון, געלייענט אויפ'ן קול.

אויף דעם וויס־געדעקטען טיש זענען געשטאנען דריי בלישטשענדיגע מעשענע לייכטער מיט שטיקלאך חלב פון אויסגעברענטע ליכט ארום די מיילער, וואס זי, מיסעס גוטמאן, האט נעכטען, פרייטאג־צו־נאכטס, געבענשט.

דער שבת, האט זיך אויסגעוויזען, האט דא גערוהט אין יעדען ווינקעל, ווי אויף דעם דיקען, רוהיגען און פרומען פנים פון דער אלטער מיסעס גוטמאן אליין.

קיינעם וואלט ניט איינגעפאלען, אז דא, וואו עס האט אויסגעזעהן אזוי ציכטיג און אזוי שבת'דיג, אז אין די דאזיגע באלעבאטיש־מעבלירטע צימערען, וואו עס האט געוואוינט די שטילע, פרומע מיסעס גוטמאן, פאר וועמען אי דער „בוטשער," אי דער „גראסערי־מאן," אי אלע שכנים פונ'ם הויז, האבען גרויס דרך ארץ געהאט, — אז דא זאל זיין איינער פון די געפעהרליכסטע נעסטען פון פארברעכען און זינד...

— גוט שבת! — האט פעני געזאגט מיט א שטראה־לענדיגען פנים.

מיסעס גוטמאן האט ניט מפסיק געווען איהר לייענען דעם טייטש־חומש, הגם זי האט באמערקט אן ווילי'ס שמייכלענדיגע אויגען, אז עס איז דא „נייעס"; זי האט נאר א מאך געטאן מיט'ן קאפ און געצויגען ווייטער די ווערטער מיט א תחינה־ניגון...

זי, מיסעס גוטמאן, האט געהאט איהר אייגענעם כלל: וואס עס געהערט צו גאט, געהערט צו גאט און וואס עס געהערט צו ביזנעס, געהערט צו ביזנעס. און אמאל אז

„אייגענע“ האָבען זיך לוסטיג געמאַכט איבער איהר פרומ־קייט, האָט זי זיי געענטפּערט מיט א מוסר־טאָן:

— רשעים, רשעים, אַ גדולה אויף אייך, פאַרוואָס לאַכט איהר פון גאָט? עס איז דאָ א גאָט און ער זעהט, און ער פאַרשרייבט יעדע עבירה, אז אָך און וועה איז צו אונז, א גדולה אויף אייך! בעסער דערמאָנט זיך אַמאָל אָן איהם, אפשר וועט מען דעמאָלט אַזוי ניט קאַטעווען און ניט בראָ־טען אויף יענער וועלט!...

און כדי צו מאַכען אויף זיי מעהר איינדרוק, האָט זי אַמאָל נאָך צוגעלייגט:

— וואָס אַרט אייך, נאַראָנים, אַז איהר וועט אַמאָל דאַוונען, א גדולה אויף אייך? עס דאַרף עס אייך קאָסטען געלט? טאָמער איז טאַקע דאָ אַ גאָט און ער שמייסט דאָרט און ברענט, און בראָט? אזוי האָט מען פאָרט אַמאָל אַ מצוה געטאָן, אַ גדולה אויף אייך!...

און אַז מען האָט איהר דאָן געזאָגט, ווען מען זאָל האָבען גאָט אין זינען, וועט מען די דאָזיגע „ביזנעס“ מוזען אויפגעבען, האָט זי אויף דעם געענטפּערט:

— איינגאַנצען צדיקים זענען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. אַלע זינדיגען, מעהר, ווייניגער, מען זינדיגט! ניטאָ קיין כשר'ע ביזנעס אויף דער וועלט, אַ גדולה אויף אייך, ניטאָ קיין ריכטיגע אָנשטענדיגקייט. דער כשר'ער בוטשער פאַרקויפט טריפה פלייש, אז ער קאָן פאַרדינען מעהר אַ דאָלאַר; דער גראָסערי־מאַן גנב'עט אין וואָג און אין מאָס און שטעלט אַרויף די קאָסטימער אויפ'ן בוך מעהר איידער עס קומט פון זיי. און וואָס איז עפּעס מכח די קאָסטימער פון אונזערע ביזנעס, אַ גדולה אויף איין? ווייניג אָנשטענדיגע לייט, פאַמיליע־לייט, באַזוכען אונזערע ביזנעס? די טייערסטע פלעצער אונזערע, וואו מען טוט די ערגסטע זאַכען, ווערען באַזוכט פון די אָנשטענדיגסטע פאַמיליע־לייט... און די דאָקטוירים, וואָס נעמען ביי אונז געלט פאַר הרג'ענען א קינד ביי אונזערער א מיידעל, ווען עס טרעפט אַמאָל, איידער עס ווערט געבוירען, — איז עס כשר'ע געלט? דאָס הייסט דאָך, דער'הרג'עט א נפש, אַ גדולה אויף אייך! פונדעסטוועגען, גאָר נישט, דאָס איז

ביזנעס, אזוי פיהרט זיך שוין די וועלט! מען זינדיגט אָבער אָן גאָט פאַרגעסט מען אויך ניט! וואָס צו גאָט איז צו גאָט, וואָס צו דער וועלט איז צו דער וועלט, און וואָס צו ביזנעס איז צו ביזנעס, אַ גדולה אויף אייך!

אויף איין מייביל'ן, וועלכע האָט מיט איהר געוואוינט שוין עטליכע יאָהר און האָט זיך צו איהר צוגעבונדען באמת ווי צו אַ לייבליכער מאַמע, האָבען איהרע פרומע רייד אַן איינדרוק געמאַכט.

אָפט, ווען זי האָט געהערט, ווי מיסעס גוטמאַן לייענט איהר טייטש־חומש מיט אַ תחינה־ניגון, האָט זיך אין איהר פאַרזונקענער נשמה אַ ריהר געטאָן אַ רעליגיעזער געפיהל און זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטילען זיפץ. פסח האָט מייביל אויך קיין חמץ ניט געגעסען און ראש השנה און יום־כפור האָט זי ממש געפלאַטערט פאַר פחד.

פאַר עטליכע יאָהרען, ווען זי, אַן איבערגעפיהרטע און פאַרפיהרטע אַכצעהן יעהריג מיידעל, איז אַריינגעפאַלען צו מיסעס גוטמאַן אין דעם שטילען הייזעל אויף סאָפאָלק סטריט, האָט זי פון דעם אַלעם חוזק געמאַכט.

אויפגעהאָדעוועט אין אַ סביבה פון מורא'דיגער אַרימ־קייט, אין אַ הויז, וואו מען האָט ניט געוואוסט פון קיין שבת און יום טוב, צוזאַמען מיט זעקס אַנדערע קינדער, ביי אַ טאַטען אַן אַרבייטער, וואָס האָט נאָר ראש השנה און יום כפור ניט געאַרבייט, מחמת דער אידישער שאַפּ איז געווען צוגעמאַכט, א.ן ביי אַ מאַמע, וואָס איז אָדער געווען פאַרנומען מיט דער שטוביגער אַרבייט, מיט די קינדער און מיט דעם „באָרדער,“ אָדער האָט זיך אַרומ־געריסען מיט איהר מאַן, וועלכער האָט זי אָפען באַשולדיגט אין דער געגענוואַרט פון די קינדער, אַז זי האָט צו טאָן מיט'ן „באָרדער,“ — אָט אין דער דאָזיגער פאַרשאָלטענער סביבה האָט מייביל'ן קיין הייליגע, רעליגיעזע שטימונג קיינמאָל ניט באַריהרט. און בעת זי האָט אין די נעכט זייענדיג אַן אַכט־יעהריג קינד, געפּעדעלט מיט אַ קעסטעלע קענדי איבער די קאַפע הייזער, און מיט אַ בעטענדיגען קול זיך געווענדט צו יעדען פון די געסט: „פּליז, באַי סאַמ־טינג“ און אויסגעשטרעקט צום גאַסט איהר הענטעלע מיט אַ שטיקעל שאָקאָלאַד און איז ניט אָפּגעטראָטען ביז זי

האָ ניט באַקומען דעם סענט, — האָט זי דאַן אויך קיין הייליגקייט מיט איהר קינדערשער נשמה ניט איינגעזאַפּט... און ווען זי איז עלטער געוואָרען און האָט זיך אַרומגעפּיהרט אַרום איהר הויז אויף מאָנראָו סטריט מיט די איירישע און איטאַליענישע אידישע „באָיס“ פון איהר עלטער, מיט וועלכע זי איז געגאַנגען אין איין „סקול“ און וועלכע האָבען מיאוס'ע ווערטער גערעדט און געשריבען אויף די ווענט, האָט זי דאַן נאָך אין אַ קראַנקערער סביבה געזונקען... און צו 14 יאָהר, ווען זי האָט געענדיגט „פּאַבליק סקול“ און אויסגעזעהן ווי אַ יאָהר 17, איז שוין פאַר איהר קיין מיידעלשע סודות לאַנג ניט געווען... די גאַנצע ריינע, קינדערשע פּאָעזיע פון אַנדערע אידישע קינדער מיט אַ נאַרמאַלער און געזונטער דערציהונג, די שבת־שטימונג און די יום־טוב־פרייד, די מיידעלשע חלומות, וואונדער און די סודות, — דאָס אַלצדינג, וואָס באַפּרוכפּערט און באַזאַפּטיגט די נשמה פון דער שפּעטערדיגער פרוי, און מענשען, — דאָס אַלצדינג האָט איהר אויסגעפעהלט; און אַז זי האָט דערנאָך געאַרבייט אַ פּאָר יאָהר אין אַ שאַפּ, איז זי דאָרט געווען איינע פון די פרעכסטע מיידלאך. און ווען דער איטאַליענער איז דערנאָך געקומען — זי איז דאַן אַלט געווען 17 יאָהר —אַ שעהנקייט צום משוגע מאַכען — און זי האָט דערזעהן פּעטרוציאָ'ס שלאַנקע, הויכע געשטאַלט מיט די שוואַרצע פייערדיגע אויגען און שוואַרצע געקרויזטע האָר, האָט זי לאַנג זיך ניט געוועהרט געגען איהם... און אין אַ קורצער צייט דערנאָך, ווען זי איז אָנגעקומען צו מיסעס גוטמאַן אין הייזעל, האָט זי געוואוסט, אַז זי דאַרף מאַכען ערפּאָלג, און אין וואָס איהר „ערפּאָלג“ באַשטעהט, האָט זי געוואוסט, ניט ערגער איידער אַן ערפאַהרענע „פּראָפּעסיאָנעלע.“...

דאָ האָט זי אַ לאַנגע צייט געלעבט אָהן וועלכע ניט איז געוויסענס־ביסען, אַזוי ווי זי וואָלט לכתחילה געבוירען געוואָרען פאַר דעם. באַצויבערט די „געסט“ מיט איהר פאַרפיהרערישען שמייכעל און געמאַכטער ליבע און אָפּט געלאַכט פון מיסעס גוטמאַנ'ס פרומקייט. ביסלעכווייז אָבער האָט זי זיך זעהר שטאַרק צוגעבונדען צו מיסעס גוטמאַן, האָט זיך אינטערעסירט מיט די „ביזנעס,“ געהאָלפען אריינ־

שלעפּען נייע קרבנות אין איהר וועלטעל און אין דער אייגע־נער צייט ערנסטער זיך צוגעהערט צו מיסעס גוטמאַנ'ס פרומע רייד.

און אַזוי האָט זי, מייביל, וועלכע איז אויסגעוואַקסען אין אַ סביבה אָהן אַ גאָט, דאָ, אין דעם דאָזיגען הויז, אין דעם דאָזיגען טיפען זומפּ, צום ערשטען מאָל דערפיהלט די עהרפורכט פאַר גאָט, און ווען מיסעס גוטמאַן האָט איהר טייטש־חומש געלייענט, האָט זי געוואוסט, אַז זי טאָר איהר ניט שטערען און, הערענדיג מיסעס גוטמאַן'ס תחינה־טאָן, האָט זיך אין איהר האַרצען געוועקט אַ רעליגיעזער געפיהל.

אגב האָט די מיסעס גוטמאַן אַליין קיינמאָל ניט מפסיק געווען, בעת זי האָט געהאַלטען גאָט'ס וואָרט אין מויל.

דערפאַר האָט זי איצט, ווען ווילי מיט פעני'ן זענען אַריינגעקומען, אויך ניט מפסיק געווען.

און פעני האָט געברענט פאַר אומגעדולד, אויסצוגיסען פאַר איהר דאָס גליק, וואָס האָט זי איבערפילט...

זי איז צוגעלאָפען צו איהר און האָט זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן איהר אויפ'ן האַלז.

— מיסעס גוטמאַן, טייערינקע...

— מם־מם־א—אַך! — האָט זי פעני'ן אָפּגעשטופּט, גע־וויזען מיט דער קורצער, דיקער האַנט אויפ'ן טייטש־חומש און געצויגען ווייטער מיט איהר תחינה־טאָן:

— דער בע־בע־בעראַיע זאָגט...

— איהר וועט דערנאָך לייענען דעם טייטש־חומש... טייערינקע, לאָזט מיך כאָטש אַ קוש טאָן אייך! — האָט פעני גערעדט, געשטאַמעלט און געשמייכעלט.

— אַך — אַך! — האָט מיסעס גוטמאַן אומגעדולדיג געצויגען די דיקע אַקסעל און ווייטער געלייענט העכער:

— דער בע־בע־בעחאַיע זאָגט...

מייביל איז אַריינגעקומען פונ'ם פראָנטצימער אין אַ ראָזעווע מאָרגען־קלייד, שטייף אָנגעצויגען אַרום איהרע דיקע, רונדע היפטען, אין ווייסע שיכלאַך, מיט ראָזעווע שלייפען, די פעך־שוואַרצע האָר צעלאָזט איבער'ן רוקען און איבערגעבונדען מיט אַ ראָזעווען באַנד.

מיט איהרע שוואַרצע, ברענענדיגע אויגען אויף איהר לענגליכען, טונקעלען פּנים, שלאַנקער פיגור און הויכען, רייך־

צענדרען בוזים, האָט זי אויסגעזעהן ווי די פאַרקערפּערונג פון זינד אַליין...

פעני האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהר מיט די שמייכלענדיגע חן־גריבעלאַך אויף די באַקען.

— מייביל!

— ש־ש־ש! — האָט מייביל זי אָפּגעשטעלט — ניט שריי! די מאַמע לייענט די ביבעל!...

— קענסט מיר אָפּגעבען מזל טוב! — האָט פעני זיך אַליין ניט געקענט באַהערשען.

— יעס?! — האָט מייביל זי אַ כאַפּ געטאָן און געוואָרפען אַ בליק צו ווילי'ן. ער האָט צו איהר אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג.

דאָס איז שוין געווען אַ וויכטיגע זאַך פאַר מייביל'ן, און זי האָט זיך גלייך פאַרגעסען אַז מיסעס גוטמאַן און איהר „ביבעל“, אַ כאַפּ געטאָן פעני'ס האַנט מיט אַן אימפּעט, און אַ געשריי געטאָן מיט איהר הייזעריגען קול: „מזל טוב!“ און פון איהר איז זי צוגעלאָפען צו ווילי'ן און איהם אַ שטויס געטאָן מיט'ן אָקסעל און געזאָגט:

— מזל טוב, חתן! אַ פיינע כלה! איך וואָלט געוואָלט זיין דער חתן!

און געקוקט אויף איהם ציניש און גנב'יש.

מיסעס גוטמאַן האָט אויסגעשריען:

— אך! אך! נו! נו!...

דאַן האָט מייביל אַ כאַפּ געטאָן פעני'ן אונטער'ן אָרעם און זי אַוועקגעשלעפּט נאָך זיך אין פראָנט־צימער.

— קום, וועסט מיר דערצעהלען... מיר וועלען האָבען אַ חתונה! מיר וועלען האָבען אַ חתונה! — האָט זי אונטערגעטאַנצט.

ווילי איז געבליבען אינ'ם עס־צימער, האָט פאַררויכערט אַ סיגאַר און זיך אויסגעצויגען אויף דער זאָפע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען.

צום סוף איז מיסעס גוטמאַן פאַרטיג געוואָרען מיט איהר טייטש־חומש, האָט אַ קוש געטאָן די אַלטע טאָוולען, שווער מיט אַ קרעכצען זיך אויפגעהויבען פונ'ם אָרט, איז צוגעגאַנגען צום קאָמאָד, האָט געעפענט אַ שופלאָד און באַהאַלטען דאָרט דעם טייטש־חומש.

אין דעם אייגענעם קאמאד, אין א שופלאד נידעריגער, זענען געלעגען שמוציגע בילדער, וואס זי האט גענוצט אין איהר געשעפט.

דאן האט זי זיך א קעהר געטאן צו ווילי'ן:

— טאקע פארטיג?

— יא.

— הייסט עס... פארטיג? אוי וועה איז מיר, א יונג פייגעלע!...

מיט דעם דאזיגען קרעכץ האט זי יוצא געווען פאר גאט ווי אלע מאל אין אזעלכע געלעגענהייטען...

דערנאך האט איהר דיקער פנים מיט אמאל אנגענומען א מין קעציישען אויסדרוק און מיט א ביטרען שמייכעל האט זי גענומען רעדען:

— קיין לאנגע שהיות דארף מען ניט מאכען, א גדולה אויף דיר. חתונה געמאכט און א סוף. איך רעכען דאך פארט אויפצועפענען א געשעפט אויף דער וועסט סייד, מען קאן שוין... זי און מייביל, זאל לעבען, וועלען זיין אן אמת'ער אוצר...

— עס ווענדט זיך אן מיר — האט ער געזאגט מיט א מאדנער זיכערקייט אין קול און א ציה געטאן מיט זיין פרעך נעזעל.

פעני און מייביל זענען אריינגעקומען פונ'ם פראנט־צימער. מיסעס גוטמאן האט אויסגעשטרעקט איהרע דיקע ארעמס צו פעני'ן.

— קומט נאר אהער, א גדולה אויף אייך, פענילע!

און ווען פעני האט זיך אווארף געטאן אין איהרע ארעמס, האט מיסעס גוטמאן זי א קוש געטאן און געזאגט:

— אה, אזא ווארעמינקע! אזא שעהנינקע! אזא ליבטיגע! דו הערסט, חתן, זאלסט זי ליב האבען, א גדולה אויף דיר!

פעני האט זיך געדריקט צו איהר ווי צו א לייבליכער מוטער, איבערפילט מיט גליק און מיט ליבע צו איהר, מיסעס גוטמאן, וועלכע האט איהר אויסגעפיהרט דעם דאזיגען גליקליכען שידוך, און זי האט געפליסטערט:

—איך דאנק אייך, איך דאנק אייך, מיסעס גוטמאן!...

אוי, איך בין אַזוי גליקליך! — האָט זי געפּליסטערט מיט טרערען אין די אויגען.

— דיר וועט זיין גוט ווי די וועלט — האָט מיסעס גוט־מאַן געזערדט — און דיין מאַמע און שוועסטער אין דער היים וועסטו אויך קאָנען שטיצען.

און דערביי האָט זי אַ גלעט געטאָן פּעני׳ן אויף די באַקען מיט איהר קורצער, דיקער האַנט, אַ קוק געטאָן אויף מייביל׳ן, וועלכע האָט געקוקט אויף איהר מיט גנב׳ישע, פייערדיגע אויגען, און אַ טיפען זיפץ געטאָן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך פּלוצים ווידער דערמאָנט אָן גאָט...

— קום אהער, פּעני, — האָט ווילי זי פּלוצים אַ רוף געטאָן, ליגענדיג אויף דער זאָפע מיט די פיס אויסגעצויגען.

זי איז צוגעלאָפען צו איהם.

— זעץ זיך לעבען מיר — האָט ער געזאָגט

זי האָט קאָקעטיש אַ דרעה געטאָן איהרע רונדע אַקסעל און גליקליך אַ לאַך געטאָן.

— איך וויל ניט זיצען.

— איך וויל אָבער...

— מאַלע וואָס איהר ווילט.

האָט ער זי מיט געוואַלד אַנידערגעזעצט לעבען זיך און זי אָנגענומען ביי דער טאַליע...

זי האָט זיך איינגעגנצען פאַררויטעלט, געקוקט אַרום זיך פאַרשעמט מיט איהרע גרויסע, בלויע אויגען, באַמיהט זיך ארויסצודרעהען די טאַליע פון זיינע הענט און געמורמעלט:

— לאָזט!... ניט שעהן!... מענשען זענען דאָ!...

מיסעס גוטמאַן האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— אַ כשר׳ע, אומשולדיגע טויב, אַ גדולה אויף איהר!

מייביל האָט הייזעריג אַ לאַך געטאָן אין זיך און גענומען זינגען אַן ענגליש ליד, און איהר הייזעריגליך זינגען האָט זיך געפיהלט פאַרשטיקטע לאַכענדיגע טענער.

— נאַרעלע, עס זענען דאָך אייגענע מענשען — האָט ער געזאָגט און זי געדריקט פעסטער.

— אוי, דיימאָנד, דריקט ניט אַזוי... עס טוט וועה!...

ער האָט געשמייכעלט. און פּלוצים האָט ער זי אַזאַ דריק געטאָן, אַז זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן מיט אַ געשריי:

— אוי, מאַמע!...

מיסעס גוטמאַן איז צוגעגאַנגען צו זיי און זי באַפרייט פון זיינע הענט.

— וואָס קוועטשסטו זי אַזוי? מיט צוויי פינגער קאָנסטו זי דאָך צעברעכען, אַ גדולה אויף אייך ביידען! ווילסט איהר ווייזען, ווי שטאַרק דו ביזט? דו וועסט איהר נאָך ווייזען! זי ווייסט, אַז זי האָט זיך ניט גענאַרט אין דיר! וואָס זאָגט איהר עפּעס, פּענילע, האַ? ער האָט כּוח, אַ גדולה אויף אייך, האַ? אַ מאַן, אויף אַלע אידישע טעכטער געזאָגט געוואָרען!

און דאַ האָט זי מיט אַמאָל אַ פּאַק געטאָן זיינעם אַן אָרעם, געדריקט איהם מיט ביידע הענט און געשריען:

— אַי־אַי! אייזען, אייזען! די פינגער ברעכען זיך נאָר! טוט נאָר אַ טאַפּ, פּענילע, אַ גדולה אויף אייך. טוט נאָר אַ טאַפּ!

פּעני האָט זיך ניט אַ ריהר געטאָן. איז געשטאַנען מיט אַ צעפלאַמטען פּנים נישט ווייט פון דער זאָפע, האָט צעמישט געשמייכעלט מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגען.

מייביל איז צוגעגאַנגען צו איהר מיט אַ גנב'ישער מינע און האָט איהר איינגערוימט אויפ'ן אויער:

— איך קאָן מיידלאַך רייבע, וואָס זיינען קרייזי פאַר איהם. זעה, זעה, ווי שעהן און ווי שטאַרק ער איז!

פּעני האָט דערפיהלט, אַז עס איז איהר היים געוואָרען און זי האָט אַרונטערגענומען דעם הוט פון איהר בלאָנדען קאָפּ און איהם אוועקגעלייגט אויף אַ שטול דערביי.

אויף איהר ווייסען שטערען און נעזעל האָט זיך צעגאָסען אַ צאַרטע רויטקייט.

— זעה, חתן — האָט זיך מייביל דאַן אַ כאַפּ געטאָן — ווי שעהן זי איז אָהן אַ הוט!

דער „חתן” האָט אַ ציה געטאָן מיט זיין קוריץ, פּרעך נעזעל און אַרויסגערעדט:

— עס איז שוין אָל ראַיט!

— איך מיין עפּעס, אַז זי איז אָל ראַיט — האָט זיך אַריינגעמישט מיסעס גוטמאַן און איינגעלאָזען ווילי'ס אָרעם — און ווען וועט איהר אונז בעטען אויף דער חתונה מיט מזל?

— און איך וועל ביי אייך זיין די אונטערפיהרערין — האָט מייביל זיך א כאַפּ געטאָן.

ביי פעני'ן האָט געשווינדעלט פאר די אויגען און דער קאָפּ האָט איהר געדרעהט פון דעם אלעם...

עס האָט זיך דערהערט א שטאַרקער קלאַפּ אין דער טיר. מייביל האָט זי געעפענט און גלייך אויסגעשריען:

— זעהט נאָר, ווער עס קומט! טשארלי, די בייבי! העלאָו! העלאָו!

אין דער טיר האָט זיך אריינגעקוועטשט א מאַן א ריעז, העכער פון זעקס פוס, מיט זעהר ברייטע שולטערן און מיט א מעכטיגען נאַקען, ווי ביי אַן אָקס, און מיט אַן אומגעוועהנליך יוגענדליכען און קליינעם פנים, פאר זיין ריזען־גוף.

דער דאָזיגער פנים, ריין ראַזירט, רונד און מיט א צאַר־טער רויטקייט באַגאָסען, און נאָך מעהר באַזאַנפט פון א פאר גוטמוטיג־שמייכלענדיגע און זשמורענדיגע אויגען, איז געווען א מאָדנער קאָנטראַסט צו דעם גאַנצען געבוי פון זיין מעכטיגען און אומגעלומפּערטען קערפּער, ווי פון עפּעס א חיה.

ער איז געווען אָנגעטאָן אין א בלויען אַנצוג, העלען הוט, האָט געטראָטען שווער, קאַטשענדיג זיך, געשטעלט אַזוינע גרויסע פיס, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיט יעדען טראָט זיינעם טרעט ארויף זיין גרויסער שוך אויף עפּעס און דערשטיקט עס.

און בעת דעם האָט ער געוואָרפען מיט זיינע מעכטיגע אָרעמס.

— העלאָו! — האָט ער ארויסגעריטשעט מיט א קול, ווי פון א בוהאַי.

פעני האָט אויף איהם אויסגעשטעלט א פאָר פאַרוואונ־דערטע אויגען, ווי זי וואָלט דערזעהן פאר זיך דעם גרעסטען וואונדער.

און ווילי האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער זאָפע און געזאָגט:

— אָט וועל איך האָבען א גוטען סיגאַר, דו האָסט, בייבי?...

די „בייבי“ האָט פאַררוקט זיין לאַפּע אונטער׳ן בוזים, האָט פלוצים באַמערקט פעני׳ן, פאַרזשמורעט די אויגען און זי אָנגעקוקט.

ווילי האָט עס באַמערקט, איז ער תיכף אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפען צו דער „בייבי“ מיט אַן אימפּעט און האָט איהם אַ האַק געטאָן איבער׳ן אַקסעל.

— גראַטוליר מיך, בייבי, דאָס איז מיין כלה!

— יעם? — האָט די בייבי אַרויסגעריטשעט, אַ טראַט געטאָן נעהנטער צו פעני׳ן, נאָך מעהר פאַרזשמורעט די אויגען און מיט זיין באַזונדערען גוטמוטיגען און זאַרגלאָזען שמייכעל אויף זיין יוגענדליכען פּנים, האָט ער צו איהר אַ מאַך געטאָן מיט׳ן קאָפּ:

— האַו דו יו דו!...

דערביי האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטען זיין לאַפּע פאַררוקט אונטער׳ן בוזים.

זי איז עפּעס אומרוהיג געוואָרען און האָט אַרונטערגע־לאָזט די אויגען.

— פאַרוואָס שטעלסטו מיך ניט פאָר, מאָרים? — האָט די בייבי פלוצים געברומט.

ווילי האָט איהם אַרויפגעטראָטען אויפ׳ן פוס.

— מאָרים? וועמען מיינסטו? זייט ווען הייס איך עפּעס מאָרים?...

די בייבי האָט גוטמוטיג אַרויסגעשטעקט איהם די צונג און זיך צעלאַכט אַזוי, אַז דער גאַנצער מעכטיגער קערפּער זיינער האָט זיך געטרייסעלט.

די לאַפּע האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון אונטער׳ן בוזים, געפאָכעט מיט איהר אין דער לופטען און געלאַכט.

— כאַ! כאַ! זשי!... איך צעמיש... אַלע מאָל צעמיש איך דיין נאָמען... מיט יענעם — כאַ! כאַ! כאַ!... איך פאַרגעס, אַז דו הייסט עה?...

— ווילי! — האָבען אונטערגעכאַפּט אי מייביל, אי ווילי.

— ווילי! כאַ! כאַ! כאַ! שור... מיין בעסטער פריינד און איך פאַרגעס זיין נאָמען!...

— גרוים ביזטו, ווי אַן עלעפאַנט, און אַ קאָפּ האָסטו,

ווי א קאַץ, א גדולה אויף דיר, בייבי! — האָט זיך מיסעס גוטמאַן אריינגעמישט מיט איהר גלאָסענעם קול.

ווילי האָט דערנאָך פאַרגעשטעלט די בייבי פאַר פעני׳ן:

— טשאַרלי, מיין בעסטער פריינד.

טשארלי האָט אַריינגענומען איהר הענטעלע אין זיין לאַפּע, זי א ווייִלע באַטראַכט מיט פאַרזשמורעטע, שמייכלענדיגע אויגען און דערנאָך אַרויסגעברומט:

— פיין! פיין!

האָט אַרויסגעלאָזט איהר האַנט, א נעהם געטאָן ווילי׳ן ביים אַקסעל אזוי, אז יענער האָט זיך אויסגעבויגען ווי שטאַרק ער איז ניט געווען, און איבערגע׳חזר׳ט:

— פיין! פיין! פאַרגעס נאָר ניט, אז איך בין דער אינטערפּיהרער.

— אל ראַיט! נעהם אוועק דיין האַנט!

האָט די בייבי באַפרייט זיין אַקסעל, אַרויסגענומען צוויי סיגאַרען פון אונטער׳ן בוזים און איהם דערלאַנגט.

— געדענק: איך!

— געווים. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, — האָט ווילי געענטפערט מיט א שמייכעל.

און פאַררויכערט א סיגאַר.

דערנאָך איז ער פאַרשוואונדען מיט דער „בייבי" אין פראָנט־צימער.

פעני איז נאָך אומרוהיגער געוואָרען. עפּעס א מורא׳דיגע שווערקייט איז זי פּלוצים באַפאַלען. זי האָט אליין ניט געוואוסט פאַרוואָס.

מיסעס גוטמאַן האָט גלייך באַמערקט, אז זי זעהט אויס עפּעס אומעטיג, איז זי צו איהר צוגעגאַנגען.

— א גדולה אויף אייך, פאַרוואָס זייט איהר אומעטיג?

פעני האָט א ציה געטאָן די אַקסעל.

— איך ווייס?...

זי האָט צעטראָגען געשמייכעלט און די חן־גריבעלאך אויף איהרע באַקען האָבען זיך געררויטעלט.

דערנאָך האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען:

— הערט נאָר, ווער איז דער מאַן?

— דער? אונזערער א באַקאַנטער, דיין חתנ׳ס א פריינד.

— ווי ער זעהט אויס! עפּעס כאַפּט אָן א מורא!...

— וואָס רעדט איהר, א דימענטענער מענש!... האָט איהר שוין אמאָל געזעהן אזא גבור? ער קאָן דער'הרג'ענען א בער! אָבער ווי שטאַרק ער איז, אזוי גוט איז ער. אַט איהר וועט זיך שוין אמאָל מיט איהם באַקענען בעסער, וועט איהר אַליין זעהן, אַ גדולה אויף אייך!

מייביל איז אויך אריינגעלאָפען אין פראָנט־צימער.

— איהר ווייסט, וועגען וואָס זיי שמועסען דאָרט? — האָט מיסעס גוטמאַן ווייטער גערעדט און געשמייכעלט אזוי גוטהאַרציג — וועגען אייך מסתמא. דער חתן אייערער דער־צעהלט איהם מסתמא, ווי שטאַרק ער איז פאַרליבט אין אייך, אַ גדולה אויף אייך. איהר געדענקט, איך האָב אייך געזאָגט, אַז ער פּגר'ט אַוועק נאָך אייך? אוי, בין איך צופרידען, פעגילע, בין איך צופרידען!...

און די דאָזיגע גוטע רייד פון מיסעס גוטמאַן, האָבען די שווערקייט פון פעגי'ס האַרצען אַראָפּגעווישט.

עס איז איהר ווידער געוואָרען אזוי לייכט און ליכטיג אויף דער נשמה, און איהרע בלויע אויגען האָבען געקוקט מיט אזוי פיעל ליבע און דאַנקבאַרקייט אויף מיסעס גוטמאַן.

און פּלוצים האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען:

— אוי, מיסעס גוטמאַן, איך האָב אייך אזוי ליב, אזוי ליב... ווי מיין לייבליכע מאַמע!...

און זי האָט זיך שטורמיש אַ וואָרף געטאָן צו איהר און זי אַרומגעכאַפּט קושען.

מיסעס גוטמאַן האָט זיך צעלאַכט און מיט אמאָל האָט זי גענומען זי „דוצען.“

— אוי, דו ביזט דאָך גאָר א פייערדיג מיידעל, נישט אומזיסט האָט ער דיך אַזוי ליב, אַ גדולה אויף דיר! דו הערסט, קינד? — איז זי פּלוצים געוואָרען ערנסט — די חתונה דאַרפסטו לאַנג ניט פאַרציהען... פּטר אָפּ וואָס שנעלער... היינטיגע צייטען, פאַרשטעהסט?... אַ באָי, אזא שעהנער, אַזא פאַרדינער... וויניג מיידלאַך, מיינסטו, קוקען אויף איהם אַרוים? מען האָט חתונה, ווייסט מען, אַז דאָס איז מיין מאַן און פּטור. איך דאַרף מעהר נישט זאָרגען...

ביי פעני'ן האָט דאָס האַרץ גענומען קלאַפּען. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די שעהנע מיידלאַך וואָס האָבען נעכטען

געטאַנצט מיט איהם אין האָל, און ביי איהר איז קיין ספק ניט געווען, אז יעדע פון זיי וואָלט איהם ועלען אוועקרייסען פון איהר.

זי האָט אַרויסגעמורמעלט פאַרטראַכט:

— יא, איך וויים, אז ער וואָלט געקאָנט קריגען אַ שעהנערע כלה פון מיר.

— אַ שעהנערע צי ניט אַ שעהנערע, אַ רייכערע אודאי — האָט מיסעס גוטמאַן געזאָגט — אזא באַי איז ווערט אַ סך נדן. און דו נעבעך, ביזטו אַן עלענדע אַרבייטערין און דו דאַרפסט נאָך שטיצען דיין אָרימע מאַמע און שוועסטער אין דער היים, מוזטו, נעבאך, שווער פראַצעווען, און אַז מען פּראַצעוועט לאַנג אין שאַפּ, פאַרלירט מען דעם געזונט, ווערט אַ מיידעל ניט שעהן. און דו מוזט זיין שעהן, אַ גדולה אויף דיר, ווייל די שעהנקייט איז דיין פאַרמעגען, דיין גאַנצער נדן; און דאָס קענסטו נאָר איינהיטען, ווען דו וועסט באַלד אוועקוואַרפען דעם שאַפּ, דאָס הייסט, ווען דו וועסט טאַקע באַלד חתונה האָבען, אַ גדולה אויף דיר!...

ווי אמת'דיג און קלוג האָבען זיך פעני'ן אויסגעוויזען מיסעס גוטמאַנ'ס ווערטער! זי, פעני, האָט דאָך אודאי געוואוסט, ווי די אַרבייט אין שאַפּ מאַטערט זי אויס... און איצט האָט זי געוואָלט זיין געזונט און שעהן, אַזוי שעהן, אַזוי שעהן, אַז אַלע שעהנע מיידלאַך זאָלען אויסקוקען געגען איהר מיאוס'קייטען...

אין דער איינגענער צייט אָבער האָט דער געדאַנק וועגען באַלד חתונה האָבען זיך אויסגעוויזען איהר אַזוי מאָדנע: ערשט היינט אין דער פריה איז זי נאָך געווען אַזוי ווייט פון איהם און מיט אַמאָל חתונה האָבען מיט איהם!

חוץ דעם, דאַרף מען דאָך עפּעס צוגרייטען צו אַ חתונה. וואו זאָל זי נעמען מיטלען אויף דעם?...

און אַז זי האָט געזאָגט מיסעס גוטמאַן, האָט יענע איהר אויף דעם געענטפערט:

— אַ גדולה אויף דיר, דו רעדסט דאָך גאָר ווי אַ קינד! ערשטענס, וואו איז עס דער דין, אז חתן־כלה מוזען אַרומגעהן אַ לאַנגע צייט ביז דער חתונה?... שאַ, איכ'ל דיר דער־צעהלען אַ סוד — האָט זי פּלוצים גענומען רעדען מיט אַ פּאָר'סוד'עטען טאָן — מיין מייביל, זאָל געזונט זיין...

אַ יאַ, זי שיינט ווי אַלע זיבען זונען?... האָט זי אַליין אויך אָנגעוואָרען איהר ערשטען חתן, ווייל זי האָט מיך ניט געוואָלט פאָלגען. איך טענה צו איהר: „מייביל, מייביל, אַ גדולה אויף דיר, האָב שנעל חתונה מיט איהם!" נו, איז זי געווען קליגער פון מיר, האָט זיך מיט איהם ארומגעשלעפט, אַרומגעשלעפט ביז ער האָט געטראָפען אַן אַנדערע, וואָס איז געווען קליגער פון איהר, און יענע האָט איהם צוגעכאַפּט און טאַקע באַלד מיט איהם חתונה געהאַט. דערפאַר זאָג איך: נאָר חתונה געהאַט! ניט געטראַכט לאַנג, ניט אַרומגעשלעפט זיך, חתונה געהאַט אין אַ מזל'דיגער שעה, און פטור! און דאָס, וואָס דו זאָגסט, אַז מען דאַרף זיך צו־גרייטען צו אַ חתונה, ווייסט דיין חתן, אַז דו ביזט ניט וואַנדערבילד'ס אַ טאָכטער... נאָך דער חתונה וועט דיר קיין זאַך ניט פעהלען — אַי קליידער, אַי ציערונג... ער איז דאָך אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד, דיין חתן... אַי, נאַרעלע — האָט זי זיך פּלוצים צעלאַכט, אַ שטופּ געטאָן פעני'ן ביים אַקסעל און אויף איהר דיקען פּנים האָט זיך צעגאָסען אַ ציניִשער שמייכעל — וואָס הייסט צוגרייטען זיך צו אַ חתונה, אַ גדולה אויף דיר? און אָהן נייע דרעסעס קען מען דען ניט? כע! כע! כע! אַ גדולה אויף דיר, אַבי די ליבע איז דאָ, קאָן מען אַפילו אָהן אַ דרעס אויך חתונה האָבען. כע! כע! כע!

פעני איז רויט געוואָרען און האָט פאַרשעמט אַרונטער־געלאָזען די אויגען.

דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופען, נאָך אַ קורצען שווייגען:

— מילא... ביי מיר וואָלט איהר אפשר שוין גע'פועל'ט. ער אָבער האָט אויך אַ דעה... אפשר וועט ער גאָר וועלען אָפּלייגען?

— דאָס לאָז שוין איבער צו מיר. איכ'ל שוין זעהן, אַז די אויגען זאָלען איהם אַרויסקריכען, וואָס גיכער חתונה צו האָבען מיט דיר. און דו אַליין, אַ גדולה אויף דיר, ווער אויך עפּעס לעבעדיגער... שעהם זיך ניט אַזוי. טו איהם אַמאָל אַ גלעט, אַ שטיפּ מיט איהם, מיט אַן אייגענעם חתן מעג מען. ווען ער רופט דיך ע'געץ, געה מיט איהם, געה, לאָז זיך ניט בעטען. זיי איהם שטענדיג פאַר די אויגען און דו וועסט דאַן עפּעס זעהן...

ביי פעני'ן האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרעהט פון איהרע רייד...

פונ'ם פראָנט־צימער איז אַריינגעקומען ווילי אַליין, אָהן דער „בייבי" און מייביל'ן. ער איז צוגעגאַנגען צו פעני'ן מיט א שמייכעל פון א פאַרליבטען און האָט זי אַרומגענומען.

— טו מיך אַ קוש, — האָט ער געזאָגט און זיך איינגע־געסען מיט די אויגען אין איהרע.

איצט האָט זי איהם אַ קוש געטאָן און אין גאַנצען האָט זי אויפגעשטראַלט געגען איהם מיט איהרע ליכטיגע אויגען און חן־גריבעלאַך, ווי א יונגע, בליהענדע בלום געגען דער זון.

מיסעס גוטמאַן האָט צופרידען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. איהרע רייד האָבען געווירקט. פעני האָט זיך שוין נישט געשעהמט ווי פריהער. זי האָט געזעהן אין דעם א גוטען סימן...

צום סוף האָט ווילי זיך דערמאָנט, אז ער דאַרף ערגעץ אַוועקגעהן „וועגען ביזנעס," האָט ער אָפּגערעדט מיט פעני'ן צו טרעפען זיך מיט איהר שפּעטער ווידער ביי מיסעס גוט־מאַן, האָט זי נאָך אַמאָל אַ קוש געטאָן און איז אַוועק.

דאַן האָט פעני גענומען איהר הוט און האַנט־טאַש פונ'ם טיש, געזאָגט מיסעס גוטמאַן מיט ליבע אין קויל: „גוט ביי אייך דערווייל" — און געעפענט די טיר.

און געהענדיג אַרויף די טרעפּ צום צווייטען שטאָק, וואו זי האָט געוואוינט, האָט איהר נשמה געהוליעט.

דאַן האָט זי זיך פּלוצים דערמאָנט אַן יענקל'ען און זי האָט זיך גענומען מיישב זיין, צי זי זאָל איהם דערצעהלען וועגען איהר גליק, צי ניט.

עס האָט זיך איהר זעהר געגלוסט איהם צו דערצעהלען, ווייל א חוץ מיסעס גוטמאַן, איז ער געווען איהר בעסטער פריינד. אין דער אייגענער צייט אָבער האָט זי געפיהלט, אַז דאָס וועט איהם זעהר וועה טאָן, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז ער ליבט זי...

זי האָט געעפענט די טיר און איז אריין צו איהר מיסעס אין עס־צימער.

די מיסעס, א בלייכע אידענע מיט קראַנקע אויגען, און איהר מאַן, אַן ארבייטער, וואָס האָט שבת ניט געאַרבייט —

א בלייבער איד מיט א שווארץ בערדעל, זענען געזעסען ביים טיש און געליענט דעם ראמאן פון א אידישער צייטונג.

געלייענט האט דער מאן און זיין ווייב האט זיך צוגע־הערט מיט אלע חושים.

זייערע דריי קינדערלאך, איינס קלענער פון דעם אנ־דערען, זענען געזעסען אונטער׳ן טיש און האבען זיך געשפילט מיט א קליין, שווארץ קעצעלע.

— גוט שבת אייך! — האט פעני געזאגט.

די מיסעס האט זיך א כאפ געטאן, ווי מיט שרעק:

— אט באלד, באלד, ער׳ט ענדיגען, וועל איך אייך געבען עסען!

— זעה נאר, איך האב זיך גאר פארגעסען, אז איך האב נאך ניט געגעסען קיין דינער! — האט פעני זיך אנגערופען פרעהליך — איז יאנקעל דא?

— נישטא איהם. אפשר דא! אוי, קרוינעלע, שטערט ניט, לאזט ענדיגען! נו, נו, שלמה, שלמה, לייען, לייען, לייען... ער האט זי געכאפט?... נו, נו, וואס ווייטער?

פעני איז אריין אינ׳ם פראנט־צימער, וואו, אויסער יאנקעל׳ס בעט, זענען געשטאנען נאך א פאר פאטעלען און א זאפע, וואס זענען אמאל געווען פלושענע, און אן אלטער שפיגעל אין א ראהם, וואס איז אמאל געווען א בראנזענער, איז געהאנגען אויף דער וואנט געגען דער אריינגאנגס־טיר.

זי האט א ווארף געטאן איהר הוט און איהר האנט־טאש אויף דער זאפע און איז צוגעגאנגען צום שפיגעל.

און געשטעלט זיך פאר דעם שפיגעל, האט זי גענומען זיך באטראכטען און איינגעגעסען זיך מיט די אויגען אין איהר אפבילד מיט אזא דורשטיגער נייגעריגקייט, אקוראט ווי אט איצט צו ערשטען מאל האט זי געהאט די געלעגענ־הייט צו זעהן, ווי זי קוקט אוים — מיאוס, צי שעהן...

זי האט זיך באטראכט פונ׳ם קאפ ביז צו די פיס, האט געלאזט פאלען א בלאנדען לאקען אויף איהר קליין, דורכזיכ־טיג־ראז אויערעל, א ציה געטאן די העלע בלוזע ביים רעכטען אקסעל, ביים לינקען אקסעל, אנגענומען זיך פון הינטען ביי דער טאליע, א דרעה געטאן זיך אויף רעכטס, א דרעה געטאן זיך אויף לינקס, געשטעלט זיך מיט א זייט געגען דעם שפיגעל, איז אפגעטראטען פון איהם הינטער־

ווײלעבין עטליכע טריט, ווידער צוגעגאַנגען צו איהם נאָהענט, גאַנץ נאָהענט, אַזוי, אַז דער הויך פון איהר וואַרעמען אָטעם האָט באַדעקט דאָס שפּיגעל־גלאָז, ווי מיט אַ ווייסליכען רויך פון אַ סיגאַר. זי האָט עס אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט און ווידער געקוקט אויף זיך, געקוקט און איז געבליבען צופרידען מיט זיך.

— גאָר ניט קיין מיאוס מיידעל — האָט זי אַרויסגערעדט צו זיך אַליין און גליקליך געשמייכעלט.

און אַז זי האָט דערזעהן דעם דאָזיגען שטראַהלענדיגען שמייכעל אויף איהרע פולע, רויטע, פייכטע ליפּען, און די פרעהליכע חן־גריבעלאַך אויף איהרע באַקען, און דעם גלאַנץ פון איהרע ווייסע צייהן, האָט זי נאָך אַמאָל אַרויס־גערעדט צו זיך נאָך מיט מעהר זיכערקייט:

„גאָרניט קיין מיאוס מיידעל, זאָל איך אַזוי לעבען!..."

און דאַן האָט זי זיך אין איהרע געדאַנקען פאַרגליכען צו יענע שעהנע מיידלאַך, וואָס זי האָט נעכטען געזעהן אין טאַנץ־האָל...

ווען זי וואָלט געווען אַזוי רייך ווי יענע, וואָלט זי אפשר געווען נאָך שעהנער איידער יענע...

ווי זיי זענען געווען אָנגעטאָן... מעהר אַרויסגעוויזען, ווי צוגעדעקט... אָבער ווי קלאָר און גלאַט איז ביי זיי די הויט, ווייס ווי אַקאַרשט אַרויסגעפאַלענער שניי...

איז איהר האַרץ אַזוי פול און קלאָר?...

זי האָט אָפּגעשפּילעט די בלוזע ביים בוזים, איינגעגעסען זיך אין איהם מיט די אויגען און זיך אַ גלעט געטאָן די יונגע, צאַרטע ברוסט מיט דער האַנט.

„איך דאַרף זיך גאָר ניט שעמען געגען זיי," האָט זי אַ טראַכט געטאָן, „און ווען מען טוט עס נאָך אַ ביסעל אַ פודרע!..."

און פּלוצים האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

אין מיטען העלען טאָג? איז זי משוגע?!

און שנעל פאַרשפּילעט די בלוזע און זיך היים צעלאַכט.

איצט האָט זי זיך געפיהלט נאָך גליקליכער פון דעם באַוואוסטזיין, אַז זי איז שעהן.

זי וואָלט געטאַנצט, געשפּרונגען און געזונגען און די

גאַנצע וועלט וואָלט זי איצט מיט איהרע קליינע אָרעמס אַרומגענומען . . .

און מיט אַמאָל האָט זי גענומען זינגען אַ טאַנץ־מאָטיוו, וואָס זי האָט אין דערהיים געזונגען, בשעת זי האָט געטאַנצט מיט איהרע חבר'טעס, און זיך אַוועקגעלאָזט איבער'ן צימער, אַ העלע, אַ ליכטיגע, מיט אויגען, וואָס האָבען גליק גע־שפּריצט.

זי האָט זיך געדרעהט איבער'ן צימער,ביידע אָרעמס האַלב־רונד אויסגעשטרעקט, אַזוי דאָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי האַלט עמיצען אַרומגענומען.

זי האָט זיך געדרעהט און געזונגען און יעדע ווײַלע צוגעטופּעט מיט'ן פוס. זי האָט זיך אַזוי הינגעריסען מיט איהר זינגען און טאַנצען, אַז זי האָט ניט באַמערקט, ווי יאַנקעל איז אַריינגעקומען און איז געבליבען שטעהן פאַר־וואונדערט אין דער טיר.

ער איז געשטאַנען אַ הויכער, אַ לאַנגער, אין זיין אַלטען, טונקעלען אַנצוג, פון אונזער וועלכען זיין גרוי,ע פלאַנעלענע העמד מיט אַ פאַרדרעהטען שניפּסעל אונטער'ן קראַגען, האָט אַרויסגעקוקט.

דער פּנים פריש ראַזירט ביים באַרבער, די דינע, שוואַר־ציגקע וואָנסעלעך פאַרדרעהט מיט די שפּיצען אַרויף און דער רעכטער אָקסעל אַ ביסעל איינגעהויקערט — איז ער גע־שטאַנען און האָט געקוקט אויף איהר פאַרוואונדערט מיט זיינע קינדערשע אויגען.

אין די הענט האָט ער געהאַלטען אַ בוך.

מיט אַמאָל האָט זיך אַזאַ גוטער, אַזאַ האַרציגער שמייכעל צעגאָסען איבער זיין פּנים. ער האָט גענומען מאַכען מיט'ן בוך צום טאַקט פון איהר טאַנצען און צוגעטופּעט מיט'ן פוס.

זי האָט איהם אַלץ ניט באַמערקט, פאַרכאַפּט פון איהר געפיהל, וואָס האָט זיך צעהוליעט און צעטאַנצט, און זי האָט זיך געדרעהט איבער'ן צימער.

און פּלוצים האָט ער אויסגעשאָסען אַ הילכענדיגען גע־לעכטער. זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן מיט אַ צעשראָקענעם אויסגעשריי, אָפּגעשטעלט זיך, דערזעהן איהם אין דער טיר,

אָנגעקוקט איהם א רגע שטום און צעמישט און צום סוף האָט זי זיך אויך צעלאַכט.

— איהר טאַנצט עס? — האָט ער זיך אָנגערופען מיט א הארציגען שמייכעל — אויף נאמנות, איך האָב מיינע אויגען ניט געגלויבט. איהר זאָלט טאַנצען, איהר? אויף נאמנות, סיידען איהר האָט אַן אוצר געפונען...

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהם:

— יא, יא, יאַנקעל, אַן אוצר, אַן אוצר, א גרויסען אוצר...

זי האָט ניט געענדיגט און מיט אמאָל זיך אָפּגעשטעלט, איז אנטשוויגען געוואָרען און האָט אראונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— נו, וואָס? וואָס? פאַרוואָס זיינט איהר אנשוויגען געוואָרען? וואָס פאַר אַן אוצר?...

— איך וועל אייך בעסער ניט זאָגען, יאַנקעל... עס וועט אייך פאַרדריסען — האָט זי אַרויסגערעדט שטיל און ניט געקוקט אויף איהם.

ער האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— מיך וועט פאַרדריסען, מיך, וואָס אייך איז עפּעס געשעהן אזוינס, אז איהר טאַנצט, אז עס מאַכט אייך גליק־ליך?! האַלט איהר מיך פאַר אזא שונא? אויף נאמנות, איהר זענט משוגע!

— יא, יאַנקעל, איך בין גליקליך, זעהר גליקליך, און איך וואָלט וועלען, אז אלע, אלע זאָלען זיין גליקליך, בפרט איהר... יאַנקעל... הערט, יאַנקעל... אוי, איך האָב מורא, אז אייך וועט עס וועה טאָן!...

— פעני, אויף נאמנות, איהר זענט דאָך טאַקע עפּעס היינט משוגע!

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט בעטענדיגע אויגען.

— איך בעט אייך, יאַנקעל... איהר ווייסט גאָר ניט, ווי מיר וועט עס וועה טאָן, אז אייך וועט וועה טאָן... איך בעט אייך... זייט אַ מענש און... און טראַכט ניט וועגען דעם, וואָס מען דאַרף ניט טראַכטען...

האָט ער זיך נאָך העכער צעלאַכט.

—אויף נאמנות, וואָס רעדט איהר היינט? וועגען וואָס זאָל איך ניט טראַכטען? וועגען וועמען?...

— וועגען מיר זאָלט איהר ניט טראַכטען — האָט זי שטיל געזאָגט.

— וועגען אייך? נו, דאָס קאָנט איהר מיר ניט פאַר־וועהרען — האָט ער געשמייכעלט, — איך אַליין קאָן זיך עס אויך ניט פאַרוועהרען. אויף נאמנות, אזא גיבור בין איך ניט! — האָט ער צוגעלייגט שטיל און געשמייכעלט מיט זיין שטילען, הארציגען שמייכעל.

האָט זי פּלוצים אַרויסגערעדט:

— איך בין היינט אַ כלה געוואָרען, יאַנקעל...

— הא?...

— אָה, יאַנקעל, איך בין היינט די גליקליכסטע אויף דער וועלט!

דאָס בוך איז ביי איהם אַרויסגעפאַלען פון די הענט. ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגען אויף איהר, געעפענט דאָס מויל און אַ רגע זי אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט געמיינט. דערנאָך האָט ער נערוועז אַ לאַך געטאָן אין זיך און אַרויסגערעדט:

— אַי, געהט שוין, געהט מיט די חכמות! איהר לאַכט פון מיר? איהר רייצט זיך מיט מיר, וואָס?

— איך מיין ערנסט, יאַנקעל. איך בין א כלה געוואָרען היינט.

— ווער? וואָס? ווען? פון וואַנען האָט ער זיך מיט אמאָל גענומען, דער חתן? — האָט ער אַרויסגעשטאַ־מעלט און איז רויט געוואָרען — ערשט נעכטען, דאַכט זיך... אויף נאמנות, איהר לאַכט פון מיר!

— מיר קאָנען זיך שוין עטליכע וואָכען... איך האָב די גאַנצע צייט ניט געגלויבט, אז מיר זאָל באַשערט זיין אזא גליק... און היינט... היינט... אוי, יאַנקעל, איך ווינש אייך, אז איהר זאָלט זיין כאָטש אַ טווזענד טייל אזוי גליקליך, ווי איך בין היינט! ווען איהר וואָלט איהם גע־קאָנט, יאַנקעל — איז זי צוגעגאַנגען צו איהם נעהענטער — ער איז אזאַ ליבער, אזאַ פיינער, אזאַ איידעלער...

און זי האָט איהם אָנגענומען ביי אַ האַנט. זיין האַנט האָט געציטערט אין איהרער, און זיין פּנים האָט זיך נאָך מעהר צעפלאַמט, און זיין לאַנגע נאָז האָט זיך נאָך מעהר אויסגעצויגען.

— טאַקע? — האָט ער אַרויסגעמורמעלט הייזעריגליך און אַ ציה געטאָן מיט'ן האַלז אַזוי, אַזוי ווי דאָרט וואָלט איהם עפּעס געוואָרגען — נו, הייסט עס, קומט אייך אַ... מזל טוב?... מזל טוב אייך!

ער האָט אַרויסגענומען זיין האַנד פון איהרער און זיך איינגעבויגען, כדי אויפצוהויבען דעם בוך פון דער ערד. און ווען ער האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט מיט'ן בוך אין דער האַנט, איז זיין רעכטער אַקסעל געבליבען נאָך מעהר איינגעהויקערט איידער פריהער און אין זיינע פאַר'חלומ'טע אויגען איז געוועזען אויסגעגאָסען אַ טיפער צער.

זי האָט זיך אָנגערופען:

— עס פאַרדריסט אייך, יאַנקעל, איך זעה!...

ער האָט געצוואונגען אַ שמייכעל געטאָן.

— אמת, פּעני, עס פאַרדריסט מיך... איך לייקען עס ניט... און עס פאַרדריסט מיך אויך, הלמאי מיך פאַר־דריסט... איַ־אַי, אויף נאמנ'ת, דער מענש איז אַ מאָדנע בריאה. אַ שלעכטע בריאה, אַ פּאַסקודנע!... סך הכל פאַרוואָס זאָל דאָס מיך פאַרדריסען, האַ? איך האָב דאָך אייך ליב, צום שוואַרץ יאָהר? איך וואָלט דאָך וועלען, אַז איהר זאָלט זיין גליקליך? נו, זענט איהר איצט גליקליך, זעהר גליקליך, איך זעה דאָך... איהר טאַנצט, איהר זינגט, די אויגען לייכטען ביי אייך, גאָר אַן אַנדער פּעני — זענט איהר דאָך טאַקע אויף אַן אמת גליקליך, האָב איך דאָך געדאַרפט זיין צופרידען פון דעם? איז ניין, פאַרדריסט עס מיך, טוט עס מיר וועה... און עס קומט אויס, אַז אייער גליק טוט מיר וועה... אפנים, אַז ניט אייך ליב איך, נאָר איך ליב זיך, זיך אַליין, אַ פּאַסקודנע, עגאָאיסטישע בריאה, פעו!...

ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ פאָטעל, געעפענט דעם בוך, צעטראָגען אַריינגעקוקט אין איהם, פאַרמאַכט איהם גלייך, אַוועקגעלייגט איהם לעבען זיך און דאָן זיך צעשאָקעלט מיט'ן גאַנצען קערפּער, געפּאַטשט זיך מיט די הענט איבער די קני און יעדע ווייל פאַרטראַכט אַרויס־געלאָזט „פעו!" און געזיפצט.

זי האָט געקוקט אויף איהם און געשוויגען. זי האָט רחמנות געהאַט אויף איהם און געטראַכט, וואָס אַזוינס

איהם צו זאָגען, כדי איהם צו טרייסטען, און זי האָט קיין ווערטער ניט געפונען.

צום סוף האָט זי ארויסגערעדט:

— גלויבט מיר, יאַנקעל, אז איך וואָלט זעהר געוואָלט, אז איהר זאָלט זיין גליקליך.

ער האָט טרויריג א שמייכעל געטאָן.

— מיט אַנאַנדערער, הא?...

און ער האָט גערעדט ווייטער מיט א שפּאָטישען טאָן וועגען זיך אליין:

— און אז איך וואָלט אַן אַנדערע ליב געהאַט, וואָס מיינט איהר, וואָלט געווען? דאָס אייגענע: געה, ברודער יאַנקעל, ווייטער!... אזא מזל האָט שוין מיין ליבע פון תמיד אָן!... פאַר מיין ליבען די פרייהייט האָט מען מיך אין רוסלאַנד אמאָל פאַרשיקט אין סיביר. פאַר מיין ליבען דאָ די ארבייטער־באַוועגונג, שיקט מען מיך יעדע עטליכע וואָכען אַוועק פון'ם שאַפּ, און פאַר מיין ליבען... פאַר מיין ליבען — האָט ער איבערגעזאָגט און אָנגעקוקט פעני'ן מיט אויגען פון טרויער — אזא ליב קינד האָט מען מיך געדאַרפט, אויף נאמנות, זאָג איך אייך, פאַרשיקען אין א משוגעים־הויז! איז דאָס ניט א געלעכטער? א העמדעל־אָפּערייטאָר, וואָס פאַרדינט דורכשניטליך 15־16 דאָלאַר א וואָך, שעהן ווי דער שוואַרץ־יאָהר, ניט קיין פראַנט און ניט קיין קאַוואַליער, אַן אַלטער באָק; שוין באַלד א פיער און דרייסיגער, זאָל גאָר חלומ'ען פון אזא זאַך... ער, — האָט ער זיך א פּאַטש געטאָן מיט די הענט איבער די קני — דער טייפעל זאָל מיך נעמען, אזא נאַר!...

ער איז אנשווייגען געוואָרען. זי האָט אויך געשוויגען און זיך געפיהלט אומבאַקוועם פון זיינע רייד.

און פּלוצים האָט ער ווידער ארויסגערעדט:

— און וואָס פאַר אַן ארבייטער איז אייער חתן?

— ער איז ניט קיין ארבייטער. ער איז אַן ארומרייזענ־דער פאַר א געשעפט.

— אהא, איהר זעהט? ניט קיין 15־דאָלאַרדיגער אָפּע־רייטאָר!

זי האָט אינסטינקטיוו דערפיהלט אין זיין קול א פיינד־

שאָפּט צו איהר חתן און זי איז אויפגערעגט געוואָרען און איהם שוין געענטפערט אין טאָן:

— ניט קיין 15 דאָלאַרדיגער אַפּעריטאָר, אַ דאַנק גאָט דערפאַר!

— און אַ פּראַנט מסתמא אויך?

— אַלץ הייסט אַ פּראַנט!

ער האָט זי אָנגעקוקט.

— פאַרוואָס ענטפערט איהר מיר אין אַזאַ טאָן, פעני?

— האָט ער איהר פאָרגעוואָרפען.

— פאַרוואָס פרעגט איהר מיך אין אַזאַ טאָן, יאַנקעל?...

— איהר זענט גערעכט! — האָט ער ארויסגעפּליסטערט, גענומען דאָס בוך, וואָס איז געלעגען לעבען איהם אויפ'ן פּאָטעל, געעפענט איהם און איינגעגראָבען אין איהם די אויגען.

גראַד דאַן האָט די מיסעס אַ רוף געטאָן פעני'ן צו עסען.

פעני איז ארויסגעלאָפען פונ'ם פראָנט־צימער און יאַנ־קעל איז דאָרט געבליבען אַליין.

און שפּעטער, נאָכ'ן עסען, ווען זי איז צוריק אריינגעקו־מען אינ'ם פראָנט צימער, האָט זי דאָרט געטראָפען יאַנקלען נאָך אויף דעמזעלבען אָרט.

ער איז געזעסען אינ'ם פּאָטעל,ביידע עלענבויגענס אָנ־געלעהנט אויף זיינע קני, דעם קאָפּ ארומגענומען מיט די הענט, די אָקסעל איינגעבויגען, און האָט געקוקט אויף דר'ערד.

דאָרט, לעבען זיינע פיס, איז געלעגען דאָס בוך אָפען און אַ פרימלינג־ווינטעלע, וואָס האָט זיך דורך די אָפענע פענסטער אריינגעריסען, האָט זיך געשפּילט מיט אַן איינציג בלעטעל פונ'ם בוך, געפּאַטשט איהם אויף ביידע זייטען און געשאָרשקעט מיט איהם.

ווען זי איז אריינגעקומען, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, אויסגעגלייכט זיך און אויפגעהויבען פונ'ם אָרט.

ער האָט אויסגעשטרעקט צו איהר די האַנט מיט אַ שול־דיגען שמייכעל.

— זייט ניט בייז אויף מיר, פעני, — האָט ער געזאָגט, — איך בין געווען אַ נאַר... איך האָב גערעדט, ניט ווי אַן אָנשטענדיגער מענש און ניט ווי אַן אינטעליגענטער מענש מיט שכל! פונ'ם גאַנצען האַרצען ווינש איך אייך גליק.

פונ׳ם גאנצען הארצען! איך האב קיין רעכט ניט געהאט צו אייך צו רעדען אזוי. איהר האט מיר קיינמאל קיין האפע־נונג ניט געגעבען, גאר נישט צוגעזאגט און איך האב קיין רעכט ניט געהאט צו דענקען, אז איהר וועט אנאנדערען ניט ליבען! גאר נישט, א שוואך מענשעלע, ווי איך, האב איך מיר גע׳חלומ׳ט פון א ביסעלע גליק... זייט מיר מוחל, פעני — האט ער הארציג איהר געדריקט די האנט און גע־שמייכעלט מיט זיין פאר׳חלומ׳ט־קינדערשען שמייכעל — פונ׳ם גאנצען הארצען ווינש איך אייך, אז איהר זאלט זיין גליקליך!

דעמאלט האט אין איהר הארצען זיך אויך אויפגעוועקט די פריהערדיגע פריינדשאפט צו איהם און זי האט געזאגט:

— איך דאנק אייך, יאנקעל. אוי, יאנקעל, איך וויל אייך באקענען מיט איהם.

ער האט א שאקעל געטאן דעם קאפ.

— ניין, עס איז מיר שווער, אויף נאמנות, איהר דארפט עס פון מיר גאר ניט פארלאנגען. אז איהר ליבט איהם, איז ער מסתמא ווערט... נא, איכ׳ל זיך זעצען שרייבען א בריוו צו מיין ברודער אין פילאדעלפיע. איך האב איצט באשלאָ־סען צו פארלאזען ניו יארק...

פעני האט זיך א כאפ געטאן:

— אוי, דעם בריוו צו מיין מאמע׳ן האב איך נאך אויך ניט אוועקגעשיקט. איך האב גאר פארגעסען, אז איך האב אנגעשריבען א בריוו!...

זי האט גענומען איהר הוט און האנט־טאש פון דער זאפע און איז אוועקגעלאפען צו זיך אין צימער אריין.

דארט, אויף א קליין טישעל, ניט ווייט פון איהר בעט, איז געלעגען א בוך. זי האט איהם געעפענט און ארויסגענו־מען פון דארט א בריוו, וואס זי האט אייערנעכטען אנגעשרי־בען צו איהר מאמע און שוועסטער און איהם אריינגעלייגט אינ׳ם בוך. אין דעם טומעל פון איהרע געדאנקען און גע־פיהלען אין די לעצטע פאר טעג האט זי געהאט פארגעסען אן איהם.

זי האט גענומען לייענען דעם דאזיגען בריוו:

„ליבע מאמינקע און ליבע אסתר׳קע," האט זי גע־לייענט, „איך בין, א דאנק גאט געזונט, דאס נעמליכע

פון אייך צו הערען. די ארבייט דערוויל געהט ביי מיר שווערליך. ניט צוגעוואוינט זיך נאָך צו דער ארבייט אין אַ פאַבּריק און אָפט קלעפּט זיך צו דאָס העמד צום לייב, שוויצענדיג ביי דער מאַשין; עס וועט שוין זיין מסתמא אָל־ראַיט, ווי מען זאָגט דאָ, אין אַמעריקע... איך וועל זיך מיט דער צייט צו דעם צוגעוואוינען, דאַן וועל איך אָנהויבען פאַרדינען מעהר און וועל קאָנען אייך מעהר שטיצען און אפשר אינגאַנצען אייך אַראָפּ־ברענגען אַהער... אוי, מאַמינקע, ווי דערלעבט מען דאָס! איך וויל דיך אַזוי זעהן, דיך און אסתר'קען! איך בענק אַזוי נאָך אייך! איך וויל אייך אַזוי קושען און האַלזען, אַזוי שטאַרק, מאַמינקע, אַזוי שטאַרק, שוועסטערל! און נאָך שווערער ווערט מיר אויפ'ן האַרצען, ווען איך דערמאָן זיך נאָך, וואָס עס טוט זיך ביי אונז אין שטעדטעל איצט פאַר פּסח. ווי מען גרייט זיך צום יום־טוב; ווי מען רייניגט און כשר'ט די הייזער; ווי מען שטויסט די מצה, און באַלד וועט מען אַרונטערנעמען די פּסח'דיגע כלים פונ'ם בוידעם, און דערנאָך וועלען שטעהן פלעשער וויין אויף דעם גע־דעקטען טיש מיט די שעהנע כוסות, און די סטערינאָווע ליכט וועלען ברענען אין אונזערע זילבערנע לייכטער, און ביים סדר וועסטו, מאַמינקע, זיצען מיט אסתר'קען און איך וועל ניט זיין לעבען אייך; איך וועל זיצען דעמאָלט אין מיין פינסטערען צימער אויף דער אַנדערער זייט ים, טויזענדער מייל פון אייך, אָהן אַ סדר, אָהן מיין מאַמע'ן און אָהן מיין שוועסטערל... און דו, מאַמע, וועסט זיך דערמאָנען אָן מיר און וועסט וויינען, און איך וועל זיך דערמאָנען אָן דיר און אסתר'קען און וועל אויך וויינען..."

וויטער האָט פעני ניט געקענט לייענען, וויל איהרע אויגען זענען פאַרשלייערט געוואָרען פון טרערען.

זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפ'ן שטול לעבען טישעל, איז צוגעפאַלען מיט'ן שטערען צום אָרעם און זיך צעוויינט.

„ווען זיי וואָלטען איצט געווען מיט מיר, ווען איך בין אַזוי גליקליך," האָט זי געטראַכט און באַנעצט דעם אַרבעל מיט איהרע וואַרימע טרערען.

דאן האט זי אויפגעהויבען דעם קאפ, אפגעווישט די אויגען און געלייענט ווייטער:

„אבער, מאמינקע, לאמיר האפען, אז איבער א יאהר פסח וועלען מיר זיצען אלע צוזאמען אין ניו יארק ביי א סדר ..."

„דאס זיכער, זיכער!" האט זי צוגעגעבען אין איהרע געדאנקען און געשמייכעלט גליקליך, „ווילי און איך און מיר אלע וועלען דאן אפריכטען גאר א פרעהליכען סדר!"

און זי האט ווייטער געלייענט:

„דער הימעל ביי אונז אינ'ם שטעדטעל מוז אודאי איצט זיין זעהר שעהן? ווער פון מיינע חבר'טעס פרעגט זיך נאך אויף מיר? האט עמיצער פון זיי שוין געטאן א שידוך? און ווי זעהט אוים דער וואלד אויפ'ן גרויסען בארג? איז ער שוין גרין? און בליהען שוין די בוימער אויף אונזער גאס? און זינגט שוין דער סאלאווי ביי אונזער שכן דמיטרי אין סאד? שרייבט מיר וועגען דעם אלעם. איך ליב אייך אזוי; איך בענק אזוי נאך אייך אלעמען און נאך אלצדינג, אלצדינג, וואס איך האב איבערגעלאזט אין דער היים... דא ביי אונז, אין ניו יארק, אין דעם טומעל, איז דער ענגשפאט, אין דער פראצע און אין דער שטיקעניש, דערמאנט מען זיך אזוי אפט אן דער היים, אפילו אן דער ארימער היים...

„דיין טאכטער און שוועסטער, וואס האפט צו זעהן זיך מיט אייך באלד אין גיכען —

„פייגעל עלקין."

זי האט א טראכט געטאן:

„גוט, וואס איך האב דעם בריף נים אוועקגעשיקט! א נארישער בריוו, וואלט זיי צעריסען די הערצער. איצט קאן איך זיי שרייבען גאר אן אנדער בריוו. אוי, ווען זיי וועלען איהם באקומען! מיין גוטע, טייערע מאמינקע, מיין ליבע שוועסטערל," האט זי געפליסטערט מיט א הארץ פול מיט ליבע.

זי האט צעריסען דעם בריוו, צוגערוקט צו זיך דעם טינטער און פעדער, וואס האבען זיך דערביי געפונען אויפ'ן

טישעל, און מיט אַ נשמה, וואָס האָט געזונגען, האָט זי גענומען שרייבען אַן אנדער בריוו אַהיים.

ווען זי האָט דעם בריוו געענדיגט, איז אין איהר צימער שוין געווען גאַנץ טונקעל. זי האָט איהם איבערגעקוקט און איז געבליבען צופרידען.

דערנאָך האָט זי דעם בריעף אריינגעלייגט אין אַ קאָנ־ווערט, אָנגעשריבען דעם אדרעס פון איהר מאַמע'ן און איהם פאַרקלעפּט.

אין אַ ווייל־ע אַרום האָט זי אָנגעצונדען די גאַז אין'ם צימער און זיך גענומען איבערטאָן.

זי האָט איבערגעביטען איהר בלוזע, איהר קלייד, צע־לאָזט און פאַרפלאָכטען איהרע וואונדערשעהנע בלאָנדע האָר און ווידער זיי צעלאָזט און ווידער זיי פאַרפלאָכטען. האָט יעדע ווייל־ע אריינגענומען אין איהרע הענט דאָס קליין שפּיגעלע, וואָס איז געשטאַנען פאַר איהר אויפ'ן טישעל, און זיך אויפמערקזאם באַטראַכט, געמאַכט קרויזעלאַך אויפ'ן שטערען, אַזוינע ווי ביי ווילי'ן, געפיהרט מיט די פינגער איבער די ליכטיגע ברעמען, לייכט אַ פּודער געטאָן די באַ־קען, די האַלז, ארויפגענומען אַ ביסעלע פּודער אויפ'ן לאַדאָן, און מיט דעם גוט אויסגעריבען די הענט, באַמערקט אַ טינט־פלעק אויף אַ פינגער, האָט זי איהם גענומען רייבען אַן איהרע פולע, רויטע, פייכטע ליפּען, און ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען, האָט זי אינגאַנצען געלויכטען און געשטראַהלט. ווי דאָס גליק אַליין.

דערנאָך האָט זי גענומען דעם בריוו פונ'ם טישעל, פאַררוקט איהם אונטער דער בלוזע ביים בוזים, פאַרדרעהט די גאַז און איז ארוים פונ'ם צימער.

דורכגעהענדיג דעם טונקעלען פראָנט־צימער, האָט זי זיך אָנגעשטויסען אַן יאַנקעל'ס בעט און גלייך דערהערט זיין קול:

— איהר, פעני?

—יאַ. וואָס טוט איהר דאָ אין דער פינסטער?

— איך ליג מיר אין בעט און טראַכט נאַרישקייטען.

— זענט איהר אַ נאַר! — האָט זי, די גליקליכע, איהם געענטפערט און איז אוועק.

זי איז דאָס איצט געגאַנגען צו מיסעס גוטמאַן, וואו איהר חתן האָט שוין מסתמא געוואַרט אויף איהר, און דאָס האַרץ אין איהר ברוסט האָט זיך אזוי געצאַפּעלט און געקלאַפּט.

איהר חתן איז טאַקע שוין דאָרט געווען. ער איז געזעסען מיט מיסעס גוטמאַן און מייביל'ן ביים טיש און געגעסען.

— זעהט, ווי שעהן זי איז! — האָט ער אויסגעשריען, ווען זי איז אַריינגעקומען, האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם אָרט, אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט זיין שוואַרצע, געקרויזטען לאָקען איבער זיין לינקען, לאַכענדיגען אויג, און איז איהר געגאַנגען אַנטקעגען.

זי האָט זיך פאַררויטעלט פון זיינע ווערטער און גליקליך געשמייכעלט צו איהם מיט איהרע חן־גריבעלאַך.

— קום, דו וועסט מיט אונז עסען — האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנגערופען.

— עסט געזונטערהייד — האָט פעני געענטפערט.

דער חתן האָט זי אָנגענומען ביי דער טאַליע און געזאָגט:

— קום, קום צום טיש. צוליב מיר וועסטו עסען.

און זי האָט זיך אויך געזעצט ביים טיש לעבען איהם און געגעסען.

געגען איהר איז געזעסען מייביל, אויך אַן איבערגעטאָנענע און אויסגעפּודערטע, האָט געגעסען און ניט אַרונטערגענומען פון איהר די שוואַרצע גנב'ישע אויגען.

מיסעס גוטמאַן האָט יעדער ווייל צוגערוקט צו פעני'ן עפּעס אַן אַנדער מאכל מיט די ווערטער:

— עס, עס, א גדולה אויף דיר!...

דאַן האָט דער חתן מיט אַמאָל גענומען אַרויסווייזען זיין ליבע צו איהר פאַר'גנב'טערהייט הינטער'ן טיש מיט די הענט און מיט די פיס. דאָ האָט ער איהר אַרויפגעטראָטען אויפ'ן פוס און דאָ אַ דריק געטאָן איהר קני, דערביי האָט ער יעדעס מאָל, מעשה וואוילער יונג, מיט זיין לאָקען אויפ'ן שטערען אַ וואָרף געטאָן און צוגעוואונקען צו איהר מיט די אויגען.

מייביל האָט דאָס באַמערקט, און זי האָט צוגעבויגען דעם שוואַרצען קאָפּ נידעריג צום טעלער און זיך איינגעגראָבען אין איהם מיט די אויגען, כדי זיך ניט צעלאַכען.

מיסעס גוטמאַן האָט עס אויך באַמערקט און זי האָט געשמייכעלט אין זיך און געטראַכט:

„אַז אַך און וועה נעבעך צו איהר! נארישע, פארליבטע קעלבער, ווי אזוי דערקאָנען זיי ניט אויף זיין פנים, אַז דאָס איז אַן אויסוואורף, אַ ממזר, אַ גנב שבגנב, אַ רוח אין זיין הארצען אריין! איך וואָלט אזא דערקאָנט, דאכט זיך אַן אָפגעשונדענעם!"

און פעני איז געזעסען ווי אויף שפּילקעס, האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען פון זיינע פאַר'גנב'עטע לאָקעס, געקוקט אויף איהם מיט פאַרוואורף, געבעטען איהם מיט די אויגען. זאָגען עפּעס האָט זי זיך געשעמט. און יעדע ווײַלע האָט זי מיט אַלע כחות געמוזט דערשטיקען אין זיך אַ געשריי פון זיינער אַ לאָסקע...

זי האָט געפּרואווט שטילערהייד זיך אָפּרוקען פון איהם, האָט ער זיך נאָך נעהענטער צוגערוקט צו איהר.

און פּלוצים האָט זי ארויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטען געשריי, און זיך אויפגעהויבען. דער פּנים איהרער האָט פאַרשעמט געפלאַקערט און אין איהרע אויגען זענען טרערען געשטאַנען.

מייביל האָט זיך צעלאַכט, איז אויפגעשפּרונגען פון'ם אָרט און אזוי לאַכענדיג, מיט די הענט דריקענדיג די ברוסט, איז זי פאַרשוואונדען אינ'ם פראָנט צימער.

מיסעס גוטמאַן האָט זיך אויך אויפגעהויבען.

— וואָס איז, אַ גדולה אויף אייך? — האָט זי געפרעגט גאַנץ נאַאיוו, פאַרלייגט איהרע דיקע אָרעמס אונטער דער הויכער ברוסט און געקוקט כלומר'שט פאַרוואונדערט דאָ אויף פעני'ן און דאָ אויף ווילי'ן, וועלכער איז געבליבען זיצען און האָט מיט אַ שמייכעל געציפּט פעני'ן ביים אָרעם. זי זאָל זיך זעצען, און דערביי פאַר'גנב'עט צוגעוואונקען צו מיסעס גוטמאַן מיט'ן רעכטען אויג.

פעני איז געשטאַנען און האָט ניט געקוקט אויף איהם. דאַן איז זי מיט אַ צעפלאַמטען פּנים און ארונטערגעלאָזטע אויגען ארוים פון'ם טיש.

מיסעס גוטמאַן איז געוואָרען אומרוהיג. זי האָט מיט כעס אַ וואונק געטאָן צו ווילי'ן. דערנאָך האָט זי ווידער געפרעגט:

— וואס איז דיין כלה ברוגז געווארען?
ווילי האט זיך אנגערופען מיט א פארשולדיגטער מינע:
— זי איז גערעכט, איך גיב צו. איך ווייס ניט, ווי דאס קומט צו מיר. איך האב זיך ערלויבט עטוואס... דער טייפעל זאל מיך נעמען, אז איך פארליר דעם קאפ, ווען איך דערזעה זי!...
מיסעס גוטמאן האט א שאקעל געטאן דעם קאפ.
— פע! א גדולה אויף דיר, סטייטש, ווי קומט עס צו דיר, אזא אנשטענדיגער באי, ווי דו ביזט?...
האט ער איהר אונטערגעכאפט אין טאן:
—איך פרעג אייך, ווי קומט עס צו מיר? איהר קאנט דאך מיך!...
— וואונדער איך זיך טאקע, א גדולה אויף דיר! דו וואלסט זי כאטש געהאליובעט, ווען דו ביזט מיט איהר אויג אויף אויג, ניט ווען מייביל איז דא! אט איז זי ארויסגע־לאפען, האסט זי אויך פארשעמט, א גדולה אויף דיר!...
ווילי האט זיך אויפגעהויבען און ארויסגערעדט מיט א שעמעוודיגען טאן:
— און איך אליין שעהם זיך איצט אויך!...
ער איז צוגעגאנגען צו פעני'ן:
— פעני, נא מאר! דאס ערשטע און לעצטע מאל, מיין עהרענווארט! גלויב מיר, איך האב דיך אזוי ליב, אז איך פארגעס גאר אויף וואס פאר א וועלט איך בין, ווען איך זעה דיך!... נו, ניט ברוגז זיין, ניט ברוגז זיין — האט ער גענומען זי לאשטשען מיט זיין קול, וואס האט געקלונגען אזוי ווייך און צערטליך און זיך ארייגגע'גנב'עט צו איהר אין דער נשמה און געטריבען פון דארט די געפיהלען פון באליידיגונג און מיידעלשער בושה, וואס זיינע פריהערדיגע גראבע לאסקעס האבען דארט ארויסגערופען: — נו, טו א שמייכעל, טו א לאך... נו, איך בעט דיך, פעני, איך בעט דיך!...
און צום סוף האט זי א שמייכעל געטאן.
— איך בעט אייך, דיימאנד — האט זי ארויסגעפלי־סטערט — איהר דארפט וויסען, או... אז... ניט שעהנע זאכען זענען מיר אומאנגענעהם...
ער האט זיך צעלאכט.

— ביזטו שוין אַמאָל געווען אַ כלה? ביזטו שוין אַמאָל ארומגעגאַנגען מיט אַ חתן? אָבער נאָ מאַר, איך גיב דיר מיין וואָרט!

איצט האָט מיסעס גוטמאַן זיך ווידער אריינגעמישט:

— איבערהויפּט, וואָס ברענסטו אזוי, חתן, אַ גדולה אויף דיר? באַלד איז דאָך אייער חתונה, מיט מזל! ווייסטו, כלה, וואָס דיין חתן וויל? — האָט זי זיך אַ קעהר געטאָן צו פּעני׳ן מיט אַ פרעהליכען שמייכעל, — ער וויל, אַז די חתונה זאָל זיין צוויי וואָכען נאָך פּסח...

פּעני האָט אויסגעגלאָצט די אויגען.

— וואָס?

—יא, פּעני — האָט דער חתן אונטערגעכאַפּט — אַזוי מוז עס זיין. איך האָב ניט קיין היים. וואוינען ביי פרעמ־דע האָט מיר שוין דערעסען. אויסער דעם פאָהר איך אין עטליכע וואָכען ארום אַוועק אויף אַ לאַנגער רייזע ווענען ביזנעס, און דיך אַליין האָב איך אויך צו שטאַרק ליב. וואָס זאָלען מיר אָפּלייגען? חתונה געהאַט, און איך ווייס, אַז איך האָב אַ ווייב, אַ היים, און דו וועסט האָבען אַ היים...

פּעני האָט ארויסגעמורמעלט:

— אַזוי שנעל? עפּעס... עפּעס... וועט אויסקו־מען מאָדנע... און אייערע עלטערען? — האָט זי פּלוצים געפרעגט.

— מיינע עלטערען? — האָט ער איבערגעפרעגט, איז אנטשוויגען געוואָרען און דערנאָך זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מיינע עלטערען קאָנען ניט זיין אויף דער חתונה. זיי וואוינען צו ווייט, אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע...

— דאָרט גאָר?

— יעס!

— מיין קוזינע וואוינט אויך דאָרט. דיזעלביגע קור־ווינע, צו וועלכער איך בין געקומען. אַ מאָנאַט נאָך מיין קומען אהער איז זי מיט איהר מאַן אַוועקגעפאָהרען קיין לאָס אַנדזשעלעס.

—נאָך אייער חתונה, — האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנ־גערופען, — וועסטו זיך דורכפאָהרען אהין און דו וועסט זיך זעהן אי מיט דיין מאַנ׳ס עלטערען, אי מיט דיין קוזינע.

— איך ווייס גאָר ניט איצט איהר אַדרעס. די איינציגע קרובה, וואָס איך האָב דאָ — האָט פּעני געזאָגט.

— מיר וועלען שוין אויסגעפינען איהר אַדרעס — האָט ווילי באַמערקט, — נו, וואָס דענקסטו וועגען דעם?

— וועגען וואָס?

— מיר זאָלען איין גיכען חתונה האָבען?

מיסעס גוטמאַן האָט זי אַ צופּ געטאָן ביים קלייד און געענטפערט פאַר איהר:

— אודאי איז זי ניט דאַגעגען. פאַרוואָס זאָל זי זיין דאַגעגען? וואָס איז, נאָך ווייטער אַרבייטען אין שאָפּ? נאָך געזונט פאַרלירען? ניט אַזוי, כלה, אַ גדולה אויף דיר? פּעני האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— אויב איהם איז אַזוי בעסער... כ'ווייס?... ער דאַרף אַוועקפאָהרען אויף אַ לאַנגער צייט... זאָגט, אַז... כ'ווייס?...

ווילי האָט זי אַרומגענומען.

— אַט אַזוי ביזטו אַ גוטינקע!

און ער האָט זי אַ קוש געטאָן.

דאַן האָט ער באַמערקט ביים בוזים פון איהר בלוזע אַ ברעג פון איהר בריוו, וואָס זי האָט אַהין פאַרשטעקט און ער האָט איהם אַרויסגעשלעפּט.

— מיין בריוו צו מיין מאַמע'ן — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן — גיט אַהער, איך דאַרף עפּעס צושרייבען.

ער האָט איהר איהם אָפּגעגעבען.

— וואָס שרייבסטו דאָרט?

— אַ סוד! — האָט זי געענטפערט.

— עפּעס וועגען מיר אויך.

זי האָט איהם געוויזען אַ שפּיץ פון איהר צונג און זיך צעלאַכט.

— איך שטעל מיר פאָר, וואָס זי שרייבט דאָרט וועגען דיר! — האָט זיך אָנגערופען מיסעס גוטמאַן מיט אַ שמייכעל.

—ער טאָר ניט וויסען. ער וועט זיך דערנאָך צופיעל איבערנעמען! — האָט פּעני געלאַכט — אָבער, אַז איהר ווילט צושרייבען אַ פּאָר ווערטער צו מיין מאַמע'ן, קאָנט

איהר דעם בריוו לייענען — האָט זי צוגעלייגט, ווענדענדיג זיך צו ווילי׳ן.

— זי פאַרשטעהט דאָך ניט קיין ענגליש און אידיש קען איך ניט שרייבען — האָט ער געענטפערט — שרייב צו, אַז איך גריס איהר און אַז איך דאַנק איהר פאַר אַזאַ טאָכטער, און אַז דיין גליק איז אין זיכערע הענט, ענד דהאַטס אָל! דאַרפסט האָבען אַ פעדער? נאַ!

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין וועסט-קעשענע אַ פאָונ־טיין פען און איהר דערלאַנגט.

אָבער ווען זי האָט אויפגעריסען דעם קאָנווערט און אַרויסגענומען דעם בריוו, איז מיסעס גוטמאַן צוגעשטאַנען צו איהר, אַז זי וויל הערען, וואָס זי האָט געשריבען.

מייביל איז אַריינגעקומען פונ׳ם פראָנט-צימער, האָט זי אויך געבעטען, אַז זי זאָל לייענען דעם בריוו.

דאַן האָט פעני, וועלכע האָט, אגב, אין האַרצען זעהר געוואָלט, אַז איהר ווילי זאָל הערען, וואָס זי האָט געשריבען, אָנגעהויבען צו לייענען דעם בריוו.

„מאַמינקע,“ האָט זי געלייענט פריהער שטיל און פאַרשעהמט, און דערנאָך פרייער און העכער, „עס איז פאַראַן גליק אויף דער וועלט, עס איז נאָך פאַראַן! איך בין אַזוי גליקליך, מאַמינקע, די גליקליכסטע אויף דער גאַנצער וועלט! געבענשט זאָל זיין די מינוט, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע!“

— דהאַט׳ס מי! — האָט ווילי אונטערבראָכען איהר לייענען און זיך אַ פורקע געטאָן מיט אַ פינגער אין דער ברוסט, — דהאַט׳ס מי— דאָס מיינט זי מיך!...

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער זאָפע, אויסגע־צויגען זיך, דערנאָך פאַרריסען ביידע פיס אין דער הויך און גענומען קלאַפּען מיט זיי אין דער וואַנט.

— דהאַט׳ס מי, מי, מי! — האָט ער נאָך העכער גע־שריען און צוגעקלאַפּט מיט די פיס אין דער וואַנט.

פעני איז אַנשוויגען געוואָרען.

שאַ, לאָז-זשע הערען, אַ גדולה אויף דיר! — האָט זיך אָנגערופען מיסעס גוטמאַן, שטעהענדיג לעבען פעני׳ן, מיט ביידע אָרעמס פאַרלייגט אויפ׳ן הויכען בוזים.

— העי, סטאפ, חתן! — האט מייביל א געשריי געטאן און איז אפגעטראטען א ביסעל ווייטער פון פעני'ן, כדי יענע זאל ניט באמערקען, ווי דאס גנב'יש געלעכטערל רייסט זיך פון איהרע אויגען.

— אל־ראיט, לייען ווייטער, פעני, — האט ער געזאגט און ארונטערגענומען זיינע פיס פון דער וואנט און זיך איבערגעדרעהט מיט'ן רוקען ארויף, — לייען, לייען, טייפעל, איך בין אזוי שטאלץ!

פעני האט זיך האלב א קעהר געטאן צו איהם מיט'ן בריוו אין האנט און זיך אנגערופען האלב־קאקעטיש:

— אז איהר וועט זיין אזוי משוגע, וועל איך ניט לייענען.

— איך וועל שווייגען. איך וועל זיין שטום. א־א... זעהסט? — האט ער זיך ארייגערוקט א פויסט אין מויל — מ־מ־מ!...

פעני האט געלייענט ווייטער:

„מאמינקע, מיינע, דער גוטער גאט האט מיר צוגעשיקט א חתן, אז דו װאלסט מיר געגעבען צעהנדליגער טויזענדער, וואלט איך קיין בעסערען און קיין ליבערען ניט געקאנט גאר האבען. זיינע אלע מעלות קאן איך דיר גאר ניט אויסשרייבען. איך בין גאר קיין מבינ'טע ניט אויף זיי. אינ'ם שטעדטעל ביי אונז איז גאר קיין איינער ניטא אזא. זיין נאמען איז דימענט, און ווען איך זאל, מאמינקע, האבען אלע דימענטען און בריליאנטען פון גאר דער וועלט, וואלטען זיי ביי מיר ניט געוועזען אזוי טייער, ווי אט דער דאזיגער איינציגער דימענט מיינער!...“

מייביל איז שוין געשטאנען צונויפגעקארטשעט און געשפארט איהר טיכעל אין מויל אריין, אזוי האט זיך פון איהר געריסען דער געלעכטער.

דער חתן האט פאר'גנב'עט אויסגעדריקט זיין שפאס דורך אלערליי האוואיעס און באוועגונגען: די צונג ארויסגעשטעלט, געסאפעט מיט זיין קורץ, פרעך נעזעל, געקלאפט זיך מיט'ן בויך אין דער זאפע און אזוי ווייטער...

איין מיסעס גוטמאן איז אויף אן אמת געווען באגייסטערט פון דעם דאזיגען בריוו. נאכאנאנד האט זי איבערגעשלאגען פעני'ן:

— הער נאַר, הער נאַר, ווי זי שרייבט דאָס אַ ביסעל! אײ־אײ, אַזוי ווי מען לייענט אַמאָל אין די פּייפּערס! הער נאַר, הער נאַר, אַ גדולה אויף איהר, אַזוי טייער, אַזוי זיס!...

און דערבײַ האָט זי אָפּגעווישט אַ טרעהר מיט דער דיקער האַנט.

און פעני האָט געלייענט ווײַטער:

„מאַמינקע מײַנע, די גאַנצע וועלט מײַנע, וואָס איז מיר דאָ פריהער געווען אַזוי פינסטער און אַזוי חושכ׳דיג, איז מיר איצט געוואָרען ליכטיג..."

„אַ קלאָג צו איהר, נעבאַך! אַ בראָך צו איהר, נעבאַך!" האָט מיסעס גוטמאַן אַ טראַכט געטאָן און נאָך אַמאָל אַ וויש געטאָן די אויגען.

און וואָס ווײַטער פעני האָט געלייענט, אַלץ מעהר האָט זי צעשרויפט די דיקע, אַלטע מיסעס גוטמאַן. אפילו מייביל ווען זי האָט באַמערקט, ווי מיסעס גוטמאַן איז „צענומען," איז אויך געוואָרען ערנסטער און האָט אַוועקגענומען דאָס טיכעל פון׳ם מויל.

די ווערטער פון דעם דאָזיגען בריוו, פול מיט אמת׳ן גע־פיהל, וואָס האָבען זיך אַרויסגעגאָסען פון אַן אומשולדיגען מיידעלשען האַרצען פריי און ניט געקינצעלט, ווי דער דופט פון בלומען, האָט מאָדנע געווירקט אויף דער דאָזיגער מורא׳־דיגער בריאה, וועלכע האָט געהייסען מיסעס גוטמאַן, און דורך איהר אויף מייביל׳ן...

און ווען פעני האָט דערנאָך מיט אַ ציטערנדיגען טרער אין איהר קול געלייענט: „ווען דער טאַטע וואָלט איצט געלעבט" און האָט ניט געקענט ווײַטער לייענען, מחמת טרערען האָבען זי געשטיקט, האָט מיסעס גוטמאַן שוין מעהר ניט אויסגעהאַלטען און אַ זעץ געטאָן זיך אויף אַ שטוהל און גענומען כליפּען און סאָפּען, ווי אַן אַלטע קאַץ:

— דער׳הרג׳עט געוואָרען, נעבאַך, איז אַ פּאָגראָם! — האָט זי געכליפּעט און זיך געשאָקעלט מיט איהר גאַנצען שווערען גוף — געווען אַן עהרליכער, אַ מיוחס, אַן עושר אַ איד — האָט זי מיר דערצעהלט... און ליגט, נעבעך, איצט אין דר׳ערד מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ! און מײַן טאַטע איז דען ניט געווען אַ שעהנער איד? ווער האָט עס איהם ניט געקענט ביי אונז אין שטאָדט? און מײַן

מאמע, אזא עהרליכע אידענע!ביידע זענען שוין אויף יענער וועלט. אי־אי־אי! — האט זי זיך געשאקעלט און געוויינט.

און פּלוצים איז איהר מורא'דיג געווארען און זי איז אנשוויגען געווארען. דער געדאנק וועגען טויט האט אלע מאל זי געמאכט ציטערען. ווארים זי האט געוואוסט, אז פון אלצדינג קען מען זיך אויסקויפען מיט געלט, פון אלע צרות, פון אלע שטראפען, אבער ניט פון טויט און ניט פון יענע מורא'דיגע שטראפען נאכ'ן טויט... און איצט איז זי געגאנגען טאן אזא פארברעכען, און געגען וועמען? געגען א יתומה, א קינד פון א טאטען, וואס איז דער'הרג'עט געווארען אין א פּאגראם!... געוואלד, געוואלד, איהר טאטע־מאמע האבען דארט אודאי קיין רוה ניט!...

און דא האבען אין איהר פאנטאזיע א שוועב געטאן איהרע טאטע־מאמע אין תכריכים און באלד א שעהנער איד מיט א צעשפּאלטענעם קאפּ, און זי האט זיך צונויפ־געקארטשעט אויפ'ן שטול.

א רגע האט זי געוואלט א געשריי טאן צו פעני'ן „אנט־לויף פון דאנען, אנטלויף, ראטעווע זיך, א גדולה אויף דיר!" האט זיך אבער גלייך א כאפּ געטאן: „משוגע צו אל די שווארץ יאהר!" איז אויפגעשטאנען פונ'ם ארט און איז ארויס אין אן אנדער צימער.

ווילי, ליגענדיג מיט'ן רוקען ארויף, האט א מאך געטאן נאך איהר מיט א פוס און זיך אנגערופען מיט שפּאט אין קול:

—זי האט שוין דערפיהלט א בייסעניש, די אלטע!...

און ער האט גענומען פייפען שאפּענ'ס טרויער מארש.

פעני איז געשטאנען מיט איהר בריוו אין דער האנט און האט שוין ליכטיג געשמייכעלט. און מייביל איז געווען ערנסט. מיסעס גוטמאן, וואס האט אויף איהר שטענדיג געהאט א גרויסע ווירקונג, האט זי איצט אויך אנגעשטעקט מיט איהר ערנסטער שטימונג.

זי האט זיך איצט דערמאנט אן איהר טאטע־מאמע: אן איהרע שוועסטער און ברידער, וואס זי האט זיי שוין עטליכע יאהר ניט געזעהן, און אן אומעט האט זי געדריקט.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם לעצטען מאָל, ווען זי האָט זיי געזעהן, ווי זי איז דאַן געקומען צום ערשטען מאָל פון איהר איטאַליענעם אַ שיכור'ע און געבראַכט אהיים דאָס ערשטע געלט, וואָס זי האָט „פאַרדינט" מיט איהר יונגען גוף, ווי איהר אַרימער פאָטער, אַז ער האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָט דאָס געלט אַריינגעוואָרפען אין דעם ברע־נענדיגען אויוען און די נעגעל זיך איינגעגראָבען אין דער נאַקעטער ברוסט און געיאָמערט. און ווי איהר מאַמע האָט געריסען אויף זיך די האָר און היסטעריש געשריען: „ טאָכ־טער, טאָכטער, וואָס האָסטו געטאָן?" און ווי דער טאַטע האָט זי דערנאָך פון זיין הויז ארויסגעיאָגט...

זי האָט זיך געווענדעט צו פעני'ן:

— האָסטו געהאַט אַ טאַטען, וואָס האָט אויף דיר אַכ־טונג געגעבען?

פעני האָט זי אַנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— האָט ער דיך אַרויסגעשיקט אמאָל צו פאַרדינען, ווען דו ביזט נאָך געווען אַ קינד?

פעני האָט זי אָנגעקוקט מיט נאָך גרעסערע אויגען.

— האָסטו געהאַט פריינד שלעכטע מיידלאַך און באָים?

— איך פאַרשטעה דיך ניט, מייביל.

— טו העל וויט דעם! — האָט זיך ביי מייביל'ן ארויס־געריסען — האָבען זיי געזאָלט אכטונג געבען!

און זי איז פאַרשוואונדען אינ'ם פראָנט־צימער.

פעני האָט איהר נאָכגעקוקט. דערנאָך האָט זי זיך אַ קעהר געטאָן צו ווילי'ן:

— וואָס האָט זי געפרעגט? און וואָס איז זי מיט אמאָל געוואָרען אין כעס?

ווילי האָט איהר ניט געענטפערט. ער איז איצט אויך געלעגען אָן אַנגעכמורעטער.

מייביל'ס פראַגען האָבען איהם אויך דערמאָנט אָן זיין טאַטע־מאַמע, וואָס זייער שוועל האָט ער ניט געטאָרט אַרי־בערטרעטען. און ווי תמיד, אז ער האָט זיך אָן דעם דער־מאָנט, איז ער איצט אויך געווען מחמת דעם אין כעס. בפרט האָט ער זיך אָן איין סצענע דערמאָנט, וואָס מען האָט איהם געמאַכט ערשטע לעצטע וואָך, בעת ער איז געקומען באַזוכען זיין קראַנקע מאַמע.

ווען ער איז אריינגעקומען אין עס־צימער, האבען די שוועסטער זיינע איהם ניט געלאזט געהן ווייטער. זיי האבען זיך געשטעלט אין דער טיר, וואס האט געפיהרט צום צימער, וואו זיין מאמע איז געלעגען, און איהם פארשטעלט דעם וועג. דערנאך איז אריינגעקומען זיין טאטע, מיט דער ווייסער בארד, און האט מיט די הענט אזוי א פאטש געטאן, ווי ער וואלט דערזעהן א טייפעל.

— וואס טוט דא דער מלאך המות? — האט ער אויסגעשריען.

— איך בין געקומען געוואהר ווערען די מאמע.

— די מאמע? וואס? דו ווילסט איהר דערמאנען, אז זי האט געבוירען אזא... אזא... ארויס, עוכר ישראל!...

דאן איז ער אוועק מיט אזא כעס פון דארט, אז שפעטער האט ער שיער ניט דער׳הרג׳עט עלזא׳ן, קיד דזשא׳ס פריינדין.

איצט האט יענער בייזער כעס זיך ווידער אין איהם אנגעצונדען, בעת ער האט זיך אן דעם דערמאנט, און ער האט געפיהלט א ווילדע באדערפניש איהם אויסצולאזען צו עמיצען.

— דעם איט! — האט ער צונויפגעשטשעמעט די ציין.

און דא האט ער זיך פלוצים דערמאנט אן דעם מיידעל, וועלכע איז געלעגען ביי מעקארטי׳ן אין פלאץ, צו וועלכער ער האט געזאלט געהן היינט ביינאכט צו באזיגען זי, ווי ער האט עס בייטאג צוגעזאגט קיד דזשאו׳ן, און גלייך האט ער זיך פארגעשטעלט, ווי ער ווערט מיט איהר פארטיג אהן רחמנות...

ער איז ארונטערגעקראכען פון דער זאפע, האט געוואלט תיכף פאהרען צו מעקארטי׳ן.

— שרייב צו, אז א;נזער חתונה וועט זיין צוויי וואכען נאך פסח! — האט ער מיט אמאל זיך געווענדט צו פעני׳ן מיט אזא רציחה׳דיגען טאן, אז זי איז צעמישט געווארען.

— וואס זענט איהר בייז? — האט זי ארויסגערעדט צעטומעלט, — איהר רעדט עפעס ווי א גזלן...

ער האט זיך צעלאכט.

— איך האב דיך געוואלט איבערשרעקען... נו, נו,

שרייב צו — האָט ער צוגעלייגט מיט א ווייכען, זעהר ווייכען קול און זי א לאַשטשע געטאָן מיט די אויגען.

מייביל איז אריינגעקומען פון'ם פראָנט־צימער מיט א הוט אויפ'ן קאָפּ.

— איך געה שוין צו ביזנעס — האָט זי געזאָגט.

— טאָמער זעהסטו קיד זשאָען זאָג איהם, אז איך וועל היינט דאָרט זיין.

— אָל ראַיט, גוד נייט!

און מייביל איז אַרויס פון'ם הויז.

פעני האָט זיך געזעצט צום טיש און צוגעשריבען צום בריוו:

„מאַמינקע, איצט איז אָפּגעמאַכט געוואָרען, אז אונזער חתונה, מיט מזל, זאָל זיין צוויי וואָכען נאָך פסח. מאַמינקע, ניט דו און ניט אסתר'קע וועלען זיין אויף מיין חתונה!...“

און פעני האָט זיך צעכליפּעט.

דערנאָך איז מיסעס גוטמאַן אַריינגעקומען שוין א באַרוהיגטע. ווילי האָט איהר געזאָגט, אז ער וויל שוין געהן. זי האָט געוואוסט וואוהין, האָט זי איהם פארשטעלט גענומען צורעדען, אז ער זאָל אהין בעסער געהן שפּעטער, אַרום האַלבע נאַכט, ווייל צו רעדען וועגען ביזנעס מיט עמיצען, מוז מען תמיד אין דער ריכטיגער צייט...

פעני האָט נאָר פארשטאַנען, אז ער דאַרף ערגעץ געהן היינט ביינאַכט מכח עפּעס א וויכטיגען געשעפט און זיך געוואונדערט, ווי מאָדנע דאָס איז אַלץ אין אַמעריקע, געשעפטען מאַכט מען גאָר אין מיטען נאַכט!

ערשט א זייגער עלף איז ווילי אַוועק פון דאָרט און פעני גלייך מיט איהם.

אין פינסטערען קאָרידאָר האָבען זיי זיך צעשיידט. זי האָט זיך געלאָזט לויפען אַרויף די טרעפּ, זשומענדיג עפּעס א ניגון, און ער איז אַוועק צו זיין פאַרברעכערישער „ביזנעס“...

4.

דער שוואַרצער שעפּס

נעבען פּראָספּעקט עווענין איז ווילי אַרויף אויף א קאַר, וואָס איז געלאָפען צו האַרלעם־צו.

די קאר איז געווען געפּאַקט מיט מענער, פרויען און קינדער, ס׳רוב אידישע. ער האָט באַמערקט אַ ליידיגען זיץ, האָט ער איהם פאַרנומען.

דערנאָך האָט ער פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף דעם שכן, וואָס איז לעבען איהם געזעסען, און דער איד מיט׳ן בלייכען פּנים און געלען בערדעל האָט זיך איהם אויסגעוויזען זעהר באַקאַנט.

ער האָט זיך מעהר איינגעקוקט אין איהם, און מיט אַמאָל איז ער צעמישט געוואָרען און האָט אַוועקגעדרעהט די אויגען פון איהם.

דאָס איז געווען ר׳ שמערעל, זיין טאַטענ׳ס אַ לאַנדס־מאַן, אַ פרומער איד, וואָס האָט געהאַלטען אַ בעקעריי ער־גענץ אין האַרלעם.

דער דאָזיגער ר׳ שמערל איז געווען אַן אָפטער אריינגעהער צו זיין טאַטען אין הויז פון תמיד אַן און האָט געוואוסט, אַז ער, ווילי, אָדער, ריכטיגער, שלמה׳קע, האָט ניט געטאָרט איצט אריבערטרעטען זיין טאַטענ׳ס שוועל.

די דאָזיגע באַגעגעניש איז איהם געווען אומאַנגענעם. ווי יעדער באַגעגעניש מיט איינעם, וואָס האָט געקאַנט זיינע עלטערענ׳ס הויז און וואָס האָט געוואוסט, אַז זיין נאָמען טאָר דאָרט נישט דערמאָנט ווערען. עפּעס האָט ער זיך געשעמט, ווען ער האָט געטראָפען אַזאַ באַקאַנטען, געשעמט זיך, ווייל ער האָט קלאָר געוואוסט, אַז ער האָט זיך פאַר וואָס צו שעמען...

ער האָט זיך אומגעקוקט, געזוכט מיט די אויגען אַן אַנדער ליידיגען זיץ, געוואָלט זיך אָפּטראָגען פון שמערל׳ן. אָבער די פּלעצער אין דער קאַר זענען אַלע געווען פאַרנומען און, אויסער דעם, איז שמערל געווען פאַרטיפט אין לייענען אַ צייטונג און האָט איהם סיי־ווי ניט באַמערקט, איז ווילי זיך געבליבען זיצען אויף זיין אָרט.

„געדאַרפט פרעגען איהם, וואָס מאַכט די מאַמע,“ האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום אַ טראַכט געטאָן. „ער איז מסתמא נישט איין מאָל דאָרט געווען, זינט זי איז קראַנק...“

ער האָט אָבער ניט געפרעגט, ניט דערוועגט זיך, גע־שעמט זיך...

און דאָ האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן דער לעצטער סצענע אין דער היים, ווי מען האָט איהם ארויסגעטריבען. ווען ער איז געקומען באַזוכען זיין קראַנקע מאַמע, און ווידער האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ בייזער כעס, ווי פריהער בעת מייביל'ס רייד האָבען איהם אָן דעם דערמאָנט.

ער האָט פאַרשטשעמעט די צייהן.

„איז ניט!" האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט גאַל, „איך קאָן לעבען אָהן דעם!... טו העל וויט דאט! טו העל... איך האָב זיי געדאַרפט זאָגען, אז... אז... איך פייף אויף זיי! איך פייף!..."

און אין דער אייגענער צייט, ווען ער האָט געטראַכט אַזוי, האָט ער געפיהלט, אז ער ווערט דערשטיקט פאַר כעס. דאָס איז געווען אַ כעס פון הילפלאָזיגקייט געגען זיינע שוואַכע עלטערען...

ער, וואָס האָט זיך געפיהלט אַזוי זיכער און שטאַרק אין זיין זומפּיגען וועלטעל, וואו אַלע און אַלצדינג האָט זיך פאַר איהם געבויגען, געהאַלטען איהם פאַר אַ געבילדעטען. געזוכט זיין פריינדשאַפט, געציטערט פאַר זיין שטאַרקען פויסט און באַוואונדערט זיין בריה'שקייט אין באַזיגען פרוי־ען, — ער, דער דאָזיגער העלד, האָט זיך געפיהלט אַזוי הילפלאָז געגען יענער וועלט, וואו זיינע טאַטע־מאַמע און זיינע ברידער און שוועסטער האָבען זיך געפונען, אַט ווי אַ פאַרברעכער געגען אַ שטרענגען ריכטער....

וואָרים ער האָט גוט געוואוסט וועגען דעם חורבן, וואָס ער האָט געמאַכט דאָרט אין זייערע אלעמענס הערצער פון קינדווייז אָן. מיט 23 יאָהר צוריק, ווען ער איז געבאָרען געוואָרען אויף טשערי סטריט, האָבען זיינע עהרליכע טאַטע־מאַמע זיכער זיך ניט געריכט, אז דאָס איז אַן אומגליק אויף זיי געבוירען געוואָרען. זיי האָבען זיך מיט איהם געפרעהט, ווי מיט יעדען ניי־געבוירענעם קינד זייער'ן.

זיי האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען נאָך דער מאַמע'ס זיידען ר' שלמה, וועלכער איז געווען אַ באַוואוסטער רב אין אַ ליטווישען שטעדטעל. די מאַמע האָט דאַן צו איהם גע־פליסטערט: „עופהל'ע מיינס, אַזוי גוט און אַזוי פרום און אַזאַ למדן זאָלסטו זיין, ווי מיין זיידע, זכר צדיק לברכה.

וואָס זיין נאָמען וועסטו טראָגען!" און זיין פרומער טאַטע האָט אויך אויף דעם געהאַפּט.

זיי זענען נאָך דאָן געווען גרינע, ערשט א יאָהר אין לאַנד, און דער טאַטע, אַן אַמאָליגער היימישער סוחר, א מטופל פון זעקס קינדער, האָט דאָ געמוזט ווערען א פרעסער ביי קינדער־מאַנטלען, כדי צו קאָנען מפרנס זיין זיין ווייב און קינדער.

די קינדער זיינע האָט ער געלאָזט געהן אין סקול און זיי אויך געשיקט אין א אידישען חדר.

ווען זיי האָבען געענדיגט סקול, האָט זיך יעדער פון זיי געקראָגען א באַשעפטיגונג און דעם פאַרדינסט אריינגעבראַכט אין הויז אריין.

דעם טאַטען איז געוואָרען לייכטער צו לעבען.

ווען שלמה'קעלע איז אַלט געוואָרען זעקס יאָהר, האָט מען איהם אויך געשיקט אין סקול און אריינגעגעבען איהם צו א רבי'ן אין חדר.

ביז צעהן יאָהר איז ער געווען א קינד ניט א סך ערגער איידער די אַנדערע קינדער אין זיינע יאָהרען. האָט געשטיפט אַמאָל, ארומגע'הרג'עט זיך מיט אַנדערע אינגלאַך אין דרויסען, געקומען אַמאָל מיט א צע'הרג'עט אויג, מיט א צעריסענעם בגד — אָבער וועלכער אינגעל אין זיינע יאָהרען שטיפט דאָס ניט?

אַזוי האָט איהם פאַרענטפערט יעדעס מאָל זיין מאַמע, ווען זיין טאַטע האָט איהם פאַר זיין שטיפען אָנגעפּאַטשט.

דערפאַר אָבער האָט ער זיך ניט שלעכט געלערענט אין סקול און ביים רבי'ן די פּאָר שעה, און יעדען שבת איז ער מיט זיין טאַטען געגאַנגען אין בית־המדרש.

אָבער ווען ער איז אַלט געוואָרען צעהן יאָהר, האָט ער זיך גאָר אינגאַנצען געענדערט: האָט זיך גענומען ארומשלעפען מיט א שלעכט אינגעל פון „נעקסט דאָר," וואָס האָט געהייסען בענעלע און וועלכער האָט געהאַט די אַלע מעלות פון א שפּעטערדיגען באַנדיט, און מיט אַנדערע ווילדע אינגלאַך פון טשערי און מאַנראָו סטריט, געוואָרפען מיט זיי פענים, געשטאַנען מיט זיי אויף די „קאָרנערס," געשריען מיט זיי צו די אידען מיט בערד: „ווהיסקערס, זש־זש־ש!" און צוזאַמען מיט די דאָייגע אידישע און

אייִרישע, און איטאַליענישע אינגלאַך געוואָרפען שטיינער אויף די אידען מיט בערד און גע'גנב'עט ביים איטאַליענער פרוכטען פונ'ם וועגעלע...

אין סקול איז ער געוואָרען חוצפּה'דיג צו זיין לערערין און ניט איין מאָל האָט דער פּרינציפּאַל פון דער סקול גע־שיקט נאָך זיין מאַמע און זיך געקלאָגט אויף איהר באַי...

די מאַמע האָט גע'מוסר'ט שלמה'קעלען אי מיט גוטען און מיט בייזען; איהר מאַן אָבער, ווען ער איז געקומען אהיים פון דער אַרבייט, האָט זי מורא געהאַט צו דערצעה־לען, וואָס פאַר א פּרי זייער שלמה'קעלע איז געוועזן, און די מיידלאַך איהרע האָט זי אויך פאַרבאָטען צו דערצעהלען עפּעס דעם טאַטען אויף שלמה'קעלען, ווייל וואָס וועט העל־פען, אז ער וועט איהם שוין שלאָגען?

ביז איינמאָל איז געקומען שלמה'קעלעס רבי צו זיי אהיים מיט א צע'הרג'עט אויג. „זעהט, זאָלט איהר מיר לעבען, וואָס אייער נפש האָט מיר געטאָן!" האָט דער רבי, א חלוש א אידעל, געזאָגט מיט טרערען אין קול.

דאָס איז שוין געוועזן צ,פּיעל. און שלמה'קעלעס מאַמע האָט שוין דאָן אויך איהר מאַן דערצעהלט וועגען די אַנדערע מעשים פון שלמה'קעלען, און שלמה'קעלעס שוועסטער, וואָס זענען געוועזן עלטער פון איהם, האָבען אויך וועגען דעם דערצעהלט דעם טאַטען, וואָס זיי האָבען געוואוסט, און דער טאַטע האָט זיך אַזוי אַ נעהם געטאָן צו איהם און איהם אַזוי פאַרגעבען, אז א לאַנגע צייט האָט שלמה'קעלע ניט געקענט זיצען צוליב די בלויע צייכענס, וואָס ער האָט געהאַט אויפ'ן לייב.

שלמה'קעלע האָט זיך אָבער דערפאַר אָפּגערעכענט אי מיט'ן רבי'ן, אי מיט איינער פון זיינע שוועסטער. ערש־טענס, איז ער מעהר אין חדר ניט געגאַנגען. צווייטענס, האָט ער אין עטליכע טעג אַרום אונטערגעשיקט עטליכע פון זיינע „באָיס," אז זיי זאָלען זיך אָפּרעכענען מיט'ן „שיני" דעם רבי'ן, און זיי האָבען דעם שוואַכען אידען אָפּגעוואַרט. ווען ער איז אַרויס פון זיין חדר אויף מאָנראָו סטריט — ער אַליין, שלמה'קעלע, האָט זיך געשטעלט הינטער דער טיר פונ'ם אַנטקעגענדיגען הויז און פאַר'גנב'עט אָנגעוויזען אויף איהם — און אין איין רגע האָבען זיי דעם רבי'ן אַזוי צע־

מזיק'ט, אז ער איז נאָכדעם א היבשע צייט אַפּגעלעגען מיט פאַרבאַנדאַזשירטע אויגען.

און אין יענעם טאָג האָט שלמה'קעלע זיך אויך אָפּגערעכענט מיט יענער שוועסטער.

זי, די איינגסטע פון זיינע דריי שוועסטער, די 14 יעהריגע גאָלדע, א בלייך, בלאַס מיידעל, וואָס האָט שוין זייט אַ פּאָר חדשים געאַרבייט אין א שאַפּ ביי פּאָרטמאַנעס, איז דעמאָלט געווען אַליין אין הויז. די אַנדערע צוויי שוועסטער, די 15 יעהריגע מירקע און די 17 יעהריגע חאַסקע, זענען נאָך געווען אין שאַפּ, אויך זיינע צוויי עלטערע ברידער, ברוך און חיים, און דער טאַטע זענען נאָך געווען אין די שעפּער ביי זייער אַרבייט, און די מאַמע איז אַרונטערגעגאַנגען צו קויפען עפּעס, — דאַן האָט זיך שלמה'קעלע אָפּגערעכענט מיט זיין שוועסטער, ווען זי איז אליין געווען אין הויז.

זי האָט איהם געפרעגט, אויב ער איז היינט געווען אין סקול, האָט ער זיך מיט רציחה א כאַפּ געטאָן:

— און אז ניט, האַ? וועסטו דערצעהלען דעם טאַטען. האַ? וואַרט, וואַרט, איכ'ל זיך נאָך מיט אייך אַלעמען אָפּרעכענען!

און ער האָט איהר געוויזען דעם פויסט.

זי האָט זיך אָנגערופען:

— אוי, דאָס וואַקסט א באַנדיט! זעה נאָר אויגען, זעה נאָר!... וואַרט, וואַרט, מיר אַלע וועלען זיך נאָך א נעהם טאָן צו דיר!

— שאַט אַפּ! — האָט ער א געשריי געטאָן, איז צוגעלאָפען צו איהר און האָט איהר אַזאַ האַק געגעבען אין דער נאָז, אז דער גאַנצער פּנים איהרער איז באַוואַשען געוואָרען מיט בלוט.

זי האָט צעשראָקען א געשריי געטאָן, א כאַפּ געטאָן זיך מיט דער האַנט צום פּנים, דערפיהלט א וואַרימע פייכטקייט אויף איהרע פינגער, א קוק געטאָן אויף זיי און דערזעהן דאָס בלוט, איז זי מיט אַמאָל אָנשוויגען געוואָרען, האָט נאָר איהר האַנט מיט די פאַרשמירטע, פאַרבלוטיגטע פינגער פאַר זיך אויסגעשטרעקט, געקוקט אויפ'ן בלוט מיט גרויסע צע־

טומעלטע אויגען, און פאַר שרעק איז דער קול ביי איהר אין האַלז פאַרשטיקט געוואָרען.

אַ רגע האָט ער אויך געקוקט צעטומעלט, אַז ער האָט דערזעהן, ווי ער האָט זי צעבלוטיגט. דערנאָך האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ צעשראָקענעם יאָמער, אָט אַזוי ווי אַ הינטעל, וואָס וואָלט אומגעריכט געקראָגען אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקען, און ער איז אַרויסגעלאָפען פון׳ם הויז.

עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָט ער זיך נאָכדעם אין הויז ניט געוויזען.

ער איז געשלאָפען אין אַ ליידיגען קעלער אויף טשערי סטריט, פון וועלכען אַ שוסטער האָט דאָן געהאַט ניט לאַנג אַרויסגעצויגען, און וואו קעץ האָבען זיך גאַנצע נעכט אַרומגעריסען מיט אַ מורא׳דיגען יאָמער, און עסען האָט ער געגעסען די פּרוכטען, וואָס ער מיט זיינע חברים האָבען אַרונטערגעלאַטכענט ביים איטאַליענער פון׳ם וועגעלע.

צום סוף אָבער האָט איהם דערעסען אַזוי צו הונגערען און צו וואַלגערען זיך אין׳ם פינסטערען קעלער, און איינמאָל האָט ער אָפּגעוואַרט זיין שוועסטער גאָלדע׳ן, ווען זי איז פון דער אַרבייט געגאַנגען אַהיים, און זי גענומען בעטען, זי זאָל איהם מוחל זיין.

און זי, זיין שוועסטער, האָט זיך אַזוי דערפרעהט, ווען זי האָט איהם דערזעהן, וואָרים אין דערהיים האָט מען שוין געמיינט, אַז ער איז ערגיץ אומגעקומען און מען האָט איהם געזוכט, ווי אַ פאַרלוירענעם אוצר — און זי האָט איהם מוחל געווען און איז מיט איהם אַליין אַריין אין הויז.

די מאַמע האָט זיך אַזש צעוויינט פאַר שמחה. און ווען זיין טאַטע איז דערנאָך געקומען, זענען איהם אי די מאַמע, אי גאָלדע, פאַרלאָפען דעם וועג, מיט אַ גוט וואָרט פאַר שלמה׳קעלען.

דערנאָך האָט שלמה׳קעלע געגעבען זיין האַנט דעם טאַטען, אַז ער וועט שוין זיין גוט און פרום, און אַלע אין הויז האָבען איהם מוחל געווען.

און אַ געוויסע צייט האָט ער זיך דערנאָך אויפגעפיהרט גאָר ווי אַ לייטיש קינד, געפאָלגט יעדען אין הויז, געדאַווענט אין צייט, געגאַנגען אין סקול אין צייט און אין חדר צו אַ נייעם רבי׳ן אָנגעהויבען צו געהן מיט חשק. פון זיינע

חברים פון טשערי סטריט האָט ער זיך דערוווּיטערט. אַלע אין שטוב האָבען פון איהם איצט אָנגעקוואָלען. דער טאַטע האָט איהם ביים בעקעל געקניפּט און געזאָגט: „דו ביזט גאָר אַ וואויל בחור'ל געוואָרען, שלמהקעלע! אָט איצט האָב איך צו דיר גאַרנישט!" און די מאַמע האָט איהם געגעבען פּענים און מען האָט איהם געקויפט אַ נייעם גאַרניטערעל.

די ברידער און שוועסטער זיינע, קומענדיג פון דער אַרבייט, האָבען צייטונגען און ביכער געלייענט, האָט ער זיך באַמיהט זיי נאָכצוטאָן און אויך אָנגעהויבען צו לייענען. פון זיינע טשערי סטריט חברים האָט ער געוואוסט וואו מען קאָן קריגען פאַר אַ פּעני אַ העפט צום לעזען, האָט ער פאַר די פּענים, וואָס זיין מאַמע האָט איהם געגעבען, די דאָזיגע אַלטע העפטען געקראָגען.

דאָס זענען געווען אַלץ רויבער־געשיכטעס: „ניק קאַר־טער," „דיק סלייטער" און נאָך אַנדערע פון דעם מין...

די דאָזיגע געשיכטעס האָט ער פאַרשלונגען, זיך אָפּ־רייסען פון זיי ממש ניט געקאָנט. איז פאַרטיג געוואָרען מיט איין העפט, האָט ער קוים דערלעבט די צייט, ווען ער האָט פאַר אַ פּעני געקראָגען אַ צווייטען.

די דאָזיגע רויבער מיט זייערע העלדישע מעשים האָבען פּשוט פאַר'שכור'ט זיין קינדערשען מח. ער האָט געטראַכט פון זיי אין סקול, אין חדר, בעת ער האָט געדאַוונט, בעת ער האָט געגעסען און בעת ער איז געשלאָפען. און אָפט האָט זיך איהם גע'חלומ'ט, אַז ער אַליין איז איינער פון יענע רויבער־העלדען, און ער גנב'עט, און ער רויבט, ברעכט אויף שלעסער, באַפאַלט, דער'הרג'עט מענשען...

זיין טאַטע, אַז ער האָט געזעהן, מיט וואָס פאַר אַ חשק שלמה'קעלע איז אַריינגעטאָן אין די ביכלאַך, האָט ער אָנ־געקוואָלען און ער האָט גערעדט:

— שלמה'קעלע וואַקסט אַ לייט. אמת, קיין רב וועט ער ניט זיין פון די דאָזיגע ביכלאַך, אַ דאָקטאָר קען ער אָבער יאָ זיין.

און די מאַמע האָט נאָך מעהר אָנגעקוואָלען פון דעם מיזיניקעל, ווייל שלמה'קעלע, ווערענדיג אָפט באַגייסטערט פון די מעשים פון זיינע געליבטע העלדען, האָט זיין התפעלות אויסגעגאָסען פאַר איהר, זיין מאַמע, דערצעהלט איהר מיט

ברענענדיגע אויגעלאַך און פאַרכאַפּטען אָטעם וועגען די דאָזיגע העלדישקייטען.

און הערענדיג איהם, האָט זי אי פון דער מעשה גע־קוואָלען, אי פון דעם, וואָס איהר שלמה'קעלע האָט אַזאַ גוט קעפּעלע און פאַרשטעהט אַזוי גוט, וואָס אין די ביכלאַך ווערט דערצעהלט.

די אַנדערע קינדער אין'ם הויז איז קיינמאָל ניט איינ־געפאַלען צו זעהן, וואָס אַזוינס ער לייענט. אַבּי ער האָט געלייענט און איז ניט אַרומגעלאָפען איבער די גאַסען מיט די „לאופערס," זענען זיי שוין געוועזען צופרידען.

דערצו איז יעדער פון זיי געוועזען פאַרנומען מיט עפּעס.

דער עלטערער ברודער ברוך איז געוועזען אַ פאַרברענטער סאָציאַליסט, איז ער שטענדיג געוועזען פאַרנומען מיט זיינע מיטינגען. דער אַנדערער ברודער חיים און זיינע צוויי שוועסטער, מירקע און גאָלדע, האָבען אָנגעהויבען באַזוכען אַ „האי סקול" אין די אָווענדען, זענען זיי שטענדיג געווען פאַרנומען: בּייטאָג אין שאַפּ ביי דער אַרבּייט און ביינאַכט — אָדער אין סקול, אָדער אין דערהיים מיט די לעסאָנס.

און די 17 יעהריגע האָסקע, ווי נאָר זי איז געקומען אַהיים פון דער אַרבייט, האָט זי זיך אָוועקגעזעצט לייענען אַ בוך. האָט זי איהם אַזוי לאַנג געלייענט, ביז זי האָט געמוזט געהן שלאָפען.

ביז איינמאָל האָט דער ברודער ברוך, דער סאָציאַליסט, צופעליג דערזעהן, וואָס שלמה'קעלע האָט געלייענט, האָט ער צעריסען דעם העפט און ערקלערט זיין טאַטען, וואָס פאַר אַ מורא'דיגער סם־המות עס זענען אָט די העפטען פאַר אַ קינדערשען מח. דערביי זענען אויך געוועזען די אַנ־דערע קינדער, האָבען זיי אויך דאָס אייגענע געזאָגט.

פון אָט דער צייט אָן, האָט שלמה'קעלע ניט געטאָרט אַריינברענגען אין הויז אַריין קיין העפטען פון אָט דעם מין.

האָט ער זיי געלייענט ניט אין דערהיים. האָט זיך פאַרקליבען ערגעץ מיט זיינע אַלטע חברים אין אַ ווינ־קעלע, ערגעץ אויף דער גאַס, צי אין דעם ליידיגען קעלער אויף טשערי סטריט, צי גאַר אין דעם ביכער־קרעמעל, וואו זיי האָבען די דאָזיגע העפטען געקראָגען, און געלייענט און אַרומגערעדט די העלדען און זייערע העלדישקייטען...

איצט איז ער שוין ווידער זעלטען געזעסען אין הויז און ווידער האט דער טאטע איהם געשלאגען, און ווידער האבען איהם די אנדערע אין הויז געזידעלט.

ער האט געזידעלט צוריק, געוויזען זיינע פויסטען, זיינע צייהן און א מורא'דיגע רציחה אין זיינע אויגען.

איצט איז ער געווען א סך ערגער איידער פריהער, א סך פארביסענער, פאר'עקשנ'טער. און ווען דער טאטע האט איהם איצט געשלאגען, האט ער ניט געוויינט ווי אמאל, נאר ער האט געלאכט זיין טאטע'ן אין פנים אריין מיט אזא רציחה, מיט אזא בייזען פייער אין די אויגען...

דער טאטע האט געשלאגען און שלמה'קעלע האט גע־לאכט, און וואס שטארקער דעם טאטענ'ס קלאפ איז געווען, אלץ העכער האט שלמה'קעלע געלאכט און אלץ רציחה'די־גער. און ווען דער טאטע האט איהם דערנאך ארויסגעלאזט פון זיינע הענט, האט שלמה'קעלע איצט כמעט אלע מאל געשריען, לאכענדיג: „אט דוקא, דוקא, דו שיני!" און זיינע שוועסטער און ברידער האט ער איצט אנדערש ניט גערופען ווי „קאיקס"...

און גאר אפט האט ער געטראכט, ווען ער זאל האבען דעם כח פון איינעם פון זיינע עלדערן, וואלט ער שוין גע־וויזען דעם „שיני" און די „קאיקס," ווי צו שלאגען זיך!

אזוי איז ער אלט געווארען 14 יאהר.

אין דער דאזיגער צייט האט ער געענדיגט „פאבליק סקול" און געפונען א „דזשאב" ערגעץ אין אן אפיס, וואו ער האט פארדינט אכט דאלאר א וואך.

איצט איז ער אינגאנצען ארויס פון דעם רשות פון דעם „שיני" און די „קאיקס." ער האט שוין געהאט זיין געלט. ער האט שוין געהאט וואס צו „ספענדען," וואס צו פאר־שווענדען. און ער האט גענומען לעבען א גוטען טאג מיט זיין חברה: ער האט באזוכט מיט זיי „פייטס," די בורי־לעסק טעאטערס אויף דער 14טער סטריט, ארויסגעפאהרען מיט זיי קיין קוני איילאנד און געגאנגען מיט זיי אין טאנץ־שולען.

די איירישע און איטאליענישע „לאופערס" פון טשערי סטריט זענען איהם געווען נעהנטער איידער זיין טאטע־מאמע און זיינע ברידער און שוועסטער...

אין דערהיים האָט מען איהם שוין מעהר ניט געטשעפּעט; מען האָט דערזעהן, אַז מיט בייזען וועט מען מיט איהם גאָרנישט מאַכען, האָט מען איהם געלאָזט צורוה און אַלץ געהאָפּט, טאָמער וועט ער זיך אַליין „כאַפּען.“

קיינער האָט ביי איהם מעהר גאָר נישט געפרעגט; קיינער האָט מיט איהם ניט גערעדט, אזוי ווי מען וואָלט איהם גאָר ניט באַמערקט. אָבער אין הארצען האָט יעדער איינער אין הויז געטראָגען פון איהם יסורים.

אזוי איז אַוועק נאָך אַ יאָהר און נאָך אַ יאָהר. ער האָט שוין פאַרדינט 15 דאָלאַר און אין הויז קיין סענט ניט געגעבען.

ער האָט אויסגעזעהן אַ סך שטאַרקער איידער אַ באַי אין זיין עלטער, איז געווען שעהן און שלאַנק, מיט בליטשטשענדיגע גנב'ישע אויגען.

דאַן איז ער איין מאָל אויפגעטראָטען אין אַ „פּייטרינג“ געגען עטליכע באָיס, און זיינע „פריינד“ האָבען נביאות געזאָגט, אַז ער וואַקסט גאָר אַ גדול צווישען „פּייטערס,“ אפשר גאָר אַ טשעמפּיאָן...

צו יענער צייט איז ער באַגאַנגען דעם ערשטען פאַרברעכען פון די פיעל אין זיין שפּעטערדיגער קאַריערע.

מיט צוויי פריינד איז ער איינמאָל אַ זונטאג ארויסגעפאָהרען אין קאָנאַרסי און זיי האָבען דאָרט פאַרבראַכט אַ גאַנצען טאָג.

דאָרט האָבען זיי געטראָפען אַ יונג מיידעל; זי האָט אויסגעזעהן אַ יאָהר 15, האָבען זיי זיך מיט איהר באַקאַנט און זי מכבד געווען מיט קענדי און אייז־קרים.

דאָס מיידעל האָט גאָר אָנגעקוואָלען פון שלמה'קעלעס וויצען. דאַן זיינען זיי מיט איהר אריין אין אַ טאַנץ־האָל און שלמה'קע האָט מיט איהר געטאַנצט, און דאָס מיידעל האָט זיך גאָר צוגעקלעפּט צו איהם. דערנאָך האָבען זיי מיט איהר ארומגעשפּאַצירט ביים וואַסער, ביז עס איז גאַנץ שפּעט געוואָרען.

דאָס מיידעל האָט דאָרט געוואוינט ניט ווייט, אַ פאַרמער'ס אַ טאָכטער, האָט זי איהם געבעטען, ער זאָל זי באַגלייטען אהיים. האָט ער און זיינע פריינד זי באַגלייט.

זיי זענען געגאַנגען איבער אַ פעלד, זי מיט איהם פאַר־אויס, פרעהליך און שטיפענדיג, און זיינע פריינד פון הינ־טען. וואָס ווייטער זיי זענען געגאַנגען, אַלץ פינסטערער איז געוואָרען אַרום זיי. די פינסטערע נאַכט האָט זיך גע־וויקעלט אַרום דעם פעלד פאַר זיי און די פייערלאַך פון די אַמוזירונגס־פּלעצער אין קאָנארסי הינטער זיי, האָבען זיך אַלץ מעהר און מעהר געררוקט הינטער אַ גערדיכטען, שוואַר־צען שלייער... דער הימעל איבער זיי איז אויך געווען שוואַרץ, אָהן אַ שטערענדעל. און אַזוי שטיל איז געווען אַרום, אַז מעהר ווי דאָס קוואַקען פון פראָשען און אַ ווייטער קלינגען פון אַ קאַר, האָט זיך ניט געהערט...

פלוצים האָבען די פריינד אָנגעהויבען צו צופּען איינער דעם אַנדערען, און באַלד איז שלמה'קעלעס האַנט געלעגען ביים מיידעל אויפ'ן מויל, און אַ צעשראָקענער געשריי איז פאַרשטיקט געוואָרען...

און ערשט שפּעטער, ווען ער מיט זיינע פריינד זענען געלאָפען איבער'ן פינסטערען פעלד צו דער קאַר, האָבען זיי פון דער ווייטענס דורך דער פינסטערניש, דערהערט דעם יאָמער פון דער מיידעל, וועלכע איז געקומען צו זיך און האָט גערופען איהר טאַטען...

זיי זענען אַרויפגעשפּרונגען צעשראָקענע אויף דער קאַר און אַ לאַנגע צייט האָבען זיי מורא געהאַט אַ וואָרט אויס־צורעדען איינער מיט'ן אַנדערען.

ערשט, ווען די קאַר איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק, האָ־בען זיי זיך באַרוהיגט און שלמה'קעלע, האָט דער ערשטער אַרויסגערעדט מיט אַ שמייכעל:

— ע נייס ליטל גירל!...

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון זיין קאַריערע.

פון איצט אָן האָט שלמה'קעלע, אָדער „קיד סעם" — ווי זיינע חברים האָבען איהם גערופען, געקוקט אויף אַלע מיידלאַך מיט די אויגען פון יענעם פאַרברעכען, און ניט איין מיידעל, ניט וויסענדיג אַליין פאַרוואָס, האָט אינסטינק־טיוו אויפגעציטערט פון זיינע גיריגע בליקען...

אָבער אַ ריכטיגער בירגער פון דער אונטערוועלט איז ער געוואָרען, ווען ער איז אַלט געוואָרען 20 יאָהר.

איינמאָל, ווען ער איז אַרויסגעטראָטען „פּייטען" אַ פּראָפעסיאָנעלען „פּייטער" אין אַ האָל אויף דער איסט סייד, האָט ער זיך דאָרט באַקענט מיט אַ מיידעל פון דער אונ־טערוועלט. זי האָט זיך גלייך צוגעקלעפּט צו דעם שעהנעם, שלאַנקען און שטאַרקען „קיד סעם" — דעם באַי מיט'ן שוואַרצען געקרויזטען קאָפּ און שוואַרצע קאָכעדיגע אויגען. דערנאָך האָט ער זיך שוין מעהר ניט גענויטיגט אין קיין אַרבייט און אפילו מעהר ניט געטראַכט וועגען ווערען אַמאָל אַ „טשעמפּיאָן" אַ פּייטער. די דאָזיגע פּרנסה איז איהם געווען מעהר צום האַרצען, ווי דאָס פּייטען זיך...

אַזוי איז ער באַקאַנט געוואָרען מיט אַנדערע מיידלעך און זייערע „באַשיצער" און באַלד גענומען שפּילען אַ ראָלע אין זיין נייעם קרייז.

זיינע נייע פריינד זענען געווען אַלע פון דעם דאָזיגען מין בחורים, ווי „קיד דזשאָ", לואי און „טשאַרלי די בייבי" — קאָדעטען און גענגסטערס, ביי וועלכע פּאַר געלט האָט מען אַלץ געקאָנט פּועל'ן, אַפּילו עמיצען אַריינרוקען אַ „שטילען מעסער" אין האַרצען...

זיי האָבען אַלע פּאַר איהם געהאַט דרך ארץ, ווייל ער איז געווען אינטעליגענטער פון זיי, האָט געקאָנט רעדען שעהנער, האָט, ווען מען האָט גענדאַרפט, געקאָנט שפּילען די ראָלע פון אַן אָנשטענדיגען דזשענטעלמאַן און ווייל ער האָט גיכער איידער אַנדערע געקאָנט „איינברעכען" אַ מיידעל...

די מיידלאַך זיינע האָבען איהם פאַרגעטערט און ווי ער האָט אַזאַ מיידעל ניט געשלאָגען, האָט ער אָבער דערנאָך זי אַ גלעט געטאָן, האָט זי איהם גלייך אַלצדינג מוחל געווען...

ער איז געוואָרען אַ פּראָפעסיאָנעלער צושטעלער פון „לעבעדיגער סחורה," און האָט געטאָן זיין טייפעלשע אַר־בייט מיט אַ ליידענשאַפטליכען פאַרגעניגען און האָט געהאַט גרויס ערפאָלג.

ער האָט געהאַט אַ מערקווירדיגען חוש, צו וועלכער מיידעל עס האָט זיך געלוינט צוצוגעהן און צו וועלכער ניט. אַזעלכע מיידלאַך האָט ער גלייך דערשמעקט, ווי אַ יאַגט־

הונט אַ חיה, און קיינע פון זיי האָט זיך דערנאָך פון איהם ניט אַרויסגעדרעהט.

איז איהם געלונגען צו קריגען דאָס מיידעל אַזוי, ניט חתונה האָבענדיג מיט איהר, איז אודאי רעכט געווען. אַז ניט, האָט ער מיט איהר כלומר'שט חתונה געהאַט, מיט יעדער מיידעל אונטער אַן אַנדער נאָמען, אָנגעבענדיג זיך אַלס „טרעוולינג סיילסמאַן" — אַן אַרומרייזענדער פאַר אַ געשעפט — און נאָך דער חתונה האָט ער כלומר'שט גע־דאַרפט אַוועקפאָהרען ערגעץ וועגען געשעפט, און ער האָט איבערגעלאָזט זיין „ווייב" מיט זיינעם אַ פריינד, ווי לואי, אָדער טשאַרלי די בייבי, און זיי האָבען זי שוין דערנאָך „איינגעבראָכען."

איז דאָס „ווייב" געווען צו פאַר'עקשנ'ט, האָט ער אויף זיך אַליין גענומען די מיה זי איינצוברעכען, און אַלע מאָל געהאַט ערפאָלג.

איצט האָט ער געהאַט געלט גענוג און געצאָהלט זיין מאַמע'ן צעהן דאָלאַר אַ וואָך פאַר זיין עסען.

אין דערהיים האָט ער געזאָגט, אַז ער האַלט אין שותפות מיט נאָך איינעם אַ טאַנץ־זאַל אַפּ טאַון.

זיי האָבען איהם געגלויבט. אַניט, פאַרוואָס דען קומט ער אַהיים ערשט פאַרטאָג און האָט געלט אויף צו פוצען זיך אַזוי און אויך אויף ברילליאַנטענע רינגען?...

אמת, זיין ביזנעס איז קיינעם אין הויז ניט געווען גע־פעלען. זיי האָבען זיך אָבער געטרייסט, אַז האַלטען אַ טאַנץ־זאַל איז דאָך שעהנער ווי צו זיין אַ „פייטער"...

אַזוי איז אַוועק נאָך אַ יאָהר און נאָך אַ יאָהר. די ביידע שוועסטער האָבען געענדיגט די נייט סקול און האָבען איצט געאַרבייט אַלס בוכהאַלטערינס; זיין ברודער חיים האָט געענדיגט אַ לאָא סקול און געהאַט אַן אָפיס אויף נאַסאַו סטריט; האָבען זיי ניט געלאָזט זייער טאַטען מעהר געהן אַרבייטען, איז ער אָדער געזעסען אין דערהיים איבער דער גמרא, אָדער געזאָגט עין יעקב אין בית המדרש פאַר אַן עדה אידען, ווי אין דער היים, אַמאָליגע צייטען.

דאָס עלטערע מיידעל, מירקע, איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ חתן, אַ סטודענט פון מעדיצין, וואָס פאַר זיין שטודירען האָבען די שוועסטער און דער ברודער חיים געצאָהלט. דער

חתן איז געווען א פארברענטער ציוניסט און האָט געווירקט אויף זיין כלה און איהרע שוועסטער, אז זיי זאָלען אויך ווערען ציוניסטקעס.

דער עלטסטער ברודער ברוך איז שוין געווען פארהייראַט, האָט געוואוינט אין די בראנקס און, אז ער איז אמאָל געקומען אהיין, האָט מען נאָר דאָרט געשמועסט וועגען סאָציאַליזם און ציוניזם. אַלע אין דעם הויז, די דריי שוועסטער און דער ברודער דער לאַיער און מירקע׳ס חתן, האָבען זיך געקאָכט און דעבאטירט יעדער און יעדע לשם זיין אָדער איהר גלויבען, יעדער און יעדע לשם זיין אָדער איהר אידעאַל...

אַפילו דער אַלטער, פרומער טאַטע האָט זיך אויך באַטייליגט אין די דאָזיגע דעבאַטען. ער האָט, נאַטירליך, מעהר געהאַלטען מיט די ציוניסטען און ציוניסטקעס אין זיין הויז, אָבער סאָציאַליזם האָט ער אויך ניט אוועקגעמאַכט אונטער דער האַנט. ער, וואָס האָט פארזוכט דעם טעם פון ארבייטען אין א שאָפ, האָט זיך נישט איינמאָל אויסגעדריקט, אז „סאָציאַליזם איז אויך ניט קיין קרומע זאך"...

ווען שלמה׳קעלע איז געווען דערביי, בעת מען האָט דאָרט געשמועסט פון סאָציאַליזם און ציוניזם, האָט ער זיך קיינמאָל ניט אריינגעמישט אין דעם שמועס, האָט זיך נאָר צוגעהערט און איראָניש געשמייכעלט.

ער האָט זיי געהאַלטען פאַר משוגעים. גאַנץ טיף אָבער ביי זיך אין הארצען האָט ער פאר זיי דרך ארץ געהאַט און געשטאַלצירט, וואָס זיינע שוועסטער זענען אזוי געבילדעט און אזעלכע אידעאַליסטקעס, וואָס איין ברודער זיינער איז א לאַיער און וואָס ער וועט האָבען א דאָקטאָר א שוואָגער.

איינמאָל האָט ער זיך אזוי באַריהמט דערמיט פאַר זיינע חברים, און תיכף האָט איהם פארדראָסען, הלמאי ער האָט זיינע שוועסטער דערמאָנט פאַר זיי. ער האָט געפיהלט, ווי ער וואָלט דורך דעם באַשמוצט עפּעס, וואָס איז איהם געווען הייליג און וואָס ער האָט געהאַלטען פאַרבאָרגען און פארדעקט טיעף ערגעץ אין זיין נשמה פון די דאָזיגע אויסוואורפען, זיינע חברים...

מעהר האָט ער זיי ניט דערמאָנט אין יענעם קרייז. און האָט עמיצער פון דער חברה זיי אַמאָל דערמאָנט, איז שלמה'קעלע געוואָרען מלא רציחה און געוואָרענט צווישען די ציינער, מיט אַ בייזען פייערל אין די אויגען:

— פליז, פליז, רעד ניט פון זיי; איך וויל ניט, דו זאָלסט זיי דערמאָנען, דו הערסט?...

און איינמאָל, בעת איינע פון די „מיידלאַך" האָט זיך שיכורערהייט צו איהם אָנגערופען: „מאָרים — ער האָט דאָן געהייסען מאָרים — זענען דיינע שוועסטער אויך אַזוי שעהן ווי דו? היינט פאַרוואָס?..." — האָט ער זי אַזוי געשלאָגען, אַז צוויי טעג האָט זי זיך דערנאָך ניט געקענט ווייזען פאַר „געסט"...

אַ מאָדנעם חשק האָט ער איצט געהאַט צו שלאָגען די דאָזיגע אומגליקליכע נפשות. ער האָט זיי געשלאָגען מיט אַ מערקווירדיגער קאַלטער רציחה, אָהן געשריי, געלאַסען, אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ, אַזוי ווי ער וואָלט געצעהלט די קלעפּ, געשמייכעלט דערביי מיט אַ קאַלטען שמייכעלע אויף די ליפּען, נאָר אין די אויגען זיינע האָט זיך געצונדען בשעת מעשה אַ פייערל פון אַ קרענקליכער הנאה...

און מיט אַמאָל האָט מען ביי איהם אין דערהיים זיך דערוואוסט וואָס זיין אמת'ע באַשעפטיגונג איז געווען.

זיין ברודער ברוך איז געקומען, ווייס ווי לייוואַנד, און האָט דאָרט דערצעהלט, אַז ער האָט זיך דערוואוסט פון אַ ריכטיגען קוואַל, וואָס שלמה'קעלע טוט.

דאָס איז געווען אַ זונטאג ביי טאָג. שלמה'קעלע האָט נאָך געשלאָפען אין זיין צימער.

איינע פון די שוועסטער האָט שיער ניט גע'חלש'ט. די אנדערע צוויי האָבען זיך צעוויינט. דער ברודער דער לאַיער האָט זיך געכאַפּט רייסען די האָר פון'ם קאָפּ. נאָר דער אַלטער טאַטע און די אַלטע מאַמע זענען געבליבען רוהיג — זיי האָבען דאָס ניט געקענט גלויבען אויף זייערס אַ קינד...

דאָן האָט דער עלטערער ברודער ברוך זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר, הינטער וועלכער שלמה'קעלע איז געשלאָפען, געקלאַפּט אין איהר און געשריען:

— וואָס שלאָפט ער דאָרט, דער באַנדיט? פאַרוואָס פאַראומרייניגט ער דאָס הויז, וואו מיינע שוועסטער אָטע־מען, דער אויסוואורף? שטעה אויף, אויסוואורף, שטעה אויף!...

און דערנאָך איז שלמה'קעלע אריינגעקומען פון דאָרט אַנטועגדיג אין גאַנג זיין רעקעל.

— וואָס איז דער מעהר? פאַרוואָס שרייסטו, ווי אַ אינדיאַנער?...

— מיר ווייסען שוין פון וואָס דו מאַכסט אַ לעבען! — האָט ברוך אַ געשריי געטאָן איהם אין פנים אריין.

— וועל? — האָט שלמה'קעלע ארויסגערעדט מיט אַ קאַלטען שמייכעל.

— דו האַנדעלסט מיט לעבעדיגע נפשות!

— וועל?...

— זעהט נאָר, ווי רוהיג! קוקט איהם אָן! — האָט ברוך שיער מיט טרערען אויסגעשריען.

די מאַמע, ציטערנדיג ווי אַ בלאַט, איז צו איהם צוגע־גאַנגען.

— שלמה'קעלע, דאָס איז דאָך אַ ליגען! זאָג, אַז דאָס איז אַ ליגען!

ער האָט ניט געענטפערט, געקוקט נאָר ארום זיך מיט אַ קאַלטען און צו'להכעיס'דיגען שמייכעל.

די עלטערע שוועסטער, מירקע, האָט זיך צעקלאָגט:

— זעהט איהר דאָך, אַז ער שווייגט. דאָס איז אָן אמת!

דער ברודער דער לאַיער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ האַמער פון דעם טיש און זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן אויף איהם. דער טאַטע האָט איהם אָפּגעהאַלטען.

ער, דער טאַטע, מיט דער ווייסער באָרד, ציטערנדיג פון קאָפּ ביז צו די פיס, איז צוגעגאַנגען צו שלמה'קעלען נאָהענט, גאַנץ נאָהענט, און אָהן איין וואָרט איהם אריינ־געקוקט גלייך אין די אויגען.

דערנאָך האָט ער ארויסגערעדט מיט ציטערנדיגע לי־פען:

— פאַרוואָס שווייגסטו? איז דאָס אמת, מיין זוהן?

איך גלויב דאָך ניט, מיינער אַ זוהן... אַ נאָמען נאָך אַ צדיק... ענטפער, האָב רחמנות!...

שלמה׳קעלע האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגען און האָט געשוויגען.

— נו? — האָט דער אַלטער טאַטע ווידער אַרויסגעמורמעלט — איך וואַרט דאָך אויף דיין ענטפער... נו?... הייסט עס, אַז דו שווייגסט... אַז דו שווייגסט... שרה — האָט ער זיך אַ קעהר געטאָן צו זיין ווייב, און זיינע ליפּען אונטער די ווייסע וואָנצעס האָבען זיך פאַרקרימט — ער שווייגט דאָך! הייסט עס... הייסט עס, האַ?... נו, שרה, האַ? דערלעבט, האַ? אונזערס אַ קינד, האַ?...

די אַלטע מאַמע איז געשטאַנען געבראָכען, האָט אַפילו ניט געקאָנט וויינען.

פּלוצים האָט דער אַלטער טאַטע גענומען זוכען אַרום זיך מיט פינטעלדיגע אויגען, זיי אָפּגעשטעלט אויפ׳ן טיש. דערנאָך האָט ער אַ כאַפּ געטאָן פון דעם טיש אַ מעסער, מיט אַ ציטערנדיגער האַנט אַ שניט געטאָן מיט איהם אין אַ לאַץ פון זיין בגד, מיט ווייסע ציטערדיגע ליפּען אַרויסגעמורמעלט: „ברוך דיין אמת!“ האָט זיך צעכליפּעט, ווי אַ קינד, און אַרונטערגעלאָזט זיך אויף ד׳ערד, „שבעה“ זיך געזעצט נאָך זיין זוהן...

דאַן האָט די אַלטע שרה זיך אַ צאַפּעל געטאָן, אַנגעקוקט איהר מאַן מיט גלעזערנע אויגען, און מיט אַמאָל האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען אַ פאַרצווייפעלטער יאָמער: „קינדער, מיין וועלט איז מיר אונטערגעגאַנגען!“ און זי האָט שווער אַ פאַל געטאָן צו דער ערד...

תיכף זענען אַרום איהר געווען אַלע איהרע קינדער. שלמה׳קעלע האָט אויך געוואָלט צוגעהן צו איהר, ווייל זיין מאַמע האָט ער ליב געהאַט, איז געווען צוגעבונדען צו איהר; אָבער סיי זיין ברודער ברוך און סיי זיין ברודער דער לאַיער, מיט׳ן האַמער אין דער האַנט, האָבען איהם פאַרשטעלט דעם וועג און ניט געלאָזט איהם צוגעהן צו דער גע׳חלש׳טער מאַמע, וואָס די שוועסטער האָבען געמינטערט.

— אַרויס! — האָבען ביידע ברידער צו איהם געשריען און דער לאַיער האָט זיך פאַרמאָסטען מיט׳ן האַמער.

—אָל ראיט! — האָט שלמה'קעלע ארויסגערעדט מיט א גאַליגען שמייכעל, —איך וואָלט אייך געקאָנט ביידען... דעם־איט!... באָט טו העל וויט יו אָל!...

און ער איז אוועק.

אין דעם אייגענעם אָווענד האָט ער זיין כעס אויסגע־לאָזט צו איינער פון די „מיידלאַך,“ ברוין און בלוי האָט ער זי געשלאָגען און געפיהלט דערביי א קרענקליכען פארגע־ניגען...

פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך שוין מעהר ניט געווי־זען פאר זיינע עלטערען, האָט זיין גאַנצע צייט פארבראכט אין זיין נייעם וועלטעל, „פארליבט“ זיך און „חתונה“ געהאט מיט מיידלאַך און געשאפען „סחורה...“

צייטענווייז האָט ער געלייענט א בוך, א זשורנאַל, בא־זוכט טעאטערס און אימפּאָנירט זיינע פריינד מיט זיין אינטעליגענטישקייט.

אָפט האָט ער מיט זיינע פריינד אומיסטנע גערעדט וועגען הויכע ענינים, כדי זיי זאָלען באוואונדערען זיין טי־פען וויסען. און זיי אַלע האָבען איהם באוואונדערט און זיך באַצויגען צו איהם מיט גרוים דרך־ארץ.

און אַמאָל איז איהם אין זיין וועלטעל פּלוצים בא־פאַלען אַן אומעט און א בענקעניש, ווי א שווערע קראַנק־הייט. גענאָגט האָט דאָס איהם און געפרעסען און איהם ניט געלאָזט רוהען. זיין לעבען האָט איהם דעמאָלט אויס־געזעהן העסליך און פּוסט און א קללה האָט ער זיך געזעהן אויף זיך אַליין און זיינע עלטערען, א מורא'דיגע קללה אויף זיינע אַלטע טאַטע מאַמע און אויף זיינע ברידער און שווע־סטער, און ווי א צעפּוילטער אבר, אָפּגעשניטען פון זייער קערפּער, האָט ער זיך געפיהלט. און ער האָט דאַן געהאַסט סיי זיך און סיי אַלעמען ארום זיך. ניט גערעדט מיט קיי־נעם, פאַרקראָכען אין זיך, ווי א בער אין זיין פינסטערען הייהל און געשוויגען.

אין אַזאַ צייט, ווען מיסעם גוטמאַן האָט געפּרואווט פארפיהרען א שמועס מיט איהם, האָט ער נאָר א קוק גע־טאָן אויף איהר, און זי האָט תיכף פארשטאַנען, אַז זי דאַרף איהם איצט לאָזען צורוה. אַזוי אויך מייביל. און אַזוי די אַנדערע, וואָס זענען געווען נאָהענט צו איהם.

דעמאָלט, אז ער איז געווען מיט זיך אַליין, האָט ער אזוי געבענקט נאָך זיין מאַמע און אין זיינע געדאַנקען דורכגערעדט זיך מיט איהר וועגען אוועקוואַרפען זיין איצ־טיגען לעבען און ווערען א מענש, אז זי זאָל זיך ניט דאַר־פען שעמען מיט איהם. און אויסגעוויזען האָט זיך איהם דעמאָלט, אז איין גוט וואָרט פון זיינע היימישע, און ער וואָלט ווערען אוים אויסוואורף, — ווי ער האָט זיך אַליין גערופען אין אַזעלכע מאָמענטען.

געענדיגט אָבער האָט זיך דאָס אַלע מאָל דערמיט, אז ער האָט זיך אוועקגעזעצט שפּילען אין קאָרטען מיט א ברען, אָדער האָט זיך ווילד צעהוליעט, אָדער פאַרפיהרט א נייעם שפּיל מיט א מיידעל...

ביז לעצטער וואָך, בעת ער האָט זיך צופעליג דערוואוסט, אז זיין מאַמע איז קראַנק, האָט ער די שוועל פון זיין טאַטענ'ס הויז ניט אַריבערגעטראָטען. און איצט האָט שמעריל, זיין טאַטענ'ס לאַנדסמאַן, וואָס ער האָט דערזעהן לעבען זיך אין דער קאַר, ווידער איהם דערמאָנט אָן דעם, ווי מייביל'ס רייד פריהער, און ווידער האָט א בייזער כעס איהם אָנגעכאַפּט, בעת ער האָט זיך דערמאָנט, ווי מען האָט איהם אַרויסגעטריבען און איהם ניט צוגעלאָזט צו דער קראַנקער מאַמע'ן...

און אזוי ווי ער האָט איצט געפיהלט, אז ער מוז זיין בעם קיהלען, האָט ער אין זיין פאַנטאַזיע מיט אַמאָל אַרויס־גערופען מעקאַרטי'ס פּלאַץ און זיך פאַרגעשטעלט דאָס מיי־דעל צוליב וועלכער ער איז איצט געפאָהרען אַהין, און ער האָט א טראַכט געטאָן מיט כעס:

„פאַרוואָס שלעפּט זיך אזוי די קאַר? געדאַרפט נעמען א טעקסי!"...

5.

ביי מעקאַרטי'ן אין פּלאַץ

פּלוצים האָט ער דערפיהלט אויף זיך שמערעל'ס בליק; ער האָט זיך האַלב א קעהר געטאָן צו יענעם. און זייערע אויגען האָבען זיך באַגעגענט. שמערעל האָט געקוקט אויף איהם כמעט צעשראָקען, מיט אָן אָפענעם מויל, דאָס געלע בערדעל הויך פאַרריסען, אויך ווי צעשראָקען, און דער די־

נער האַלז מיט א פליישיגען קנאָפּ ביים גאָרגעל ווייט אויס־געצויגען. די צייטונג האָט זיך ביי איהם ארויסגעגליטשט פון די הענט.

און ווילי האָט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען אריין מיט אזא שמייכעלע, וואָס האָט ווי גערעדט: „וואָס איז? וואָס קוקסטו אויף מיר, דו ליג? דו שעמסט זיך אויך מיט מיר? איך האָב דיך אין דר'ערד!"

און בעת דעם האָט ער געפיהלט, אַז ער וואָלט זיך גאָר מחיה געווען, ווען ער זאָל קאָנען אַ פּאַק טאָן אָט דעם דאָזיגען אויסגעצויגענעם האַלז ביים פליישיגען קנאָפּ און אזוי ריכטיג צודריקען מיט דער האַנט...

די קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט. שמערעל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון'ם פּלאַץ און מיט ארונטערגעלאָזטע אויגען און אויף די שפּיץ פינגער דורכגעקראָכען פארביי ווילי'ן. דערנאָך האָט ער גענומען געהן שנעל, כמעט לויפען. נאָר, ווען ער האָט שוין געהאַלטען ביים ארונטערגעהן פון דער קאַר, האָט ער נאָך איין מאָל אויף גיך זיך אומגעקוקט אויף ווילי'ן, אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ, אַ שפּיי געטאָן און איז ארונטער.

ווילי האָט אין זיך געלאַכט מיט גאַל...

שפּעטער איז ווילי ארונטער פון דער קאַר און איז ארויף אויף אַן אנדערער, וועלכע איז געלאָפען צו דער וועסט זייט.

ער האָט זיך געשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרם לעבען קאָנדוקטאָר און פאררויכערט אַ סיגאַר.

די נאַכט איז געווען שעהן און וואַרים, דער הימעל פול מיט גאָלדענע אויגען. אין דער קאַר זענען געזעסען נאָר צוויי יונגע פרויען. זיי האָבען הויך געלאַכט.

„פייגעלאך!" האָט ווילי זיי גלייך דערקענט.

זיי האָבען איהם באַמערקט און גענומען שמייכלען צו איהם.

ער האָט פון זיי די אויגען ניט ארונטערגענומען.

ביידע זענען נאָך געווען יונג. פון הינטער זייערע גע־פארבטע באַקען האָבען זיך ארויסגעזעהן שפּורען פון פאַר־וועלקטער יוגענד, האָבען ארויסגעקוקט רעשטלאך פון פריי־

הערדיגער שעהנקייט. איינע האט אויסגעזעהן א אידישע, די אנדערע אן אירלענדערין.

„א קאמענער סטאק, פון געמיינעם סארט!" האט ווילי, דער גרויסער מבין אויף את דעם סארט סחורה, א טראכט געטאן, איז אריין אין דער קאר און האט זיך גע־זעצט נעגען זיי.

האבען זיי גענומען שיסען צו איהם מיט די אויגען און מיט די שמייכלען.

„פייגעלאך, ווען איהר וואלט געוואוסט וויפיעל שנע־בעלאך איך האב שוין ארונטערגעהאקט פון אייערע שווע־סטער, וואלט איהר אזוי פרעך צו מיר ניט געוואונקען," האט ער געטראכט און זיך געפיהלט באליידיגט, פארוואס דער דאזיגער „קאמענער סטאק" ווינקט צו איהם, ווי צו א געוועהנליכען „דעם סאוקער..."

— וואט טאים איז איט, מיסטער? — האט פלוצים איינע פון זיי זיך געווענדעט צו איהם מיט א הייזעריגען קול. ער האט ניט געענטפערט, א קוק געטאן אויף איהר מיט פאראכטונג און א טראכט געטאן

„שווייג דו... צו וועמען רעדסטו?!"

און די פריהערדיגע מורא'דיגע בעסטיאלישע ליידענ־שאפט, וואס ער האט געהאט דערפיהלט צו שמערל'ען בעת איהם האט זיך געגלוסט א פאק צו טאן יענעם ביים פלייי־שיגען קנאפ, האט ער ווידער דערפיהלט מיט נאך מעהר ווילדער קראפט צו דער דאזיגער פרוי, וועלכע האט ביי איהם געפרעגט, וויפיעל דער זייגער איז.

מיט וואס פאר א פארגעניגען וואלט ער זי א פאק געטאן ביי דעם געפודערטען האלז און זי א שמיץ געטאן אן דר'ערד און צוגעדריקט מיט די קני!...

אזוי פיהלט מסתמא א קאץ אויך, ווען זי דערזעהט א מויז...

— וויפיעל איז דער זייגער? — האט די אנדערע זיך געווענדט צו איהם.

— פונקט אזוי פיעל ווי נעכטען אין דער צייט!—האט ער פלוצים געענטפערט, און א קוק געטאן אויף איהר מיט יענעם קאלטען שמייכעלע, וואס האט אלע מאל געשפילט אויף זיינע ליפען, בעת ער האט געשלאגען זיינע קרבנות.

— און וויפיעל איז נעכטען אין דער צייט געווען? — האָט געפרעגט די ערשטע.

די אַנדערע האָט זיך צעלאַכט אויפ'ן קול:

— דאט'ם רייט, מיימי! זאָל דער דזשענטעלמאַן אונז זאָגען!

— ער איז ניט קיין דזשענטעלמאַן! — האָט די ערש־טע זיך אָנגערופען.

— ניין, מיימי — האָט די אַנדערע זיך געשפּאַרט מיט איהר — ער איז א דזשענטעלמאַן! זעה, וואָס פאַר א שעהנע אויגען ער האָט! איך ווייס, אז ער וועט אונז נאָך טריטען אויך!

— ניין, ער וועט ניט טריטען!

—יעס, יעס, ער וועט יא טריטען!

— איך זאָג: ניין!

— איך זאָג: יא, יא!...

דאָס האָט שוין ווילי'ן איגגאַנצען ארויסגעבראַכט פון די כלים. אַזא חוצפּה! איהם נעהמען זיי אויף זיכער, איהם!...

און מיט אַמאָל האָט ער זיך אָנגערופען מיט זיין שמייכעלע:

— אָל ראַיט, ליידים, איך וועל אייך טריטען!

און תיכף האָבען זיי זיך איבערגעזעצט צו איהם.

אין א ווײַלע ארום איז ער מיט זיי ארונטער פון קאַר.

— וואוהין, דזשענטעלמאַן? — האָבען זיי איהם גע־פרעגט.

— קומט, קומט, איך וועל אייך שוין טריטען.

— וואוהין?

— איך האָב א פּלאַץ, וואוהין מיר וועלען קענען ארייג־געהן. אָט דאָ באַלד, ביי מיסטער מעקאַרטי.

— אָה, מיר קאָנען דעם פּלאַץ! — האָבען די ביידע מיידלאַך זיך אָנגערופען און איהם גענומען אונטער'ן אָרעם פון ביידע זייטען.

דאָס איז געווען א רעסטאָראַן צוזאַמען מיט א האָטעל, — דער רעסטאָראַן אונטען פאַר אַלעמען, און דער האָטעל — די אויבערשטע צוויי שטאָק — נאָר פאַר „אייגענע מענ־

שען,״ און אויך פּאַר אזעלכע, וואָס זענען רעקאָמענדירט געוואָרען פון די אייגענע...

ער איז אַרויף מיט זיי אויפ׳ן ערשטען שטאָק, איבער׳ן רעסטאָראַן, איז אריין אין א טונקעלען צימער — קאָנטיג געווען, אז ער האָט גוט געקענט דעם דאָזיגען פּלאַץ — האָט אָנגעצונדען די עלעקטריק און אַרונטערגעצויגען די טונקעלע שטאָרען איבער די פענסטער.

דערנאָך האָט ער איינגעלאַדען די מיידלאך זיי זאָלען זיך זעצען.

און אַז זיי האָבען זיך געזעצט אַרום אַ רונדען טישעל, האָט ער זיך אָנגערופען:

— נו, ליידיס, וואָס וועט איהר טרינקען?

— אַ קאַקטעיל — האָט איינע געזאָגט.

— שאַמפּיין — האָט די אַנדערע געזאָגט.

— און איך וועל אייך טריטען מיט׳ן ריכטיגען שטאָף — האָט ער זיך אָנגערופען מיט זיין קאַלטען שמייכעלע.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט אַ פייף געטאָן.

אַ קעלנער מיט רויטע האָר און אין אַ ווייסען כאַלאַט, איז פון אונטען אַרויפגעלאָפען.

— העלאָ, ניקי! — האָט ווילי צו איהם אַ וואונק געטאָן — ברענג אַרויף אַ פּאָר פלעשער „פון דעם בעסטען אין הויז״ און אַ סך אייז־וואַסער!

ניק איז אַרונטערגעלאָפען.

— נו, ליידים — האָט ער זיך דערנאָך געווענדט צו זיי — מאַכט זיך באַקוועם. קיין פרעמדער וועט אַהער ניט אריינקומען. איהר זעהט?

און ער האָט זיי געוויזען אַ פּעקעל געלט, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע.

— דאַרלינג! — האָט איינע אויסגעשריען מיט אַ ווייכען קול, און איהר פּנים מיט די אונטערגעפאַרבטע אויגען האָבען אָנגענומען זעהר אַ צערטליכע מינע — גיב אַהער אַ פינף דאָלאַר ביל. גיב! — האָט זי נאָך צערטליכער צוגע־לייגט, האָט זיך אויפגעהויבען פונ׳ם אָרט, איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט זיך גענומען לאַשטשען, ווי אַ קאַץ — גיב דאַרלינג! גיב, האָני, דו האָסט דאָך אַזוי פיעל געלט!

די אַנדערע איז אויך צוגעשפּרונגען צו איהם מיט דעם איינענעם ניגון:

— גיב, דאַרלינג, גיב! דו האָסט דאָך אַזוי פיעל געלט! דו ביזט דאָך אַ דזשענטעלמאַן! זאָלען מיר געדענקען, אַז מיר האָבען היינט געטראָפען אַ דזשענטעלמאַן!

ווילי האָט געלאַכט:

— איהר וועט דאָס שוין געדענקען!

— נו דריי דאָלאַר!

— שפּעטער.

— נו, צוויי דאָלאַר!

— שפּעטער, שפּעטער! — האָט ער געענטפערט און האָט פאַררוקט דאָס געלט טיעף אין קעשענע.

— ער וועט שפּעטער געבען, ער איז אַ דאַרלינג — האָט איינע זיך דאַן אָנגערופען.

— שור, שור, געוויס, איך וויים עס — האָט די אַנדערע אונטערגעכאַפּט — איך ליב איהם!

ניקי האָט אריינגעבראַכט פון דעם „בעסטען אין הויז.“ נאָך איהם איז אריינגעקומען אַ צווייטער קעלנער מיט גלעזער און מיט אַ גרויסען קרוג אייז וואַסער.

ווען זיי זענען אַרויס, האָט ווילי פאַרשלאָסען הינטער זיי די טיר.

און אין אַ ווײַלע אַרום זענען די ביידע מיידלאָך שוין געזעסען אַרום טיש מיט זייערע דאַרע, שפּיציגע אַקסלען און אָרעמס מוטער־נאַקעט און האָבען געטרונקען פון „דעם בעסטען אינ'ם הויז.“

זיי זענען געוואָרען אַלץ פרעהליכער און ווילי האָט זיי מיט אַ טייפעלישען שמייכעלע כסדר אונטערגערוקט איין גלעזעל נאָכ'ן אַנדערען און זיי האָבען געטרונקען.

און שפּעטער זענען זיי געוועזן שכור, האָבען געשמייבעלט טעמפּ און בעסטיאַליש און געזונגען מיט שכור'ע, קוויטשענדיגע שטימען.

פּלוצים האָט ווילי אַ געשריי געטאָן:

— גענוג צו קוויטשען ווי קעץ! קאָנט איהר טאַנצען? דו, דאַרע, מיט די רויטע האָר, אַהערצו געה! צו מיר!

דאָס מיידעל מיט די רויטע האָר, מיט דאַרע שפּיציגע אַקסלען, איז צוגעגאַנגען צו איהם מיט איהר טעמפּען בע־

סטיאַלישען שמייכעל און האָט זיך אַ שאָקעל געטאָן אויף די פּים.

— ווילסט אַ קוש, האַני? — האָט זי געמורמעלט און זיך אַ וויג געטאָן צו איהם מיט איהר גאַנצען קערפּער.

— קענסטו טאַנצען?

— אַלצדינג קאַן איך, אַלצדינג — האָט זי געו־רעדט פון אונטער דער נאָז אַרויס, און איז געקראָכען צו איהם מיט די ליפּען, פון וועלכע אַ שטאַרקער גערוך פון שנאַפּס האָט געשלאָגען.

— שטעה! קריך ניט! — האָט זי ווילי אָפּגעשטופּט מיט דער האַנט — קענסט טאַנצען?

—שור, האַני, שור! קוש מיך, האַני! — איז זי ווידער צו איהם געקראָכען.

— קושען דיך? שטעל אוים די באַק און איך וועל דיך אַ קוש טאָן! — האָט ער זיך אָנגערופען, און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען.

זי האָט זיך אַ רוק געטאָן נעהנטער צו איהם מיט וואַקעלדיגע טריט און אויסגעשטעלט צו איהם די רעכטע באַק איהרע.

— אָבער אַ גוטען, האַני, אַ גוטען...

און דאָ, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען מיט דער באַק צו איהם, מיט'ן שכור'ן שמייכעל צעגאָסען איבער איהר פּנים, וואַרטענדיג אויף זיין קוש, האָט ער אויפגעהויבען די האַנט און זי אַרונטערגעלאָזט מיט אַזאַ קראַפּט אויף איהר באַק, אַז אין צימער האָט אָפּגעהילכט ווי אַ שאָס פון אַ רעוואָל־ווער, און די אומגליקליכע איז אָפּגעפלויגען עטליכע טריט צוריק צעטומעלט, מיט די אויגען אויסגעגלאָצט אויף איהם.

די חבר'טע האָט זיך אַ וואַרף געטאָן צו איהר מיט אַ שכור'ן יאָמער:

— פלאָרענס!...

פלאָרענס האָט געהאַלטען די האַנט אויף דער באַק און שכור געבליבען:

— הי אַלמאָזט קילד מי! הי אַלמאָזט קילד מי! הי אַלמאָזט קילד מי!...

די חבר'טע האָט גענומען שרייען:

— ער איז אַ מערדער! קום, פלאָרענס, זאָל ער דאָ דערשטיקט ווערען מיט זיין „גוד טיים!“

פלאָרענס האָט געכליפּעט און גע'טענה'ט איהר'ס:

— הי אַלמאָזט קילד מי, מיימי, הי אַלמאָזט קילד מי!... ווילי האָט זיך צעלאַכט.

דאָס איז דאָך גאָר געוועזן אַ שפּאַס! איך האָב געוואָלט אַ קוש טאָן, דערזעה איך אַ פליג האָט זיך געזעצט אויף איהר באַק, בין איך געוואָרען בייז אויף דער פליג... וואָס הייסט, זי וועט קושען די באַק פריהער פון מיר? האָב איך מכבד געוועזן די פליג... מיין עהרענוואָרט, אז איך האָב ניט געמיינט די באַק, נאָר די פליג!

— יו אַר ע דעם לאַיער! — האָט פלאָרענס געיאָמערט — ניט געוועזן קיין פליג אויף מיין באַק. יו אַר ע דעם לאַיער, ע מאַירדערער!...

— גענוג, פלאָרענס, עס טוט מיר באַנק. קום, טרינק אויס נאָך אַ גלעזעל.

— גאָ טו העלל, מאַירדערער!

— האָט ער ארויסגענומען אַ פינף דאָלאַרדיגע אסיג־נאַציע.

— נעהם פלאָרענס, און פאַרגעס!

— גיב איהר צעהן דאָלאַר—האָט זיך מיימי אָנגערופען, קאָרטשענדיג שכור מיט די ליפען — זיי אַ דזשענטעלמאַן. דו האָסט דאָך איהר שיער די צייהן ניט ארויסגעזעצט.

— שפּעטער. און דיר, מיימי, וועל איך שפּעטער אויך געבען.

— נו, — האָט זיך דאַן אָנגערופען מיימי — זיי איהם מוחל, פלאָרענס, ער האָט גאָר נישט געמיינט. ער איז אַ דזשענטעלמאַן. ער האָט דיך ניט געוואָלט שלאָגען. דאָס איז אמת. איך האָב אויך געזעהן די פליג אויף דיין באַק.

— איז דאָס אמת, מיימי? — האָט יענע ארויסגע־כליפּעט.

— אמת, אמת, איך האָב זיך ערשט דערמאָנט. אַליין געזעהן די פליג מיט מיינע אויגען...

— נו גוט, גיב מיר די פינף דאָלאַר, — האָט פלאָרענס זיך אָנגערופען, איז צוגעגאַנגען צו ווילי'ן און האָט אויס־

געשטרעקט צו איהם די לינקע האַנט. מיט דער רעכטער האָט זי זיך נאָך געהאַלטען ביי דער באַק.

ווילי האָט איהר געגעבען דאָס געלט. זי האָט עס אַריינגעשפּאַרט צו זיך אין אַ זאַק.

באַלד זענען זיי ווידער געזעסען אַרום טישעל און ווידער געטרונקען. פלאָרענס האָט פאַרגעסען אָן דעם פּאַטש, הגם די באַק האָט ביי איהר געברענט און איז געווען אויפגעלאָפען ווי אַ קישעלע, און דאָס אויג איבער איהר איז פאַרשוואָלען געוואָרען. דער פריהערדיגער טעמפּער, בעסטיאַלישער שמייכעל האָט ווידער אַרויסגעטראָטען אויף זייערע פּנימ'ער און אין זייערע אויגען און ווידער האָבען זיי געזונגען מיט שיכור'ע שטימען.

מיט אַמאָל האָט ווילי ווידער אונטערבראָכען זייער געזאַנג:

— מיימי, אַהערצו געה!

האָט זי זיך אויפגעהויבען פון'ם אָרט, קוים האַלטענדיג זיך אויף די פיס.

— וואָס האַני?

איז צו איהם צוגעגאַנגען און גערעדט ווייטער אונטער דער נאָז:

— איך זאָל דיך קושען, האַני?

— שפּעטער. קענסטו טאַנצען?

— שור, האַני!

— נו, טאַנץ!

—וויפיעל וועסטו מיר געבען?

— אָט די גאַנצע פינף! — האָט ער איהר געוויזען זיין שטאַרקע האַנט מיט פינף צעשפּרייטע פינגער.

— גיב מיר צעהן, האַני.

— גוט!

און ער האָט איהר געוויזען ביידע הענט מיט צעהן פינגער.

— אָבער זאָלסט טאַנצען... ווען דו קאָנסט ניט, דאַן געדענק!...

— איך וועל טאַנצען. פלאָרענס, זינג! — האָט זי אויסגעשריען און זיך אַליין צעזונגען מיט אַ שיכור'ן קול.

פלאָרענס האָט אונטערגעכאַפּט, און מיימי האָט גענו־מען טאַנצען, שאָקלענדיג זיך אויף די פּיס און דרעהענדיג מיט איהר מאָגערען, נאַקעטען קערפּער.

פלוצים האָבען זיך איהרע פיס גענומען פּלאָנטערען; זי האָט זיך אויסגעגליטשט און זיך אויסגעצויגען אין איהר גאַנצער לענג איבער'ן דיל.

האָט זיך פלאָרענס שיכור צעלאַכט און מיימי האָט אויך געלאַכט, געוואָלט זיך אויפהויבען און איז צוריקגע־פאַלען אויף דער ברוסט מיט'ן רוקען אַרויף.

— העלף מיר אויפשטעהן, האָני, איך קאָן ניט! דאָס הויז דרעהט זיך פאַר מיר און דו מיט'ן טיש און מיט פלאָ־רענס'ן... כאַ! כאַ! כאַ!...

ווילי האָט זיך אויפגעהויבען פון'ם אָרט, גענומען דעם קרוג אייז־וואַסער פון'ם טיש, איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט אַ גאָס געטאָן אויף איהרע נאַקעטע אַקסלען.

זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, אַרויסגעלאָזט אַ געשריי מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם, און זיך אויפגעזעצט מיט אַ צעשראָקענעם פּנים און אויסגעגלאָצטע אויגען אויף ווילי'ן. אויף ווילי'ן.

— כאַ! כאַ! — האָט ער זיך צעלאַכט, און אין זיין געלעכטער האָט געקלונגען אַזוי פיעל פאַרגעניגען.

פלאָרענס האָט אויך געלאַכט, זיצענדיג ביים טישעל. דער דאָזיגער „שפּאַס" איז איהר אויך געווען געפעלען.

ער האָט ווידער אַ גאָס געטאָן דאָס אייז־וואַסער, און דאָס מאָל מיימי'ן אין פּנים אַריין. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דר'ערד מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם, און ער האָט ווידער געטאָן זיינס: געגאָסען דאָס קאַלטע וואַסער איהר אויף די אַקסעל, אויפ'ן נאַקעטען רוקען און אויפ'ן נאַקעטען בוזים, ווען זי האָט זיך גענומען אַרומוואַרפען אויף דר'ערד... ביז זי איז מיט מורא'דיגע קולות אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, צוגעלאָפען צו אַ שטול, וואו איהרע קליידער זענען געלעגען, האָט אַ כאַפּ געטאָן די בלוזע אַרום זיך און איז געבליבען שטעהן צונויפגעקאַרטשעט אין דרייען, מיט אויגען פול שרעק אויף איהם, און האָט געשווידערט מיט יעדען גליד פאַר קעלט און אין האַלז האָבען איהר געשטיקט ספּאַזמען.

פלארענס האט זיך א ווארף געטאן צו איהם מיט א פלאש. האט ער מיט דער פולער קראפט א פליוכע געטאן דאס איבעריגע וואסער איהר אין פנים אריין, און זי האט זיך א כאפ געטאן צוריק מיט א געשריי און ארויסגעלאזט די פלאש פון דער האנט.

דערנאך האט ער א כאפ געטאן דיביידע מיידלאך ביי די ארעמס און זיי א ציה געטאן צו זיך:

— איך וועל אייך ווייזען—האט ער גענומען שרייען — ווי ארומצושלעפען זיך אין מיטען נאכט צווישען אנשטענדיגע מענשען! טוט זיך גלייך אן און קומט מיט מיר אין סטיישאן־הויז. איך בין א דעטעקטיוו, נו, שנעל, איהר בעסטיעס!...

און ווען די ביידע מיידלאך האבען דערהערט, אז ער איז א דעטעקטיוו, האבען זיי זיך תיכף ווי אויסגעניכטערט און גענומען וויינען און זיך בעטען ביי איהם, אז ער זאל זיי ניט ארעסטירען.

— אנגעטאן זיך, בעסטיעס! — האט ער באפוילען.

זיי האבען זיך אנגעטאן און געוויינט.

— קומט מיט מיר אין סטיישאן־הויז! — האט ער זיי גערופען, ווען זיי זענען געווען אנגעטאן.

מיימי האט געוויינט:

— האט רחמנות, ארעסטירט אונז ניט!

— וויפיעל געלט האט איהר? ווייזט! נו, שנעל!

— מיין אלטע מאמע דארף מארגען צאהלען רענט! — האט פלארענס געוויינט, — איך בין די איינציגע פארדינערין ביי מיין מאמע'ן... אט זענען אייערע פינף דאלאר.

זי האט ארויסגעשלעפט דאס געלט פון דער זאק און דאס איהם דערלאנגט מיט די ווערטער:

— האט רחמנות, לאזט אונז געהן!

— אהער דאס געלד, נו! — האט ער א געשריי געטאן, א שלעפ געטאן צו זיך פלארענס'ן און זי א שטויס געטאן פון זיך און נאך איהר מיימי'ן — דאס געלט אהער, איהר בעסטיעס...

זיי האבען גענומען זוכען אין זייערע זאקען און געכליפעט.

— דאָס אַלעס, וואָס איך האָב — האָט פלאַרענס גע־כליפּעט, מיט דער רעכטער באַק און אויג געשוואָלען, און איהם דערלאַנגט עטליכע צעקנייטשטע דאָלאַרס — מיין אַלטע מאַמע׳ן וועט מען מאַרגען אַרויסשטעלען פון דער וואוינונג. זי וועט ניט האָבען אויף רענט.

— און מיין פאַטער האָט פאַרלאָרען אַ האַנט ביי דער אַרבייט — האָט מיימי געוויינט, און איהם אויך דערלאַנגט עטליכע דאָלאַר, וואָס זי האָט פון איהר זאַק אַרויסגעשלעפּט.

ווילי האָט זיך צעלאַכט:

— איהר מיינט, איך דאַרף אייער געלט? איך וויל אייך אָנלערנען, אַז איהר זאָלט זיך ניט אַרומשלעפּען צווי־שען אָנשטענדיגע לייט. און ווען איהר פאָהרט אין אַ קאַר און מיט אייך זיצט אַ דזשענטעלמאַן, דאַרפט איהר זיך האַלטען אָנשטענדיג און ניט ווי שמוציגע בעסטיעס! דאָ האָט איהר צוריק אייער געלט!

ער האָט אויסגעשטרעקט צו זיי די האַנט מיט׳ן געלט; ווען אָבער זיי האָבען דאָס געלט באַקומען צוריק, האָט ער זיי גענומען שלאָגען אין פּנים, אין די אויגען, וואו נאָר ער האָט געטראָפען.

זיי האָבען זיך אַ לאָז געטאָן לויפען צום אַרויסגאַנג צעטומעלט, מיט פאַרשטיקטע קרעכצען, און ער נאָך זיי, שלאָגענדיג...

דערנאָך האָט ער אָפּגעשלאָסען די טיר און זיי אַרויס־געשטופּט, צעקיילטע און צעביילטע, מיט בלוטיגע צייכענס אויפ׳ן פּנים און אונטער די אויגען...

ער האָט אָפּגעווישט דעם שוויים פון׳ם שטערען, אָפּגע־כאַפּט דעם אָטעם און מיט ווילדער הנאה געשמייכעלט.

אין אַ ווייל אַרום איז אַרויפגעקומען צו איהם מעקאַרטי — אַ הויכער, שטאַרקער אירלענדער, מיט אַ רויטען פּנים און אין אַ ווייסען שירץ.

— וואָס איז דאָ געווען, קיד? — האָט ער געפרעגט מיט אַ באָס־שטים.

— גאַרנישט, פּיט! געהאַט אַ ביסעל „פאַן" מיט צוויי פון „קאַמענעם סטאַק." זיי האָבען מיך גראָד אָנגעטראָפען אין דער ריכטיגער צייט, צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל זיי טריטען, האָב איך זיי געטריט. זאָג מיר, פּיט, פאַרוואָס

האָב איך אזוי פיינט די מיידלאַך פון אָט דעם געמיינעם סאָרט, דעם־איט. איך וואָלט זיי דערשטיקט!

— דאָס איז דערפאַר, קיד, ווייל דו ביזט א געבוירענער מאָראַליסט — האָט מעקאַרטי זיך אָנגערופען מיט א שמייכעל — קאָנסטו ניט פאַרטראָגען די זינדיגע מיידלאַך.

— ערנסט, פּיט, דיזעלביגע מיידלאַך פון א פיינערען סאָרט זענען מיר ליב און די מיידלאַך וואָלט איך נאָר געשלאָגען. פאַרוואָס איז עס אזוי, פּיט?...

— די דאָזיגע פראַגע, קיד, וואָלטען דיר אפשר געקענט פאַרענטפערען די הינט — האָט געענטפערט דער דורכגעטריבענער אירלענדער — פרעג א הונט, פאַרוואָס, אז ער דערזעהט א געזונטע, זאַטע צויג, לויפט ער איהר נאָך מיט גרויסער ליבשאַפט, שמעקט זי און לעקט זי און זאָגט איהר הינטישע קאָמפּלימענען, און ווען דער אייגענער הינטישער דזשענטעלמאַן דערזעהט א שוואַכע, אויסגעהונגערטע צויג, באַפאַלט ער זי מיט די צייהן און וואָלט זי אויף שטיקער צעריסען...

ווילי האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס מיינסטו, עס איז פאַראַן אין דעם א סך אמת. הינט זענען מיר אַלע, איינער מעהר, אַן אַנדערער ווייניגער

— הינט! האָסטו אמאָל געהערט, פּיט, פון דאַרווינ׳ען?

— ווער איז דער דזשענטעלמאַן?

— געווען א גרויסער מענש, האָט אויפגעוויזען, אַז מיר אַלע שטאַמען פון חיות. האָסטו גאָר קיינמאָל ניט געהערט פון דאַרווינ׳ען?...

— טו העל וויט הים! דו בעסער, קיד, זאָג מיר: האָסטו געזעהן קיד דזשאָו׳ן?

— יא, דערפאַר בין איך דאָך איצט געקומען.

— טו עפּעס, קיד, איך האָב מורא. לואי האָט מיך אריינגעדרעהט אין א צרה. איך האָב מורא זי אַרויסצולאָזען, טאָמער גיט זי מיך אַרויס. און האַלטען זי אזוי לענגער קאָן מען אויך ניט. פּאָליסמאַן מעקלעפלין איז ערשט געווען ביי איהר, האָט זי איהם צעביסען דעם גאַנצען פּנים, אַזאַ קליינער טייפעל!

ווילי האָט זיך צעלאַכט:

— אזוי? וואו געפינט זי זיך?

אויפ'ן אויבערשטען שטאָק, אין דעם לעצטען צימער. דו ווייסט דאָך דעם צימער. דאָ איז דער שליסעל. איך בעט דיך, קיד, זעה וואָס דו קאָנסט טאָן!

ווילי האָט גענומען דעם שליסעל און זיך אָנגערופען מיט א שמייכעל:

— פארלאָז זיך אויף מיר, פיט!

און ער איז ארויס פונ'ם צימער...

* * *

אין א טונקעלען צימער אָהן פענסטער, באַלויכטען פון א געז־ברענער, האָט ווילי דערזעהן דאָס מיידעל.

זי איז געזעסען אויף א בעט אין א קורץ העמדעל, צו־נויפגעקאָרטשעט, האָט געהאלטען דעם קאָפּ צווישעןביידע הענט און זיך געשאָקעלט אזוי, אז דאָס בעט האָט גע־סקריפּעט.

אז זי האָט איהם דערזעהן, איז זי אויפגעשפּרונגען צעשראָקען, האָט א כאַפּ געטאָן א ווייסען ליילעך, וואָס איז געלעגען לעבען איהר צונויפגעדרעהט, איינגעוויקעלט זיך אין דעם, איז אַפּגעשפּרונגען צו דער וואַנט הינטער'ן בעט און האָט געקוקט אויף איהם הילפלאָז, מיט בעטענדיגע און מידע אויגען, ווי א געיאָגטע, פארמאטערטע, שוואכע חיה, און זיך געדריקט מיט'ן רוקען אין דער וואַנט און זיך געקאָרטשעט.

ווילי האָט א ווייל באַטראַכט די „סחורה." כמעט נאָך א קינד האָט זי אויסגעזעהן — א ברונעטקע, מיט א חנ'עוודיגען פּנים און מיט א קאָפּ שוואַרצע האָר, ווי גלאַנ־ציגער שוואַרצער סאַמעט.

און אזוי ווי זי איז געשטאַנען, איינגעדרעהט אין דעם ליילאָך, מיט'ן מידען און בעטענדיגען בליק אין איהרע גרויסע קאַרע אויגען, האָט זי זיך ווילי'ן אויסגעוויזען אזוי קליין און שוואַך, אַז איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער קאָן זי גלייך א כאַפּ טאָן אונטער דער פּאַכווע און טאָן מיט איהר וואָס ער וועט אַליין וועלען...

מיט שפּאַס האָט ער א טראַכט געטאָן וועגען זיינע חברים: „העלדען!"...

דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופען מיט זעהר א ווייכען קול:

— פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען, קינד? איך בין ניט געקומען דיר בייז טאָן.

זי האָט זיך גענומען טרייסלען, ווי אַ בלאַט, און האָט אַרויסגעקרעכצט אַזוי רחמנות'דיג:

— דאָנ'ט טאַטש מי, פּליז! דאָנט טאָטש מי! טשעפּעט מיך ניט! פּליז, איך בעט אייך!

ער האָט זיך צעלאַכט.

— איך וועל דיך ניט טשעפּען. האָב ניט מורא.

— איך גלויב אייך ניט. אוי, לאָזט מיך אַרויס פון דאַנען. איך וועל לואי'ן ניט פאַרקלאָגען... איך וועל קיינעם ניט פאַרקלאָגען... איך וועל שווייגען... איך שווער אייך!.. לאָזט מיך נאָר אַרויס פון דאַנען!..

— ווי אַלט ביזטו? שרעק זיך ניט, קינד. איך וועל דיך אפשר קאָנען אַרויסראַטעווען פון דאַנען — האָט ער געזאָגט מיט זיין ווייכען, זעהר ווייכען קול, מיט וועלכען ער איז געווען אַזאַ קינסטלער צו רעדען, ווען ער האָט געוואָלט אַרויסרופען ביי אַ מיידעל צוטרויען צו זיך.

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט מיסטרויען, אָבער זיין פּנים איז געווען אַזוי ערנסט און אַזוי אָנשטענדיג האָט ער אויסגעזעהן און אין זיינע אויגען האָט זיך אָפּגעטוקט אַזאַ טיפער מיטלייד, אַז אין איהר פאַרצווייפעלטער און פאַרמאַטערטער נשמה האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעוועקט אַ האָפנונג.

זי האָט זיך צעוויינט:

— אויב איהר קאָנט מיך באַפרייען פון דאַנען... אוי איך בעט אייך, איך זעה, אַז איהר זענט אַ גוטער דזשענטעלמאַן. אָה, מיסטער, העלפּט מיר. לאָזט וויסען מיין טאַטע'ן, ער וואוינט אויף האָוסטאָן סטריט...

— ש־ש־ש! — האָט ווילי זי אונטערבראָכען מיט אַן אויסדרוק פון אומרוהיגקייט אויפ'ן פּנים — דו שריי ניט אַזוי. אימיצער פון יענע לייט קאָן נאָך שטעהן הינטער דער טיר און זיך אונטערהערען... קום — האָט ער אָנגעהויבען צו פּליסטערען און זיך אומגעקוקט אויף דער טיר מיט אַ פאַר'סוד'עטער מינע — קום. זעץ זיך דאָ אויפ'ן בעט און רעד שטיל. מיר וועלען זעהן וואָס מיר קאָנען טאָן...

און, פול מיט צוטרויען צו איהם, איז זי צוגעגאַנגען צום בעט און האָט זיך אַוועקגעזעצט, איינגעוויקעלט אין דעם ווייסען לייכאַך, מיט די שווארצע האָר צעוואָרפען אין אומאָרדנונג.

— מאַי פור טשאַילד! — האָט ער אַרויסגערעדט מיט רחמנות און האָט זיך געזעצט לעבען איהר — מאַי פור, פור טשאַילד! — האָט ער איבערגע'חזר'ט מיט אזא טיפען מיטלייד אינ'ם קול, אז זי האָט פאַרדעקט דעם פּנים מיט איהרע, כמעט קינדערשע הענט, און געגומען וויינען שטיל און פאַרשטיקט און אויפגעציטערט מיט איהרע רונדע אַקסלען.

— מען דאַרף ניט וויינען, קינד — האָט ער ווייך גע־גלעט איהרע האָר — ווי אַלט ביזטו?

— זיבעצעהן יאָהר.

— וואָס טוט דיין טאַטע?

— אַרבייט אין אַ שאַפּ ביי קינדער־הויזקעס.

— דו האָסט אַ מאַמע אויך?

דאָס מיידעל האָט זיך צעיאָמערט:

— אוי, אוי, מיין מאַמע וועט דאַרט משוגע ווערען! זי זוכט מיך אודאי...

— ש־ש־ש, ניט וויינען, ניט וויינען, קינד!...

— האָט זי אַריינגענומען אַ שפּיץ פונ'ם לייכאַך צווי־שען די ציינער און פאַרשטיקט איהר יאָמער.

— האָסטו אויך געאַרבייט?

— יאַ, ביי פאַרטמאַנעס.

— און ווי אַזוי קומסטו אַהער?

— מיט לואי'ן. אי לאַווד הים, אי לאַווד הים! — האָט זי זיך ווידער צעיאָמערט אויפ'ן קול.

— איך האָב דיך געבעטען, אז דו זאָלסט ניט וויינען!

איז זי ווידער שטיל געוואָרען, נאָר פון צייט צו צייט האָט אַ פאַרשטיקטער כליפּ זיך ביי איהר אַרויסגעריסען.

— דו זאָגסט, אז ער הייסט לואי? וואו האָסטו זיך מיט איהם באַקאַנט?

— פריהער אין אַ מוזיק־האָל. דערנאָך האָט ער מיך איינגעלאַדען אין אַ טאַנץ־האָל טאַנצען...

— און דערנאָך?...

— האָב איך זיך ווידער געטראָפֿען מיט איהם יעדען אָווענד. איך האָב געמיינט, אַז ער איז אַן אָנשטענדיגער בחור און אַז ער האָט מיך אויף אַן אמת ליב... ביז איין מאָל פֿון אַ טעאַטער האָט ער מיך פֿארשלעפּט אין אַ האָ־טעל...

— וואָס הייסט פֿארשלעפּט? מיט געוואלד שלעפּט מען ניט...

— אַי לאָוו'ד הים! אָה, האָו אַי לאָוו'ד הים — ווי איך האָב איהם געליבט! ווען ער הייסט מיר שטאַרבען פֿאַר איהם, וואָלט איך געשטאָרבען!

און זי איז צוגעפֿאַלען צום ווענטעל פֿונ'ם בעט און האָט געשטיקט איהר פֿארצווייפֿעלטען יאָמער:

— פֿאַרוואָס האָב איך זיך דערנאָך פֿון איהם ניט געהיט?... עס האָט מיך געצויגען צו איהם, עס האָט מיך געשלעפּט צו איהם, ביז ער האָט מיך אַהערצו פֿארשלעפּט, און דאָ... און דאָ... ער אַליין איז שוין ניטאָ, נאָר אַנ־דערע קומען!... בעסער שטאַרבען, בעסער שטאַרבען!.

און ווי זי האָט אַזוי געוויינט, מיט'ן פּנים צוגעדריקט צום ווענטעל פֿונ'ם בעט, האָט ער זי פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ ברוטאַלער קראַפֿט צו זיך אויף די קני און זי אַ קוש געטאָן

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן, איז גלייך אַנשוויגען גע־וואָרען און האָט איהם אָנגעקוקט מיט'ן פֿריהערדיגען הילפֿ־לאָזען און בעטענדיגען אויסדרוק אין די אויגען. ער האָט זיך ווידער אָנגערופֿען מיט זיין ווייכען קול, ניט ארונטער־לאָזענדיג זי פֿון זיינע קני:

— שרעק זיך ניט, קינד.

— לאָזט מיך — האָט זי ארויסגעשטאַמעלט — איהר זענט אויך אַ שלעכטער מענש.

דאַן האָט ער זי ארונטערגעלאָזט און געהאָלפֿען איהר זיך זעצען אויפֿ'ן בעט און ער האָט ווייטער גערעדט:

— איך בין ניט קיין שלעכטער מענש, אַ טעות. דו דאַרפֿסט דאַנקען גאָט, וואָס דו האָסט מיך געטראָפֿען. איך וויל דיר קיין בייז ניט טאָן. איך בין אַ ביזנעסמאַן. וואוין אין די בראָנקס. אַהער קום איך אַמאָל צו פֿאַרברענגען. קאָנסט מיך דערפֿאַר ניט באַשולדיגען, איך בין אומפֿאַר־

הייראַט. פאָהר איך צו אַהער מיט מיין מאַשין — געווען אין אַ טעאַטער. באַמערק איך, אַז פון דאַנען איז אַרויס־געלאָפען מיינער אַ באַקאַנטער פּאָליסמאַן מיט אַ צעקראַצ־טען פּנים. פרעג איך איהם, ווער עס האָט איהם אַזוי צעקראַצט, האָט ער מיר דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. און אַזוי ווי איך בין אומפּאַרהייראַט און ספּאָרט האָב איך ליב, איז נאַטירליך, אַז מיר האָט זיך פאַרגלוסט צו זעהן יענע העלדין, וואָס האָט בייגעקומען אַזאַ געזונטען פּאָ־ליסמאַן... כאַ! כאַ! כאַ! דו זעהסט, אַז גאָט אַליין האָט מיך צוגעשיקט!

— אַה, ער איז אַ ברוט! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט מיט אַן אויסדרוק פון שרעק און עקעל — ער האָט מיך שיער ניט דערשטיקט. אַבער איך וועל בעסער שטאַרבען.

— מאַי פּור טשאַילד — האָט ער ווייך אַ גלעט געטאָן איהרע באַקען — דו ווילסט דאָך מסתמא עסען?

— ניין. אַז מען וועט מיך ניט אַרויסלאָזען, וועל איך אַזוי לאַנג ניט עסען, ביז איך וועל שטאַרבען. אוי, איך וויל אַזוי שטאַרבען, מיסטער! — האָט זי ליידענשאַפטליך אַרויסגעפּליסטערט.

—רעד ניט קיין נאַרישקייטען. קינד. דו וועסט לעבען און דו וועסט נאָך גליקליך זיין. דו ביזט נאָך אַזוי יונג, אַזוי שעהן און די וועלט איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, ווי דיר ווייזט זיך איצט אויס! גלויב מיר, עס וועלען זיך געפינען נאָך גענוג גוטע מענשען, וואָס וועלען רחמנות האָבען אויף אַזאַ יונג און שעהן קינד, ווי דו ביזט!... ווי לאַנג, אַז דו האָסט ניט געגעסען?

— זייט איך בין דאָ, שוין היינט דער דריטער טאָג — האָט זי געבליפּעט.

— דאַן מוזטו גלייך עסען. דו וועסט עסען! — האָט ער צוגעגעבען מיט זיכערקייט קויל.

— ניין, ניין!

— וועל איך אַוועקגעהן און זאָלען זיי מיט דיר טאָן, וואָס זיי ווילען. איבערהויפּט, אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל דיר העלפען, מוזטו מיך פאָלגען.

— אַבער וואָס קימערט עס אייך, צי איך וויל עסען, צי ניט? — האָט זי געפרעגט מיט טרעהרען אין איהר קול.

— איך וואָלט ניט ווערט געווען דעם נאָמען „מענש,“ ווען איך זאָל דיך לאָזן אויסגעהן פאַר הונגער. דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס טויט דורך הונגער? מען ווערט געשוואָלן. פריהער די פיס, דערנאָך דער בויך און דערנאָך דאָס האַרץ. דערנאָך פּלאַצט די געשווילעכץ, פּלאַצט און אייטערט, אַזוי ווי פּענכערלאַך. פוי, אַ מורא גאָר צו טראַכ־טען פון דעם! וועסטו עסן מיט מיר?

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען. דערנאָך האָט זי זיך פּלו־צים אָנגערופען:

— אָל ראַיט, ווען איהר וועט מיך נעמען אין אַן אַנדער רעסטאָראַן...

ער האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— אַה, דו ביזט דאָך גאָר ניט קיין נאַר.

און גלייך, ווי ער וואָלט זיך אַן עפּעס דערמאָנט, האָט ער צוגעלייגט:

— גוט, איך נעהם דיך. טו זיך אָן!...

זי האָט זיך אַרומגעקוקט.

— אָנטאָן זיך? — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט — זיי האָבען דאָך ביי מיר מיינע קליידער צוגענומען!...

— אַזוי גאָר? וואָס פאַר אַ באַנדיטען! הײַנט וואָס טוט מען? אַ נאַקעטע קאָנסטו דאָך ניט פאָהרען און עסן מוזטו דאָך. אַ שטיקעלע ברויט, אַ שטיקעלע פלייש, אַ גוט ביסעל סופּ — האָט ער אָנגעהויבען צו רעדען לאַנגזאַם, באַטאָנענדיג יעדען מין פון דעם עסענוואַרג, וואָס ער האָט אָנגערופען. דערמיט איז ער אויסען געווען נאָך מעהר צו צוברעכען איהר הונגער — וואָס וואָלסטו געוואָלט עסען? אפשר אַ שטיקעלע הערינג? האָסטו עפּעס ליב סעמגאַ? פריהער אַ שטיקעלע הערינג, צי גאָר סאַרדינס, דערנאָך פלייש, סופּ און אַ גלעזעל ווײַן אויך, האַ, וואָס זאָגסטו!?...

— אוי! — האָט זי זיך אַ פיהר געטאָן מיט דער האַנט איבער'ן שטערען — רעדט ניט. דער קאָפּ דרעהט זיך מיר אַזוי... און דאָס האַרץ... איך וועל באַלד חלש'ן... האָט רחמנות, איך וויל אַהיים!...

— אַהיים? פריהער מוזטו עסען!

ער איז אויפגעשפּרונגען פון׳ם אָרט, האָט געעפענט די טיר און אַ פייף געטאָן. דערנאָך האָט ער אומגעדרעהט דעם פּנים ווידער צו איהר און געזאָגט:

— גלייך וועט מען דערלאַנגען עסען.

און ווען ער האָט דערהערט דעם קעלנער׳ס טריט איבער די טרעפּ, איז ער ארויס פון צימער און האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט.

און ווידער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבען איהר אויפ׳ן בעט.

— קריגט פון זיי ארויס מיינע קליידער, איך בעט אייך, און נעמט מיך אוועק פון דאַנען. — האָט זי ווידער איהם געבעטען.

האָט ער געענטפערט:

— שפּעטער, אויב דו וועסט ניט זיין קיין נאַר. הער אויס, איך האָב אונטען געזעהן אַ מאַן... ער קוקט אויס ווי אַ באָמער, אַ באַנדיט... איין אויג איז ביי איהם רויט און אויסגעשטשירעט און דאָס אַנדערע איז ביי איהם האַלב צוגעמאַכט. אָט אַזוי קוקט ער — אַ!

און דערביי האָט ער נאָכגעמאַכט, ווי אַזוי קיד דזשאָו קוקט.

זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

— אוי, ער איז ווידער דאָ?

— דו קאָנסט איהם?

— אוי, מיסטער, ראַטעוועט! ער וועט ווידער ארויפ־קומען! איצט האָב איך קיין כח ניט צו וועהרען זיך געגען דעם ברוט!

— ער וועט זיכער ארויפקומען, זיכער! — האָט ווילי זיך אָנגערופען — ער האָט פריהער געוואָלט ארויפגעהן, נאָר ווייל דער באַלעבאָס פון דעם פּלאַץ איז מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, דאָס הייסט, ער קען מיך... דאָס הייסט, איך האָב איהם גוט באַצאָהלט דערפאַר, האָט ער יענעם באַנדיט אָפּגעהאַלטען... פאַרשטעהסט, איך האָב איהם דערפאַר גוט באַצאָהלט...

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ווילי האָט זי גע־עפענט און אריינגעלאָזט דעם קעלנער מיט די רויטע האָר,

וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אויף אַ טאַץ עסען מיט אַ פלאַש קאָניאַק.

האָט עס אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטול און איז צוריק אַרויס מיט אַ גלייכגילטיגער מינע. קאַנטיג געווען, אַז אַזעלכע סצענעס זענען שוין פאַר איהם גאָר קיין נייעס ניט געווען.

— איך וועל ניט עסען! — האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט און אַוועקגעדרעהט די אויגען פון׳ם עסענוואַרג.

— ניין? גוּט איך, און זאָל יענער אַרויפקומען. ־גוד באַי!

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אויגען פול פאַרצווייפלונג, איז אַרונטערגעשפרונגען פון׳ם בעט און האָט ניט געפיהלט דערביי, ווי דאָס ליילאַך, אין וועלכען זי איז געווען איינגעוויקעלט, האָט זיך אַרונטערגעגליטשט צו איהרע פיס, און זי האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין אָרעם און איהם געשלעפּט און געצופּט אָהן ווערטער.

— וואָס? — האָט ער זי אָנגעקוקט מיט אַ גנב׳שען שמייכעל.

— געהט ניט אַוועק, איך האָב מורא! ער וועט קומען. אַניט גיט מיר אַ מעסער! — האָט זי געפליסטערט.

ער האָט געקוקט אויף איהר, באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס, און זי איז געווען אַזוי פאַרצווייפעלט, אַז זי האָט אַפילו פאַרגעסען אָן איהר נאַקעטקייט.

פלוצים האָט זיך אין זיינע אויגען באַוויזען יענער באַזונדערער קאַלטער, בעסטיאַלישער שמייכעל, יענער שמייכעל פון דעם געשלעכטליכען דעגענעראַט, וועלכער האָט פריהער אין זיינע אויגען זיך געצונדען, בעת ער האָט געשלאָגען די אומגליקליכע מיידלאַך, און ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע אָרעמס. דאַן ערשט איז זי געקומען צו זיך, האָט זיך געריסען פון איהם מיט אַן אומגלויבליכער קראַפט, געשריען און געשלאָגען איהם מיט די עלענבויגענס. און ווען ער האָט אָנגעכאַפּט איהר כמעט קינדערשע אָרעמס מיט זיינע שטאַרקע הענט, האָט זי איהם גענומען בייסען און געקוויטשעט.

ער האָט זי געמוזט אָפּלאָזען.

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן הינטער'ן בעט, געדריקט זיך צו דער וואַנט, שווער געסאָפּעט און געכליפּעט.

ערשט איצט האָט זי באַמערקט, אַז זי איז אָהן דעם לײלאַך אַרום זיך, האָט זי זיך געדרעהט און געקאָרטשעט, אונטערגעבויגען די קני און צום סוף האָט זי זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דר'ערד און אײנגאַנצען זיך אײנגעקאָרטשעט אין דעם קורצען העמדעל...

ער איז געשטאַנען און האָט אויך געסאָפּעט. דער קאַלטער, בעסטיאַלישער שמײכעל האָט איצט נאָך שאַרפער אַרויסגעלויכטען פון זײנע אויגען, וואָס האָבען געקוקט אויף איהר. ער האָט געשוויגען און געפיהלט דערבײ, אַז אָט־אָט וועט ער זי אַ פּאַק טאָן, אַ הויב טאָן אין דער הויך און זי אַ שמיץ טאָן אין בעט אַרײן מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי וועט נאָכדעם קײן כח ניט האָבען זיך אַ ריהר צו טאָן. זײן צערײצטען ברוטאַלען געפיהל וואָלט עס אָבער איצט ניט באַפרידיגט... סײדען ער וואָלט זי געשלאָגען, ביז בלוט געשלאָגען... נײן, דאָס וועט ער ניט טאָן. ער מוז זי אײנבּרעכען אויף אַן אַנדער אופן. און ער וועט זי אײנבּרעכען, טײבעל, נאָך הײנט. זי אַלײן מוז זיך בײ איהם בעטען, און זי וועט זיך בײ איהם בעטען, טײבעל!...

ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן בעט און פאַררויכערט אַ סיגאַר. דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אַ קעהר געטאָן צו איהר, איצט ווידער מיט אַן אַנדער מינע, אַ פאַרשולדיגטער:

דו פאַרשטעהסט? אַנטשולדיג. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס דו מײנסט. איך זאָג דיר „גוד באַי,“ וויל אַוועקגעהן, לויפסטו מיר נאָך און לאָזט מיך ניט אַוועקגעהן, האָב איך געמײנט, אַז...

— איהר זענט אַלע שלעכטע מענשען — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט, זיצענדיג אײנגעקאָרטשעט אין איהר העמד אויף דר'ערד — אַלע זענט איהר שלעכטע מענשען!

— האָב איך דיר געזאָגט, אַז איך בין אַ מלאך? — האָט ער זיך צעלאַכט — דאַכט זיך, קלאָר גערעדט צו דיר: איך בין געקומען אַהער, ווײל איך האָב געהערט, אַז אַ מײדעל איז דאָ... איך בין דאָך ניט געגאַנגען זעהן אַ מלאך? אַ מײדעל, וואָס געהט מיט אַ מאַן אין אַ האָטעל, איז ניט קײן מלאך און דאַרף פאַרשטעהן איהר לאַגע...

זי האָט אויסגעשריען מיט אַ ליידענשאַפטליכען יאָמער:

— איך האָב איהם געגלויבט. איך האָב איהם גע־ליבט. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך טו, אוי, דער־פאַר שטראָפט מיך גאָט אַזוי! וואָס וועט פון מיר ווערען איצט! אוי האָט רחמנות, גיט מיר אַ מעסער!..

— רעד ניט קיין נאַרישקייטען. פרעגסט, וואָס וועט פון דיר ווערען? עס הענגט אָפּ אינגאַנצען פון דיר. הער אויס, קיין אָרענטליך מיידעל ביזטו שוין ניט. דאָס איז שוין פאַרפאַלען. צוריקגעהן אַהיים וועט מען דיך ניט לאָ־זען. און געה איך אוועק, קומט באַלד אַרויף דער באַנדיט מיט'ן רויטען אויג. דו ביזט אויסגעמאַטערט און ער איז אַ ווילדער יונג...

זי האָט אַ קרעכץ געטאָן און זיך אַזוי איינגעקאָר־טשעט אין'ם ווייסען העמדעל, אַז זי האָט אינגאַנצען פון הינטער'ן בעט אויסגעזעהן ווי אַ קאָפּ מיט צעטומעלטע אוי־גען, וואָס האָט זיך באַוועגט אויף אַ ווייסען בינטעל...

ער האָט גערעדט ווייטער:

— אויב ניט היינט, וועסטו מוזען טאָן, וואָס זיי ווילען, מאָרגען צי איבערמאָרגען... און עס וועט קומען צו דיר איין באַנדיט ערגער פון דעם צווייטען. באַמערס און שכורים וועט מען צו דיר אַרויפשיקען...

און ווידער איז זי אויפגעשפּרונגען און האָט זיך אינ־גאַנצען געטרייסעלט און פאַר שרעק האָט זי ווידער פאַר־געסען אָן איהר נאַקעטקייט.

— דו קאָנסט אָבער זיין גליקליך, ווען דו וועסט ניט זיין קיין נאַר. לעצטען יאָהר האָב איך אַרויסגענומען אַ מיידעל פון דאַנען. געטראָפען זי אין דעמזעלביגען צימער, דאָ, אויף דעם בעט... געווען אַן אָרענטליך מיידעל. מען האָט זי אויך פאַרשלעפּט אַהער. זי איז אָבער געווען אַ קלוג, ראַפינירט מיידעל, מיט פאַרשטאַנד. ווען איך בין געקומען און זי האָט דערזעהן דעם גרויסען אונטערשייד צווישען מיר און די אַלע באָמערס — דו וועסט דאָך ניט זאָגען, אַז פאַר אַן אָרענטליכער און ראַפינירטער מיידעל איז ניט קיין אונטערשייד צי דער מאַן איז אַ דזשענטעלמאַן, צי אַ באָמער, ווי יענער באַנדיט מיט'ן רויטען אויג, צי אַ ברוטאַלער מאַן, ווי דער פּאָליסמאַן, צי גאָר אַ שמוציגער

שכור? — האָט זי מיך גענומען בעטען, איך זאָל זי ארויס־ געמען פון דאַנען. שעהן איז זי געווען און א מיידעל פון אָנשטענדיגע עלטערען, האָב איך אויף איהר רחמנות גע־ האָט און זי אויסגעקויפט פון דאַנען. דו וואָלסט וויסען, ווי זי איז איצט גליקליך! זעקס מאָנאַטען איז זי געווען מיט מיר און מיט אַנדערע דזשענטעללייט — איך האָב איהר ניט געשטערט — איך האָלט ניט פון דעם! א פּאַר־ מעגען האָט זי געמאַכט. דזשולערי, טייערע קליידער, אַן אויטאָמאָביל געהאַט אַן אייגענעם. דערנאָך האָט זיך אין איהר פּאַרליבט אַ רייכער ביזנעסמאַן און ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט. יענע איז געווען קליגער פון דיר. זי האָט מיר גלייך ערקלערט: „קיין אָרענטליך מיידעל בין איך דאָך שוין ניט, זאָל איך ווייניגסטענס האָבען פּאַרגעניגען פונ'ם לעבען. בעסער זאָל מיך ליבען אַ דזשענטעלמאַן ווי איהר, איידער שכור'ע באַמערס זאָלען מיך שלאָגען!" איז זי דען ניט געווען גערעכט, זאָג אליין?

זי האָט אַרויסגעקרעכצט:

— אוי, איך וועל משוגע ווערען! וואָס ווילט איהר פון מיר?

ער האָט זיך צעלאַכט:

— איך וויל גאָרנישט פון דיר. איך וויל דיר נאָר זאָגען דעם אמת: פריהער האָב איך אין זינען געהאַט דיך אויס־ צוקויפען פון דאַנען, אַרויסרייסען דיך פון די באַמערס און שכורים... דו זעהסט?...

ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקעל געלט פון אַ קעשענע און איהר געוויזען:

— דאָס האָב איך געוואָלט באַצאָהלען פּאַר דיר... איצט אָבער, אז דו בייסט זיך, געפעלסטו מיר ניט... גוד באַי!...

ער האָט באַהאַלטען דאָס געלט טיעף אין קעשענע, אַרונטערגערוקט דעם הוט טיפער איבער'ן שטערען, אַ ציה געטאָן דעם געקרויזטען לאַקענדעל פון אונטער'ן הוט און זי אַ ווײלע אָנגעקוקט. און פון דעם אופן, ווי אזוי זי איז איצט געשטאַנען און האָט געקוקט אויף איהם, פון דעם צעמישטען בליק פון איהרע אויגען און פון דעם וואָס זי האָט איצט ווידער ניט געפיהלט די שאַנד פון איהר נאַ־

קעטקייט, האָט ער זיך אַנגעשטויסען, אַז איהר עקשנות איז געווען געבראָכען.

ער האָט נאָך אַמאָל געזאָגט:

— גוד באַי!

— געהט ניט אַוועק! — האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהם. — האָט רחמנות איך האָב מורא!

האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט דער האַנט זי אָפּגעשטויסען פון זיך.

— געה, דו בייסט זיך!

און געלאָזט זיך געהן צו דער טיר.

האָט זי זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן נאָך איהם.

— געהט ניט אַוועק. יענער וועט קומען, האָט רחמנות!

— דו וועסט זיך ניט בייסען?

— ניין! ניין! ניין! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט, אויסגעבויגען זיך און פאַרדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט.

האָט ער זיך צוריקגעקערט צו איהר.

— וועל איך דיך נאָך היינט אַוועקנעמען פון דאַנען. דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב ביי זיך, וועל איך באַצאָהלען פאַר דיר. נו, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף מיר! — האָט ער פּלוצים געזאָגט מיט אַ באַפעהלענדיגען טאָן.

זי האָט איהם געפאָלגט. אַוועקגענומען די הענט פון'ם פּנים און אַ קוק געטאָן אויף איהם אַזוי דערשראָקען, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה.

— נו, טו אַ שמייכעל! — האָט ער ווידער געזאָגט.

— איך קאָן ניט — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט.

— נו! — האָט ער עס געפאָדערט פון איהר מיט אַ נאָך מעהר באַפעהלענדיגען טאָן — איך האָב פיינט אַ זויערען פּנים. נו!!...

דאַן האָט זי אַ שמייכעל געטאָן אַזוי רחמנות'דיג.

און אין זיינע אויגען האָט זיך אויך אָנגעצונדען אַ שמייכעל — אַ שמייכעל פון נצחון: ער האָט איהר אַ קלאַפּ געטאָן איבער'ן אַקסעל און געזאָגט:

—און איצט געגעסען! ביי מיר מוז מען זיין שטאַרק, געזונט, מונטער און גליקליך!

און זי האָט געגעסען און אויף זיין פארלאנג געטרונקען פון דעם קאָניאַק און ווידער און ווידער געטרונקען אויף פאר דאָס נייע לעבען, וואָס האָט זיך פון איצט אָן אנגעהויבען פאר איהר...

— איצט ביזטו אַל ראַיט, מעי! — האָט ער געזאָגט און אריינגענומען איהר האנט אין זיינער.

זי האָט שכור א שמייכעל געטאָן.

— איך הייס ניט מעי.

— מעי וועסטו הייסען, מעי, ווייל דו ביזט אזוי שעהן ווי דער מאָנאַט מאַי... איצט א קוש!...

און זי האָט מיט א פאר'שכור'טען שמייכעל און פאר־מאַכטע אויגען זיך א וואָרף געטאָן אין זיינע אָרעמס, אריינגעשפּרונגען ווי אין א טיפען, טיפען תהום...

דאָס, וואָס אנדערע פון זיין חברה האָבען ניט געקאָנט באַווייזען, האָט ער באַוויזען...

.6

גוד באַי שאָפּ...

אויף מאָרגען, זונטאג, האָט פעני איהר „חתן" ניט געזעהן. און ווי זי האָט עס געבענקט נאָך איהם! די גאַנצע נאַכט האָט זי קיין אויג ניט צוגעמאַכט, באַוועלטיגט פון דעם אומגעריכטען גליק. זי איז געלעגען אין דער טונקעלקייט פון איהר צימער איינגעהילט און האָט איהם געזעהן און איהם געהערט, און גערעדט צו איהם אין איהרע געדאַנקען, און אין איהר הארצען האָט געזונגען און געהוליעט דער דערוואַכטער פריהלינג פון איהר לעבען... דער ערשטער שיין פון דער זון, וואָס האָט זיך צו איהר אין דעם צימער אריינגע'גנב'עט פון פראָנט־רום, וואו יאַנקעל האָט געשלאָפען, האָט זי געטראָפען נאָך וואַכעדיג, מיט אָפענע אויגען און א פאר'חלומ'ט־גליקליכען שמייכעל אויף די ליפען. און אין דעם פאר'חלומ'טען, באַרוישטען צושטאַנד, אין וועלכען זי האָט זיך איצט געפונען, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז די דאָזיגע ליכטיגע, וואַרימע שיין, וואָס האָט איהר צימער פארפלייצט, האָט פון איהר אליין, פון אַלע ווינקעלאַך פון איהר נפש ארויסגעשטראַמט...

א זייגער צעהן איז זי אַרונטערגעגאַנגען צו מיסעס גוטמאַן. געמיינט, אַז ער וואַרט דאָרט אויף איהר. ער איז אָבער ניט געווען.

אַ זייגער צוועלף איז זי ווידער אַרונטערגעלאָפען אַהין. ווילי איז אַלץ ניט געווען.

אַזוי עטליכע מאָל דורכ'ן טאָג.

זי האָט זיך געוואונדערט, ניט געקאָנט דאָס פאַרשטעהן. איז געווען שטאַרק אַנטוישט.

מיסעס גוטמאַן האָט געלאַכט: — זעה נאָר אַ גדולה אויף איהר, ווי זי קאָן ניט איינרוהען! מסתמא איז ער היינט פאַרנומען. ער איז דאָך ניט קיין ליידיג-געהער!

און מייביל האָט גנב'יש געשמייכעלט און זיך געוויר־צעלט:

— ליב איהם ניט אַזוי, פעני, באַהאַלט אַ ביסעל ליבע אויף שפּעטער!

און אַ זייגער פינף, ווען פעני האָט צום פינפטען מאָל אָנגעקלאַפּט ביי מיסעס גוטמאַן אין טיר, האָט קיינער פון אינעווייניג זיך ניט אָפּגערופען. זי איז געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע פאַר דער טיר אין קאָרידאָר, האָט נאָך אַמאָל אָנגע־קלאַפּט, און אַז זי האָט ווידער קיין ענטפער ניט געהערט, איז זי אַרויס אין דרויסען און זיך אַוועקגעשטעלט לעבען הויז.

— „פאַרוואָס איז ער היינט ניט געקומען, פאַרוואָס?“ — האָט זי געטראַכט און אַזוי געבענקט נאָך איהם.

אין דרויסען האָט די פריהלינג־זון געלויכטען און גע־שטראַהלט, און אָנגעפילט אַלעמען און אַלצדינג מיט איהר שיין און וואַרימקייט — די קליינע קינדערלאַך, וואָס האָבען דאָ אין דרויסען פרעהליך געשטיפט און געליאַרמט, זייערע עלטערע ברידער און שוועסטער און זייערע טאַטע־מאַמע, וואָס זענען געזעסען אויף די „סטופּס“ פון די טענעמענט־הייזער, געשטאַנען אין די אַריינגאַנגס־טירען און אַרומגע־שפּאַצירט אין זונטאָגדיגע קליידער איבער די טראָטואַרען.

פון זייערע אויגען האָט די פריהלינג־זון אַרויסגעלויכ־טען, פון זייערע מינעס און שמייכלען אַרויסגעפריהלינגט און פון זייערע שטימען אַרויסגע־תענוג'ט, אפילו די גע־פלאַסטערטע גאַס און די שטיינערנע ווענט פון די הויכע

טענעמענט־הייזער האָבען ליכט און ווארימקייט אַרויסגע־אָטעמט, האָט זיך געדאַכט. אַלעמען און אַלצדינג האָט די פריהלינג־זון מיט איהר צויבער־ליכט און ווארימקייט אָנ־געפילט, נאָר ניט פעני׳ן. איהר איז געווען קאַלט, און אזוי שווער אויפ׳ן הארצען.

„פאַרוואָס איז ער היינט ניט געקומען, פאַרוואָס?" — האָט דער דאָזיגער געדאַנק זי ניט אָפּגעלאָזט.

פּלוצים האָט זי באַמערקט די ריזען־געשטאַלט פון „טשאַרלי די בייבי."

ער איז ארום פונ׳ם הויז, וואו זי און מיסעס גוטמאַן האָבען געוואוינט.

זי האָט זיך פאַרוואונדערט: ער איז דאָך מסתמא גע־ווען ביי מיסעס גוטמאַן. איז דאָך עמיצער יא דאָרט, היינט פאַרוואָס האָט מען איהר ניט געענטפערט, ווען זי האָט א פּאָר מאָל אָנגעקלאַפּט?

די „בייבי," מיט א העלען הוט, האָט געוואָרפען זיינע מעכטיגע אָרעמס און זיך געקאַטשעט, ווי א בער, פון די שטיינערנע טרעפּ פונ׳ם סטופּ אַרונטער און געשטעלט די פיס אזוי, אז עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אז מיט יעדען טראָט זיינעם טרעט ער שווער אַרויף אויף עפּעס און דער־שטיקט עס.

ער האָט זי אויך באַמערקט, און גלייך האָט זיך א גוט־מוטיגער שמייכעל צעגאָסען איבער זיין יוגענדליכען פּנים, וואָס האָט זיך צאַרט גערויטעלט, און דערביי האָבען זיינע אויגען זיך געזשמורעט, ווי ביי א קאַץ געגען דער זון.

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט אויסגעשטרעקט זיין מעכטיגע לאַפּע.

— העלאָ! — האָט ער אַרויסגעריטשעט מיט זיין באַס — א גרוס צו אייך פון מאָריס׳ן...

זי האָט איהם אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— פון מאָריס׳ן?...

ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— טפוי, איך מיין פון ווילי׳ן, פון אייער חתן.

ער האָט זיך צעלאַכט, און די אויגען זיינע האָבען זיך איינגאַנצען פאַרזשמורעט.

— איך האָב מיר געטראַכט פון אַן אַנדער פריינד מיי־נעם, האָב איך זייערע נעמען צעמישט...

— ווען האָט איהר איהם געזעהן?

— נעכטען. ער איז אוועקגעפאָהרען אויף אַ טאָג וועגען ביזנעס קיין פילאַדעלפיע. ער האָט געמוזט פאָהרען. ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל איבערגעבען מיסעס גוטמאַן פאַר אייך, אַז מאָרגען וועט ער זיין צוריק און ער בעט אייך, אַז איהר זאָלט אויפגעבען די אַרבייט אין שאַפּ שוין, מאָרגען.

פעני איז רויט געוואָרען פאַר פרייד.

— וועט ער מאָרגען זיין צוריק? — האָט זי געפרעגט, און די חן־גריבעלאַך אויף איהרע באַקען האָבען ליכטיג געשמייכעלט.

— מאָרגען, מאָרגען, געוויס! ער דאַרף זיך דאָך גרייטען צו דער חתונה אויך. יו אַר ע פיין גוירל! — האָט די בייבי פלוצים אַרויסגעריטשעט און געשמייכעלט מיט זיין גאַנצען יוגענדליכען פּנים און געזשמורעט די אויגען.

און מערקווירדיג, ווען ער האָט איהר נעכטען געגעבען דעם אייגענעם קאָמפּלימענט, איז דאָס איהר עפּעס געווען אומאָנגענעהם און איהר איז שווער געוואָרען אויפ'ן האַרצען; און איצט האָט זיין קאָמפּלימענט זי אַזוי געפרעהט.

און מיט אַ ליכטיגען פּנים האָט זי געענטפערט:

— איך דאַנק אייך פאַר אייער קאָמפּלימענט. זייט איהר, הייסט עס, געווען ביי מיסעס גוטמאַן? און איך האָב געמיינט, אַז קיינער איז דאָרט ניטאָ. איך האָב אָנגעקלאַפּט און קיינער האָט ניט געענטפערט.

—מיר זיינען געזעסען אין פראָנט־רום, האָבען מיר ניט געהערט. דאָרט קומט מיין קאַר! — האָט ער זיך פלוצים אַ כאַפּ געטאָן — באַי־באַי! מיר וועלען דיך נאָך זעהן ניט איינמאָל!

און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן לויפען צו דער קאַר, וואָס האָט זיך דאָרט ניט ווייט אָפּגעשטעלט, און דער גאַנצער טראָטואַר האָט אונטער זיינע פיס געהילכט, אַזוי ווי מען וואָלט מיט שווערע האַמערס געקלאַפּט איבער איהם.

פעני האָט איהם נאָכגעקוקט, ביז ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער קאַר.

„מאַמעלאַך מיינע, ווי געזונט ער איז! אַ בער דאַכט זיך, איז גענגען איהם אַ גאָר נישט“ — האָט זי געטראַכט. זי האָט געשמייכעלט.

— וואָס פאַר אַ שעהנער טאָג! — האָט זיך ביי איהר ארויסגעריסען.

איצט האָט זי שוין געשפירט דאָס ליכט און די וואַרימ־קייט פון דער פריהלינג־זון; איהר האַרץ האָט זיך צעזונגען...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי ווידער אָנגעקלאַפט צו מיסעס גוטמאַן אין דער טיר, דאָס מאָל האָט איהר פון אינעווייניג געענטפערט מיסעס גוטמאַנ׳ס באַקאַנטער קול:

— „קאָם אין.“

זי איז אריין. מייביל, מיט איהרע לאַנגע האָר צעלאָזט און אין אַ ראָזעווען מאָרגען־קלייד, איז געלעגען אויף דער זאָפע מיט׳ן פּנים ארויף. איין שלאַנקען פוס, אין אַ זיידענער דורכזיכטיגער זאָק, מיט אַ ווייס שיכעל, האָט זי ווייט ארויסגערוקט פון אונטער׳ן קלייד, כמעט ביז׳ן היפּט, און דעם אַנדערען האָט זי אונטערגעקאַרטשעט אונטער זיך, אַזוי, אַז פון אונטער׳ן בּרעג פונ׳ם קלייד האָט נאָר ארויסגעמינעט דער זויל פונ׳ם צווייטען ווייסען שיכעל.

אַ שווערער, פּעך־שוואַרצער לאָקען פון איהרע האָר האָט זיך געדרעהט אויף איהר רייצענדיגען בוזים, וואָס האָט זיך רוהיג באַוועגט ארויף און אראָפּ, און עס האָט אויסגעזעהן ווי אַ שוואַרצע שלאַנג וואָלט זיך דאָרט, אויף איהר ברוסט, געוויקעלט און געדרעהט.

אין איין האַנט האָט זי געהאַלטען אַ סיגאַרעטעל און די אַנדערע, וואָס איז ביי איהר אַרונטערגעהאַנגען פון דער זאָפע, האָט זי געדרעהט צום טאַקט פון אַ פּאָפּולערען לידעל, וואָס זי האָט געזונגען אין איהרע געדאַנקען.

פעני איז געבליבען שטעהן פאַרוואונדערט, ווען זי האָט דערזעהן, אַז מייביל רויכערט. ביז אַהער האָט זי דאָס ניט געזעהן. אפילו מיט אַזאַ קליינינקייט האָט מען זיך דאָרט געהיט פאַר איהר.

מיסעס גוטמאַן, וועלכע איז געזעסען אויף אַ שאָקעל־שטול מיט אַ צייטונג אין די הענט, האָט זיך תיכף געווענדט צו מייביל׳ן:

— נו, וואָס מאַכען דיינע צייהן, מייביל? טוען דיר נאָך אַלץ וועה? מיט אַמאָל האָבען איהר די צייהן אויפגע־ריסען, ניט פאַר דיר געדאַכט — האָט זי זיך אַ קעהר געטאָן מיט איהר תמימות'דיגען שמייכעל צו פעני'ן — האָט מען איהר געהייסען רויכערען אַ סיגאַרעט, אַ גדולה אויף דיר!

ביי פעני'ן איז אפילו קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס איז אַזוי, און זי איז צוגעגאַנגען צו מייביל'ן און זיך אָנ־גערופען מיט מיטגעפיהל אין ק.ל:

— טוען זיי דיר שטאַרק וועה?...

אַנשטאָט איהר צו ענטפערען, האָט מייביל אַרויסגעזונ־גען די ווערטער פונ'ם ליד, וואָס זי האָט אין איהרע געדאַנ־קען געזונגען:

„האו מאַי הארט איז יאַרנינג, יאַרנינג, יאַרנינג!

האו מאַי לאָוו איז באַירנינג, באַירנינג, באַירנינג!..."

פעני האָט זיך צעלאַכט און מיסעס גוטמאַן האָט אויך אַ שמייכעל געטאָן און געזאָגט:

— נו, אַ דאַנק גאָט, עס טוען איהר שוין מעהר ניט וועה די צייהן. דער סיגאַרעטעל האָט געהאָלפען... נו, אַ גדולה אויף דיר, וואַרף שוין איצט אַוועק דאָס סיגאַרעטעל. ניט שעהן פאַר אַן אָנשטענדיג מיידעל!

מייביל האָט איהם נאָך אַמאָל ליידענשאַפטליך אַ ציה געטאָן און איהם דערנאָך דערלאַנגט פעני'ן.

— פליז, וואַרף אַריין אין „ספיטון."

און אַז פעני האָט דעם סיגאַרעט אַריינגעוואָרפען אין שפּיי־קעסטעל און איז ווידער צוגעגאַנגען צו מייביל'ן מיט אַ ליכטיגען שמייכעל, איז מייביל פּלוצים אַרונטערגעשפּרונ־גען פון דער זאָפע, האָט פעני'ן אַ כאַפּ געטאָן ביי דער טאַליע און זיך גענומען דרעהען מיט איהר איבער'ן צימער מיט אַזאַ פייער, אַז דער אָטעם האָט פעני'ן פאַרכאַפּט און אין קאָפּ האָט איהר גענומען שווינדלען.

— לאָז, משוגענע! — האָט זי געשריען און געלאַכט מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם און זיך געדרעהט מיט מייביל'ן און דאָס מעבעל, און די דיקע מיסעס גוטמאַן, און די ביל־דער אויף דער וואַנט האָבען זיך פאַר איהרע אויגען אויך געדרעהט, ביז זי איז געפאַלען אויף אַ שטול אָהן אַן אָטעם.

סאפּענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער, מיט א פּנים פלאַם־פייער און צעבּרענטע אויגען.

— אַי, משוּ־ג־גענ־נע! — האָט זי קוים דעם אָטעם אָפּ־געכאַפּט.

מייביל איז געשטאַנען אין מיטען צימער, מיט די לאַנגע־געדיכטע האָר צעשאָטען אויף פאָרענט און הינטען איבער'ן גאַנצען קערפּער, האָט געקוקט אויף פעני'ן מיט איהרע שווארצע אויגען, אין וועלכע עס האָט איצט געלויכטען א פייכטער גלאַנץ, געשמייכעלט און היים געסאָפּעט. זי האָט איצט געמאַכט דעם איינדרוק פון א יונגער, שעהנער, צע־היצטער קליאַטשע, וואָס מען האָט אָפּגעשטעלט נאָכדעם ווי זי האָט זיך צעיושעט און א ווײַלע זיך געטראָגען פייל פון בויגען...

אין א ווײַלע אַרום האָט זי זיך אָנגערופען סאָפּענדיג:

— איך מוז דיך אויסלערנען טאַנצען. דיין חתן איז א גוטער טענצער...

— וואָס מיינסטו? — האָט פעני געפרעגט מיט א שמייכעל — איך וואָלט טאַקע געוואָלט קענען טאַנצען מיט מיין ווילי'ן.

— דו וועסט שוין קאָנען. איך וועל דיך נאָך א סך אַנדערע זאַכען אויסלערנען. יו מעי בי שור!...

מיט אַמאָל האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנגערופען:

— א גדולה אויף דיר, מיר איז גאָר פונ'ם זינען אַרוים. דיין חתן האָט געשיקט דיר אָנזאָגען...

— איך ווייס — האָט זיך פעני א כאַפּ געטאָן — איך האָב געזעהן זיין פריינד.

— טשאַרלי'ן האָסטו געזעהן? נו, וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— אַז ווילי איז אוועקגעפאָהרען וועגען ביזנעס.

— אמת. און וואָס נאָך האָט ער דיר געזאָגט? — האָט שוין איצט מיסעס גוטמאַן זי אויסגעפרעגט.

— אַז מאָרגען קומט ער צוריק.

— אמת. מיר האָט ער עס אויך געזאָגט. און וואָס נאָך האָט ער דיר געזאָגט, א גדולה אויף דיר?

— אַז איך זאָל שוין מאָרגען אויפגעבען דעם שאָפּ.

— אמת. דאָס האָט ער מיר אויך געזאָגט. און דײַן חתן איז גערעכט, אַ גדולה אויף דיר. דאַרפסט איצט היטען דײַן געזונט און דײַן שעהן פּנים. בפרט נאָך, אַז צו אײַער חתונה איז אינגאַנצען געבליבען אַזאַ קורצע צייט? אַ צוויי־דריי וואָכען...

פעני האָט אַ ציה געטאָן זיהרע רונדע אַקסלען.

— מאָדנע — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט און זיך גע־רויטעלט — צו אַ חתונה דאַרף מען זיך צוגרייטען.

— ווי לאַנג דאַרף מען זיך גרייטען, אַ גדולה אויף דיר? קליידער וועט ער דיר געבען, אַ הויז, אַזאַ שטיק געלד זאָל איך האָבען. אפשר נאָך קומענדיגע וואָך, אַז מיר וועלען דערלעבען, וועט ער דינגען אַ וואוינונג. דײַן חתן איז אויף דעם אַ בריה.

— הי איז וואָן אָוו דהי באָים — איינמאָל אַ באָי! — האָט מייביל זיך אַריינגעמישט, איז צוגעגאַנגען צו פעני'ן און זי אַ בריה געטאָן מיט איהרע שוואַרצע, גנב'ישע אויגען:

— ווילסט עפּעס חתונה האָבען, הע? — האָט זי אַרויס־גערעדט מיט אַ ציניש שמייכעל.

פעני האָט זיך אינגאַנצען אָנגעצונדען און אַרונטערגע־לאָזט די אויגען.

— געה שוין, געה! ווי שעהמסטו זיך ניט? — האָט זי אַרויספּליסטערט.

האָט זיך מייביל צעלאַכט אויפ'ן קול מיט איהר היי־זעריגליכען געלעכטער.

— איך וויל אויך חתונה האָבען, אי עם טעלינג יו דהי אָל דעם טרוט, און איך שעהם זיך גאָר ניט! אַזאַ באָי ווי ווילי, מאָי גאָד!...

פעני האָט דערפיהלט ווי אַ הייסע כוואַליע האָט איהר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ; איהרע באַקען האָבען זיך נאָך מעהר צעפלאַמט און זי האָט איהרע אויגען נאָך נידעריגער אַרונטערגעלאָזט.

— פע, מייביל, רעד ניט אַזוי צו מיר — האָט זי ווידער אַרויסגעפּליסטערט און אויפגעהויבען זיך פונ'ם אָרט.

— גוואַלד, מייביל, וואָס איז היינט מיט דיר? — האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנגעבייזערט אויף איהר — אַ גדולה אויף דיר, מען קען דאָך, חלילה, מיינען, אַז דו האָסט זיך

גאָר ניט אויפגעהאָדעוועט אין אַ לייטישען הויז, כ׳לעבען איך וועל דיך אויספּאַטשען, אויב איך הער דיך נאָך אַמאָל רעדען אַזוי. געוואַלד, די אמעריקאַנער מיידלאַך, אַ גדולה אויף זיי!...

— פּטור נו, זי האָט גאָרניט געמיינט — האָט פּעני זיך אָנגענומען פאַר מייביל׳ן.

— וואָס דען מיינסטו? — האָט מיסעס גוטמאַן דער־נאָך זיך אָנגערופען — אודאי האָט זי גאָר נישט געמיינט. זי איז אַ טייער מיידעל, גלויב מיר. נאָר גאָר נישט, ווי זאָגט מען, אַ גדולה אויף דיר? — האָט זי מיט אַמאָל אַ דרעה געטאָן דעם געשפּרעך מיט אַן אַנדער טאָן און דערביי גנב׳יש געשמייכעלט מיט איהר גאַנצען דיקען פּנים — אַ מיידעל, ניט קיין עופה׳לע, קיין עין הרע... שוין געמעגט לאַנג חתונה האָבען... נו, ווען זי דערזעהט, אַז אַזאַ מאַן, ווי ווילי, אַ גדולה אויף דיר... אַזאַ געזונטער, אַזאַ שעה־נער .. אַזאַ... אַזאַ... אַ קלייניגקייט אַזאַ באָי! אַ מיידעל קאָן דאָך משוגע ווערען פון איהם!... נו, אַז אַזאַ שטאַרקער, געזונטער, העלדישער באָי געהט חתונה האָבען, קאָן אַ מיידעל אין איהרע יאָהרען טאַקע אַרויפקומען אַ נאַ־רישער געדאַנק. ווארים וואָס איז אַ מיידעל, אַ גדולה אויף דיר, האַ? אַ מיידעל איז ווי אַ קאַרטאָפעל, אַז זי צעוואַקסט זיך, בעט זי זיך מען זאָל זי אויפעסען, אַניט הויבט זי אָן צו פוילען, ניט אַזוי, כלה־לעבען?

פּעני האָט פאַרשעמט געשמייכעלט און געהאַלטען די אויגען אַרונטערגעלאָזט. זי האָט זיך געפיהלט, אַזוי ווי מען וואָלט אין די טונקעלסטע ווינקעלאַך פון איהר נשמה אַריינגעקראָכען און פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט די פאַרבאָר־גענסטע סודות איהרע, וואָס זענען נאָך פאַר איהר אַליין געווען פאַרשלייערט און זיי אַרויסגעשטעלט נאַקעט פאַר איהר. און די קאָפּ האָט איהר גערוישט...

מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— גוד באָי! איך וויל אַזוי שלאָפען. די גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר עפּעס ניט געשלאָפען. גוד באָי!....

און זי איז אַרויסגעלאָפען ווי אַ פאַרטשאַדעטע.

דערנאָך, אַז זי איז אַרויף אויף די טרעפּ, האָט אין איהרע אויערען געהילכט מיסעס גוטמאַנ׳ס קול: „אַזאַ

שטאַרקער, געזונטער העלדישער באַי!״ און איהר חתן האָט פאַר איהר געשוועבט, אזוי שעהן, אזוי הויך, אזוי שלאַנק און בויגיג, אזוי ליב, אַהן אַ שיעור ליב, מיט׳ן שווארצען געקרויזטען לאָקען אויפ׳ן שטערען, מיט די קלוגע אויגען און שמייכעל אויפ׳ן רונדען פּנים און מיט׳ן קורץ, פאַר־ריסען און זעהר ליב, ווי איהר האָט זיך אויסגעדאַכט, נעזעל. און איהר הארץ האָט איהם גענומען רופען מיט די צערטליכ־סטע נעמען, און אין איהרע געדאַנקען האָט זי איהם געקושט און זיך געדריקט צו איהם.

פּלוצים האָט זי זיך אַליין געפרעגט דאָס אייגענע, וואָס מייביל האָט זי פריהער געפרעגט: „פעני, ווילסט עפּעס חתונה האָבען?“

„שור!“ — האָט געענטפערט פון ערגעץ אַ טיפען ווינ־קעלע אין איהר נשמה — „שור!“...

זי האָט אַ לאַך געטאָן אין זיך, און עס איז איהר נאָך הייסער געוואָרען.

ווי אין אַ חלום איז זי געגאַנגען אַרויף די טרעפּ. און ווען זי האָט געעפענט די טיר פון איהר וואוינונג און איז אַריין אין דעם עס־צימער, האָט זי, ווי אין חלום, דערפיהלט, אַז מען האָט זי אַ צופּ געטאָן ביים אָרעם. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פונ׳ם שלאָף, און דערזעהן איהר מיסעס.

— וואָס זאָגט איהר צו דעם, פעני? — האָט די מיסעס שטיל גערעדט מיט אַ פאַר׳דאגה׳טען פּנים און זי צוגעהאַל־טען ביים אָרבעל — יאַנקעל פאָהרט אַוועק.

— וואוהין?

— קיין פילאַדעלפיע צו זיין ברודער. ער האָט זיך שוין איינגעפּאַקט. באַלד פאָהרט ער. ער וואַרט אויף אייך. ער וויל זיך זעגענען.

— ער פאָהרט אינגאַנצען אַוועק? — האָט פעני גע־פרעגט שטיל און פאַרטראַכט.

— אינגאַנצען. אויף דעם האָב איך זיך גאָרניט געריכט. פעני איז אַריין אין פראָנט צימער.

יאַנקעל איז דאָרט געזעסען אויף דער זאָפע און לעבען זיינע פיס אויף דער ערד איז געשטאַנען אַ פאַרפאַקטער טשעמאָדאַן.

— וואָס איך הער! איז דאָס אמת? איהר פאָהרט היינט אוועק? — האָט זי איהם געפרעגט.

— יאַנקעל האָט זי אָנגעקוקט מיט זיין קינדעריש־פאַר׳־חלומ׳טען שמייכעל און אַ מאַך געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— יא, איך פאָהר — האָט ער שטיל געענטפערט.

— אזוי פּלוצים?

— מילא, וואָס איז די נפקא מינה? אוועקפאָהרען פון דאַנען מוז איך, פאָהר איך היינט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון׳ם אָרט, איז געשטאַנען אַ ווייל מיט׳ן רעכטען אַקסעל עטוואָס איינגעהויקערט און האָט געשוויגען. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָנגערופען:

— איך וויל זיך זעגענען מיט אייך.

ער האָט איהר דערלאַנגט די האַנט.

— זייט גליקליך, פעני, אמת גליקליך. פון׳ם גאַנצען הארצען ווינש איך דאָס אייך. און איהר וועט זיין גליקליך. דאָס העכסטע גליק אינ׳ם לעבען, פעני, איז ווען מען ליבט און מען ווערט געליבט. און דעם דאָזיגען גליק וועט איהר אודאי האָבען. איהר ליבט אייערען, אייך וועט ער דאָך אודאי ליבען. אייך מוז מען דאָך ליב האָבען. נו, זייט געזונט. פון אונזער אַלטער פריינדשאַפט וועגען, אַז איהר וועט אַמאָל וועלען שרייבען אַ בריוועל, וועט עס מיך, אויף נאמנות, זעהר פרעהען. אָט דאָ האָב איך אָנגעשריבען פאַר אייך מיין ברודער׳ס אדרעס. שרייבט, וועט מיר זיכער אָנקומען.

ער האָט איהר דערלאַנגט אַ בויגעלע פּאַפּיר מיט׳ן אָנגעשריבענעם אדרעס. זי האָט איהם שווייגענדיג גענומען.

— איך וועל אייך אודאי שרייבען — האָט זי זיך אָנגערופען, און מיט אַמאָל דערפיהלט ווי אַ שווערער אומעט צעשפּרייט זיך איבער איהר נשמה. צי איז דאָס געוועזען אַ פאָרגעפיהל פון דער מורא׳דיגער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געלויערט אויף איהר, ווי אַ ווילדע רויב־חיה אויף איהר רויב, צי איז דאָס געוועזען אומעט, וואָס די צעשיידונג מיט אַ נאָהנטען פריינד האָט אין איהר אויפגעוועקט? — אפשר וועט מיר און ווילי׳ן אויסקומען שפּעטער צו זיין אין פילאַדעלפיע, וועלען מיר אייך זיכער דאָרט אויפזוכען — האָט

זי ווייטער גערעדט שטיל און א זיפץ געטאן — אויף אונזער חתונה האט איהר פונדעסטוועגען געדארפט זיין.

ער האט א שאקעל געטאן דעם קאפ.

— בעט מיך גאר ניט!

— פארוואס זאלט איהר ניט זיין? איך האב דאך דא קיינעם ניט. איהר זענט דער איינציגער גוטער פריינד מיינער.

ער האט אומעטיג א שמייכעל געטאן.

— אויף נאמנות, פעני, עס איז ניט נויטיג. וואס דארפט איהר מיך און וואס דארפט איהר וועמען ניט איז אויף אייער חתונה? בפרט נאך מיך? איך בין א גרינער. ניט קיין פראנט. אייער חתן איז אן אמעריקאנער. די געסט מסתמא וועלען אויך זיין אמעריקאנער. ווי פאס איך גאר צווישען זיי, וויים איך! און חוץ דעם, ווען איך וואלט אפילו יא געפאסט, וואלט איך ניט געקענט זיין אויף אייער חתונה. אויף נאמנות, איהר דארפט אליין פארשטעהן! נו!...

ער האט איהר ווידער א דריק געטאן די האנט, א כאפ געטאן דעם טשעמאדאן פון דר'ערד און, מיט'ן רעכטען אק־סעל נאך מעהר אויפגעהויקערט, איז ער ארויסגעגאנגען פונ'ם פראנט־צימער.

זי האט איהם ניט באגלייט, נאר נאכגעקוקט איהם מיט פארטראכטע אויגען און ווען ער איז פארשוואונדען הינטער דער טיר פונ'ם צווייטען צימער, האט זיך א שווערער זיפץ ביי איהר ארויסגעריסען.

דערנאך איז זי אריין צו זיך אין צימער, האט באהאל־טען דעם אדרעס, וואס ער האט איהר געגעבען, און זיך גע־זעצט אויפ'ן בעט.

„פארוואס איז מיר עפעס אזוי שווער אויפ'ן האר־צען?" האט זי א טראכט געטאן.

זי האט זיך געלייגט אין בעט און אזוי ווי זי איז געלע־גען, אין די שיך און קליידער, איז זי באלד איינגעשלאפען.

ווען זי האט זיך אויפגעכאפט, איז אין איהר צימער שוין געווען שטארק פינסטער. זי איז ארונטער פונ'ם בעט און האט באלויכטען דעם צימער. דער וועקזייגער אויף איהר טישעל האט געוויזען אויף צוויי נאך האלבער נאכט.

זי האָט זיך פאַרוואונדערט, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג געשלאָ־
פען, אויסגעטאָן זיך, פינסטער געמאַכט אינ׳ם צימער און
זיך ווידער אַריינגעוואָרפען אין בעט אריין.

איצט האָט זי שוין ווידער געטראַכט פון איהר חתן,
און אויפ׳ן הארצען איז איהר שוין ווידער געווען גרינג, און
מיט אומגעדולד האָט זי איצט געוואַרט, אַז די נאַכט זאָל
פאַראיבער און דער מאָרגען זאָל שוין קומען, ווען זי וועט
זעהן איהר ווילי׳ן...

אויף מאָרגען איז זי געגאַנגען אין איהר שאַפּ. זי האָט
געוואָלט זיך זעגענען מיט איהרע באַקאַנטע ארבייטערינס
און נאָך מעהר, צו דערצעהלען זיי, אַז זי וועט שוין מעהר
ניט אַרבייטען אין שאַפּ און פאַרוואָס.

זי איז געקומען אין שאַפּ אויסגעפּוצט מעהר ווי גע־
וועהנליך, און זי האָט אַזוי געשטראַהלט פאַר גליק, אַז די
אַרבייטער און די אַרבייטערינס לעבען די מאַשינען אַרום
איהר האָבען נאָכאַנאַנד געוואָרפען בליקען אויף איהר.

אַ ווײַלע איז זי געזעסען לעבען איהר מאַשין און האָט
פאַרטראַכט געאַרבייט. דערנאָך האָט זי זיך פּלוצים אָנגע־
רופען צו איהר שכנה, אַ מיידעל מיט רויטע האָר און אַ
בלייכען אויסגעמאַטערטען פּנים:

— גוד באַי, אַרבייט!

— וואָס איז? — האָט יענע געפרעגט.

— ביז האַלבען טאָג אַרבייט איך היינט, און אַ סוף.
מעהר וועל איך שוין דעם שאַפּ ניט אָנזעהן!

— איהר געהט אַרבייטען אין אַן אַנדער שאַפּ?

— איך וואַרף אײַנגאַנצען די אַרבייט. מיין חתן! וויל
ניט, איך זאָל אַרבייטען.

— אייער חתן? איהר האָט שוין אַ חתן? — האָט דאָס
רויטע מיידעל אויסגעשטעלט אויף איהר אַ פּאָר נייגעריגע
אויגען.

— אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז אונזער חתונה — האָט
פעני געענטפערט מיט אַ רוהיגער מינע.

— טאַקע? אוי! — האָט זיך דאָס רויטע מיידעל אַ
כאַפּ געטאָן, אײַנגעבויגען זיך צו איהר שכנה, אַ שוואַרץ
מיידעל, און איהר עפּעס געזאָגט.

— זאָלסט אַזוי לעבען? — האָט זיך דערהערט דער קול פון דער שוואַרצער, און איהר מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט.

און גלייך טאַקע האָט זי זיך איינגעבויגען צו אַן אַנדער מיידעל, איהר שכנה פון דער אַנדערער זייט, און איהר עפּעס דערצעהלט. און אין צעהן מינוט אַרום, האָבען שוין אַלע אַרבייטער און אַרבייטערינס אין'ם שאַפּ געוואוסט, אַז דאָס שעהנע בלאָנדע מיידעל, די „גרינע,‟ געהט באַלד חתונה האָבען, און אַלע האָבען פון הינטער זייערע מאַשינען געקוקט אויף איהר, וועלכער נייגעריג און די מייסטע מיט קנאה, און דאָס סוד'ען זיך פון די אַרבייטערינס איז דערטרונקען געוואָרען אין דעם רוישען פון די מאַשינען.

פעני האָט זיך אַנגעשטויסען, פאַרוואָס אַלע קוקען אויף איהר. ווי שטאָלץ זי איז דאָס איצט געווען און ווי ליכטיג זי האָט געשמייכעלט!

צוועלף אַ זייגער האָט זי זיך אַנגעטאָן, אָפּגענומען אין „אָפּיס,‟ וואָס איהר איז אַרויסגעקומען פאַר דער אַרבייט, און איז אַריין צו די מיידלאַך זיך זעגענען.

זיי אַלע מיט זייערע פעקלאַך עסענוואַרג זענען געזעסען אַרום דער רויטער מיידעל און זי האָט צום צעהנטען מאָל זיי דערצעהלט, וואָס פעני האָט איהר געזאָגט, און וואָס פעני האָט איהר ניט געזאָגט, מכח איהר חתונה.

ווען זיי האָבען דערזעהן פעני'ן, האָבען זיי זיך אַלע אַ קעהר געטאָן צו איהר, אויפגעהויבען זיך פון די ערטער און יענע, וואָס זענען פון הינטען געשטאַנען, האָבען זיך גענומען שטופּען נעהנטער, ווי זיי וואָלטען דערזעהן עפּעס אַ וואונדער.

— גוד באַי, מיידלאַך! — האָט פעני געזאָגט — איך ווינש אייך אַלעמען, וואָס גיכער פּטור צו ווערען פון'ם שאַפּ!

— אַ דאַנק! טהענק יו! — האָט מען איהר געענטפערט פון אַלע זייטען.

— ווען איז אייער חתונה? — האָט דאָס רויטע מיידעל געפרעגט.

— אין אַ פּאָר וואָכען אַרום.

— וואָס פאַר אַן אַרבייטער איז ער? — האָט דאָס שוואַרצע מיידעל אַ פרעג געטאָן.

— ער איז ניט קיין אַרבייטער — האָט פעני געענטפערט מיט אַ שטאָלצער מינע — ער איז אַ ביזנעסמאַן.

— אַ ביזנעסמאַן? — האָבען כמעט אַלע אויסגעשריען.

—אַן עלטערער מענש, מסתמא — האָט איינע אריינגעוואָרפען.

— אַן אלמן מיט קינדער, מסתמא — האָט דאָס רויטע מיידעל אונטערגעכאַפּט.

— און וויפיעל קינדער האָט ער? — האָט די שוואַרצע געפרעגט.

פעני האָט זיך צעלאַכט.

— דער שעהנסטער באָי וואָס איז דאָ אויף דער גאַנצער וועלט איז מיין חתן! — האָט זי זיך אָנגערופען — אַ יונגערמאַן, נאָך קיין וואָנצעס אפילו ניטאָ!

די רויטע האָט אַ געשריי געטאָן:

— איך האָב שוין געזעהן אַלטע לייט אָהן וואָנצעס!...

פעני האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט.

— מיידלאַך, איך ווינש אייך אַלעמען, צו קריגען אזעלכע חתנים!

— אמן! אמן! — האָט מען איהר געענטפערט פון אַלע זייטען — מיר ווינשען אייך גליק! זאָל זיין מיט מזל, מיט מזל!

און אַ זיפצעריי און בליקען פול מיט אומעט און קנאה האָבען זי באַגלייט...

ווען פעני איז אַרוים אויף דער גאַס, האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום שאַפּ און מיט אַ גליקליכען שמייכעל אַרויסגעמורמעלט:

— גוד באַי, שאַפּ!...

קומענדיג אַהיים האָט זי פריהער אָנגעקלאַפּט צו מיסעס גוטמאַן אין דער טיר. געענטפערט האָט איהר ווילי׳ס קול.

זי האָט שיער ניט אַ געשריי געטאָן און גאָר ניט געפיהלט, ווי זי האָט די טיר אַ שטויס געטאָן, און באַלד איז זי געווען אין דעם צימער, אינגאַנצען פאַררויטעלט, און איהרע סאַמעט־ווייכע פינגער האָבען זיך געקלאַמערט אַן זיינע, און איהר בלאָנדער קאָפּ, פאַר׳שכור׳ט פון גליק, האָט זיך געדריקט צו זיין אָרעם און זי האָט אַרויפגעקוקט צו איהם מיט אזוינע וואַרעמע, ליכטיגע אויגען, און איהר יונ־

גער קערפער האָט אינגאַנצען געציטערט און זיך געריסען צו איהם.

איצט, אַז ער האָט זי געקושט, האָט זי זיך שוין ניט געשעמט מעהר פאַר מיסעס גוטמאַן און מייביל'ן און זי האָט איהם אויך געקושט; אַלע, אַלע, די גאַנצע וועלט, האָבען דאָך שוין געוואוסט, אַז ער איז איהר חתן!...

פאַרנאַכט האָט זי איהם דאָרט ווידער געטראָפען און אויף מאָרגען ווידער. און ווי זי האָט דאָס איצט פאַרשטאַנען, דאָס דאָזיגע איינפאַכע מיידעל, אויסצופוצען זיך פאַר איהר געליבטען חתן! ווי רייצענד האָט דאָס אָפּגעשלאָגען איהר ווייסער שלאַנקער האַלז פון דעם טונקעלען, סאַמעטענעם קראַגען, וואָס זי האָט אָנגעטאָן אויף איהר קאָלירטער בלוזקע! ווי אָפט האָבען איהרע ראָזעווע חן־גריבעלאַך געלאַכט! זי האָט געוואוסט, אַז איהרע קורץ־געשוירענע בלאָנדע האָר געפעלען איהם, האָט זי זיי אין גאָלדענע לאָקען געלאָזט פאַלען איבער איהר שטערען און ער האָט זיי געקרויזט אין רינגעלאַך און געוויקעלט ארום זיינע פינגער און געשריען:

— יעדע האָר איהרע איז גאָלד, יעדע האָר!...

פעני האָט גליקליך געלאַכט און מיסעס גוטמאַן און מייביל האָבען גנב'יש געשמייכעלט.

אַזוי איז דאָס געווען ביז דער ערשטער סדר־נאַכט.

7.
אין דער ערשטער סדר נאַכט

דער סדר ביי מיסעס גוטמאַן איז, ווי יעדען יאָהר, געווען גאָר אַ לייטישער. דורך איהר גראָסערימאַן האָט זי דעם יאָהר, פונקט ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען, אויך געקראָגען פאַר אַ פאַר דאָלאַר אַן עלטערען, פרומען אידען, וואָס האָט ביי איהר געפראַוועט דעם סדר.

דער דאָזיגער איד, פונקט ווי די פריהערדיגע אידען, וואָס האָבען ביי איהר אָפּגעריכט די סדרים, און פונקט ווי דער גראָסערימאַן און דער בוטשער און די אַלע שכנים, האָט גאָר אָנגעקוואָלען פון דער לייטישער פרומער און גוטהאַרציגער אלמנה...

אינ׳ם עס־צימער, וואו דער סדר איז אָפּגעריכט געוואָרען, האָט אויסגעזעהן זעהר יום־טוב׳דיג. אין אַלע לייכטער האָבען געברענט ליכט. אַלע צימערען זענען געווען העל באַלויכטען.

אויבען אָן ביים טיש, אויף א הסב־בעט, איז אין א ווייסען קיטעל געזעסען א קליין, דאַר, איינגעהויקערט אידעל, מיט א שפּיציג גרוי בערדעל, האָט זיך געשאָקעלט איבער א הגדה און אויף א דין קול׳כעל און מיט א ניגון געזאָגט.

לעבען איהם איז געזעסען מיסעס גוטמאַן, אין א נייע קלייד און שייטעל, מיט בריליאַנטען אויפ׳ן בוזים, אין די אויערען און כמעט אויף אַלע איהרע קורצע, דיקע, צעקאָרטשעטע פינגער.

א פייערליכע מינע איז געווען צעגאָסען איבער איהר פעטען פנים און זי האָט פון דעם אידען ניט אַרונטערגענומען איהרע פרומע אויגען, שטיל איהם נאָכגעזאָגט, אויך מיט א ניגון.

און אַז דער מאָגערער אַלטינקער האָט זיך צעשאָקעלט שטאַרקער און זיין דין קול׳כעל האָט געקלונגען פייערליך, האָט זיך אויך איהר שווערער גוף אַזוי צעשאָקעלט, אַז דער שטול אונטער איהר האָט שווער געקרעכצט.

אויף דעם אַנדערען ברעג טיש זענען געזעסען ווילי, פעני און מייביל.

ווילי האָט אָפּט גנב׳יש א וואונק געטאָן מיט די אויגען אויפ׳ן אַלטינקען און פון איהם אויף מיסעס גוטמאַן, און מייביל, מיט אויגען, פון וועלכע עס האָט געשפּריצט א געלעכטער, האָט דאַן מיט אַ טיכעל פאַרשטעלט איהר מויל און איהר קאָפּ פאַררוקט אונטער׳ן טיש...

פעני איז געזעסען פאַרטראַכט לעבען ווילי׳ן און האָט געשוויגען.

זי איז געווען אויסגעפּוצט אין א נייע טונקעל קלייד, וואָס איהר חתן האָט איהר נעכטען געקויפט און פון וועלכען זי האָט אַרויסגעלויכטען נאָך העלער און ליכטיגער מיט איהר צאַרטער ווייסער הויט און איהר בלאָנדען קאָפּ.

פאַר איהרע אויגען האָבען זיך איצט געמאָלען איהר מאַמע און איהר שוועסטער, ווי זיי זיצען דאָרט ביים סדר

אין דער היים, און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט, ווי זיי רעדען פון איהר, — די מאַמע מיט טרעהרען אין די אויגען און פעני'ן האָט זיך געגלוסט צו וויינען. נאָר ווען איהר חתן האָט פאַר'גנב'עט זי אַ דריק געטאָן, האָט זי זיך אומגעקוקט אויף איהם און געשמייכעלט צו איהם מיט ליבע. און איינמאָל, ווען ער האָט זי אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס זי זיצט אַזוי פאַרטראַכט, האָט זי געענטפערט:

— אַך, ווען מיין מאַמע און מיין שוועסטער וואָלטען נאָך דאָ געווען!...

— און אָהן זיי ביזטו דען ניט גענוג גליקליך? — האָט ער זיך אָנגערופען און צוגעבויגען זיין קאָפּ נאָהענט צו איהר פנים און מיט זיין שוואַרצע, וואָוויליונגישען לאָקען האָט ער אַ טורקע געטאָן פריהער איהר אויג, דערנאָך איהר נאָז, און דאַן האָט ער איהם גענומען פיהרען איבער איהרע ליפען אַהער און אַהין, אַהין און צוריק...

זי האָט דאָס מויל געעפענט: האָם! — און אַ צופּ געטאָן זיין לאָקען מיט איהרע ווייסע, לאַכענדיגע צייהן.

דער אַלטער האָט אונטערבראָכען זיין זאָגען, אַ קוק געטאָן אויף זיי מיט צער און אַ זיפץ געטאָן.

מיסעס גוטמאַן האָט אָנגעהויבען צו שרייען:

— אַ גדולה אויף אייך, לאָזט זאָגען די הגדה! אויף אַלץ איז אַ צייט!

און זיך אַ קעהר געטאָן צום אַלטינקען און צוגעלייגט:

— זאָגט, זאָגט, ר' איד, וויטער. נו, וואָס קאָן מען זיך העלפען? גוים, אַ גדולה אויף אייך!

דער אַלטער אין דעם ווייסען קיטעל האָט זיך ווידער צעשאָקעלט אויף זיין הסב־בעט און וויטער געזאָגט אויף זיין דין קול'כעל מיט אַ ניגון די הגדה. און מיסעס גוטמאַן האָט איהם נאָכגעזאָגט מיט אַ פייערליכער מינע. און ווילי האָט ווידער גנב'יש געוואונקען אויף זיי מיט די אויגען. און מייביל האָט ווידער גערוקט איהר קאָפּ אונטער'ן טיש און געשטיקט איהר געלעכטער.

אַפילו פעני האָט איצט אויך געמוזט אַנווענדען אַלע איהרע כחות כדי זיך ניט צולאַכען אויפ'ן קול פון איהר חתנ'ס „שטוקעס" און מיט אַ האַרצען פול מיט ליבע צו איהם האָט זי געטראַכט:

„אַ רוח, אַ טייפעל, אַ שטיק פייער, לעבען זאָל ער!"

אויפ'ן טיש זענען געשטאַנען פלעשער מיט וויין, אָנ־געגאָסענע פסח'דיגע כוסות מיט וויין און איין גרויסער כוס פאַר אליהו הנביא, אָנגעפילט ביז איבער די ברעגעס.

דעם וויין איז געווען אַ מצוה היינט צו טרינקען. פון דער דאָזיגער מצוה האָט אפילו ווילי געהאַלטען, און ער האָט אויסגעטרונקען מעהר פון די טראַדיציאָנעלע פיער כוסות.

מייביל האָט אויך געטרונקען, אָבער פאָרזיכטיג, געהיט זיך פאַר דעם אַלטינקען.

מיסעס גוטמאַן האָט שוין אויסגעטרונקען צוויי פולע כוסות און איהר דיקער פנים איז געווען רויט ווי צונטער.

דער אַלטינקער האָט אויך געטרונקען דעם וויין מיט גרויס חשק און זיינע פאַרלאָשענע אויגען האָבען זיך אָנ־געצונדען.

איין פעני האָט נאָר מיט די ליפען באַריהרט דעם וויין. וויפיעל ווילי האָט איהר ניט איינגערעדט, זי זאָל אויסטרינקען דעם גאַנצען כוס.

ביים עסען האָט מען ווידער געטרונקען. דער וויין איז געווען אַזוי גוט און שטאַרק. ווילי האָט ווילד געלאַכט, גע־קלאַפט איבער'ן טיש און געשריען:

— דזשי ווהיס, פסח איז דער בעסטער יום טוב! טרינקט! טרינקט! טרינקט! גיסט אריין! פרעהליך זאָל זיין, דזשי ווהיס!...

האָט פלוצים אַ כאַפּ געטאָן פעני'ן צו זיך אויפ'ן שויס און געשטופּט צו איהרע ליפען אַ כוס וויין און געשריען:

— טרינק אויס! טרינק אויס! טרינק!...

זי האָט געוואָרפען מיט'ן קאָפּ, געלאַכט און געמורמעלט:

— לאָזט איין, משוגענער! איך קען ניט! דער קאָפּ וועט זיך מיר פאַרדרעהען!

— טרינק!...

— ניט שעהן, לאָזט איין!

— טרינ־נ־ק־ק!...

— איהר וועט מיר ארויפגיסען דעם וויין אויפ'ן קלייד. לאָזט איין!

— איך וועל דיר קויפען אן אנדערע. א גאנצען טוצען קליידער וועסטו ביי מיר האבען. ט־ר־רי־נ־ק!...

דער אַלטינקער, וועלכער איז שוין אויך געווען פאַר־שנאַשקעט, האָט, קייענדיג מיט הנאה די געשמאַקע שפּייזען, א קוק געטאָן אויף זיי מיט בלישטשענדיגע אויגען און האָט אַרויסגערעדט מיט א פול מויל:

— טרינק, מיידעלע, טרינק געזונטינקערהייט. א מצוה היינט צו טרינקען.

— א מצוה, פעני, טרינק! — האָט מיסעס גוטמאַן פרעהליך און מיט ברענעדיגע באַקען אויך אונטערגעכאַפּט.

— וואס מיר מצוה! — האָט ווילי פלוצים א געשריי געטאָן — איז זי א מיידעל? בין איך ווילי? און אז ווילי הייסט א מיידעל עפּעס טאָן, מוז זי עס טאָן! מיך פאָלגט מען, אניט...

און ער האָט מיט גוואַלד אַריינגעשטופּט דעם כוס איהר אין מויל אריין.

זי האָט זיך פאַרכלינעט, צעהוסט און זיך שטיל צעלאַכט.

— דהאט'ס דהי וועי! — האָט ער געזאָגט און זי אַרונ־טערגעלאָזט פונ'ם שויס.

איצט האָט מייביל אויך אַרונטערגעוואָרפען פון זיך די געצוואונגענע אַנשטענדיגקייט, האָט געטרונקען איין כוס נאָכ'ן אנדערען, געלאַכט הייזעריגליך, געשטופּט דאָ פעני'ן ביים אַקסעל און דאָ ווילי'ן און געשריען:

— לאָמיר זיך היינט אַנ'שכור'ן, א מצוה!...

דער לאַבענדיגער טונקעלער פּנים איהרער האָט גע־גלאַנצט און די שוואַרצע אויגען האָבען געשפּריצט פונקען.

— דהאט'ס איט! דהאט'ס איט! — האָט ווילי גע־קלאַפּט איבער'ן טיש — טרינקען! אַלע! מיסעס גוטמאַן, נו, א מצוה, דו האָלסט דאָך פון מצוות! מיסטער הגדה־זאָגער, איהר אויך! גוטער וויין. טרינקט! פעני, דו... כלה... מוזט אויך טרינקען, איך וועל ווערען ביין!...

— נו, לחיים, — האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנגערופען און גענומען א כוס אין דער האַנט — מיר זאָלען איבעראַיאָהר דערלעבען צו פראַווען א פרעהליכען סדר.

און זי האָט אויסגעטרונקען. דער אַלטינקער האָט אויך אויסגעטרונקען, א וויש געטאָן מיט'ן ווייסען אַרבעל פונ'ם

קיטעל די גרויע וואָנצעס און דאָס בערדעל פון אויבען אַרונ־טער און מיט הרחבה און שיכור'לעך ארויסגעמורמעלט:

— אי־אי־אי, אַ דאַנק גאָט, אַ שעהנעם סדר האָב איך היי־יאָהר!

ווילי האָט דערלאַנגט פעני'ן אַ כוס און אָנגעקלאַפּט זיין כוס אָן איהרען:

— לחיים!

און זי האָט געענטפערט מיט אַ פרעהליכען, ליכטיגען שמייכעל:

— לחיים טובים ולשלום!

און אַ ביסעלע אַ זופּ געטאָן פון דעם כוס.

— איינגאַנצען! — האָט ער געפאָדערט.

— אָט זעה ווי איך! — האָט מייביל אונטערגעכאַפּט, אויפגעהויבען זיך פונ'ם אָרט מיט אַ כוס און אויסגעטרונ־קען אין איין אָטעם.

דאַן האָט פעני מיט אַן אנטשלאָסענער מינע אויך איהר כוס אויסגעטרונקען איינגאַנצען און זיך אַ קעהר געטאָן צו ווילי'ן:

— גוט? צופרידען?...

און זי האָט זיך פרעהליך צעלאַכט.

— איך וועל דיך שוין מאַכען פאַר אַ מענשען! — האָט ער געענטפערט אונטער דער נאָז און ווידער אויסגעטרונקען.

מיסעס גוטמאַן איז איצט געזעסען פאַרלייגט אַ האַנט איבער אַ האַנט אויפ'ן הויכען בוזים, האָט געשמייכעלט מיט איהר צעפלאַמטען דיקען פּנים און שיכור'לעך געזשמו־רעט איהרע אויגען אויפ'ן אַלטינקען.

פּלוצים האָט זי זיך אָנגערופען:

— מסתמא זענט איהר דאָך אַ איד אַ למדן, האַ? איהר לערנט דאָך מסתמא יום ולילה די הייליגע תורה, אַ גדולה אויף אייך, האַ? און תהלים זאָגט איהר דאָך מסתמא אויך יעדען טאָג, האַ?

— ווי דען? — האָט דער אַלטער ארויסגעמורמעלט קייענדיג?

— אַ פרומער איד, אַ טייערער איד, האָט מיסעס גוט־מאַן זיך צע'טענה'ט ווי צו זיך אַליין. וויפיל האָב איך אייך צוגעזאָגט צו געבען? פינף דאָלאַר? איכ'ל אייך געבען

זיבען, א גדולה אויף אייך! אכט וועל איך אייך געבען, אכט, נאר זאגט פאר מיר אויך א קאפיטעלע תהלים, א גדולה אויף אייך! זאגט, הארציגער! אכט וועל איך אייך געבען!

דער אלטינקער האט אויפגעהערט צו קייען.

— איהר וועט מיר געבען אכט דאלאר? — האט ער ארויסגערעדט פארוואונדערט.

— אכט, אכט! — האט זי געענטפערט אי מיט'ן קול, אי מיט'ן קאפ, אי מיט די הענט, וועלכע זי האט ארונטערגענומען פון איהר בוזים — אכט, הארציגער, נאר זאגט פאר מיר א קאפיטעלע תהלים, א גדולה אויף אייך! און א פאר נייע שיך וועל איך אייך אויך קויפען. אפשר דארפט איהר האבען א פאר העמדער? איהר געהט ארום, נעבאך, אזוי נאקעט! א גרינער, פעדעלט מיט שליסלען, א מצוה אייך צו העלפען. זאגט נאר א קאפיטעלע תהלים פאר מיר און אפשר נאך א פרק'ל משניות, א גדולה אויף אייך. אפשר דורך אייער זכות, אפשר דורך אייער זכות — האט זי שכור'לעד איבערגע'חזר'ט די לעצטע ווערטער און זיך געשאקעלט.

— אי־אי־אי, אודאי בין איך א נצרך — האט ער געמורמעלט — אין דערהיים האב איך א ווייב, גאט וועט אייך אודאי ממלא זיין, אז איהר וועט מיר העלפען.

— יא, יא, ר' איד, אפשר דורך אייער זכות, א גדולה אויף אייך. צעהן דאלאר וועל איך אייך געבען, ניט זיבען און ניט אכט, נאר גאנצע צעהן, איהר זאלט נאר ניט פארגעסען זאגען תהלים פאר מיר און לערנען א פרק'ל משניות פאר מיר — האט מיסעס גוטמאן זיך שוין געווישט מיט ביידע פויסטען די אויגען און זיך געשאקעלט.

מייביל און פעני זענען איצט געזעסען אויף דער זאפע ארומגענומען, האבען זיך גע'סוד'עט און געלאכט. ביי פעני'ן האט דאס פנים געברענט פלאם־פייער און איהרע העלע אויגען האבען מוטנע געשמייכעלט. אין קאפ האט זיך איהר געדרעהט און פאר איהרע אויגען האט אלצדינג זיך געוויגט און געטאנצט.

— הערסט, איך בין שיכור! — האט זי געפליסטערט צו מייביל'ן.

— איך אויך.

— איך בין גוט שיכור!
— איך אויך.
— איך שעהם זיך, אויף מיין וואָרט. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען.
— ווערסט זיך שוין צוגעוואויגען. כאַ! כאַ! כאַ! — האָט מייביל געלאַכט אויסגעלאַסען.
— כאַ! כאַ! — האָט אויך פעני געלאַכט.
ווילי איז געזעסען מיט די פיס פאַרוואָרפען אויף א צווייטען שטול, און האָט געריכערט א סיגאַר.
ער האָט מיט א שמייכעל געקוקט אויף דעם אַלטינקען און אויף מיסעס גוטמאַן און זיך צוגעהערט צו איהרע טענות.
פּלוצים, ווען זי איז אַנשוויגען געוואָרען, האָט ער ארויסגעכאַפּט א פינף־דאָלאַרדיגען פון דער קעשענע און א וואָרף געטאָן צום אַלטינקען.
— היר, מיסטער הגדה־זאָגער, נעהמט, איך שענק דאָס אייך! און קיין תהלים זאָגט ניט פאַר מיר, נעהמט בעסער יעדען טאָג א שנעפּסעל און דערמאָנט מיך!
— וואָס גיסטו איהם געלט, א גדולה אויף דיר? — האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנגערופען שוין מיט פאַרדרימעל־טע אויגען — יום־טוב וועט ער קיין געלט ניט האַלטען.
— פּאַפּירען געלט מעג מען — האָט דער אַלטינקער געזאָגט — א קופּערנע, צי א זילבערנע מטבע איז מוקצה.
האָט צוגענומען דאָס געלט און צוגעלייגט:־
— נו, א דאַנק גאָט, איכ'ל האָבען וואָס צו שיקען מיין ווייב אַהיים. אי, גוטע מענשען, וואוילע אידען, א טייערער סדר...
ווילי האָט שיכור א פייף געטאָן.
— און נאָך וואָס פאַר א וואוילע אידען — האָט ער זיך צעלאַכט.
— וואָס פייפסטו אין א אידיש הויז, א גדולה אויף דיר?
— וואָס איז?
— מען טאָר ניט פייפען אין א אידיש הויז,—האָט דער אַלטינקער זיך אריינגעמישט — אז מען פייפט, קומען רוחות, שדים און מחבלים...
— אַזוי?
און ווילי האָט נאָך שטאַרקער א פייף געטאָן.

מיסעס גוטמאַן האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן:

— ווילי, איך בעט דיך...

און ווילי האָט איהר געענטפערט מיט שפּאַס אין קול:

— וואָס בעטסטו מיך, אַלטע? דער טייפעל דאַרף דען ערשט אַהער קומען? און ווער ביזטו? ווער בין איך? און ווער זענען מיר אַלע?...

— ווילי, איך בעט דיך, פאַרשטער מיר ניט דעם סדר.

דער אַלטינקער האָט אַרויסגעמורמעלט:

— אַן איבעריגער כוס איז ווי אַן איבעריגער ביסען — פאַרשאַדט...

— און דו, אַלטע — האָט ווילי ווייטער גערעדט שכור'לאַך און מיט שפּאַט — באַהאַלטסט זיך הינטער'ן סדר, הינטער'ן תהלים, הינטער דיין טייטש חומש און הינטער דיין צדקה־פּושקע, און איך קען דאָס ניט. איך גלויב ניט אין דעם. און אַז איך וואָלט געגלויבט, וואָלט איך אַזעלכע „מאַנקי־ביזנעס" ניט געקענט מאַכען מיט גאָט, פאַרשטעהסט, אַלטע? ניט געקענט! איך ווייס, אַז איך בין אַ טייפעל. טראָג איך זיך פריי איבער ווילדע וועגען און פייף אויף יענער וועלט און אויף אַלע וועלטען! מיינע ווילען מיך ניט קענען, פייף איך אויף זיי אויך און הוליע ווי דער פרייער ווינט. זיי שעמען זיך מיט מיר, זיי זענען גערעכט, אָבער...

— ווילי! — האָט מיסעס גוטמאַן צעשראָקען איהם אַ צופּ געטאָן ביים אָרעם — שווייג, דו ביזט שיכור, דו הערסט ניט, וואָס דו רעדסט!

— איך הער שוין, וואָס איך רעד — האָט ווילי געענטפערט און זיך אַ קעהר געטאָן צום אַלטינקען — מיסטער הגדה־זאָגער, האָט איהר עפּעס טעכטער אויך?

— ווי דען? פיער, זאָלען לעבען, פיער. קיין נדן איז אָבער נישטאָ, קיין נדן...

— שעהנע?

— פאַרשוינען, פאַרשוינען — האָט דער אַלטינקער אויסגעשריען — ווי די זון, מיסטער־לעבען, ווי די זון!

— שיקט נאָך זיי, וואָס וואַרט איהר? מיר דאַרפען זיי דאָ האָבען!...

— שאַ־אַ! — האָט מיסעס גוטמאַן אַ געשריי געטאָן — אַ גדולה אויף דיר, אויף אַלץ איז אַ צייט. גיי בעסער צו דיין כלה, ווילי!

דאָ איז ווילי מיט אַמאָל אויפגעשפּרונגען:

— וועל, וואו איז זי?

ער איז צוגעגאַנגען צו דער זאָפע, וואו פעני און מייביל זענען נאָך געזעסען אַרומגענומען און זיך אַ וואָרף געטאָן לעבען איהר.

— פעני, דו האָסט דאָך ניט מורא פאַר דעם טייפעל?

— האָט ער זיך אָנגערופען און זי אָנגענומען ביי דער טאַליע.

— וואָס מיינט איהר?

— האָסט עפּעס מורא פאַר מיר?

— פאַר אייך מורא האָבען? ניין, פאַר אַזאַ טייפעל האָב איך ניט מורא.

— איז גוט. אויב אַזוי האָב איך פאַר דיר אַן איבער־ראַשונג.

— פאַר מיר?

— יאַ, קום, טו זיך אָן.

— וואוהין?

— איבער די ווילדע וועגען — האָט ער געענטפערט און זיך צעלאַכט.

— וואָס רעדט איהר, ווילי?

— ליבע איז דאָרט און פרעהליכע טעג און נעכט, — קום!

— האָט זי אַ שמייכעל געטאָן:

— אוי, ווילי, איהר זענט אויך שיכור!

—ערנסט, פעני, איך וויל, דו זאָלסט היינט אָנקוקען די רומס, וואָס איך האָב גענומען פאַר אונז. איך האָב דיר ניט געוואָלט דערצעהלען, וויי"ל איך האָב דיך געוואָלט היינט איבעררראַשען.

פעני האָט ברייט געעפענט איהרע אויגען און געקוקט אויף איהם האַלב־שמייכלענדיג און האַלב פאַרוואונדערט.

— טאַקע?

מייביל האָט זיך צעלאַכט.

— גיי מיט איהם. איך האָב שוין געזעהן די רומס. אַ גאַנצע הויז. צוויי שטאָק. דו וועסט זעהן, וואָס פאַר

א פיינע מעבעל ער האָט דאָרט אריינגעשטעלט. דו וועסט איהם דערפאַר ניט איין קוש געבען. אָט, איך וועל דיר געבען דיין העט און גהה!

זי איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך א שאָקעל געטאָן אויף די פיס, אויסגעשריען הייזעריג: „אוי, איך בין שכור!" און איז אריינגעלאָפען אין'ם פראָנט־צימער און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט מיט פעני'ס הוט.

— איצט געהן? און פאַרוואָס ניט מאָרגען? — האָט פעני זיך אָנגערופען.

— נו, נו, שפּאָר זיך ניט איין, קום!

האָט זי אָנגענומען ביים אָרעם און איהר געהאָלפען זיך אויפהויבען פון דער זאָפע.

פעני האָט אַרויסגערעדט מיט געבעט:

— ווילי, טייערינקער, אפשר מאָרגען, דער קאָפּ דרעהט זיך מיר און געהן ביינאַכט... וואָס פאַר א פּנים האָט עס?

— קום, קום! ערשטענס, מוזטו זיך איצט דורכגעהן, וועסט זיך אָפּפרישען. און צווייטענס, אז איך האָב דיר געמאַכט א סורפּריז, דאַרפסטו מיר צוליב טאָן.

— אז דו ווילסט, אָל־ראַיט!...

מייביל האָט איהר אָנגעטאָן דעם הוט און ווילי האָט גענומען זיין הוט.

— אוי, קוים וואָס איך שטעה איין אויף די פיס, איך האָב מורא, אז איך וועל פאַלען! — האָט פעני זיך צעלאַכט.

— נו, איז וואָס? וועסטו פאַלען! — האָט ווילי גע־ענטפערט און א וואונק געטאָן צו מייביל'ן — איך וויל טאַקע זעהן, ווי אזוי דו וועסט פאַלען — האָט ער צוגעלייגט און זיך מאָדנע צעלאַכט.

פעני האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם.

— א גוטען יום טוב אייך! — האָט זי געזאָגט און איז מיט ווילי'ן אַרוים פון הויז.

דאַן האָט מייביל אויסגעשריען:

— מזל טוב!

און זיך ציניש צעלאַכט.

און מיסעס גוטמאַן האָט א זיפץ געטאָן: „וועה איז צו מיינע יאָהרען, א סוף!" און דערנאָך זיך א קעהר געטאָן צום אַלטינקען מיט א מין שרעק און מיט א וויינענדיג קול:

— טייערינקער, האַרציגער, אַ גדולה אויף אייך, איכ'ל אייך געבען ניט צעהן, נאָר צוועלף דאָלאַר, נאָר זאָגט פאַר מיר אַ קאַפּיטעלע תהלים!...

* * *

ווען פעני איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט אַ קיהל פריה־לינגס־ווינטעלע אַ לאַשטשע געטאָן איהר הייסען שטערען.

— ווי גוט! — האָט זי אַרויסגעמורמעלט און זיך צוגעדריקט פעסטער צו איהר חתנ'ס אָרעם.

די נאַכט איז געווען שעהן און ליכטיג. איבער אַ רויטען טענעמענט־הויז איז געשטאַנען אַ פאַר'סוד'עטע פולע לבנה און האָט געוואָרפען אַ מילך־ווייסען שיין אויפ'ן רויטען דאַך. אַרום איז געווען שטיל, נאָר פון די ווייטערע, רוי־שיגערע גאַסען, האָט זיך דערטראָגען אַהער אַ שוואַכער אָפּהילך און דאָס קלינגען פון אַ קאַר האָט זיך פון צייט צו צייט דערהערט.

— וואָס פאַר אַ שעהנע נאַכט! — האָט פעני ווידער אַרויסגעמורמעלט, אָפּגעפרישט אַ ביסעל פון דער קיהלער ביינאַכטיגער לופט, אָבער נאָך אַלץ שכור'לאַך.

— יאָ, זעהר אַ שעהנע נאַכט — האָט ווילי געענטפערט — אין אַזאַ נאַכט איז גוט צו ליבען. ניט אַזוי פעני?

און ער, וואָס איז געווען אַ סך העכער פון איהר, האָט זיך איינגעבויגען און אַריינגעקוקט מיט אַ מאָדנעם שמייכעל איהר אין די אויגען אַריין. און זי האָט איהם געענטפערט מיט אַ גליקליכען שמייכעל און איהם אַ דריק געטאָן דעם אָרעם.

אַזוי זענען זיי געגאַנגען אַן ערך אַ צעהן מינוט. דער־נאָך האָבען זיי זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייטיג געסעל, וואָס איז נאָך ניט געווען אינגאַנצען פאַרבויט און האָט אויסגע־זעהן מעהר ווי אַ געסעל ערגעץ אין אַ דאָרף.

די הייזער זענען דאָ געווען קליינע, צוויי־שטאָקיגע, מיט הויכע שטיינערנע אַרויפגאַנגען און מיט אייזערנע שטאַכעטען ביים אַריינגאַנג. דאָ און דאָרט זענען געשטאַ־נען עטליכע הייזער צוזאַמען און באַלד הינטער זיי האָט אַ ליידיגער פּלאַץ געדרעמעלט אין לבנה־שיין מיט אַן איין איינציג הויז, וואָס האָט דאָרט געדרעמעלט ווי אין אַ מיטען

פעלד. און ווייט הינטער דעם דאָזיגען הויז האָבען זיך ווידער געזעהן אַנדערע הייזער אָהן דעכער, וועלכע מען האָט ערשט געבויט.

אַ פאַר'חלומ'טע שטילקייט האָט זיך דאָ געטראָגען. קיין לעבעדיגער פּיפּס, קיין הויך פונ'ם לעבען האָט זיך דאָ ניט געהערט. שטום און פאַרשלאָסען און אַזוי ווי פאַר־סוד'עט זענען געשטאַנען אַלע הייזער אין דער ווייסער נאַכט. עטליכע עלעקטרישע לאָמטערנעס, ווייט איינער פונ'ם אַנדערען, האָבען געברענט אויף דעם דאָזיגען געסעל און זייער שיין האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט'ן פאַר'חלומ'־טען שיין פון דער לבנה.

ווילי און פעני האָבען זיך אָפּגעשטעלט פאַר איינעם פון די דאָזיגע צוויי־שטאָקיגע הייזלאַך, וואָס איז געשטאַנען גאַנץ אַליין אויף אַ גרויסען ליידיגען פּלאַץ און אויך מיט אייזערנע שטאַכעטען ביים אריינגאַנג.

— אָט דאָס איז דאָס! — האָט זיך ווילי אָנגערופען און ארויסגענומען אַ שליסעל פון קעשענע.

פעני האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן הויז און עס האָט איהר אַ האַק געטאָן אין האַרצען.

„אָט דאָ וועלען מיר וואוינען!" — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, און איז עפּעס געוואָרען נערוועז.

און ווען זי איז אַריין נאָך ווילי'ן אינעווייניג, און די טיר האָט זיך מיט אַ ליאַרם צוגעמאַכט נאָך זיי, האָט זי זיך צעשראָקען אַ צאַפּעל געטאָן.

— וואָס איז דער מעהר מיט מיר? — האָט זי זיך נערוועז צעלאַכט.

פון אַ קעסטעלע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען אין אַ ווינקעל, האָט ווילי ארויסגענומען אַ סטעריגאָווע ליכט און זי אָנגעצונדען.

— שפּעטער וועלען מיר האָבען עלעקטריק — האָט ער געזאָגט — קום, און זאָג, ווי געפעלען דיר דיינע רומס.

און ער האָט זי אַ פריהער אריינגעפיהרט אין עס־צימער אויפ'ן ערשטען שטאָק, און זי איז צעטומעלט געוואָרען פון די אַלע שעהנע שטיקער מעבעל, וואָס זי האָט דאָרט דערזעהן. אַ טייערער טיש, טייערע שטולען, אַ בופעט — אַלצדינג פון שוואַרצען האָלץ.

דערנאָך האָט ער זי אַריינגעפיהרט אין דעם פראָנט־צימער און דאָס מעבעל דאָרט איז געווען פון נאָך אַ בעסערען סאָרט, מיט טייערע טעפּיכער אויפ'ן פאָלירטען דיל, מיט טייערע שפּיגלען און פאָרהאַנגען.

זי האָט זיך איהם אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן האַלז און אָהן ווערטער איהם געקושט.

— און איצט וועל איך דיר ווייזען אונזער שלאָף־צימער. קום! — האָט ער געזאָגט.

ער האָט זי אַרויפגעפיהרט אויפ'ן צווייטען שטאָק. פיער צימערען זענען זיי דורכגעגאַנגען און אין יעדען פון זיי איז געשטאַנען אַ בעט מיט אַ וואַש־טישעל און אַ ביוראָ.

זי האָט זיך פאַרוואונדערט:

— אַזוי פיעל שלאָף־צימערען?

ער האָט געענטפערט:

— מיר וועלען האָבען גענוג געסט. אַמאָל בלייבט איי־נער נעכטיגען. איך בין אַ מענש, וואָס איך האָב ליב מיינע געסט און איך האָף, אַז דו וועסט זיי אויך ליב האָבען. דו האָסט אָבער נאָך נישט געזעהן דיין שלאָף־צימער. קום!

און ער האָט זי אַריינגעפיהרט אין אַ פינפטען.

דאָרט אין דער גאַנצער לענג פון די ווענט האָבען זיך געצויגען שפּיגלען פון ביידע זייטען און דאָס בעט מיט דעם ווייסען צודעק האָט זיך סודות־פול אָפּגעשפּיגעלט אין זיי. די לבנה האָט דאָ אַריינגעקוקט אין די פענסטער און איהרע שטראַלען האָבען זיך באַוועגט און געטאַנצט און אַרומגעשפּרונגען איבער די דאָזיגע שפּיגלען, וואָס האָבען געגלאַנצט ווי אַלט זילבער, און אויפ'ן בעט, וואָס האָט פון די דאָזיגע שפּיגלען ווייס און פאַר'סוד'עט אַרויסגעקוקט.

און אין די דאָזיגע שפּיגלען האָט פּעני זיך אויך דער־זעהן. זיך און איהר חתן, וואו זי האָט נאָר אַ בליק געוואָר־פען, אַזוי ווי די אָפּבילדער פון זיי ביידע וואָלטען „קאַמער־איין און קאַמער־אויס“ געשפּילט זיך מיט זיי...

זי האָט זיך אָנגערופען פאַרוואונדערט:

— ווי פּאַסען עפּעס דאָ שפּיגלען?

האָט ווילי זיך צעלאַכט:

— דאָס איז די לעצטע מאָדע. און אין דעם ליגט אַ

קלוגער געדאנק. די פרוי דארף זארגען וועגען איהר שעהנ־קייט, ווען זי איז אפילו אין בעט...

פעני האט א ציה געטאן די אקסעל.

א משוגענע מאדע!

ער האט ארונטערגענומען דעם הוט פון איהר בלאנדען קאפ און איהם צווועקגעלייגט אויף דער ביורא.

— צו וואס? — האט זי געזאגט — מיר וועלען דאך באלד געהן.

זי האט זיך געשטעלט געגען א שפיגעלדיגער וואנט און פארריכט איהרע האר.

ער איז געשטאנען הינטער איהר, געקוקט און זיינע אויגען האבען זיך געצונדען.

מיט אמאל האט ער מיט איין האנט זי ווילד א ציה געטאן צו זיך. א ציה געטאן און א הויב געטאן אין דער הויך, אזוי ווי זי וואלט געווען א קליין קינד, און זי ארונ־טערגעלאזט אויפ'ן ווייסען בעט.

זי איז צעטומעלט געווארען און איהם אנגעקוקט מיט גרויסע, צעמישטע אויגען.

— וואס טוט איהר? — האט זי ארויסגעפליסטערט — ווילי, איהר זענט שכור... איך האב מורא פאר אייך. קומט!

ער האט א ציה געטאן איהר ארעם.

— ליג א ווײלע אזוי!

— ווילי, איהר זענט משוגע!

און פלוצים האט זיך דאס ליכט אין זיינע הענט אויס־געלאשען און אין דער טויטער שטילקייט פונ'ם צימער האט זיך דערהערט ווי עס איז ארונטערגעפאלען אויפ'ן דיל מיט א דומפען קלאפ. די לבנה־שטראהלען האבען נאך פלינקער און העלער גענומען שפרינגען און טאנצען אויף די שפיגלען און איצט אויפ'ן בעט און דיל אויך.

פעני איז נאך מעהר צעטומעלט געווארען.

— צינדט אן דאס ליכט, ווילי!...

ער האט געשוויגען.

און דא האט זי באגעגענט זיינע אויגען, וועלכע האבען אויף איהר אזוי געקוקט דורך דעם ווייסען שיין, אז איהר איז געווארען מורא'דיג, און זי האט אליין ניט געפיהלט,

ווי זי האָט זיך אַרונטערגערוקט פונ'ם בעט און הינטערוויי־לעכ'ץ אוועקגערוקט זיך דערנאָך נעהנטער צום פענסטער.

און זיינע אויגען נאָך איהר...

— ווילי, וואָס... וואָס... קוקט איהר אַזוי? — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמעלט. — צינדט אָן... צינדט אָן...

און, ווען זי איז איצט געשטאַנען נאָהנט צום פענסטער, האָבען איהרע בלאָנדע האָר אויסגעזעהן ווי מיט אַ מילך־ווייסען גלאַנץ באַגאָסען.

ער האָט זיך שטיל צעלאַכט מיט אַ קאַלטען געלעכטערל און איז צוגעגאַנגען צו איהר.

— איך בין אָנגעצונדען — האָט ער שטיל געענטפערט און געלאַכט — איך בין אָנגעצונדען...

איצט איז אויך זיין שווארצער קאָפּ געווען, ווי מיט פודרע באַשאָטען.

— וואָס ציטערסטו אַזוי? — האָט ער ווייטער גערעדט — עך, דו!...

און זי ווידער ברוטאַל אַ כאַפּ געטאָן מיט איין האַנט און זי אויפגעהויבען אין דער הויך.

זי האָט געפּרואווט זיך אַרויסרייסען און געפּיהלט ווי אין אייזערנע צוואַנגען איינגעקלאַמערט: געוואָלט אַ געשריי טאָן און ניט געקענט פאַר צעטומעלטקייט. דערנאָך האָט ער מיט דער אַנדערער האַנט אַרונטערגעצויגען די שטאָר פון פענסטער. פונ'ם צימער זענען די לבנה־שטראַהלען פאַרשוואונדען. נאָר אַן איינציגער ווייסער שטראַהל, ווי אַ פעדער פון אַ ווייסער טויב, האָט אונטער'ן פענסטער אויפ'ן דיל זיך געצאַפּעלט און געציטערט, און זיך געריסען אַרויס פון דעם שוואַרצען תהום, וועלכער האָט איהם איצט מיט אַמאָל אַרומגענומען, און ער האָט ניט געקענט זיך אַרויסרייסען...

פעני האָט געציטערט און זיך געצאַפּעלט און זיך גע־ריסען פון איהם און צו איהם...

און שפּעטער האָט אַ שטילער, פאַרשטיקטער געוויין זיך דערהערט אין צימער. און דער איינציגער ווייסער שטראַהל, ווי אַ פעדער פון אַ ווייסער טויב, האָט זיך נאָך לאַנג געצאַפּעלט אויפ'ן דיל אונטער'ן פענסטער, געריסען

זיך פון דעם שווארצען תהום, געריסען זיך און זיך ניט געקענט ארויסרייסען...

אין א צוויי שעה ארום זענען זיי ארוים פון דעם דאַזיגען הויז.

זי איז געגאנגען צעבראכען און פארצווייפעלט, האט קוים געשלעפט די פיס און די קני האבען זיך אונטער איהר געבויגען.

דאס נייע קלייד איז אויף איהר געווען איינגאנצען צעקנייטשט און צעקארטשעט און אזוי צעקנייטשט און צעקארטשעט איז געווען איהר יונגע נשמה, איהר גאנץ צעטומעלט יונג לעבען...

זי האט געהאלטען דעם קאפ ארונטערגעלאזט און זיך באוועגט, ווי פון א נעבעל ארומגענומען, אין דעם העלען לבנה־שיין. ער איז געגאנגען לעבען איהר, האט גערויכערט א סיגאר און געשמייכעלט אין דער ווייסער נאכט אריין...

דערנאך האט ער זיך אנגערופען ווייך:

— דו ביזט בייז אויף מיר?

זי האט געשוויגען.

האט ער געענדערט זיין טאן:

— דו ליבסט מיך ניט, פעני?

האט זי אלץ געשוויגען.

— פעני, דו ליבסט מיך ניט! — האט ער געזאגט שטארקער.

האט זי דאן ארויסגעכליפעט:

— פארוואס האט איהר עס געטאן, פארוואס, פארוואס?!...

האט ער זיך צעלאכט:

— איך פארשטעה ניט, פארוואס ביזטו אזוי פארצווייפעלט? וואס איז דער חילוק? דו ביזט מיין ווייב און דהאט'ס אל! הויב זיך אן מיט א גרינהארן! — האט ער צוגעלייגט מיט פארדרוס.

— אן אנשטענדיגער מענש וואלט עס קיינמאל ניט געטאן — האט זי געכליפעט.

— סעי — האט ער זיך אנגערופען — באליידיג ניט דיין מאן!

האט זי זיך נאך ליידענשאפטליכער צעוויינט.

— דו נאַר — האָט ער גערעדט ווייטער — יעדער חתן האַנדעלט אַזוי. מיין ניט, אַז איך בין ערגער פון די אַנ־דערע. צוקאָפּענס ביזטו ביי קיינעם ניט געשטאַנען. וואָס ווייסטו, נאַר, איך בין דען דיר אַ פרעמדער?

— איינגאַנצען אַ פּאָר וואָכען ביז דער חתונה — האָט זי פאַרשטיקט געוויינט.

— איך האָב דיך משוגע ליב, פעני. די פּאָר וואָכען זיינען פאַר מיר ווי אַ פּאָר יאָהר.

— פאַרוואָס בין איך היינט געגאַנגען, ווען איהר זענט געווען שכור. פאַרוואָס בין איך היינט געגאַנגען מיט אייך?

— און מאָרגען וועסטו אויך געהן מיט מיר — האָט ער געזאָגט.

— ניין, ניין — האָט זי זיך אַ צאַפּעל געטאָן — איך׳ל זיך שוין פאַרזאָגען אַ צעהנטען.

— דו וועסט יאָ געהן! — האָט ער געזאָגט מיט אַ פעסטען טאָן.

— דו וועסט יאָ געהן, זיי ניט קיין נאַר, סיידען דו האָסט מיך ניט ליב. האָסטו מיך ליעב?

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם מיט אויגען פאַרשלייערט פון טרערען.

— ווער, מיינט איהר, בין איך? — האָט זי אַרויסגעע־רעדט הייזעריג.

— איהר ווייסט עס — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט און געכליפּעט.

—איך ווייס ניט. איצט צווייפעל איך אין דעם. אַז דו וואָלסט מיך ליב געהאַט אויף אַן אמת, וואָלסטו איצט זיך געפיהלט גליקליך, פאַר׳שכור׳ט פאַר גליק וואָלסטו איצט געווען; דו אָבער ווייסט און האָסט טענות צו מיר. דאָס באַליידיגט מיך און איך פיהל זיך זעהר געקרענקט דערפון.

— איהר פיהלט זיך נאָך באַליידיגט, איהר?! — האָט זיך ביי איהר אַ פאַרשטיקטער יאָמער אַרויסגעריסען.

— יאָ, יאָ, איך! איך! — האָט ער זיך מיט אַמאָל צעהיצט — הער אויס: איך בין אַן אָרענטליכער באָי. פון איצט אָן ביזטו מיין ווייב, מיין געזעצליך ווייב. דער־פאַר וועסטו מאָרגען אויך געהן מיט מיר אַהער, מאָרגען און איבערמאָרגען. דו הערסט? און דו זאָלסט זיך גליק־

ליך פיהלען, ניט וויינען, ניט טענה'ן, דו הערסט? וועסטו אָבער ניט וועלען געהן, דאַן... וועל, דאַן וועט עס זיין דער בעסטער סימן, אַז דו ליבסט מיך ניט און... און... איך זאָל חתונה האָבען מיט איינער, וואָס האָט מיך ניט ליב — דאָס קיינמאָל ניט! נעווער!...

זי האָט איהם אַ כאַפּ געטאָן ביים אָרעם.

— ווילי, וואָס רעדט איהר?

און זי האָט אינגאַנצען געציטערט.

— יאַ, דו האָסט מיך ניט ליב! — האָט ער ווידער געזאָגט נאָך שטאַרקער — און אויב דו האָסט מיך ניט ליב, אויב דו האָסט מיך ניט ליב, וועל... גוד באַי!...

און ער האָט מיט אַזאַ קראַפט אַ ריס געטאָן זיין אָרעם פון איהרע הענט, אַז זי איז שיער ניט אומגעפאַלען, האָט אַ וואָרף געטאָןביידע אָרעמס אין דער הויך און קוים איינגעהאַלטען איהר גלייכגעוויכט. דאַן איז זי געבליבען שטעהן מיט די אויגען ווייט אויסגעגלאָצט אויף איהם און צונויפגעקאָרטשעט, און אונטער'ן העלען לבנה־שיין האָט זי איצט אויסגעזעהן ווי אַ קליין, בלאָנד מיידעלע, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אין מיטען דער נאַכט און וואָס האָט פלוצים זיך געכאַפּט, אַז עס בלאָנדזשעט...

ער איז נישט אוועק, איז געשטאַנען ניט ווייט פון איהר און האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ ברוגז'ר מינע.

דערנאָך איז ער ווידער צו איהר צוגעגאַנגען און האָט זי אַרומגענומען.

— איך האָב דאָך דיך ליב, אַזוי ליב! — האָט ער געזאָגט — און דו ליבסט מיך ניט! פאַרוואָס?

זי האָט אַרויסגעמורמעלט:

— אויב איהר האָט מיך ליב, האָט איהר געדאַרפט רחמנות האָבען איבער מיר.

ער האָט זיך צעלאַכט.

— אָבער אויף מיר איז דאָך אויך אַ רחמנות. נאַרוניו, וואָס מיינסטו, איך בין עפּעס פון אייזען, וואָס? נו, אָל־ראַיט — האָט ער געענדערט זיין טאָן — מיר וועלען מאָרגען אַרויסנעמען „מערידזש־לייסענס." איך האָב אַ פריינד אַן אָלדערמאַן, וועט ער מאָרגען קומען צו מיסעס גוטמאַן און אונז געבען די „מערידזש לייסענס." מיר וועלען אַפילו ניט

דאַרפֿען געהן אין סיטי האָל. נו, ביזטו צופֿרידען? טור־זשע אַ שמייכעל! נו! נו!

ער האָט זי אָנגענומען ביי דער גאָמבע.

— נו, שמייכעל!

— איך קען ניט! — האָט זי אַרויסגערעדט און פֿון איהרע אויגען האָבען זיך געקייקעלט טרערען.

— נו, וויין ניט!...

— איך האָב מורא פֿאַר אייך, מורא, מורא! — האָט זיך פּלוצים ביי איהר אַרויסגעריסען — איך בין אַ גרינע און איהר זענט אַן אַמעריקאַנער...

— זיי ניט קיין נאַר. קום! איך זאָג דאָך דיר, אַז מאָרגען נעמען מיר אַרויס „מערידזש לייסענס.״

און ער האָט זי אָוועקגעשלעפּט נאָך זיך.

זי איז געגאַנגען מיט וואַקעלדיגע טריט און האָט גע־פֿיהלט אַזוי ווי אין איהר נשמה וואָלט מען עפּעס ערמאָר־דעט, וואָס איז איהר געווען זעהר הייליג און טייער, און זי האָט געוויינט מיט איהר האַרצען, פֿאַרצווייפֿעלט גע־וויינט.

אמת, דאָס וואָס ער האָט איהר געזאָגט, אַז מאָרגען וועט ער אַרויסנעמען „מערידזש לייסענס,״ האָט איהר שרעק אַ ביסעל באַרוהיגט. אָבער איהר האַרץ האָט באַוויינט עפּעס אַנדערש. עס האָט באַוויינט די מיידעלשע צניעות, וואָס איז אויף אַזאַ ברוטאַלען אופֿן און אַזוי אומגעריכטער־הייד באַליידיגט געוואָרען, און די שעהנע, הערליכע, מיי־דעלשע חלומות פֿון דער ערוואַרטעטער חתונה, וואָס זי, פֿעני, האָט די לעצטע עטליכע טעג גע׳חלומ׳ט און וועלכע זענען איצט אַזוי אומגעריכטערהייד, ווי שהנע בלומען אין אַ בלאָטע, צעטראָטען געוואָרען פֿון שווערע קאַפּיטעס...

זיי זענען צוגעגאַנגען צום הויז, וואו פֿעני האָט גע־וואוינט, און פּלוצים איז פֿאַר זיי אויסגעוואַקסען מייביל, ווי פֿון אונטער דר׳ערד. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף ווילי׳ן און ער אויף איהר, און ביידע האָבען גנב׳יש געשמייכעלט.

פֿעני האָט זיך געשעמט אַ קוק צו טאָן אויף מייביל׳ן, איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז פֿון איהרע אויגען קאָן מען אַרויסלייענען איהר שאַנד.

— וואָס איז דער מעהר, פעני? — האָט זיך מייביל אָנגערופען — ווי דו זעהסט אויס!

— זי איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון דעם וויין — האָט ווילי געזאָגט.

— איך זעה, אז זי איז נאָך שכור! — האָט מייביל אויסגעשריען און פּלוצים זי אַ כאַפּ געטאָן ביים אַקסעל — קום אַהער! לאָז זעהן, ווי דו קוקסט אויס!...

פעני האָט זיך מיט גוואַלד אַרויסגעריסען פון איהר, מיט די אויגען אַרונטערגעלאָזט, און אַרויסגעמורמעלט:

— גוד נאַיט!

זי איז אַריינגעלאָפען אין דער אַריינגאַנגס־טיר.

אין קאָרידאָר האָט זי זיך אָפּגעשטעלט מיט וואַקעלדיגע קני: זי האָט איצט ניט געקענט לויפען. אַ שווערע פינ־סטערניש האָט זיך דאָרט געטוליעט אין אַלע ווינקעלאַך און פעני'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אז די דאָזיגע פינסטער־ניש איז ניט אויסער איהר, נאָר אין איהר, אין איהר האַרץ, אין יעדען ווינקעלע פון איהר נשמה.

זי איז אַוועק אַרויף די טרעפּ, האָט קוים געשלעפּט די פיס און זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך גע־פיהלט צעבראָכען, אָהן כחות, אויסגעמוטשעט, קראַנק און פאַרצווייפעלט

פאַר דער טיר פון איהר וואוינונג האָט זי זיך אָפּגע־שטעלט, און איבערוועלטיגט פון אַ מורא'דיגער מידקייט, האָט זי איהר אַקסעל צוגעשפּאַרט צו דער טיר און אַרויס־געקרעכצט: „גאָטוניו, גאָטוניו, גאָטוניו!“ ניט מיט איה־רע ליפּען, נאָר מיט איהר האַרץ...

און שפּעטער איז זי געלעגען אין איהר באַלויכטענעם צימער אונטער דער ווייסער דעקע, מיט די בלאָנדע לאָקען צעשאָטען איבער איהרע ביידע באַקען, און איהר בלייכער פּנים מיט די אויגען, פון וועלכע אַ טיפער צער האָט אַרויס־געשריען, האָט אויסגעזעהן פון צווישען די בלאָנדע לאָקען, ווי אַ פּנים פון אַ מאַרטירערין אין אַ גאָלדענער ראַהם איינגעפאַסט.

דערנאָך האָט זי געמאַכט פינסטער אין איהר צימער, איינגעטוליעט זיך אונטער דער דעקע, פאַרמאַכט די אויגען און מיט פרומען געבעט אַרויסגעפּליסטערט:

„אוי, גאָטוניו, פאַרלאָז מיך ניט!...“

זי האָט אַליין ניט געוואוסט, פאַרוואָס זי בעט אַזוי, נאָר עפּעס טונקעלס, אומבאַשטימטס און מורא'דיגס, זעהר מורא'דיגס, האָט זי געשראָקען, האָט זיך געטראָגען איבער איהר, ווי אַ בייזע, פינסטערע כמאַרע.

זי האָט עס געשפּירט מיט יעדען ווינקעלע פון איהר יאָמערנדיגער נשמה, הגם זי האָט ניט געוואוסט באַשטימט, וואָס דאָס איז געווען, זי וואָלט דאָס ניט געקאָנט אָנרופען מיט אַ נאָמען...

צום סוף איז זי איינגעשלאָפען...

* * *

אויף מאָרגען איז פעני דעם גאַנצען טאָג געלעגען אין בעט. איהר מיסעס האָט געוואָלט רופען אַ דאָקטאָר, אָבער פעני האָט ניט געוואָלט הערען דערפון.

— עס איז גאָרנישט. די ביינער ברעכען אַ ביסעלע. פאַרקיהלט מסתמא. איכ'ל גאַנץ זיין — האָט זי געזאָגט מיט אַ מידען קול.

און דערנאָך, אַז זי איז אַליין געבליבען אין איהר צימער, האָט זי נאָר געטראַכט וועגען דעם, וואָס מיט איהר האָט די נאַכט פּאַסירט... און יעדע איינצעלהייט פון דער דאָזיגער פּאַסירונג איז פאַר איהר אַרויסגעשוואומען — די פאַר'סוד'עטע, ווייסע נאַכט... דאָס צימער, איינגעהילט אין לבנה־שיין... ווילי'ס ווילדקייט... איהר שרעק... איהר פאַרגעסען זיך... איהר פאַרצווייפלונג...

און איהרע אויגען האָבען פאַרוואונדערט געקוקט פאַר זיך און ווידער צ..ן ווידער האָט זי זיך געפרעגט:

— איז דאָס, איז דאָס? .. אָט דאָס? ... אָט דאָס? ...

און בעת דעם האָט זי זיך צוגעהערט צו דעם נאָיען פון איהר צעבראָכענעם קערפּער.

פאַרנאַכט איז זי אינגאַנצען געקומען צו זיך. דער יונגער קערפּער האָט צוריק באַקומען זיינע כחות. זי איז אַרונטער פון בעט, און ווען זי האָט אָפּגעגעסען, האָט זי עפּעס אַ מין מאָדנע געזונטע פרייד אינגאַנצען אַרומגענומען.

שטיל און פאַר'חלום'ט איז זי איצט געזעסען אין איהר צימער ביי דעם קליינעם טישעל, האָט פאַרלייגט ביידע הענט איבער דעם יונגען בוזים, געטראַכט פון דער נעכטי־

גער פּאַסירונג, און איהר פּנים האָט זיך געריויטעלט, און איהרע אויגען האָבען זיך געצונדען און געפינקעלט, און איהר יונגער אויפגעוועקטער קערפּער האָט שוין איצט גע־בענקט, געבענקט, געדורשט און געשווידערט...

איהר מיסעס איז אריינגעקומען.

— עפּעס א יונגערמאַן פרעגט אויף אייך, אפשר אייער חתן?

— וואו? — האָט פּעני זיך א כאַפּ געטאָן און איז ארויסגעלאָפען אין עס־צימער מיט א פאַררויטעלטע פּנים.

דאָרט איז געזעסען ווילי. און ווען זי האָט איהם דער־זעהן, איז זי אזוי צעמישט געוואָרען, אז א ווייל׳ע האָט זי ניט געוואוסט, וואָס צו רעדען, וואָס צו זאָגען. זי האָט נאָר צעטומעלט געקוקט אויף איהם און געשמייכעלט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון׳ם אָרט און איהר גע־דריקט די האַנט.

— דו ביזט ניט בייז אויף מיר? — האָט ער ארויסגע־רעדט מיט א מינע פון א פאַרשולדיגטען.

זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגען און געשוויגען.

איך האָב דעם גאַנצען טאָג געוואַרט אויף דיר ביי מיסעס גוטמאַן, און ווען דו ביזט ניט געקומען, האָב איך פאַרשטאַנען, אז דו ביזט בייז. גלויב מיר, אז איך אליין קען עס מיר אויך ניט מוחל זיין — האָט ער שטיל גערעדט.

דאַן האָט זי ארויסגעפּליסטערט:

— איך האָב אזוי פיעל געליטען, אזוי פיעל...

די מיסעס איז אריינגעקומען און האָט געפרעגט:

— איז דאָס אייער חתן, פּעניל׳ע?

פּעני האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— יאָ, איד׳ל אייך פאַרשטעלען: מיין חתן, מיסטער דיימאָנד.

ווילי האָט זיך העפליך פאַרנייגט.

די מיסעס מיט די קאַליע אויגען האָט איהם מיט התפּעלות באַטראַכט פון׳ם קאָפּ ביז צו די פיס און דערנאָך זיך אָנגערופען:

— אַי, א פיינער דזשענטעלמאַן, אויף אַלע אידישע טעכטער געזאָגט געוואָרען! מיסטער דיימאָנד, הייסט ער?

אַ פיינער יונגערמאַן. כ'לעבען, עס טוט מיר הנאה. אייער כלה איז דאָך היינט געווען קראַנק, מיסטער דיימאָנד... דאָס הייסט, חלילה. זי איז ניט קיין קראַנקע — האָט זי זיך פאַרכאַפּט — אַ מיידעל הלואי אויף מיינע קינדער געזאָגט געוואָרען, געזונט ווי אַ נוס; נאָר גאָר נישט, האָט זיך פאַרקיהלט, מסתמא. דאָס קאָן טרעפען מיט דעם געזינטסטען מענשען.

— דו ביזט גאָר געווען קראַנק? — האָט ווילי זיך אַ קעהר געטאָן צו פעני'ן.

— גאָר נישט, גאָר נישט, איך בין שוין געזונט... קומט צו מיר אין צימער אַריין!

און זי האָט איהם אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט און אַ גליקליכע איהם אוועקגעשלעפּט נאָך זיך.

אין'ם צימער איז געווען האַלב טונקעל, האָט זי דאָרט געמאַכט ליכטיגער.

דערנאָך האָט זי זיך געזעצט אויפ'ן ראַנד פון'ם בעט און ער אויפ'ן שטול געגען איהר.

ער האָט גענומען איהר הענטעל צווישען זיינעביידע און געקושט די שפּיצען פון איהרע פינגער אזוי צערטליך, אַז מען האָט געקענט מיינען, אַז קיין טייערערס ווי זי איז גאָר ביי איהם אויף דער וועלט ניטאָ.

און זי האָט אַזוי געמיינט, און איז געווען אַזוי גליקליך, אַזוי גליקליך, ווארים ער איז דאָך ביי איהר געווען טייערער ווי אַלע און אַלצדינג אויף דער וועלט!...

מיט אַמאָל האָט ער אַרויסגערעדט:

— מיין ווייב! מיין קליין ווייבעלע!...

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן דעם בלאָנדען קאָפּ.

— ניין, דערווייל נאָך ניט...

— יא, זייט נעכטען...

— דערמאָנט עס מיר ניט, ווילי...

און זי האָט אַרויסגעריסען איהר האַנט פון זיינע און צוגעלייגט, אַפּקערענדיג פון איהם דעם קאָפּ:

—איך שעם זיך פאַר נעכטען... און איך האָב זיך געפיהלט אַזוי אומגליקליך.

— דו ביזט אַ מאָדנע — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

זי האָט איהם אָנגעקוקט.

—איהר האָט דאָך געזאָגט, אַז איך פאַרדריסט עס אויך?

— געוויס! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן — אָבער דו ווייסט פאַרוואָס? ווייל דו ביזט פון דעם געווען פאַרצווייפעלט. מיר האָט וועה געטאָן פאַר דיר. אָבער — האָט ער זיך אונטערבראָכען — באַלד קריגען מיר די „מערידזש־לייסענס” און דאַן... ביזטו מיין געזעצליך ווייב. קום אַרונטער צו מיסעס גוטמאַן. מיין פריינד, דער אַלדערמאַן איז שוין אודאי דאָרט.

— ווער?

— אָט דער, וואָס וועט אונז אַרויסגעבען די „מערידזש לייסענס.” איך האָב איהם היינט באַשטעלט. ער איז מיין בעסטער פריינד.

— און די אידישע חתונה?

— דאָס וועלען מיר אויך נאָך די וואָך האָבען...

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהם און איהם שטורמיש אַ קוש געטאָן.

דערנאָך זענען זיי אַרונטער צו מיסעס גוטמאַן.

דאָרט זענען שוין געזעסען קיד דזשאָו און טשאַרלי די בייבי. זיי זענען געזעסען ביים טיש מיט מיסעס גוטמאַן און האָבען געטרונקען טיי. מייביל איז ניט געווען אין הויז.

ווילי האָט פאָרגעשטעלט פעני׳ן פאַר קיד דזשאָו׳ן.

— אַלדערמאַן — האָט ער געזאָגט — דאָס איז מיס פעני עלקין, מיין כלה.

קיד דזשאָו, מיט׳ן רעכטען, רויטען אויג ווייט אויסגעשטשירעט און מיט׳ן לינקען, האַלב־פאַרזשמורעט, האָט זיך העפליך פאַרנויגט פאַר פעני׳ן, געדריקט איהר די האַנט און מיט אַ הייזעריגען קול געברומט:

— עס פרעהט מיך... עס פרעהט מיך...

ער איז דערנאָך צוגעגאַנגען צו מיסעס גוטמאַן און איהר שטיל געזאָגט:

— איי, נאָמבער וואַן!...

די אַלטע האָט איהם געענטפערט מיט אַ צופרידענעם שמייכעל.

די „בייבי“ האָט זיך אויפגעהויבען מיט זיין ריזען־קער־פּער, ווי אַן עלפאַנט, איז צוגעגאַנגען מיט זיינע שווערע טריט צו פעני׳ן, און מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל אויף זיין אומגעוויינליך־יוגענדליכען, כמעט קינדערשען פּנים, און זשמורענדיג די אויגען, האָט ער איהר דערלאַנגט זיין מעכטיגע לאַפּע און אַרויסגעברומט:

— פאַרוואָס קומט ווילי׳ן אַזאַ כלה, הע? האָט איהר ניט אַ שוועסטער, וואָס איז אַזוי שעהן ווי איהר? איך וואָלט גלייך מיט איהר חתונה געהאַט!

און ער האָט זיך גוטמוטיג צעלאַכט אויף זיין באַסאָווען קול.

פעני האָט איהם צעמישט אָנגעקוקט. עפּעס האָט זי זיך געשראָקען פאַר דעם דאָזיגען ריז מיט׳ן קינדערשען פּנים איצט, פּונקט ווי דעמאָלט, בעת זי האָט איהם צום ערשטען מאָל דערזעהן. זי וואָלט אליין ניט געקאָנט ער־קלערען, פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי געשראָקען פאַר איהם, ער האָט דאָך אויסגעזעהן אַזוי פריינדליך און גוטמוטיג!

זי איז אָפּגעטראָטען פון איהם, צוגעגאַנגען צו איהר חתן און האָט זיך צוגעדריקט צו זיין אָרעם, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט שוץ ביי איהם.

שפּעטער האָט קיד דזשאָו, אָדער דער „אַלדערמאַן,“ אַרויסגענומען פון אונטער׳ן בוזים אַ גרויסען בויגען פּאַפּיר מיט אַ רויטען זיגעל, ווילי האָט איהם דערלאַנגט זיין פאַונ־טיין־פּען און דערנאָך האָט דער אַלדערמאַן גענומען שרייבען אויפ׳ן פּאַפּיר, געשריבען און געשריבען; דער חתן איז גע־שטאַנען הינטער איהם, האַלטענדיג זיין כלה ארום דער טאַ־ליע. און זי האָט געהערט דאָס סקריפּען פון דער פעדער איבער׳ן פּאַפּיר און דאָס הארץ אין איהר ברוסט האָט זיך געצאַפּעלט און געקלאַפּט אַזוי אויפגערעגט...

איהר מזל, איהר גליק, איהר גאַנצע צוקונפט האָט מען דאָ געשריבען! זי האָט געמיינט, אַז דורך די דאָזיגע „מע־רידזש לייסענס“ ווערען זי און ווילי געזעצליך מאַן און ווייב. אויף איהר פּנים איז געוועזען אויסגעגאָסען אַ פייער־ליכע ערנסטקייט און איהרע אויגען האָבען פאַר׳חלומ׳ט געקוקט.

אין דער אייגענער צייט זענען הינטער איהר געשטאַ־
נען מיסעס גוטמאַן און די בייבי און האָבען זיך גע׳סוד׳עט.
די אַלטע מיט א פאַר׳דאגה׳טען פּנים האָט געפּליסטערט צו
איהם:

— עס טוט וועה דאָס הארץ. אי, א מיאוס׳ע פּרנסה,
א גדולה אויף דיר! איהר טאַטע איז דאָך...

און זי איז אין מיטען דערינען אנטשוויגען געוואָרען,
אזוי ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקען.

די בייבי האָט שטיל געפּרעגט מיט א גוטמוטיגען שמייכעל:

— וואָס איהר טאַטע?

— דער׳הרג׳עט געוואָרען אין א פּאָגראָם, וועה איז מיר!
— האָט זי ארויסגעפּליסטערט.

און מיט אַמאָל האָט מיסעס גוטמאַן איהם א כאַפּ געטאָן
ביים אָרעם און מיט שרעק ארויסגעפּליסטערט.

— נעכטיג היינט דאָ, טשאַרלי... מייביל איז אוועק
אויף א גאַנצער נאַכט... איך האָב מורא אליין... מיר
וועט זיך דאַכטען...

די בייבי האָט זיך צעלאַכט:

— פאַר איהר טאַטען האָסטו מורא, הע?...

— עס איז א נאַרישקייט, איך ווייס... אָבער... איך
בעט דיך... נעכטיג היינט דאָ...

— פאַרטיג! — האָט זיך דערהערט קיד דזשאָו׳ס הייזעריגער קול און ער האָט זיך אויפגעהויבען פונ׳ם אָרט —
שרייב אונטער, חתן!

ווילי האָט זיך געזעצט און אונטערגעשריבען זיין נאָמען.
דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען און דערלאַנגט פּעני׳ן
די פּען.

— דו קענסט אונטערשרייבען דיין נאָמען אויף ענגליש?

זי האָט זיך פאַרשעמט און איז געוואָרען רויט פון זיין
פראַגע.

— געוויס — האָט זי ארויסגעמורמעלט, געזעצט זיך
און מיט א ציטערנדיגער האַנט, לאַנגזאָם און פאַרזיכטיג,
באַמיהענדיג זיך ארויסצוברענגען די ענגלישע בוכשטאַבען
וואָס דייטליכער, האָט זי אונטערגעשריבען:

„פּעני עלקין“...

— מזל־טוב! — האָט זיך דערהערט פוןביידע זייטען דאָס רעוועו פון דער בייבי און דער הייזעריגער קול פון דעם „אָלדערמאַן,“ און אין דער אייגענער צייט האָט זי דערפיהלט אַרום זיך עמיצענס אָרעמס, וואָס האָבען זי אויפגעהויבען פון איהר שטול אין דער הויך, ווי אַ קינד.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן: ערשט זי איז געווען ביים „אָלדערמאַן“ אויף די הענט, און זיין רויטער, פּאַר'שכור'־טער פּנים מיט'ן רעכטען אויסגעשטשירעטען, רויטען אויג, האָט געלאַכט צו איהר, און זיינע גראָבע ליפּען זענען גע־קראָכען צו איהר.

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט ווייט אויפגעעפענטע אויגען, אין וועלכע אַ שרעק איז פאַרגליווערט געווען. נאָר ווען ער האָט זי אַ קוש געטאָן, האָט זי אַ צעטומעלטען גע־שריי ארויסגעלאָזט פון זיך, אַ ריס געטאָן זיך פון איהם.

אַלע האָבען זיך צעלאַכט. און ווען קיד דזשאָו האָט זי אַ צעטומעלטע אַרונטערגעלאָזט אויף דער ערד, האָט דער חתן מיט געלעכטער איהר דערקלערט, אַז עס פיהרט זיך אַזוי, אַז דער אַלדערמאַן צעקושט זיך מיט דער כלה, ווען ער גיט אַרויס די „מערידזש לייסענס.“

— און דעם חתנ'ס פריינד אויך! — האָט די בייבי אַרויסגערעוועט, איז צוגעגאַנגען צו פּעני'ן און איהר אַזאַ קוש געגעבען אויף די ליפּען, אַז זי איז שיער ניט אומגע־פאַלען.

מיסעס גוטמאַן האָט זיך אַריינגעמישט און זיך אָנגע־רופען מיט איהר תמימות'דיגען שמייכעל:

— שעמט זיך, אַ גדולה אויף איהר. אַ כשר'ע טויב. אַזוי איז שוין אין אַמעריקע, פּעניִלע, אַ גדולה אויף דיר! נו, מיט מיר וועסטו דאָך מסתמא ניט שעמען צו קושען זיך?

זי איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט אָנגענומען איהרע ביידע הענט.

— זאָל זיין מיט מזל. מיר אַלע זאָלען פון דיר נחת האָבען!

און האָט זי אַ קוש געטאָן.

— איך דאַנק אייך — האָט פּעני אַרויסגעפּליסטערט, און אויף איהרע פלאַמענדיגע באַקען האָבען די חן־גריבע־

לאַך געשמייכעלט און פון איהרע אויגען האָבען זיך גע־קייקעלט טרערען.

— וואָס וויינסטו, קינדעלע?

— ווען מיין מאַמע וואָלט דאָ געווען! — האָט פּעני אַרויסגעכליפּעט, און זי איז צוגעפאַלען מיט איהר פּנים צו מיסעס גוטמאַנ׳ס הויכען בוזים.

— זי וועט נאָך דאָ זיין — האָט מיסעס גוטמאַן זי גע־טרייסט, און מיט איהר קורצער, דיקער האַנט געגלעט דעם שעהנעם בלאָנדען קאָפּ — דיין מאַן וועט מסתמא באַלד שיקען נאָך איהר און דיין שוועסטער. ניט אַזוי, ווילי, אַ גדולה אויף דיר?

— געוויס! — האָט ווילי זיך אָנגערופען. ער איז צוגעגאַנגען צו פּעני׳ן און האָט אַוועקגעצויגען איהר קאָפּ פון מיסעס גוטמאַנ׳ס בוזים — מיין ווייבעלע — האָט ער געזאָגט, — איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט און ניט מיסעס גוטמאַן. צו מיין ברוסט דאַרפסטו זיך צודריקען.

זי האָט פאַרשעמט באַהאַלטען איהר פּנים אויף זיין ברוסט.

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען קיד דזשאָו און די „בייבי" זענען אַוועק, איז פּעני געזעסען אַ גליקליכע און אַ שטראַ־לענדיגע לעבען ווילי׳ן אויף דער זאָפע. ער האָט געהאַלטען ד׳עם בויגען פּאַפּיר מיט׳ן רויטען זיגעל אויסגעשפּרייט אויף זיינע קני, געפיהרט איבער איהם מיט אַ פינגער און האָט גערעדט:

— דו זעהסט, פּעני, אַט דאָ איז שוואַרץ אויף ווייס אָנ־געשריבען, אַז דו מוזט מיר זיין טריי, מוזט מיך ליב האָ־בען און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער...

— שטעהט דאָ אויך, אַז איהר מוזט מיך ליב האָבען? — האָט פּעני געפרעגט.

— ניט „איהר," נאָר „דו!" — האָט ווילי זי אונטער־בראָכען און באַהאַלטען די „מעריידזש לייסענס" ביי זיך אונטער׳ן בוזים.

— איך קען ניט — האָט זי זיך צעלאַכט.

— ווען איך הייס דיר, מוזטו קענען!

— שפּעטער. נאָך דער אידישער חתונה.

— ניין, ניין, איך וויל, דו זאָלסט מיר זאָגען „דו“ איצט, נאָך דער ריכטיגער, נאָך דער געזעצליכער חתונה. ווארים געזעצליך חתונה געהאַט האָבען מיר איצט...

מיסעס גוטמאַן איז געזעסען קעגען זיי אויפ'ן שאַקעל־שטול מיטביידע הענט פארלייגט אויפ'ן בוזים און האָט געקוקט אויף זיי מיט אַ מינע פון אַ מאַמע, וואָס קלייבט נחת. זי האָט זיך אָנגערופען:

— אַ גדולה אויף דיין קאָפּ, פעני'לע. מען דאַרף ניט זיין אַזאַ קליינשטעדטעלדיגע מיט אַן אַמעריקאַנעם מאַן. דו האָסט מיט איהם איצט חתונה געהאַט לויט דער אַמעריקאַנער „לאָא“ איז ער דיין מאַן. מעגסט איהם זאָגען „דו.“ וואָס שעמסטו זיך פאַר דיין אייגענעם מאַן?

פעני האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— נו, גוט. דו! דו! דו! צופרידען? — האָט זי זיך שטיפעריש צעלאַכט.

— אַט אַזוי! — האָט ווילי אויסגעשריען. אַ כאַפּ געטאָן זי מיט אַמאָל און זי אַ זעץ געטאָן צו זיך אויף די קני.

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן.

— לאָז איין!

און איז אַרונטערגעשפּרונגען פון זיינע קני.

— ווי שעמסטו זיך ניט פאַר איהר? — האָט זי איהם שטיל אויפגעוואָרפען.

— פאַר איהר דאַרף מען זיך ניט שעמען; זי איז ווי אַן אייגענע מאַמע — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— און אפילו פאַר אַ מאַמע, ווילי, איז דאָס אויך ניט שעהן. פע!

— אַזאַ יאָהר אויף מיר, ווי זי איז גערעכט — האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנגערופען מיט אַ גנב'ישען שמייכעל — דו האָסט דאָך דיין אייגען הויז, ליובקעט מען זיך דאָרט. פאַרוואָס דאַרפסטו פאַרשעמען אי מיך אי זי, אַ גדולה אויף דיר? אוי, די אַמעריקאַנער ווייסען גאָר ניט פון קיין חרפּה! איהר מעגט שוין איצט געהן צו זיך אַהיים, אין אַ גוטער שעה...

ווילי האָט זיך אויפגעהויבען.

— זי איז גערעכט. קום! — האָט ער שטיל גערופען פעני'ן.

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

— ניין!...

מיסעס גוטמאַן האָט זיך שווער אויפגעהויבען פון איהר אָרט און זיך ארויסגערוקט פונ'ם צימער, כדי איבערצו־לאָזען זיי איצט אַליין.

— פאַרוואָס ווילסטו ניט געהן?

— איך וויל ניט. איך דאַרף ניט. איך טאָר ניט. ביז נאָך דער אידישער חתונה וועל איך מיט דיר ערגיץ ניט געהן. דו ביזט אַ ווילדער..

— אַך, רעד ניט קיין נאַרישקייטען, איך האָב עס פיינט!

— האָט ער געזאָגט מיט אומגעדולד אין קול — קום!

זי האָט פאַר'עקשנ'ט אַ דרעה געטאָן די אַקסלען.

— ניין!

— אַזוי ליב האָסטו מיך?

— ווילי — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט מיט אַ בעטענ־דיגען טאָן — אויב דו האָסט מיך ליב, פאַרשאַף מיר ניט אומזיסטע יסורים, איך בעט דיך! מאָרגען קאָן דאָך זיין די אידישע חתונה...

— גוט. מאָרגען וועט ביי אונז אין דער היים זיין די אידישע צערעמאָניע. איך געה טאַקע גלייך באַשטעלען אַ רעוורענד...

שפּעטער איז פעני געשטאַנען ביי זיך אין צימער און האָט אין קופערט איינגעפּאַקט איהרע זאַכען, וואָס זי האָט מאָרגען געדאַרפט נעמען צו זיך אין איהר נייער, אייגענער היים. אין איהר אויפגערעגטער נשמה האָט בשעת דעם זיך געוועבט אַ תפילה:

„גאָטוניו, אין גליק און אין נחת זאָל איך און מיין ווילי דאָרט לעבען, גאָטוניו!..."

אונטער'ן טיש האָט זי געפונען יאַנקעל'ס אַדרעס פון פילאַדעלפיע, וואָס ער האָט איהר איבערגעלאָזט. לכתחילה האָט זי געהאַט בדעה איהם צו לאָזען דאָרט ליגען. וואָס איז איהר איצט אָנגעגאַנגען דער פאַרליבטער, באַטריבטער, עהרליכער יאַנקעל, — איהר, דער גליקליכער, באַלד אָבער האָט זי זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, אויפגעהויבען דעם

אדרעס פון דר'ערד און איהם באהאלטען אין איהר קופערט. אמאל וועט זי איהם שרייבען, ווי גליקליך זי איז...

8.

די „אידישע חתונה"...

אויף מארגען איז פעני דעם גאנצען טאג געווען צע־טראגען און אויפגערעגט. פון היינט ביינאכט אן וועט זיך אנהויבען פאר איהר א נייע לעבען; זי וועט זיין די באלעבאסטע פון א שעהן הויז, דאס ווייב פון דעם מאן, וואס זי האט אזוי ליב, — וועט זיין מיסעס דיימאנד...

זי איז געווען גליקליך און אומרוהיג אין דער אייגענער צייט, ווי יעדע מיידעל, בשעת זי געהט זיך פארבינדען אויף תמיד מיט א געליבטען מאן פאר'ן ווייט אומבאקאנ־טען לעבען...

און געטראכט האט זי וועגען דער מערכה, וואס זי וועט פאר איהם האבען: וועט ער שטענדיג זי אזוי ליב האבען? זי איהם וועט אלע מאל ליב האבען, אלע מאל, ביז'ן טויט...

איהר יעדער געדאנק, איהר יעדער געפיהל זענען איצט געווען פארנומען מיט'ן נייעם לעבען, וואס איז פאר איהר געווען פארשלייערט, אין וועלכען זי און איהר ווילי האבען זיך געגרייט אריינצוטרעטען...

זי האט זיך דערמאנט אן א ווערטעל, וואס זי האט אמאל ערגיץ געהערט, אז בשעת א פארל האט חתונה, הויבט אן דער מזל צו שרייבען א נייע בלאט אינ'ם בוך פון זייער לעבען, און מיט אומרוהע האט זי געטראכט: וואס וועט דער מזל אנשרייבען אויף דעם נייעם בלאט אין דעם בוך פון איהר און איהר מאנ'ס לעבען?...

זי האט היינט געפאסט, ווי זי וואלט עס געטאן אין איהר פרומער היים אין דעם טאג פון איהר חתונה, און מיט איהר הארצען האט זי ניט איינמאל אין דעם דאזיגען טאג געבעטען ביי גאט:

„גאטוניו, א גוטער מזל זאל אויף אונזער נייע בלאט אנגעשריבען ווערען, גאטוניו!..."

א זייגער פינף איז זי ארונטערגעגאנגען צו מיסעס גוטמאן, און דארט האט מייביל און די אלטע איהר געהאל־

פען זיך אויספוצען פאר דעם היינטיגען אוונד. איהר פריזירט די בלאנדע האר, דאס נייע קלייד איהר פארשפי־לעט און מיט פארפיום זי באשפריצט.

פון דעם פאסטען איז זי געווען בלייך און שוואך, און מיסעס גוטמאן האט געקוקט אויף איהר, געטראכט און געזיפצט:

„א וועהטאג איז מיר, וואלט זי כאטש ניט געווען אזוי פרום!... נו, נו, א פרנסה!"...

און ווען אין דרויסען איז געווארען טונקעל, האט פעני זיך געזעגענט מיט איהר מיסעס און זיך צעקושט מיט איהר. די מיסעס האט איהר געוואונשען אל־דאס־גוטס און זי געבעטען אמאל ארויפצוקומען, אויב זי וועט אמאל זיין ביי מיסעס גוטמאן. איהר קופערט האט פעני שוין געהאט פריהער אפגעשיקט צו זיך אין דער נייער היים.

אין קארידאר זענען געשטאנען עטליכע פרויען און זייערע טעכטער, שכנות פון דעם הויז וואס זענען געווען נייגעריג אנצוקוקען די כלה, בשעת זי וועט דורכגעהן. און אין א ווייזע ארום, אז זי האט זיך באוויזען אויף די טרעפ, בלייך און דעם קאפ ארונטערגעלאזט, אזוי ווי זי וואלט זיך געשעממ, האבען זיך אלע אויגען איינגעגעסען אין איהר. און ווען פעני איז זיי פארביינעגאנגען, האט זי דערהערט הינטער זיך א סוד'ען און א פארשטיקטען גע־לעכטער.

זי איז געווארען רויט און האט ארונטערגעלאזט דעם קאפ נאך נידעריגער.

זי איז אריין צו מיסעס גוטמאן. די אלטע און מייביל, ביידע אויסגעפוצטע, האבען געווארט אויף איהר.

באלד זיינען זיי אלע, זאלבעדריט, ארויסגעגאנגען פון דארט. מיסעס גוטמאן האט צוגעשלאסען די טיר און דעם שליסעל אריינגעווארפען אין איהר האנט־טאש, און דער־נאך, ווען זי מיט פעני'ן און מייביל'ן זענען פארבייגעגאנ־גען די ווייבער און זייערע טעכטער, וועלכע זענען איצט געשטאנען ארום דער גאס־טיר, האט זי, מיסעס גוטמאן, זיך געווענדט צו איהרע שכנות, מיט איהר באזונדערע תמימות'דיגען שמייכעל אויפ'ן דיקען און פרומען פנים:

— אויף אייערע טעכטער געזאָגט געוואָרען אין גיכען, טייערינקע מיינע! איך פרעה זיך, אַקוראַט ווי איך וואָלט מיין אייגענע טאָכטער צו דער חופה געפיהרט. אַ יתומה, אַן עלענדע, אַ גדולה אויף אייך!...

און די שכנות האָבען איהר געענטפערט:

— זאָל זיין אין אַ גוטער שעה! מיט מזל, מיט גליק זאָל זיין!...

אין דרויסען איז געשטאַנען אַ גרויסער אויטאָמאָביל, וואָס ווילי האָט געשיקט נאָך זיי, הגם דאָס הייזעל איז געווען ניט ווייט פון דעם הויז. זיי האָבען זיך אַריינגע־זעצט אינעווייניג און זענען אָוועקגעפאָהרען...

* * *

אין אַ ווילע אַרום זענען זיי שוין געווען אינ׳ם הייזעל. די טיר האָט זיי געעפענט לואי פין — דער יונגערמאַן מיט דער צעשפּאָלטענער אונטערשטער ליפּ און מיט די שוואַרצע קרויזלאָך אויפ׳ן שטערען.

אויפ׳ן אונטערשטען שטאָק זענען אַלע צימערען געווען העל באַלויכטען און די טונקעלע שטאָרעס איבער די פענ־סטער זענען געווען אַרונטערגעלאָזט.

אין עס־צימער זענען געווען געדעקט דריי טישען, און די „בייבי" אין אַ ווייסען שירץ, ווי אַ קעלנער אין אַ רעס־טאָראַן, האָט זיך דאָרט מתעסק געווען אַרום די טישען, אויסגעשטעלט אויף זיי אַלערליי משקאות און טעלער מיט אַלערליי פרוכט און נאַשערייען. איהם האָבען צוגעהאָלפען ווילי אַליין, וואָס האָט געטראָגען אַ רויטע בלום אין לאַץ, און לואי פין, און אַ הויכע דיקע פרוי, אַ ברונעטע מיט פייערדיגע אויגען, וועלכע האָט זיך צעקושט מיט מיסעס גוטמאַן און מייביל׳ן און וועלכע ווילי האָט פאָרגעשטעלט פאַר פעני׳ן אַלס זיין קוזינע דזשוליע.

די „קוזינע" האָט אַרומגעקוקט פעני׳ן פונ׳ם קאָפּ ביז צו די פיס און פריינדליך אַ שמייכעל געטאָן צו איהר.

— אַזאַ בלייכינקע! — האָט זי אַרויסגערעדט — מען וועט זי מוזען צוזעהן. אָבער שעהן איז זי, ווי אַ דאָל!...

— זי איז נאָר היינט אַזוי בלייך. זי פּאַסט דאָך, אַ גדולה אויף דיר! — האָט מיסעס גוטמאַן באַמערקט מיט אַ שמייכעל.

דזשוליע און מייביל האָבען זיך צעלאַכט און ווילי האָט א כאַפּ געטאָן פעני'ן אונטער דער האַנט און געזאָגט:

— אַזוי גאָר? געפאַסט היינט? נו, קום עסען!

— איך וויל ניט. שפּעטער...

— עסען! עסען! עסען! דו זעהסט מיר אוים ווי א קראַנקע. גענוג געפאַסט. עס, און זיי פרעהליך, לעבעדיג. איך האָב פיינט בלאַסע און טויטע!...

און זי האָט זיך געמוזט זעצען מיט ווילי'ן ביים טיש און עסען, און אַ גלעזעל וויין האָט זי אויך אויסגעטרונקען. דאָן האָט זי זיך דערפיהלט שטאַרקער און מונטערער, און ווידער האָט זיך אַ ראָזעווע פאַרב צעגאָסען איבער איהר ווייסען, רונדען פּנים און די חן־גריבעלאַך האָבען זיך אויף איהרע באַקען צעשפּילט...

דערנאָך האָט ווילי זי פּלוצים איבערגעלאָזט זיצען אליין ביים טיש און איז צוגעגאַנגען צו מיסעס גוטמאַן, וועלכע איז געשטאַנען אויפ'ן אַנדערען עק פונ'ם צימער מיט דזשוליע'ן און מייביל'ן און זיך גע'סוד'עט מיט זיי.

פעני האָט זיך אויפגעהויבען און געוואָלט צוגעהן צו זיי, ערשט די „בייבי," אין דעם ווייסען שירץ, מיט א בלום אין דער האַנט, איז ווי פון אונטער דר'ערד אויסגעוואַקסען פאַר איהר און האָט זיך העפליך פאַרנויגט פאר איהר מיט זיין ריזען־קערפּער.

— ערלויבט מיר צו האָבען דעם פאַרגעניגען — האָט ער ארויסגערעוועט — און איידער זי האָט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער מיט זיינע לאַפּעס צוגע־שפּילעט די בלום צו איהר בוזים.

און אַז זי האָט דערפיהלט די באַריהרונג פון זיינע הענט אויף איהר יונגער ברוסט, איז זי געוואָרען צעמישט, האָט איהם געוואָלט באַדאַנקען פאַר דער בלום און געקוקט אויף איהם צעטומעלט, ניט אַרויסברענגענדיג קיין וואָרט אויף די ליפּען.

ער האָט אויך געקוקט אויף איהר מיט פאַרזשמורעטע אויגען און זיין קינדערשער פּנים האָט גוטמוטיג געשמייכעלט.

— וואָס קוקט איהר אזוי אויף מיר? — האָט ער ארויס־געברומט ווי א בער — און אַלץ געשמייכעלט גוטמוטיג צו איהר.

זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן און אַרויסגעמורמעלט:

— האַ?... גאַר נישט... אנטשולדיגט... איך דאַרף זעהן ווילי'ן... איך דאַנק אייך פאַר דער בלום...

און מיט נערוועזע טריט איז זי אַוועק צו דער גרופּע, וואו ווילי איז געשטאַנען, און זי האָט דערביי געטראַכט נערוועז:

„גוואַלד, פאַרוואָס איז מיר אזוי שווער מיט דעם דאָזיגען יונגענמאַן? קיין שלעכטס, דאַכט זיך, האָט ער מיר קיינמאָל ניט געטאָן!"

און די „בייבי" איז געבליבען שטעהן אויף זיין אָרט, האָט איהר נאָכגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגען און גוטמוטיג געשמייכעלט.

מיט אמאָל איז אריינגעקומען קיד דזשאָו מיט א הויכער, שלאַנקער, בלאָנדער פרוי.

ווילי האָט זיך א וואָרף געטאָן זיי אנטקעגען: „העלאָ, מילפרעד!" און נאָך איהם מייביל און די דיקע דזשוליע,ביידע מיט א פרעהליכען ליאַרם: „מילפרעד!"

די בלאָנדע פרוי האָט מיט א רוהיגער מינע זיי אַלעמען געדריקט די הענט, אויסגעטאָן דעם הוט, מיט די גרויסע ווייסע פעדערען, פונ'ם קאָפּ, און איהם דערלאַנגט קיד דזשאָו'ן, וועלכער איז מיט איהם פאַרשוואונדען אויף די טרעפּ, וועלכע האָבען געפיהרט צום צווייטען שטאָק.

פעני, וועלכע איז געשטאַנען פון דערווייטענס לעבען מיסעס גוטמאַן, האָט זיך אָנגערופען:

— ווער איז דאָס מיידעל? דעם אַלדערמאַנ'ס טאָכטער?

— זיין ווייב! — האָט מיסעס גוטמאַן געענטפערט.

— זי, זיין ווייב? אזא פאַרשוין און אזוי יונג, און ער איז דאָך אזוי העסליך... וועה איז מיר!

— זי איז א קריסטין — האָט מיסעס גוטמאַן געזאָגט — א וואוילינקע גוי'קע. איך קען זי גוט.

— דער אַלדערמאַן איז דען ניט קיין קריסט? — האָט פעני זיך פאַרוואונדערט.

— א איד איז ער. אזא יאהר אויף איהם, אבער א איד!

— עפּעס א מאָדנע וועלט איז אמעריקע — האט פעני ארויסגערעדט, און א ציה געטאָן די אקסלען.

ווילי, באגלייט פון דזשוליע'ן און מייביל'ן, האט צוגעפיהרט די בלאָנדע פרוי צו פעני'ן און זיי פארגעשטעלט איינע פאר דער אנדערער איינפאך, אהן זייערע פאמיליען־נעמען:

— פעני, מילפרעד...

דיביידע יונגע פרויען האבען זיך דערלאַנגט די הענט, אנגעקוקט איינע די אנדערע, פעני האלב שעמעוודיג, ניט דרייסט, און מילפרעד רוהיג און ווי עפּעס תמ'עוואטע.

זיי זענען ביידע געווען שעהן, יונג און בלאָנד, אי דאס קריסטליכע מיידעל, אי דאס אידישע, און ביידע האבען אויסגעזעהן ווי סטאַטועו פון מארמאָר געשאפען: פעני — קליין און רונד, מיט בלויע אויגען, פול אויסדרוק און באוועגונג און מיט א ווייסען, רונדען פּנים, אויף וועלכען די חן־גריבעלאך האבען זיך נאכאנאנד געדרייטעלט און געשפּילט, און מילפרעד — הויך און שלאַנק, מיט בלויע אויגען, גאר אהן שום אויסדרוק און באוועגונג, ווי ביי א פיש, מיט א פּנים, ווי פון מארמאָר אויסגעטאַקט, אויף וועלכען עס איז אבער געווען ווי פארגליווערט דער תמ'עוואטער אויסדרוק פון א קאַלב.

קוקענדיג אויף דער דאָזיגער בלאָנדער פרוי, וואס זי איז געווען אזוי עהנליך צו א סטאַטוע סיי מיט איהר קאַלטען, מארמאָרנעם פּנים און סיי מיט'ן פיש־אויסדרוק אין איהרע אויגען, וואָלט קיינעם גאר ניט איינגעפאלען, אז זי איז איינע פון די געפעהרליכסטע באשעפענישען פון דער אונטערוועלט, א „סטאר" צווישען איהרע געזונקענע שוועסטער...

צום סוף האט זיך א האלב־שפּאָטישע מינע, עפּעס וואס איז עהנליך געווען צו א שמייכעל, אויף איהרע שאר־לאַך־רויטע ליפּען באוויזען און זי האט ארויסגערעדט מיט א הייזעריג קול אויף א געבראָכענעם אידיש:

— כ'נאָזעל טאָף! . (מזל טוב).

און די איבעריגע האָבען זיך צעלאָכט — ווילי, מייביל, דזשוליע און מיסעס גוטמאַן.

מיסעס גוטמאַן האָט זיך דערביי געווענדעט צו פעני'ן:

— זי איז מבין אונזער לשון, א גדולה אויף איהר. האָט א אידישען קאָפּ, א מכה'לע איהר אין הארצען. איך רעד צו איהר אַלע מאָל אידיש. ניט אַזוי מילפרעד? נו, וואָס מאַכסטו?

— גוט, א „קאַדולע" אויף דיר! — האָט מילפרעד גע־ענטפערט, נאָכמאָכענדיג דער אַלטער אויף א געבראָכענעם אידיש, אויסגעשטעלט איהר אויפפאַלענד הויכע ברוסט, א כאַפּ געטאָן מיסעס גוטמאַן אונטער'ן אָרעם, און דרעהענ־דיג מיט איהרע ברייטע היפטען, וואָס האָבען זיך באַזונדערס געוואָרפען אין די אויגען, איז זי אָפּגעטראָטען מיט איהר אַן א זייט און גענומען זיך סוד'ען מיט איהר.

פון צייט צו צייט האָט מילפרעד אַרויסגעלאָזט א קוויטש, עהנליך צו א פרעהליכען קוויטש פון א הינטעל, און דעמאָלט האָט מיסעס גוטמאַן זי א צופּ געטאָן ביים אָרעם.

מילפרעד'ס פרעהליכער קוויטשען האָט צוגעצויגען צו זיך פריהער דזשוליע'ן און באַלד ווילי'ן און מייביל'ן, און אין א ווײַלע אַרום — די „בייבי", לואי פין און קיד דזשאָו'ן אויך.

זיי זענען אַלע געשטאַנען אין איין קופּקע, האָבען זיך גע'סוד'עט און יעדע ווײַלע האָט זיך דאָרט עמיצער צעלאַכט — דאָ דער, דאָ יענע און באַלד אַלע מיט איין מאָל...

און פעני'ן האָט מען ווי אינגאַנצען פארגעסען.

זי, פעני, איז געבליבען שטעהן אַליין פון דערווייטענס. עפּעס ווי זי וואָלט זיי גאָרניט אָנגעגאַנגען. עפּעס ווי מען וואָלט זי אומיסטנע אויסגעמיידט. עפּעס ווי זיי וואָלטען זיך דאָרט גע'סוד'עט, מחמת זיי האָבען ניט געוואָלט, אַז זי זאָל הערען, וואָס זיי רעדען!

רבונו של עולם, וואָס זענען עס פאַר מענשען! וואָס איז דאָס פאַר א חתונה! פריהער האָט זי ווילי איבערגע־לאָזט אַליין ביים טיש און איצט ווידער אַליין...

און מ'סוד'עט זיך, און מ'שושקעט זיך!... וועגען וואָס אַזוינס סוד'ען זיי זיך, וואָס זי טאָר עס ניט וויסען?!...

עפּעס איז זי דאָ ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט אויף אַ פרעמ־דער חתונה!...

איהרע אויגען זענען איהר פאַרלאָפען מיט טרערען.

זי האָט זיך מיט אַמאָל דערפיהלט ווי עפּעס פאַרבלאָנ־דזשעט אין אַ פרעמדער וועלט. דאָס איז ניט געווען קיין באַשטימטער פאַרדאַכט, — אָה, ניין, — צו אומערפאַהרען איז זי געווען, צו־ריין אין איהרע געדאַנקען, צו־בלינד אין איהר ליעבע צו ווילי'ן און צו־גרויס איז איהר פאַרטרויען געווען צו דער פרומער מרס. גוטמאַן אַז איהר זאָל גאָר קאָנען איינפאַלען דער מינדסטער חשד; אָבער דערפיהלט האָט זי, מיט שאַרפען וועהטאָג דערפיהלט, אַז די דאָזיגע אַלע געסט, איהר ווילי'ס פריינד, וואָס זיינען געקומען אויף איהר חתונה, זיינען איהר אינגאַנצען פרעמד, אַזוי פרעמד, ווי די שעהנע קריסטין מילפרעד אַליין. און דער גאַנצער יום־טוב פון דער חתונה האָט עפּעס ווי געשמעקט מיט דער פרעמדקייט און אומנאַטירליכקייט פון דער געבראָכענער אידישער שפּראַך, וואָס מילפרעד האָט גערעדט... באַזונ־דערס האָט איהר באַליידיגט און וועה געטאָן, פאַרוואָס איהר ווילי האָט זיך אַ סך נעהנטער געפיהלט, ווי איהר האָט זיך אויסגעוויזען, מיט זיינע געסט, ווי מיט איהר.

אפילו מרס. גוטמאַן איז אויך היינט מיט איהר ניט אַזוי פריינדליך געווען, ווי אַן אַנדערש מאָל!

פאַרוואָס?! פאַרוואָס?! אפשר דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַ גרינע? אָבער נעכטען און מיט אַ וואָך צוריק, און מיט אַ חודש צוריק, איז זי דאָך אויך ניט געווען קיין אַמעריקאַנערין, — היינט פאַרוואָס האָט ער די גאַנצע צייט איהר אַרויסגעוויזען זיין ליעבע מיט אַזאַ פייער און היינט, דוקא היינט אין דער חתונה־נאַכט, באַהאַנדעלט ער זי אַזוי גראָב?!...

און ווען זי האָט דערפיהלט טרערען אויף איהרע באַקען, איז זי אַרויסגעלאָפען אין אַ הינטערשטען צימער, וואו קיי־נער איז ניט געווען, האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אויף אַ שטוהל און רחמנות'דיג זיך צעבליפּעט.

זי איז אָבער ניט לאַנג געבליבען אַליין: מרס. גוטמאַן איז באַלד צו איהר אַריינגעקומען מיט די ווערטער:

— אַ גדולה אויף דיר, אַ כלה זיצט ניט אַליין אין דער נאַכט פון איהר חתונה.

און ווען זי האָט דערזעהן, אַז פעני וויינט, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— זעה נאַר, דו וויינסט? וואָס איז?

האָט זיך פעני נאָך לײדענשאַפטליכער צעוויינט.

מיסעס גוטמאַן האָט איהר ארויפגעלייגט די האַנט אויפ'ן אַקסעל און זיך אָנגערופען ווייך:

— איך פאַרשטעה דיין האַרץ. דיין מאַמע'ן, דיין שוועסטער האָסטו געוואָלט האָבען אויף דיין חתונה... נו, מילא, אַ גדולה אויף דיר, וואָס קאָנסטו העלפען? זיי וועלען אָבער האָבען נחת פון דיר פון דער ווייטענס. נו, שאַ־שאַ!...

זי האָט איהר אַ גלעט געטאָן איבער'ן בלאָנדען קאָפּ און גערעדט ווייטער:

— קום אריין צו די געסט; עס איז ניט שעהן. און אַ כלה זיצט ניט אַליין, אַ גדולה אויף דיר.

דאָ האָט זיך ביי פעני'ן ארויסגעריסען מיט טרערען אין קול:

— מען דאַרף מיך דאָרט ניט. און אז איך'ל דאָרט ניט זיין, וועל איך זיי פאַרשפּאָרען צו אנטלויפען פון מיר און זיך סוד'ען. ווילי'ן אויך!...

מיסעס גוטמאַן האָט זי אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען.

„צי הויבט זי ניט אָן פאַרשטעהן?" — האָט זי אַ טראַכט געטאָן צעמישט און שטיל ארויסגערעדט:

— וואָס מיינסטו, אַ גדולה אויף דיר?

— וואָס איך מיין? איך מיין — האָט פעני ארויסגעבליפּעט — איך מיין... שוין דעם צווייטען מאָל היינט ביינאַכט לאָזט מיך ווילי איבער אַליין שטעהן, ווי אַ גולם, און געהט אַוועק צו די געסט, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט מיר!

מיסעס גוטמאַן האָט זיך צעלאַכט:

— אוי אַ גדולה אויף דיר, דו ביזט אַ גרינע!

— געוויס בין איך אַ גרינע. איך האָב זיך איהם ניט אָנגעגעבען פאַר אַן אַמעריקאַנערין. פריהער האָט ער מיך אויך געקענט — האָט זי געבליפּעט.

— נו, זיי זשע ניט קיין קינד. דיין ווילי איז אן אמע־ריקאנער דזשענטעלמאן און ער דארף זיין פריינדליך צו זיינע געסט. קום, קום, א גדולה אויף דיר. אי־אי, איך האב דיך געהאלטען פאר א סך קליגער. האסטו געהערט? בייז ווערען ווייל דער מאן איז א דזשענטעלמאן! נארוניו, אז דער מאן איז א דזשענטעלמאן צו פרעמדע, איז ער צו דער אייגענער ווייב אודאי א דזשענטעלמאן. נו, קום!

פעני האט זיך ניט גערוהרט. וויינען אבער האט זי אויפגעהערט.

— איכ'ל איהם אליין ארייננשיקען צו דיר — האט דאן מיסעס גוטמאן זיך אנגערופען און צוגעלייגט מיט א גנב'יש שמייכעלע — ער וועט דיך שוין איבערבעטען, א גדולה אויף דיר!

און זי איז ארויס.

אין א ווייל ארום איז ווילי אליין אריינגעלאפען.

— איך זוך דיך, ערשט דו ביזט גאר דא! — האט ער אויסגעשריען, איז צוגעלאפען צו איהר און האט איהר, ווי א קינד, פון שטוהל אויפגעהויבען.

זי האט זיך א ריס געטאן פון איהם.

— לאז, איך בין בייז אויף דיר!

— בייז? פארוואס?

ער האט זי ארונטערגעלאזט אויף דר'ערד.

— דו פרעגסט, פארוואס? דו לאזט מיך איבער אליין. איך דרעה זיך ארום ווי א גולם, אזוי ווי איך וואלט געווען א פינפטער ראד צו א וואגען...

— דו ביזט גערעכט, קינד, גערעכט. איך בין שולדיג. איך מוז דאך אבער זיין גאסטפריינדליך. א, דארלינג — האט ער זי פלוצים צוגעדריקט צו זיך — ווי איך וואלט שוין וועלען אז זיי זאלען אלע אוועקגעהן און מיר זאלען בלייבען אליין. און דו דאך אויך, יא? יא?...

און ער האט איהר ארייננעקוקט אין די בלויע אויגען, וועלכע זי האט פארשעמט ארונטערגעלאזט. זי איז שוין מעהר ניט בייז געווען אויף איהם.

— קום אריין אהין. אלע זיינען שוין דא. דער רעווערענד אויך. מיר וועלען עס מאכען קורץ. פריהער אבער טו מיר א קוש. איך בענק אזוי נאך דיין קוש.

און זי האָט איהם אַ קוש געטאָן.

דאָס עס־צימער איז איצט געפּאַקט געווען מיט געסט. זיי זיינען געזעסען און געשטאַנען אין קופּקעלעך, האָבען גערעדט און געלאַכט. קוויטשענדיגע שטימען פון פרויען האָבען זיך אויסגעמישט מיט גראָבע און הייזעריגע שטימען פון מענער.

די מעהרסטע פרויען זיינען געווען שטאַרק געפּודערט און מיט אויפפאַלענדיגע בלישצענדיגע אויגען. זיי אַלע זיינען געווען יונג, האָבען געטראָגען אַ סך דזשולערי, מיט פינקעלדיגע בריליאַנטען, צי אמת'ע צי פאַלשע, און מערק־ווירדיג, די מעהרסטע פון זיי האָבען געהאַט בלאָנדע האָר, צי נאַטירליכע צי געפאַרבטע, און האָבען אויף זייערע פּנים'ער געטראָגען אַן אומשולדיגען שמייכעל.

גאַנץ אַנדערש האָבען אויסגעזעהן די מענער. די מעהר־סטע פון זיי האָבען געהאַט גראָבע און פאַרוועלקטע פּנים'ער און הייזעריגע, פאַר'שכור'טע שטימען, און געטראָגען האָט זיך פון זיי שאַרף דער גערוך פון זייער גייסטיגער און פיזי־שער צעפוילטקייט, ווי דער גערוך פון דער פוילעניש פון אַ זומפּ. יעדע ערפאַהרענע אויג וואָלט גלייך דערקענט צו וואָס פאַר אַ מין באַשעפענישען זיי געהערען.

דער חשוב'סטער צווישען זיי איז געווען „מאָנקי זשאָן“ — אַ לידער פון אידישע „גענגסטערס“, פון אידישע באַנדיטען — אַ נידעריגער, ברייטער, פעסט־געבויטער מאַן פון אומבאַשטימטען עלטער, מיט אַ ריין־ראַזירטען, ברייטען און גראָבען פּנים מיט אויגען, וואָס האָבען געקוקט קאַלט און מיט אַ בליאַסק, ווי שטאָלענע, און מיט אַ גרויסען פליד אויפ'ן קאָפּ.

ער איז געשטאַנען מיט אַ סיגאַר אין מויל, מיטביידע הענט פאַררוקט אין די הויזען־קעשענעס, דעם קאָפּ אָפּגע־וואָרפען אַהינטער, און געקוקט אַרום זיך מיט אַזאַ מינע, אַזוי ווי פאַר די אַלע איבעריגע וואָלט אַ גרויסער כבוד געווען, וואָס ער איז צווישען זיי.

יעדע ווייל איז אימיצער צו איהם צוגעגאַנגען, דאָ אַ מאַן, דאָ אַ פרוי, און האָט גערעדט צו איהם. דאָך האָט ער ניט אַרויסגענומען די הענט פון די קעשענעס און ניט דעם

סיגאַר פון מויל, און אַנשטאָט צו ענטפערען האָט ער נאָר מיט'ן קאָפּ געמאַכט.

ער האָט נאָר זיין פּאָזע אומגעביטען, ווען איינע פון די מיידלעך, אַן אירלענדישע, וואָס זיי האָבען גערופען רעי — אַ הויכע און מיט רויטע האָר און מיט אַ פּנים ווי מיט מעל באַשאָטען, האָט ניט אויסגעהאַלטען איהר אַנשטענדיגקייט און זיך געווענדט צו דער „בייבי" מיט די שמייציגסטע ווערטער, פון וועלכע אַלע האָבען זיך צעלאַכט, — דאַן האָט „מאָנקי זשאַן" דעם סיגאַר פון מויל אַרויסגענומען, אומגעקוקט זיך מיט זיינע שטאָלענע אויגען אויף אַלע זייטען און אַרויסגערעדט צווישען די צייהן:

— אויסוואורפען, רוהיג! ווייזט ניט אַרויס ווער איהר זייט! איהר פאַרגעסט, אַז היינט איז דאָ אַ חתונה פון אַן אַנשטענדיגער מיידעל!

און פון דעם אויסדרוק אויף זיין פּנים איז שווער געווען צו טרעפען, צי ער האָט געשפּאַסט, צי ער האָט געמיינט ערנסט.

אַלע זיינען מיט אַמאָל שטיל געוואָרען, און די געפּודערטע און געפאַרבטע פּנים'ער פון די מיידלעך האָבען ווידער געשמייכעלט אַזוי אומשולדיג, און די מענער זיינען ערנסט געוואָרען, געוואונקען מיט ערנסטע גרימאַסען צו די מיידלעך, געהוקעט און אויסגעהוסט זיך און געפּליסטערט:

— ש־ש! ש־ש־ש!...

און פּלוצלינג האָט קיד דזשאָ, מיט'ן רויטען, אויסגעשטשירעטען אויג, פאַרריסען דעם קאָפּ צום באַלקען, צונויפגעלייגטביידע הענט ווי צו אַ תּפילה און גענומען עפּעס פּליסטערען, און נאָך איהם אַלע־אַלע — אי די „בייבי" אין דעם ווייסען שירץ, אי לואי פין מיט דער צעשפּאַלטענער אונטערשטער ליפּ און מיט די שוואַרצע קריזלעך אויפ'ן שטערען; אי „קיד דיעגאָ", אַ ברייט־אַקסעלדיגער איטאַליענער, מיט אַ שוואַרץ־געקרויזטען קאָפּ און שוואַרצע, שטעכעדיגע אויגען און גרויסע שוואַרצע וואָנצעס, אַ לידער פון איטאַליענישע גענגסטערס; אי „רעווערענד" ראָז אַליין — מייבעל'ס אַן אינטימער פריינד — אַ שעהנער שלאַנקער יונגערמאַן, מיט רויטע באַקען, שוואַרצע פאַרדרעהטע וואָנצעס און ביטרע־שמייכלענדיגע אויגען, וועלכער האָט די

זונטאָגען אין אַ קירך געזונגען, אין מיטען וואָך ביי אַ קאָר־טען־טישעל די נעכט פאַרבראַכט אין אַ געמבלינג־הויז, און ראש השנה און יום־כפור פאַר'ן עמוד מיט אַ כאָר געדאַ־ווענט אין אַ לאָקאַל, וואו אַ גאַנץ יאָהר האָבען געהוליעט בירגער און בירגערינס פון דער אונטערוועלט; אַי די דיקע דזשוליע, אַי מייבעל, אַי די בלאָנדע מילפרעד, אַי די רויטע רעי און די אַלע איבעריגע מיידלעך, — זיי אַלע האָבען די אויגען פאַרגלאָצט, די הענט צונויפגעלייגט און געפּליס־טערט און געמורמעלט...

„מאָנקי זשאָן" האָט איצט געשמייכעלט. געהאַלטעןביידע הענט פאַררוקט אין די קעשענעס, די קניע ברייט צעשפּרייט, געקוקט אויף זיי מיט'ן סיגאַר אין מויל און ברייט געשמייכעלט.

איין מיידעל, אַ קליינע און מאָגערע ברונעטקע, נאָך גאָר אַ קינד, מיט שוואַרצע אויגען און האָר ווי שוואַרצער גלאַנ־ציגער סאַמעט, איז צוגעגאַנגען צו איהם מיט אַ שטיפעריי־שען שמייכעל און האָט איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער בעט ניט גאָט; האָט ער אַרויסגענומען אַ האַנט פון דער קעשענע, אַ פּאַק געטאָן דאָס מיידעל ביי דער טאַליע און זי צוגעצויגען צו זיך. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ הילכיגען לאַך, איז געבלי־בען שטעהן לעבען איהם, געשטאַנען אַ ווײַלע און האָט געקוקט אויף די אַנדערע, ווי זיי האָבען גאָט געבעטען: דערנאָך האָט זי אַליין מיט אַ שטיפערישער מינע די הענט צונויפגעלייגט, פאַרגלאָצט די אויגען און נאָכגעטאָן די אַנדערע...

דאָס דאָזיגע מיידעל איז געווען מעי — יענע, וואָס ווילי האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק „איינגעבראָכען" ביי מע־קאַרטי'ן אין פּלאַץ...

מרס. גוטמאַן איז פון דעם ניט צופרידען געווען, האָט יעדע ווײַלע זיך אומרוהיג אַרומגעקוקט אויף דער טיר פון דעם הינטערשטען צימער, וואו פעני און ווילי זיינען נאָך געווען, געשאָקעלט דעם קאָפּ און געזיפצט. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו זשוליע'ן, וועלכע איז געשטאַנען צווישען מייבעל'ן און דעם „רעווערענד", און האָט שטיל געזאָגט:

— זאָל זיין געזונט, אַ גדולה אויף אייך. פון אייער שפּאַס קאָן נאָך אַרויסקומען אַ צרה! זי ווײנט שוין דאָרט. זי שטויסט זיך עפּעס אָן. זי קאָן נאָך חלילה...

דער „רעוורענד״ האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכעל:

— בעטען מיר דאָך גאָט, אַז אַלצדינג זאָל אַריבער בשלום!

און דאָ זענען אַריינגעקומען ווילי און פעני, די כלה מיט איהרע שמייכלענדיגע חן־גריבעלאָך אויף די באַקען און אַ ביסעלע פאַרשעמט. די דיקע דזשוליע האָט אויסגע־שריען:

— ליידיס ענד דזשענטעלמען, הורײ פאַר מיסטער און מיסעס דיימאָנד!

און אַלע האָבען זיך אַ קעהר געטאָן צו פעני'ן און צו ווילי'ן און אונטערגעכאַפּט:

— הורײ! הורײ! הורײ!...

פעני'ס באַקען האָבען זיך צעפלאַמט. און דערנאָך האָט ווילי פאַרגעשטעלט פאַר איהר יעדען און יעדע פון זיינע געסט, וועלכע זענען אָנגעקומען בעת זי איז געווען אין דעם פינסטערען צימער.

ווען ער האָט איהר פאַרגעשטעלט דעם „רעוורענד,״ איז איהר איינגעפאַלען, אַז ער זעהט אויס זעהר ענליך צו אַ באַוואוסטען גנב אין איהר שטעדטעל און זי האָט מיט פאַרדרוס און פאַרוואונדערט אַ טראַכט געטאָן:

„זעה נאָר, אַ וועהטאָג איז מיר, ווי עס זעהט אויס אַ מסדר קדושין אין אַמעריקע!״

זי, די נאַאיווע, אומדערפאַרענע, קליינשטעדטעלדיגע מיידעל, האָט זיך געריכט, אַז דער מסדר קדושין וועט אויס־זעהן גאָר אַז אַנדער מין איד. זי האָט אָבער צו איהם אַ שמייכעל געטאָן: פאַרפאַלען, זי האָט חתונה מיט אַן אַמעריקאַנער באָי, מוז זי אויך זיין אַן אַמעריקאַנערקע. און ווען מען האָט איהר פאַרגעשטעלט די אַלע באַקאַנטע מיידלאַך, האָט זי זיך גאָרניט געקאָנט אָפּוואונדערען, ווי שעהן זיי זענען אין אַמעריקע.

עס האָט זי אויך געוואונדערט, וואָס אויף אַ אידישער חתונה אין אַמעריקע קומען אויך קריסטען און זיי זענען פונקט אַזעלכע מחותנים ווי די אידען...

„אַ פריי לאַנד,“ האָט זי זיך געטראַכט, „איד, קריסט — אַלע זענען גלייך — און דאָך“...

אָך, ווי זי וואָלט איצט געוואָלט האָבען כאָטש אַ ביסעלע פון דער היימישער אידישקייט און יום־טוב׳דיגקייט אויף איהר חתונה, דעמאָלט וואָלט זי געווען אַזוי גליקליך, אַזוי גליקליך, די גליקליכסטע אין דער גאַנצער וועלט.

זי האָט אַ זיפץ געטאָן. און אַז ווילי האָט זי געפרעגט פאַרוואָס זי זיפצט, האָט זי זיך געשעמט איהם, דעם אַמעריקאַנער באָי, צו זאָגען, וואָס עס דריקט איהר איצט אויפ׳ן הארצען, איהר דער נאַרישער, קליינשטעדטעלדיגער מיידעל...

דער גאַנצער עולם האָט זיך איצט געהאַלטען אָנשטענדיג. די מענער האָבען געראויכערט. די מיידלאַך איז דאָס געווען פאַרבאָטען, האָבען זיי געגעסען נאַשערייען און אָזמשולדיג געשמייכעלט.

מיסעס גוטמאַן האָט זיך שטיל אָנגערופען צו דזשוליען:

— מילפרעד זאָל זיך נאָר ניט אָנטרינקען!

— זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיך האַלטען אָנשטענדיג און רעי אויך — האָט דזשוליע געענטפערט.

מען האָט אָוועקגעשטעלט די חופה, וואָס מען האָט פאַר אַ פּאָר דאָלאַר ערגעץ באַקומען. דער „רעווערענד“ האָט זיך צעזונגען אויף אַ פיינעם טענאָר — און פאַר התפעלות האָט איהם מייביל אַ קיצעל געטאָן הינטער דער פאַכוועע און ער, זינגענדיג, — זי לאָזט יד, צוריק פון הינטען אַרום — און ווען ווילי האָט אַרויפגעטאָן פעני׳ן אַ ברילאַנטענעם רינג אויפ׳ן פינגער, האָבען אַלע אַ געשריי געטאָן:

—מזל טוב!

אין אַ ווײַלע אַרום זענען אַלע געזעסען אַרום די טישען. ווילי און פעני אויבען אָן, צווישען מיסעס גוטמאַן און דזשוליע׳ן. אַנטקעגען, אויפ׳ן אַנדערען עק טיש, זענען געווען אויסגעזעצט מייביל, מילפרעד און רעי, דער רעווערענד און מאַנקי דזשאַן, קיד דעיגאָ און קיד דזשאָו. די איבעריגע זענען געזעסען אַרום די אַנדערע טישען.

די בייבי און לואי פין האָבען דערלאַנגט און צוגענומען פון די טישען.

מען האָט געטרונקען און דוקאַ שאַמפּאַניער.

פעני האָט אויך איצט, צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען, פארזוכט שאַמפּאַניער און זי האָט זיך פאַרקרימט פון דער דאָזיגער משקה, וואָס האָט זיך איהר אויסגעוויזען צו־זויער, דאָך האָט זי אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזלאַך. זי האָט דאָך ניט געקענט אָפּשטעהן פון די אַנדערע. זי האָט מורא געהאַט צו ווייזען, אַז זי איז אַ גרינהאָרן.

און באַלד האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געדרעהט אַרום צימער און אַלע און אַלצדינג, די מענשען, די טישען און די ווענט, צוזאַמען מיט איהר. און אויפ'ן האַרצען איז איהר געווען פרעהליך און גרינג, אַזוי גרינג.

איהר פּנים האָט געפלאַקערט. די אויגען האָבען געקוקט ווי דורך אַ שלייער און אין גאַנצען האָט זי אויסגעזעהן, ווי דאָס שמייכלענדיגע גליק אַליין.

יעדע ווײַלע האָט איהר קליין הענטעלע אָנגעכאַפּט די האַנט פון איהר ווילי'ן און זי געדריקט, געדריקט, אַזוי ווי דורך דעם דאָזיגען צאַרטען דריק האָט זי איהם געוואָלט איבערגעבען אַ טייל פון איהר גליק...

די אַנדערע האָבען געגאָסען אין זיך דעם שאַמפּאַניער.

מייביל האָט אָפּגעוואָרפען איהר שעהנעם קאָפּ אויפ'ן ווענטעל פונ'ם שטול און שיכור געלאַכט. מילפרעד איז איצט ניט געווען צו דערקענען. דער טעמפּער פיש־אויסדרוק פון איהרע אויגען איז פאַרשוואונדען געווען און זיי האָבען געברענט, ווי ביי אַ קאַץ, און דער מאַרמאָר־פּנים איהרער האָט זיך באַוועגט, גערויטעלט זיך און געגלאַנצט.

זי איז עטליכע מאָל צוגעפאַלען צו דער רויטער רעי, וועלכע איז אויך געווען שיכור, און זי געקושט.

מאַנקי דזשאָן האָט זיך אַריבערגעוואונקען מיט'ן רעוורענד און ביידע האָבען שכור געשמייכעלט.

קיד דזשאָו האָט זיך יעדע ווײַלע אָנגעגאָסען אַ פרישׁ גלעזעל, אַ וואונק געטאָן מיט זיין רויטען, אויסגעשטשירעטען אויג צו קיד דעיגאָ, אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג אָן דעם גומען אויף אַ מערקווירדיג־בריה'שען אופן און אויסגעטרונקען.

קיד דעיגאָ האָט זיך פון דעם געקאַטשעט אויף זיין שטול.

מיסעס גוטמאַן האָט ניט אַרונטערגענומען איהרע אויגען פון מילפּרעד'ן און געמורמעלט צו דער דיקער דזשוליע'ן:

— זי איז שוין שיכור. מסתמא וועט שוין זיין אַ סקאַנ־דאַל. זאָל זי מעהר ניט טרינקען, אַ גדולה אויף דיר!

דאַן האָט די דיקע דזשוליע מיט אַמאָל זיך אָנגערופען:

— סעי, מיידלאַך, טרינקט ניט צופיעל!

— מיר וועלען טרינקען! — האָט מילפּרעד אויסגע־שריען, און אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש — מיר וועלען טרינקען! אַ גאַנצע נאַכט וועלען מיר טרינקען... שאַמפּאַניער, וויסקי... ניט אַזוי, רעי? מיר וועלען טרינקען, ניט אַזוי?

— שור! — האָט די רויטע רעי געענטפערט — ביי אונזערער אַ שוועסטער אויף דער חתונה מוזען מיר דאָך טרינקען! כאַ! כאַ!

— ביי אונזערער אַ נייער שוועסטער! — האָט מייביל אויך אונטערגעכאַפּט — כאַ! כאַ! כאַ!

— אַ נייע שוועסטער... כאַ! כאַ! כאַ! — האָבען אונטערגעכאַפּט די מיידלאַך אַרום די אַנדערע טישען — אוררריי! פאַר דער נייער שוועסטער!

— אוררריי! אוררריי!...

— כאַ! כאַ! כאַ!...

— כאַ! כאַ! כאַ!...

און מען האָט געקלאַפּט מיט די גלעזער אָן טיש און געקלונגען מיט די מעסער און גאָפּעל אָן די טעלער, און מען האָט געקוויטשעט און געלאַכט, און געפּילדערט, און מען האָט זיך שכור געוואָרפען איינע דער אַנדערער אויפ'ן האַלז, און מען האָט זיך געקושט איינע מיט דער אַנדערער, און אַרויסגעקוויטשעט די שמוציגסטע ווערטער...

מיסעס גוטמאַן און די דיקע דזשוליע זענען אַרויס פונ'ם טיש. די אַלטע איז צוגעגאַנגען צו טשאַרלי די „בייבי," וועלכער האָט זיך ערשט געהאַט געזעצט ביים צווייטען טיש מיט לואי פּין, און האָט איהם געזאַגט עפּעס אויפ'ן אויער.

ער האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

די דיקע דזשוליע איז צוגעגאַנגען צו מילפּרעד'ן און זי געבעטען, זי זאָל מעהר ניט טרינקען.

און פּעני, וועלכע איז פון דעם אויסגעלאַסענעם, שכור'ען געפּילדער אויפגעוועקט געוואָרען פון איהר עטוואָס פאַר־

שכור׳טען און גליקליכען צושטאַנד, האָט זיך צוגעבויגען צו ווילי׳ן און אַרויסגעפּליסטערט:

— וועה איז מיר, ווילי, זיי זענען דאָך שכור! זעה נאָר דעם אַלדערמאַנ׳ס פרוי איז אויך שכור!

ווילי האָט איהר געוואָלט עפּעס ענטפערען, נאָר אין דער אייגענער צייט האָט זיך דערהערט א בראַזג פון גלעזער און מילפּרעד׳ס קול אויף אַ קוויטש:

— פאַרוואָס האָסטו מיר נעכטען געגעבען אַ פּאַטש, האַ? פאַרוואָס, האַ? דער אַלטער האָט מיך געעקעלט... איך האָב עס איהם געזאָגט... דערפאַר האָסטו מיך געפּאַטשט...

זי איז אויפגעשפּרונגען און האָט גענומען קלאַפּען מיט ביידע הענט אין טיש און געשריען צו דזשוליע׳ן מיט א שכור׳ן געוויין:

— פאַרוואָס ביזטו אַליין ניט געגאַנגען מיט איהם? זי שלאָגט! פאַרוואָס, האַ? אַוועק פון מיר, איך וועל דיך טויטען! דו, ברוט, אַוועק!...

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן פון טיש די גלעזער און די טעלער, געשליידערט זיי אָן דר׳ערד און געיאָמערט אויף א שכור׳ן קול.

אַלע זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, חוץ מאַנקי דזשאהן און קיד דעיגאָ, וועלכע זענען געבליבען זיצען אויף זייערע פּלעצער און האָבען רוהיג געשמייכעלט.

פּעני איז געשטאַנען לעבען ווילי׳ן מיט אַ צעשראָקענעם פּנים און האָט געקוקט אויף מילפּרעד׳ן; ווילי איז געשטאַנען מיט א פאַרוואָלקענטען פּנים און זיינע אויגען האָבען געשפּריצט פייער; מיסעס גוטמאַן האָט געבראָכען די הענט און נאָכאַנאַנד זיך אומגעקוקט אויף פּעני׳ן; דזשוליע האָט זיך באַהאַלטען הינטער די רוקענס פון מייביל און רעי, וועלכע זענען געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו מילפּרעד׳ן און האָבען געשריען צו איהר, אז זי זאָל זיך באַרוהיגען. דעם „רעוורענד״ איז דאָס אַפּנים געווען געפעלען, ווייל אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסען אַ ווילדע הנאה. און קיד דזשאָו האָט געוואונקען מיט׳ן רויטען אויסגעשטשירעטען אויג צו דער „בייבי״ און צו לואי פין, געשפּאַרט דערביי זיין פויסט אין מויל אריין, געוויזען זיי, הייסט עס, וואָס זיי זאָלען טאָן. די קליינע, מאָגערע

מעי איז אַרויפגעקראָכען אויף אַ שטול, האָט געקוקט אויף דער צעיושעטער מילפּרעד מיט שכור'ע אויגען און געשאָ־קעלט זיך אויף די פּיס און אליין שכור געכליפּעט.

און מילפּרעד האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צעקאָכט. מיט אַ צעפלאַמטען פּנים און צעשויבערטע האָר, האָט זי געשליידערט די גלעזער און טעלער אָן דר'ערד, געיאָמערט אויף אַ שכור'ן קול און געשאָלטען און געזידעלט זיך מיט די שמוציגסטע ווערטער...

קיד דזשאָו האָט דאַן ניט אויסגעהאַלטען און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו מילפּרעד'ן; אָבער די רויטע רעי האָט איהם פאַרשטעלט דעם וועג.

— נישט אָנריהרען זי! — האָט זי געשריען אויף אַ קוויטש און איהם אָנגעכאַפּט ביים אָרעם — דו הערסט, ברוט? מיר זענען נישט קיין הינט!

און דאָ האָט עפּעס פּאַסירט: די רויטע רעי האָט זיך איינגעגעסען מיט די נעגעל אין זיין פּנים, געריסען איהם דאָס פלייש און געביסען איהם מיט די ציינער און געקוויטשעט היסטעריש:

— שלאָגען, האַ? שלאָגען? מיר זענען ניט קיין הינט! ניט קיין הינט!...

ביז קיד דזשאָו האָט זי אַ כאַפּ געטאָן ביים האַלז אזוי, אַז דער קול איז ביי איהר פאַרשטיקט געוואָרען, זי אַ טריי־סעל געטאָן און זי אַ זעץ געטאָן אויף אַ שטול און ניט אַרונטערגענומען די האַנט פון איהר האַלז, ביז איהרע גלע־זערנע אויגען האָבען מיט הכנעה זיך גענומען בעטען ביי איהם, ער זאָל זי איינלאָזען.

דאַן ערשט האָט ער אַרונטערגענומען די האַנט פון איהר האַלז און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם מיט אויגען פון אַ געשלאָגענעם הונט, אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך שטיל און שכור צעוויינט.

אין דער איינגענער צייט איז די „בייבי," מיט אַ גוטמו־טיגען שמייכעל און רוהיגע טריט, צוגעגאַנגען צו מילפּרעד'ן, וועלכע האָט נאָך אַלץ געקוויטשעט און געבראַזגעט די גע־שיר אָן דר'ערד, ער האָט זי, דאָס שווערע גרויסע מיידעל, מיט איין האַנט אַ כאַפּ געטאָן און זי אויפגעהויבען אין דער

הויך אזוי לייכט, ווי זי וואָלט געווען אַן עופה'לע, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער איהר פאַרשטאָפּט דאָס מויל. אזוי דאָס איהר געשריי איז פאַרשטיקט געוואָרען אונטער זיין גרויסער, רויטער לאַפּע, און אזוי האָט ער זי ארויסגעטראָגען פונ'ם צימער.

די קליינע מעי, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן שטול, האָט זיך דעמאָלט היסטעריש צעקלאָגט, ארויסשרייענדיג רעי'ס ווערטער: „מיר זענען ניט קיין הינט!" — איז לואי צוגעלאָפען צו איהר, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פונ'ם שטול, אַט אזוי ווי די „בייבי" מילפרעד'ן, און זי אויך ארויסגעטראָגען פונ'ם צימער.

דאָס אַלץ האָט געדויערט נאָר אַ פּאָר מינוט, אָבער אויף פעני'ן האָט דאָס געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אז זי האָט שיער ניט גע'חלש'ט פאַר שרעק.

מיסעס גוטמאַן איז צוגעגאַנגען צו איהר און זי אוועקגעשלעפּט אין אַ הינטערשטען חדר.

— אַ מצוה אויף דיינעם — האָט זי זיך אָנגערופען — איך האָב איהם געזאָגט, אַז אויף אַ אידישער חתונה דאַרף מען רופען אָרענטליכע אידען. ער האָט מיך ניט געפאָלגט. אַ גדולה אויף איהם. אַמעריקאַנער באָים — נו, נו!...

פעני האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויפ'ן שאַקעל־שטול און צעטומעלט געמורמעלט:

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס, גאָט מיינער?!...

— אַ מיאוס'ע זאַך, ווען פרויען שכור'ן זיך אָן! — האָט מיסעס גוטמאַן ווייטער גערעדט — דיין מאַן, זאָל לעבען, האָט הפנים ניט געוואוסט, אז דעם אָלדערמאַנ'ס ווייב איז אַ שכור'טע.

ווילי איז אריינגעקומען, שוין מיט אַ שמייכעל.

— אָי, אַ קאָמעדיע! דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען זעה איך ווי פרויען שכור'ן זיך אָן... ביי זשינגאָ! כאַ! כאַ! כאַ! ווי געפעלט עס דיר, פעני?

זי האָט געשוויגען.

מיסעס גוטמאַן און ווילי האָבען זיך איבערגעקוקט.

— זי האָט זיך נעבעך איבערגעשראָקען! — האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנגערופען.

איז ווילי צוגעגאַנגען צו פעני'ן נעהענטער.

— דו האָסט זיך דערשראָקען? באַרוהיג זיך, קינד. זיי זענען שוין אַלע אוועקגעגאַנגען. איך בין אַזוי בייז געוואָרען אויף זיי, אַז איך האָב זיי אפילו ניט געוואָלט לאָזען דיר זאָגען „גוד נאַיט."

זי האָט זיך שטיל אָנגערופען:

— ווילי, וואָס זענען דאָס פאַר מענשען? ווי אַזוי האָסטו זיי איינגעלאַדען?

— ניכטערערהייט זענען זיי אַלע, דאַכט זיך, גאַנץ פיינע מענשען. ווער האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלען? דו ווערסט שוין זעהן, ווען זיי וועלען אַמאָל קומען צו אונז...

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט שרעק אין די אויגען.

— ניין, ווילי, אַזוינע פרויען, וואָס שכור'ן זיך אָן אַזוי און מאַכען אַזעלכע סקאַנדאַלען, טאָרען צו אונז ניט קומען. איך בעט דיך, זיי זאָלען ניט קומען אהער, איך בעט דיך.

— אַז דו ווילסט ניט, וועלען זיי ניט קומען.

און ער האָט זי אַ קוש געטאָן.

זי האָט צעטראָגען אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

— פע, מיר געפעלט ניט אייער אַמעריקע.

— איך אויך ניט?

— דו?...

— זי האָט אַ ציה געטאָן די אַקסלען און זיך אויפגעהויבען פון'ם אָרט. דערנאָך האָט זי גערעדט ווייטער:

— איכ'ל דיר זאָגען דעם אמת, ווילי, עפּעס... עפּעס...

זי האָט ניט דערערעדט און געקוקט אַרום זיך צעטראָגען.

— וואָס עפּעס? רעד, רעד, שעהם זיך ניט!

זי האָט אַ פיהר געטאָן מיטביידע הענט און געענטפערט:

— איך ווייס ניט... נאָר עפּעס ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין... ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין... דיינע אַלע פריינד געפעלען מיר ניט... די גאַנצע צייט פיהל איך עפּעס, איך ווייס ניט וואָס... אַט אַזוי ווי עס טראָגט זיך אַמאָל אַ פאַסקודנער ריח און דו ווייסט ניט, פון וואַנען ער קומט...

— וואָס חלומ'ט זיך דיר! — האָט ער זיך צעלאַכט — דאָס איז דערפאַר, ווייל דו ביזט נאָך אַ גרינע. אָבער גוט: מיינע פריינד געפעלען דיר ניט, וועלען זיי מיר אויך מעהר

ניט געפעלען. דו האסט מיין ווארט. אט מיסעס גוטמאן איז מיין עדות.

און מיסעס גוטמאן האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און דאס האט צוגעהאלפען, אז פעני זאל זיך צום סוף בארוהיגען.

ווילי האט זי צוגעצויגען צו זיך און איהר טיעף אריינגעקוקט אין די אויגען מיט א מינע, אזוי ווי ער וואלט זיין גאנץ לעבען געווען גרייט אוועקצוגעבען פאר איהר. און באלד האבען איהרע שעהנע בלויע אויגען העל אויפגעשטראלט, ווי א זון וואלט דארט אויפגעגאנגען.

דעמאלט האט מיסעס גוטמאן מיט איהר תמימות'דיגען שמייכעל זיך אנגערופען:

— נו, א גוטינקע נאכט אייךביידען, א גדולה אויף אייך! זייט מיר גליקליך.

און זי איז ארויס.

פעני איז פארבליבען אליין מיט איהר „מאן."

9.

נאך דער „חתונה"...

ווי גליקליך פעני איז דאס געווען נאך דער „חתונה". ווי אין א חלום, ווי אין דעם שעהנסטען חלום, האט זי געלעבט. יעדער ווינקעלע אין איהר נשמה איז געווען איבערפולט מיט פרייד און ליבע פונ'ם נייעם לעבען. איהרע טעג און איהרע נעכט האבען זיך צונויפגעגאסען אין איין גרויסען וואונדערליכען יום־טוב, ווען זי האט געטרונקען פולע בעכערס גליק און איז געווען אינגאנצען פאר'שכור'ט.

און ווי גוט איהר „מאן" איז דאס געווען צו איהר! ער איז גארניט אפגעטראטען פון איהר, האט זי אויף קיין מינוט ניט איבערגעלאזט אליין, און גערעדט האט ער צו איהר מיט אזא קול און געקוקט אויף איהר מיט אזעלכע ווייכע און ווארימע אויגען, אז ניט מיסעס גוטמאן און ניט דזשוליע האבען איהם דערקענט, און אפט האבען זיי זיך גע'סוד'עט:

— וואס איז עס מיט איהם? מען קען באמת מיינען, אז ער איז פארליבט אין איהר!

זיי זענען שטענדיג דאָרט געווען, אי די דיקע דזשוליע, די „קוזינע," אי טשאַרלי די „בייבי," וועלכער האָט געזאָלט זיין דער ערשטער, צו וועמען מען האָט געדאַרפט איבערגעבען פעני'ן, זי „איינצוברעכען," און מיסעס גוטמאַן איז אויך יעדען טאָג געקומען. און פעני'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זיי אַלע זענען אַזוי גוט און פריינדליך, אַפילו די „בייבי" האָט אויך ביי איהר מעהר ניט אַרויסגערופען די פריהערדיגע אומרוהיגקייט.

די ליבע און דאָס גליק האָבען פאַרשטויסען אַלע אַנדערע געפיהלען פון איהר פאַר'שכור'טער נשמה. זי האָט איצט אַלעמען און אַלצדינג ליב געהאַט; אַלעמען און אַלצדינג באַהויכט מיט איהר ליבע און מיט ליכטיגע, זוניגע בליקען באַשטראַלט.

זי איז איצט געווען אינגאַנצען גוטסקייט און גליק און אויף איהרע ראָזעווע באַקען האָבען זיך נאָכאַנאַנד געפרעהט די חן־גריבעלאַך.

אין הויז האָט מען אַלצדינג אַריינגעבראַכט — מילך, אַלערליי שפּייזען. מיסעס גוטמאַן, דזשוליע, ציגאַר די „בייבי" האָבען דאָס אַלע טאָג איינגעקויפט.

חול המועד פּסח איז דאָס געווען, האָט פעני געגעסען מצה און ווילי חמץ.

אַמאָל איז זי פון דעם געוואָרען אומרוהיג. ווייל זי, פעני, האָט געגלויבט, ווי איהר טאַטע־מאַמע, אַז פאַר עסען חמץ אום פּסח קומט כרת־יאָהרען. דאַן האָט זי מיט'ן הארצען געבעטען: „באַשטראָף איהם ניט דערפאַר, רבונו של עולם. טאָמער, חלילה... נעהם אָוועק אַ העלפט פון מיינע יאָהרען פאַר איהם!"

ס'רוב אָבער האָט זי זיך געטראַכט:

„זאָל ער עסען געזונטערהייט. אַ סך אידען עסען חמץ. אַמעריקע!... מען קען ניט איבערמאַכען אַ וועלט!"

דערפאַר אָבער איז דאָס געקעכץ געווען פּסח'דיג. מיסעס גוטמאַן אַליין האָט עס יעדען טאָג געקאָכט אין נייע כלים.

פעני'ן האָט מען צו קיין זאַך ניט געלאָזט זיך צוריהרען. און האָט זי אַמאָל געוואָלט עפּעס צוהעלפען אין קיך, ציאַזוי אין הויז, האָט איהר די דיקע דזשוליע געזאָגט:

— זיץ, מען וועט שוין טאָן אָהן דיר!

— וואָס זענט איהר אַ דינסט ביי מיר, וואָס? — האָט פעני אַמאָל געזאָגט — וואָס הייסט איכ'ל זיצען ווי אַ פּריצה'טע און איהר און מיסעס גוטמאַן וועלען אַרבייטען.

— שפּעטער, שפּעטער, וועלען מיר זיך שוין אויסרע־בענען! — האָט דזשוליע געלאַכט.

און מיסעס גוטמאַן האָט באַמערקט:

— דו וועסט שוין ווייזען, וואָס פאַר אַ בריה די ביזט שפּעטער; דו וועסט אונז אַמאָל שוין אָפּדינען, אַ גדולה אויף דיר!

און איז ווילי געווען דערביי, האָט ער אויפגערעגט אַ קוק געטאָן אויף מיסעס גוטמאַן און דזשוליע'ן און אַרויסגע־מורמעלט אונטער דער נאָז:

— בעסטיעס!...

דערנאָך האָט ער פעני'ן אַוועקגעזעצט לעבען זיך אויף דער זאָפע, געגלעט איהר דאָס פּנים, די בלאָנדע האָר, מיט אַן אמת פאַרליבטער מינע איהר אריינגעקוקט אין די בלויע, שיינענדיגע אויגען און געמורמעלט:

— איך האָב דיך ליב, דו הערסט? אמת'דיג ליב, אמת'דיג! דו ריין, דו שעהן, דו קינד, דו קינד!

און פון די דאָזיגע ווערטער האָט זי אויפגעשטראַלט, ווי אַ בלום געגען דער זון.

אָדער — ער האָט זי דעמאָלט אַוועקגענומען פון'ם צי־מער, וואו זיי אַלע זענען געווען, און איז אַוועק מיט איהר אין אַן אַנדער צימער, וואו זיי האָבען דערנאָך שטונדען לאַנג ביינאַנד פאַרבראַכט.

דזשוליע האָט דאַן גערעדט אומרוהיג:

— וואָס איז עס? איך דערקאָן דאָך איהם גאָר ניט! ער באַנעמט זיך דאָך עפּעס, ווי אַ פאַרליבטער מאַן!

האָט זי מיסעס גוטמאַן בארוהיגט:

— ווייס איך, דאָס איז ביי איהם אַן איבערגאַנג. זי געפעלט איהם מעהר איידער אַן אַנדערע. נאָך אַ פּאָר טעג. עס וועט שוין זיין אָל־ראַיט. דו צערייץ איהם נאָר ניט. לאָז איהם דערווייל זיך אַמוזירען.

די „בייבי" האָט געברומט, ווי אַ צערייצטער באָק.

— ער טוט, וואָס ער וויל. דער גאַנצער באָס! וואָס ער וויל, טוט ער, וואָס ער וויל!

מיסעס גוטמאַן האָט זיך צעלאַכט.

— זאָלען דיר אַזוי ניט שפּאַרען די אויגען פון קאָפּ, בייבי. זיי רוהיג, זי וועט דיך ניט אויסמיידען, א גדולה אויף דיר!

אַזוינע סצענעס זענען פאָרגעקומען יעדען טאָג די ערש־טע וואָך נאָך דער „חתונה" אין דעם דאָזיגען הייזעל, און וואָס אַ טאָג שפּעטער — אָפּטער און אויפגערעגטער.

דזשוליע איז געווען אומרוהיג. מיסעס גוטמאַן האָט זי אַלץ באַרוהיגט און די „בייבי" האָט אַלץ ווילדער געברומט און זיך געקאָכט.

ווען זיי האָבען געפּרואווט אַ שמועס טאָן מיט ווילי'ן, האָט ער געענטפערט מיט אַ פינסטערען שווייגען אָדער מיט אַ זידלעריי.

קיינער פון זיי האָט איהם איצט ניט געקענט פאַר־שטעהן. ער האָט אָדער געלייענט אַ בוך, צי אַן ענג־לישען זשורנאַל, אָדער איז געזעסען אַ פאַרטראַכטער, צי געשפּילט אַ פינאָקל מיט דער „בייבי," אָבער שטענדיג, און אַלע מאָל האָט פּעני געמוזט זיצען לעבען איהם, אַזוי ווי ער וואָלט זי געהיט, צי אַזוי ווי ער וואָלט אָהן איהר קיין מינוט ניט געקענט לעבען.

איז זי דערביי געווען, האָט קיינער קיין וואָרט מיט אַן אָנצוהערעניש ניט געטאָרט אַרויסריידען, וואָרים ער, ווילי, איז גלייך אויפגערעגט געוואָרען און האָט זי אַוועק־גענומען אין אַן אַנדער צימער...

און איינמאָל, ווען אין הויז איז אויסגעגאַנגען צוקער, און פּעני האָט זיך אויסגערופען צו געהן קויפען אין גראָסערי, האָט דזשוליע זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל:

— דו ווייסט דען, וואו אַ גראָסערי איז?

— איך וועל געפינען. איך האָב אַ צונג.

דזשוליע האָט זיך צעלאַכט.

— איך וועט, אַז דו ווייסט אפילו ניט, וואו דו וואוינסט.

— וואָס מיינט איהר? — האָט פּעני געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

— איך מיין... ווי הייסט די גאַס, וואו דו וואוינסט?

פּעני האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויסגעשטעלט אויף איהר אַ פּאָר גרויסע אויגען.

— טאקע, זעה נאַר, איך האָב אפילו פאַרגעסען פרעגען וועגען דעם! ווי הייסט טאַקע די סטריט?

— ליבע! — האָט דזשוליע געענטפערט מיט א ביטרען שמייכעל.

— אויף אַן אמת, ווי הייסט זי? — איז פעני צוגעשטאַנען צו איהר.

— פאַרגעניגען — האָט דזשוליע ווידער געענטפערט.

— ערנסט, זאָגט מיר...

— מיסעס גוטמאַן, וועלכע איז געזעסען ביים טיש און האָט צוגעקוקט ווי ווילי און די בייבי שפּילען פינאָקל, האָט ארויסגערעדט אונטער דער נאָז:

— זי הייסט עבירה, די סטריט!

פעני האָט זיך א קעהר געטאָן צו איהר.

— הא? איהר האָט עפּעס געזאָגט, מיסעס גוטמאַן?

— איך זאָג... א נייע סטריט, זאָג איך, א גדולה אויף דיר. מען דאַרף איהר ערשט געבען א נאָמען. די סטריט האָט שוין א נאָמען, ווילי?...

— שאַט אַפּ! — האָט ער א געשריי געטאָן און האָט א שמיץ געטאָן די קאָרטען אויפ׳ן טיש.

פעני איז צוגעלאָפען צו איהם.

— ווילי, וואָס ביזטו בייז געוואָרען?

ער האָט זיך פּלוצים צעלאַכט.

— איך בין ניט בייז, ווען דו ביזט דאָ. איך וויל ניט זיין בייז. איך קען ניט זיין בייז.

די „בייבי“ האָט דאַן ארויסגעברומט:

— נו, איך וויל דאָך א גלאָז טיי. ווער ברענגט צוקער? פעני האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— איך געה. אין וועלכער זייט געהט מען — רעכטס צי לינקס?

— מען געהט גלייך אָט אהין! — האָט דזשוליע געענטפערט מיט א ציניש ען שמייכעל און אנגעוויזען פעני׳ן אין דער ריכטונג צום צווייטען שטאָק, וואו עס האָבען זיך געפונען די שלאָף־צימערען.

פעני איז געוואָרען רויט און האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגען.

ווילי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פונ׳ם אָרט, אַנגעקוקט דזשוליע׳ן אויפגערעגט און ארויסגעמורמעלט:

— הויבסט שוין אָן, האַ? גיה ברענג צוקער און רעד ניט, רעד ניט! דו הערסט? דו!...

— איך ברענג גלייך צוקער — האָט דזשוליע זיך אַ כאַפּ געטאָן פון איהר אָרט און איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז.

פעני האָט זיך אָנגערופען:

— ווילי, דו שאַפּסט זיך מיט זיי, אַקוראַט ווי זיי וואָל־טען געווען דיינע דינסטען. פאַרוואָס זאָל איך ניט געהן? זיי זענען דאָך דיינע געסט. עס איז דאָך ניט שעהן. שיק מיך...

האָט ער זי אַ ווײַלע שטיל אָנגעקוקט און דערנאָך האָט ער זיך ווידער צעלאַכט.

— ווען איך וועל וועלען, וועסטו געהן. דערווייל וויל איך ניט. קינד, קוק און שוויינ און האָב מיך ליב.

זי האָט זיך פעסט צוגעדריקט צו איהם און שטיפעריש איהם אַרויסגעשטעלט אַ שפּיץ פון איהר צונג.

און פּלוצים האָט די „בייבי,“ וואָס האָט געזשמורעט אויף זיי די אויגען, אַ האַק געטאָן מיט זיין לאַפּע איבער׳ן טיש אַזוי, אַז ווילי און פעני און מיסעס גוטמאַן האָבען זיך אַלע אויף אַ מאָל אַ צאַפּעל געטאָן, און די „בייבי“ האָט אַרויסגערעוועט:

— דעמעט!

און ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבען פון זיין אָרט, ווי אַן עלפאַנט.

ווילי האָט זיך אָנגעכמורעט און אָנגעקוקט די בייבי מיט שטעכעדיגע אויגען. פעני האָט געקוקט אויף דער ביי־בי פאַרוואונדערט און צעמישט.

מיסעס גוטמאַן איז פלינק צוגעגאַנגען צו איהם.

— וואָס איז? וואָס איז, אַ גדולה אויף דיר?

די בייבי, מיט אַ צעקרימטען פּנים, ווי ער וואָלט געהאַט קרעמפּען, האָט אַרויסגעברומט:

— זי איז גערעכט, פעני. ער באַסעוועט צופיעל. מיר זענען גאָרנישט, נאָר ער, נאָר ער!...

מיסעס גוטמאַן האָט איהם אַ כאַפּ געטאָן ביים מעכטי־

גען, הארטען ארעם, אזוי ווי פון שטאל, און זי האט ארויס־
געפליסטערט:
— טשארלי!...
— וואס „טשארלי"? דעמעט, היינט איז שוין דער
פינפטער טאג! נאך ניט גענוג? איך וועל מעהר ניט ווארּ
טען! איך געה באלד צו ביזנעס — טראך — טראך, און
געמאכט א סוף!
דערביי האט ער אזא פאטש געטאן מיט די לאפעס, אז
עס האט אפגעהילכט, ווי מען וואלט אויסגעשאסען פון א
רעוואלווער.
פעני האט זיך אינסטינקטיוו צוגעדריקט צו איהר „מאן."
ווילי האט שפאטיש א שמייכעל געטאן.
— קום, פעני, איהם איז געגאנגען שלים־מזל'דיג אין
פינאקל, איז ער משוגע געווארען, ווייסט ער ניט, וואס ער
רעדט. קום!
און ער האט זי אנגענומען ביים ארעם און איז אוועק מיט
איהר איבער די טרעפ, וועלכע האבען געפיהרט צום צווייּ
טען שטאק. און אז זייערע טריט זענען דארט פארלארען
געגאנגען, האט מיסעס גוטמאן זיך דאן ווידער געווענדעט
צו דער בייבי:
— א גדולה אויף דיר, פארוואס ביזטו מיט אמאל ארויס
פון די כלים?
ער האט ארויסגעברומט, ווי א צערייצטער בער:
— איך בין אין כעס... דעמעט, גאר ווארטען! ניט
ווען איך וויל, נאר ווען ער וויל!
— מאך ניט קיין סקאנדאל, טשארלי, נו וועסטו וואר־
טען נאך א פאר טעג...
— מיט אן אנדערער וואלט מיך ניט געארט. די אבער
ברענט מיך, צינדט מיך... זי... זי... פארשטעהסט?...
זי איז ניט ווי די אנדערע... דעמעט, עס רייסט מיך צו
איהר די גאנצע צייט און איך דארף זיך איינהאלטען, ווי
א הונט אויף א קייט... נעכטען ביינאכט.... זי איז
געווען אזוי שעהן... איך בעט איהם: „לאז מיך
איצט!"... טוט ער א קוק אויף מיר, ווי איך וואלט פאר־
לאנגט זיינע א שוועסטער... דעמעט, אזש די פינגער האב

איך זיך צעביסען!... און היינט... דו האָסט געזעהן, ווי שעהן זי איז היינט? דו האָסט געזעהן, וואָס פאַר אַ פייער זי האָט אין איהרע אויגען? און איך מוז זיין אַ דזשענטעלמאַן, אַנשטענדיג מוז איך זיין, בינדען זיך הענט און פיס, און סטאָפּ! אפילו ניט מיט אַ וואונק, ניט מיט אַ וואָרט זי אַנריהרען! איך וויל ניט מעהר! — האָט ער פּלוצים זיך אַ כאַפּ געטאָן — איך געה איצט צו איהר, איצט, און זאָל ער נאָר פּרואווען מיר שטערען, דעמעט!...

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט זיינע שווערע טריט צו די טרעפּ־צו; אָבער מיסעס גוטמאַן איז מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ צוגעשפּרונגען צו איהם און זיך מיטביידע הענט איינגעקלאַמערט אין זיין אָרעם און צעשראָקען געמורמעלט:

— וואָס ווילסטו טאָן? עס וועט זיין אַ סקאַנדאַל. דו קאָנסט דאָך איהם, וואָס פאַר אַן עקשן ער איז? טשאַרלי טייערינקער, אַ גדולה אויף דיר. דו ביזט דאָך אַזאַ גוטינ־קער... נו, איז נאָך אַ פּאָר טעג... נאַרעלע, דאָס איז עפּעס אַ נאָווינע ביי דיר? איך בעט דיך, דו ביזט דאָך עפּעס אַזאַ דימענט! קום, טשאַרלי, קום צוריק!

און זי האָט איהם אַזוי ווייך געגלעט איבער'ן מעכטיגען אַקסעל.

ער האָט זיך צוריקגעקערט.

— דעמעט! — האָט ער געברומט און געוואָרפען זיינע ווי פון שטאָל־אויסגעשמידטע אָרעמס, און געטראָטען מיט זיינע שווערע טריט אַזוי, אַז עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיט יעדען טראָט זיינעם טרעט ארויף זיין גרויסער שוה אויף עפּעס און דערשטיקט עס.

דערנאָך האָט ער פאַררויכערט אַ סיגאַר, געזעצט זיך ביים כ"ש און אַרויסגעברומט:

— אַלטע, קום שפּילען אַן איין און צוואַנציג!

— אָט אַזוי! איך שפּיל מיט דיר און דו וועסט געווינען ביי מיר אויך, אַ גדולה אויף דיר! — האָט זי געזאָגט, און זיך געזעצט שפּילען מיט איהם.

זי האָט אומיסטנע אַזוי געשפּילט, אַז ער זאָל געווינען. און באַלד האָט אויף זיין יונגענדליכען, כמעט קינדערשען פּנים

ווידער געשפּילט אַ שמייכעל און זיינע אויגען האָבען ווידער גוטמוטיג זיך געזשמורעט.

שפּעטער איז דזשוליע געקומען מיט'ן צוקער און זי האָט דערלאַנגט טיי צום טיש. זי האָט געוואָלט אַרונטעררופען ווילי'ן און פעני'ן, אָבער מיסעס גוטמאַן האָט עס איהר ניט געהייסען טאָן.

— דאָ איז שיער ניט געווען אַ סקאַנדאַל — האָט איהר מיסעס גוטמאַן דערצעהלט. — ביי טשאַרלי'ן האָט זיך אָנגעצונדען די ליובזע... נו, נו, אַ נס וואָס איך בין דאָ געווען!

דזשוליע האָט מיט אַ שמייכעל זיך אַ קעהר געטאָן צו דער בייבי:

— סעי, בייבי, דו האָסט דאָך מיר נעכטען געגעבען אַ וואָרט?...

די בייבי האָט אַרויסגעברומט:

— עס איז לייכט צו געבען אַ וואָרט, אָבער איינהאַלטען זיך? דעמעט! זי איז אַזוי שעהן און וואָרט גאָר, וואָרט! פאַרוואָס וואָרטען, האַ? פאַרוואָס?...

דזשוליע האָט איהם געענטפערט:

— דו מוזט וואַרטען, בייבי, ווייל דיימאַנד האָט מעהר רעכט אויף איהר איידער עמיצער אַנדערש. ער האָט געאַרבייט, מעג ער איצט האָבען זיין האָניג־וואָך. און ווידער, דענק איך, אַז מיט אַזאַ ווי די מוז מען זיך באַגעהן פאָרזיכטיג, נישט געאיילט; דערוויי געוואוינט זי זיך צו צו אונז אַלעמען און עס וועט זיין לייכטער זי איינצוברעכען...

די בייבי האָט זיך אָנגערופען:

— איינברעכען... וואָס איז זי אַ פעסטונג? אַ מיידעל פונקט ווי די אַנדערע — טראַד־טראַד־טראַד, און זי איז איינגעבראָכען! לאָז מיך נאָר היינט צו צו איהר, וועסטו זעהן, ווי מאָרגען איז זי שוין ביי מיר אויס רבי'צין!...

מיסעס גוטמאַן האָט אַ זיפץ געטאָן:

— גאָט ווייסט... זי איז דאָך אַזאַ כשר'ע נשמה. איך האָב מורא, אַז מיר וועלען האָבען אַ שווערען עסק מיט איהר. זי קאָן זיך נאָך, חלילה, דער'הרג'ענען, ווי די רויטע לאה'קע, צי ווי שרה'קע; זי קאָן זיך נאָך פאַר'סמ'ען ווי מערי...

— מיר וועלען זי שוין איינהיטען — האָט דזשוליע געזאָגט.

— זי וועט מסתמא נעבאך, אויפהויבען אַ גוואלד — האָט מיסעס גוטמאַן ווייטער גערעדט.

— נישט ווען דער בייבי'ס לאַפּע וועט ליגען אויף איהר מויל — האָט דזשוליע אַ שמייכעל געטאָן.

— וועה איז מיר, בעסער גאָר ניט טראַכטען פון דעם! — האָט מיסעס גוטמאַן אַ זיפץ געטאָן.

די בייבי האָט אַ האַק געטאָן איבער'ן טיש.

— אָבער ווען וועט עס זיין?—האָט ער אַרויסגערעוועט.

— נאָך אַ פּאָר טעג, בייבי.

די בייבי האָט זיך אויפגעהויבען.

— נאָך אַ פּאָר טעג!... דעמעט!... וואַרט! זיי צוגעשמידט, ווי אַ הונט צו אַ קייט ווען עס צרייסט דיך! קיינמאָל האָט מיך נאָך אַ מיידעל אזוי ניט אָנגעצונדען ווי זי, דעמעט!

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעכריפּעט, אַט אַזוי ווי אַן אָקס, וואָס וואָלט זיך מיט עפּעס געשטיקט, און זיין גאַנצער ריזען־קערפּער מיט די מעכטיגע אַקסלען האָט זיך שווער באַוועגט. דערנאָך האָט ער מיט אַמאָל געזאָגט:

— גוט, זאָל זיין נאָך אַ פּאָר טעג! איכ'ל וואַרטען, וועל זיין אַ דזשענטעלמאַן, אַן אָנשטענדיגער מענש, וועל זיך מיט קיין פינגער ניט צוריהרען, — נו, און אז ער וועט זי דאָן ניט וועלען אָפּגעבען, הא?

דזשוליע האָט געענטפערט:

— וואָס הייסט ניט אָפּגעבען? וואָס דען וועט ער טאָן מיט איהר?

די בייבי האָט אַרויסגעברומט:

— זאָל ער זי נאָר וועלען האַלטען מעהר ווי די וואָך... מאָרגען איין טאָג און נאָך איין טאָג, דאָן איז שוין אַ גאַנצע וואָך. דערנאָך — זאָל ער נאָר פּרובירען! אַלטע, איז מייביל אין דער היים?

מיסעס גוטמאַן האָט זיך אָנגערופען:

— יא, יא, געה טאַקע צו איהר, אַ גדולה אויף דיר!

די בייבי האָט גענומען זיין הוט און איז אַרויס, האָט זיך אפילו ניט געזעגענט.

דזשוליע האָט זיך צעלאַכט:

— ניטאָ קיין פיש, עסט מען הערינג.

— ווער, מייביל איז הערינג? ניט קיין שלעכטער הע־רינג, אַ גדולה אויף דיר. הלוואי פאַרמאָגען מיר אַ טוצען אַזעלכע הערינג, ווי מייביל איז!

דאָ איז ווילי אַרונטערגעקומען, אַליין, אָהן פעני'ן. ער האָט אויסגעזעהן צעטראָגען.

דזשוליע האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— טוט נאָר אַ קוק, ווי צעדרעהט ער איז, עפּעס גאָר אַן אַנדערער!

— שוין אַוועק? — האָט ער פלוצים געפרעגט.

— אַוועק! — האָט מיסעס גוטמאַן געענטפערט מיט אַ גנב'ישען שמייכעל — וואָס זאָגסטו צו דעם, ווי זי האָט עס איהם צעפּלאַקערט, האַ? ער איז באַלד אַזוי משוגע פאַר איהר ווי דו! אַ גוטער סימן, אַ גדולה אויף דיר, אַ סימן, אַז זי וועט צוציהען אַ סך קאַסטימער...

ווילי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר מיט פינסטערע אויגען, האָט איהר אָבער גאָרנישט געענטפערט, נאָר גענומען נערוועז פייפען אַ פּאָפּולער לידעל.

מיסעס גוטמאַן האָט ווייטער גערעדט:

— ער האָט זיך דאָך געריסען אַרויפצוגעהן. אַ נס, וואָס איך בין דאָ געווען.

ווילי האָט פלוצים אונטערבראָכען זיין פייפען און דורך פאַרשטשעמעטע ציינער אַרויסגערעדט:

— איך וואָלט איהם צעשפּאָלטען דעם קאָפּ. אַלעמען וואָלט איך די קעפּ צעשפּאָלטען. לאָזט זי צופרידען, אויס־וואורפען וואָס איהר זענט, איהר הערט?

דזשוליע האָט אויסגעשריען:

— דו ביזט משוגע? זעהר נאָר, צי ביזטו אויף אַן אמת ניט פאַרליבט אין איהר? וואָס האָסטו דערזעהן אין איהר? אַ קליין קעצעלע, אַ...

ער האָט זי ניט געלאָזט רעדען ווייטער.

— שווייג, איך בעט דיך, אויסוואורף!... ניט איצט... ניט איצט... בעסער צערייץ מיך ניט...

מיסעס גוטמאַן איז געוואָרען אומרוהיג. דאָך האָט זי פאַרבאָרגען איהר אומרוהיגקייט און האָט זיך אַנגערופען:

—ער איז גערעכט, אַ גדולה אויף איהם. מיר דאַרפען אַליין וויסען, אַז ער זאָגט אַ וואָרט, איז זיין וואָרט הייליג. ער האָט געזאָגט: ער וועט זי האַלטען איין וואָך, וועט ער מסתמא פונקט צו דער וואָך זי איבערגעבען. זיין וואָרט איז הייליג און דו, דזשוליע, ווייסט עס אויך אַזוי גוט ווי איך. אַ גדולה אויף דיר.

דזשוליע האָט געשוויגען און ווילי האָט אַ זיפץ געטאָן.

מיט אַמאָל האָט ער אויסגעשטעלט אַ פּאָר שטעכיגע אויגען אויף מיסעס גוטמאַן און אַרויסגערעדט מיט שפּאָט:

— אַנו, אַלטע, אַנו, פאַרוואָס האָסטו איצט ניט דיין פרומע ביזנעס?

— וואָס מיינסטו? — האָט זי געפרעגט.

— פאַרוואָס האָסטו איצט ניט מורא פאַר גאָט, מיין איך?

— האָט ער געענטפערט און גערעדט ווייטער מיט גאַליגען שפּאָט אין זיין קול:

— אויסוואָורף דו, זי מיינט דאָך, אַז דו ביזט אַ פרומע, אַנשטענדיגע פרוי! זי ליעבט דאָך דיך, ווי איהר לייבליכע מאַמע! איך בין ניט קיין רעליגיעזער מענש, האָב ניט מורא פאַר אַ יענער־וועלט, האָב פאַר קיין זאַך ניט מורא, און איך האָב שוין גענוג מיידלאָך אויף מיין לעבען פאַר סחורה געמאַכט, און דאָך זי, זי... אַלטע, אויסוואָורף דו, וואו איז דיין מורא פאַר גאָט? ער וועט דאָך דיך ברענען און בראָטען. שטיקערווייז פון דיר דיינע אברים רייסען!... ווילסט נעהמען אַזאַ אומשולדיג קינד און איבערגעבען עס צו דער „ביבי“, און מען וועט עס שלאָגען און מען וועט עס פייניגען, ווי די אַנדערע און מען וועט עס מאַכען פאַר אַזאַ אויסוואָורף ווי די אַנדערע.. נו, אַלטע, נו?! — האָט ער צערייצט איהר אין פּנים אַריינגעשריען.

דזשוליע איז געשטאַנען צעטומעלט און האָט געקוקט אויף איהם מיט אַן אָפענעם מויל און ווייט־אויפגעריסענע אויגען, און די אַלטע מיסעס גוטמאַן האָט זיך פאַר שרעק אַזש אויף אַ שטול אַרונטערגעלאָזט. ביידע פרויען האָבען זייערע אויערן ניט געגלויבט. ער זאָל אַזוי רעדען, ער, וואָס האָט ביז אַהער קיינמאָל קיין פונק פון רחמנות צו זיינע קרבנות ניט אַרויסגעוויזען!

„זי האט איהם ווי פאר׳כשופ׳ט!" — האט זשוליע צעטומעלט געטראכט.

און מיסעס גוטמאנ׳ען איז גאט׳ס פּחד באפאלען און די מורא פאר יענער וועלט. זי האט צעמישט געשטאמעלט:

— וואס בין איך שולדיג? איך האב זי ניט פארפיהרט. נאר דו. פון מיינטוועגען זאל זי אוועקגעהן פון דאנען. איך בין ניט שולדיג. איך האב זי ניט פארפיהרט. איך בין ניט שולדיג, א וועהטאג איז צו מיר! — האט זי גע־שטאמעלט שיער מיט טרערען.

זשוליע האט זיך א כאפ געטאן:

— וואס דארפסטו זיין בייז? קיינער וועט דיר ניט שטערען. ווילסט ווערען אן אנשטענדיגער מענש? זעהר שעהן. ווילסט ארויסגעהן פון די ביזנעס? געזונטערהייט. ווילסט מיט איהר חתונה האבען? מיר ווינשען דיר גליק. מיר וועלען דיר ניט שטערען. ווער פרום, אנשטענדיג. ווער א סאציאליסט, ווי דיינע ברידער און שוועסטער. כא־כא־כא! — האט זי זיך צעלאכט.

ער האט א טראט געטאן צו איהר אויפגערעגט.

— מיינע ברידער און שוועסטער זאלסטו מיט דיין מויל ניט דערמאנען, דו!....

זשוליע האט זיך אפגערוקט פון איהם.

מיסעס גוטמאן האט זיך אויפגעהויבען.

— איך געה אהיים.

— פארוואס אנטלויפט איהר? — האט זשוליע זיך א קעהר געטאן צו איהר.

— איך וויל זיך ניט מישען — האט מיסעס גוטמאן געענטפערט צעטראגען. — איז דער אמת׳ן, אפשר וויל ער גאר ניט זי אומגליקליך מאכען, פארוואס זאל איך דאס וועלען? איך האב, ברוך השם, גענוג עבירות אויף מיין קאפּ אהן דעם. איך וויל אינגאנצען פון דעם ניט וויסען! הער אויס, ווילי, א גדולה אויף דיר — האט זי זיך א קעהר געטאן צו איהם מיט אן ערנסטען פרומען פנים—איך מיש זיך ניט. טו מיט איהר וואס דו ווילסט, דו הערסט? איך מיש זיך ניט! גאט איז מיין עדות, אז איך וויל זיך אין דעם ניט מישען!

און זי איז פלינק ארויסגעגאַנגען, אזוי ווי זי וואָלט פון דער דאָזיגער עבירה וואָס שנעלער געוואָלט אַנטלויפען.

א ווײַלע איז אין דעם צימער דערנאָך שטיל געווען. זשוליע האָט געקוקט אויף ווילי'ן מיט א שפּאָטישען שמייכעל און ער איז ארומגעגאַנגען מיט נערווועזע טריט איבער'ן צימער הין און צוריק און האָט עפּעס געטראַכט.

צום סוף האָט זשוליע די שטילקייט אונטערבראָכען:

— טיי שטעהט אויפ'ן טיש. פאַרוואָס טרינקסטו ניט?

— איך וויל ניט קיין טיי — האָט ער ארויסגעמורמעלט, א כאַפּ געטאָן דערנאָך א בוך פון א שטוהל דערביי, אויסגעצויגען זיך אויף דער זאָפע, געעפענט דאָס בוך, א ווײַלע אין איהם אריינגעקוקט און דערנאָך איהם פּלוצים א שמיץ געטאָן פון זיך אָן דר'ערד.

זשוליע האָט זיך צעלאַכט, אויפגעהויבען דאָס בוך און זיך אָנגערופען:

— וואָס איז דאָס בוך שולדיג?

און אזוי ווי ער איז געלעגען אויף דער זאָפע אויסגעצויגען, האָט ער א קעהר געטאָן דעם קאָפּ צו זשוליע'ן מיט צעטראָגענע אויגען און זי א רוף געטאָן:

— זשוליע!

זי איז צו איהם צוגעגאַנגען.

— וואָס ווילסטו, ווילדער?

— זעץ זיך.

— איך האָב מורא. דו ביזט איצט משוגע.

— זעץ זיך, איך וויל מיט דיר עפּעס רעדען.

האָט זי זיך געזעצט לעבען איהם אויף דער זאָפע.

— וואָס ווילסטו רעדען?

האָט ער א ווײַלע געשוויגען און געקוקט אויף איהר מיט צעטראָגענע אויגען. דערנאָך האָט ער ארויסגערעדט:

— זשוליע, וואָס טוט מען? איך קאָן ניט, דו פאַרשטעהסט, איך קאָן ניט!... איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט אזא מין זאַך אויף זיך... וואָס טוט מען, זשוליע, וואָס טוט מען? דו ביזט אינגאַנצען פאַרדאָרבען, אז אויסוואורף ביזטו, מיט'ן הארצען וועסטו דאָס ניט פיהלען,

אבער פארשטאנד האסטו, דער מארד האט ביי דיר ניט אויסגעטריקענט...

— פארוואס זידעלסטו מיך?

זי האט זיך אויפגעהויבען.

— איך האב דיך פיינט. איך האב אייך אלעמען פיינט. זיך אליין האב איך אויך פיינט. וואס לענגער איך בין מיט איהר, אלץ טייערער ווערט זי מיר, אלץ הייליגער און אלץ נידערטרעכטיגער ווערט איהר אלע אין מיינע אויגען און איך אליין אויך! זשוליע, איך וואלט עס קיינמאל ניט געגלויבט!

ער האט זיך אויפגעזעצט און א פיהר געטאן צעטראגען מיטביידע הענט.

— ווען מען וואלט מיר פריהער געזאגט, אז אזא מין זאך קאן מיט מיר פאסירען, וואלט איך זיך אויסגעלאכט. מיט מיר קאן אמאל פאסירען, איך זאל א בוך לעזען און סימפאטיע האבען מיט'ן ליידענדען העלד אדער העלדין: מיט מיר קאן אויך אמאל פאסירען, איך זאל זיצען אין א טעאטער און זאל ליידען מיט'ן העלד אויף דער ביהנע: אבער אין לעבען... האבען סימפאטיע מיט די מיידלעך וואס איך פארפיהר, רחמנות האבען אויף זיי, צו זיין פאר־ליעבט אין איינער פון זיי, אז איך זאל ניט קאנען רוהען, — דאס האט נאך מיט מיר ביז אהער קיינמאל ניט פאסירט! יענע מיידלעך האבען מיך קיינמאל ניט געמאכט צו פאר־געסען, אז זיי זיינען סחורה פאר ביזנעס. און זי, זי, פעני... איך קאן גאר ניט דענקען פון דעם!... און קומט מיר אמאל אויפ'ן זינען, אז מען ווארט אויף איהר, די „בייבי", „מאנקי זשאן", קיד דעיגא, קיד דזשאו און די אנדערע: אז זיי אלע ווילען זיך ארויפווארפען אויף דעם דאזיגען קינד ווי הינט אויף א צוגעווארפען שטיק פלייש, — ווען איך דער־מאן זיך אן דעם, ווען איך דערמאן זיך... טייפעל!... טייפעל!...

ער איז אויפגעשטאנען פון דער זאפע און האט גענומען אויפגערעגט שפרייזען איבער'ן צימער און געמורמעלט צע־טראגען:

— וואס טוט מען? וואס טוט מען?

דזשוליע האט זיך צעלאכט הויך אויפ'ן קול.

— ווילי, גאָט איז מיט דיר! איך גלויב דאָך ניט, אַז דו רעדסט עס! מיט וואָס האָט זי דיך אַזוי פאַר'כשופ'ט?

ער האָט געענטפערט:

— דו ווייסט ניט, דזשוליע, וואָס פאַר אַ מיידעל דאָס איז! זי איז אַזוי ליב, אַזוי צאַרט, אַזוי ריין. זי שטעקט דיך אָן מיט איהר ריינקייט. קיין גראָבע לאַסקע, קיין גראָב וואָרט קען זי ניט פאַרטראָגען. און קוקט זי אויף מיר מיט איהרע אויגען, איז מיר אַזוי וואַרעם. און לאַשטשעט זי מיך, פיהל איך ווי איהר גאַנצע נשמה צאַפּעלט זיך אין איהר לאַסקע. און זאָגט זי מיר, אַז זי האָט מיך ליב, פיהל איך ווי איהר גאַנץ לעבען צאַפּעלט זיך אין איהרע ווערטער. פריהער האָב איך עס ביי איהר גאָר ניט באַמערקט. איך האָב זי מיר פאָרגעשטעלט פאַר אַ גאַנץ געוועהנליך קליינשטעדטעלדיג אידיש מיידעל, פאַר נאַריש אפילו...

— דו האָסט זיך נאָר איינגערעדט, ווילי. דו האָסט געהאַט גענוג אַזעלכע מיידלאַך.

— ניין, ניין, זי איז גאָר אַן אַנדערע, גאָר אַן אַנדערע. אַלע פריהערדיגע מיידלאַך זענען ניט געווען איינגאַנצען אומשולדיג. זיי זענען אַלע געווען אויסגעלאַסען, איז ניט מיט זייער קערפּער, איז מיט די געדאַנקען. זיי זענען געוואָרען אויסגעלאַסען אין די דענסינג האָלס און אין די שעפּער. די גרעבסטע לאַסקעס האָבען זיי קיינמאָל ניט באַליידיגט. זי אָבער, זי, פעני, פאַרשעמט זיך פון דער מינדסטער גראָבקייט. איך האָב ניט קיין האַרץ צו זיין גראָב מיט איהר. איך קען דאָס ניט פועל'ן ביי זיך, דו פאַרשטעהסט? — איך קען ניט! אַזוי טייער און אַזוי הייליג — יאָ, יאָ, אַזוי הייליג! — איז זי מיר!... דזשוליע, זאָג, וואָס זאָל איך טאָן?

זי האָט געענטפערט:

— דו מוזט אַרויסשלאָגען דעם משוגעת פון קאָפּ; מוזט קומען צו זיך, און אַז די וואָך וועט פאַראיבער, האַלט דיין וואָרט און גיב זי איבער צו דער „בייבי."

ער האָט זיך איינגאַנצען אַ צאַפּעל געטאָן.

— אויסוואורף! בעסטיע! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — קעפּ וועלען פליהען, קעפּ!...

און ער האָט זיך געלאָזט לויפען אַרויף די טרעפּ צו דעם צימער אויפ'ן צווייטען שטאָק, וואו פעני האָט זיך געפונען

פעני איז געלעגן אויף איהר בעט אין׳ם שלאפצימער. דאס ווייסע בעט מיט איהר האבען זיך אפגעשפיגעלט איןביידע אנטקעגענדיגע שפיגלען אויף די ווענט.

זי איז געלעגן מיט צוגעמאכטע אויגען. די בלויע שטארען איבער די פענסטער זענען געווען ארונטערגעלאזט און זיי האבען פארשטעלט דעם ליכטיגען דרויסען, וואו די ביטאגיגע פריהלינגס־זון האט געגאסען איהרע ווארימע, גאלדענע ליכט. דאך אן אפשיין פון דעם האט זיך אויך דורך די בלויע שטארען דורכגעשלאגען אין דעם שלאפצימער. און דורך דער טונקעלקייט האט זיך דארט געצויגען א העלער און גאלדענער שיין צוזאמען מיט א פרעהליכען פויגעל־צוויטשערען פון הינטער די פענסטער און אנגעפילט דעם שלאפצימער, וואו א פארליבטע, יונגע פרוי האט גע׳חלומ׳ט, מיט א באזונדערער סודות׳פולער שטימונג...

זי האט דערהערט, ווי ער איז אריין, האט זי גלייך געעפענט די אויגען.

— געטרונקען טיי? — האט זי געפרעגט.

ער האט ניט געענטפערט, איז געשטאנען און האט שטום געקוקט אויף איהר מיט פארטראכטע אויגען.

זי האט זיך הארציג צעלאכט ווי א גליקליך קינד.

— שוין ווידער פארטראכט, ווילי? וואס טראכסטו? זאג...

ער האט א ציה געטאן די אקסלען און ארויסגערעדט, ווי צו זיך אליין:

— איך ווייס אליין ניט.

דערנאך האט ער זיך געזעצט לעבען איהר אויפ׳ן בעט און אריינגענומען איהר האנט אין זיינער, און ווי זי איז אזוי געלעגן אין א ראזעווען מארגען־קלייד, מיט די שעהנע בלאנדע האר צעשאטען איבער׳ן ווייסען קישען — א קליינע, א רונדע און א ליכטיגע, מיט די ווייסע ציינדעלאך צווישען די פולע שמייכלענדיגע ליפען ארויסגעשטעלט, מיט די חן־גריבעלאך אויף די פאררויטעלטע באקען און מיט גרויסע, בלויע אויגען, פון וועלכע עס האט ארויסגעזונגען די פרייד פון דעם נייעם לעבען, — האט זי באמת אויסגעזעהן ווי עפעס א מלאך פונ׳ם הימעל, וואס וואלט א מענשען־גוף באקומען, א רייצענדען פרויען־גוף, מיט אלע זיינע חושים,

מיט אַלע זיינע ערדישע געפיהלען און פאַרלאַנגען און ער וואָלט זיך געפרעהט דערמיט און גליקליך געווען דערפון...

און ווילי האָט געשוויגען, געהאַלטען איהר האַנט, גע־קוקט איהר אין די זינגענדיגע אויגען אריין פאַרטראַכט און געשוויגען.

— דו האָסט מיך עפּעס ליב, ווילי?...

— דו האָסט מיך עפּעס ליב, ווילי?...

דאָס האָט זי איהם געפרעגט צעהן מאָל אַ טאָג, במעט יעדעסמאָל, ווען זיי זענען אַליין געווען.

אַ נערוועזער שמייכעל האָט אַ ציטער געטאָן אויף די ווינקלען פון זיינע ליפּען און ער האָט שטיל געענטפערט:

— דו ווייסט עס!

—יאַ, איך ווייס!—האָט זי צו איהם גליקליך געשמייכעלט, און איהר האַנט, וואָס ער האָט געהאַלטען אין זיינער, האָט איהם פעסט, פעסט געדריקט די פינגער — דו ביזט אַזאַ גוטער, אַזאַ ליבער, און איך בין אַזוי גליקליך מיט דיר, אַזוי גליקליך!

ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— גליקליך, האַ? גליקליך?

און פּלוצים האָט ער אריינגענומען איהר בלאָנדען קאָפּ צווישען זיינע ביידע הענט מיט'ן פּנים צו זיך און ער האָט זיך צוגעבויגען אַזוי נאָהענט צו איהר, אַז זי האָט געשפּירט זיין הייסען אָטעם אויף איהרע באַקען, און ער האָט נערוועז גערעדט:

— יאַ, יאַ, דו וועסט זיין גליקליך, דו מוזט זיין גליקליך! איך וועל ניט לאָזען, דו הערסט? זיי וועלען זיך ניט דער־וועגען... דאַרפסט ניט מורא האָבען... דאַרפסט ניט מורא האָבען...

זי האָט אויסגעגלאָצט די אויגען, ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט גערעדט.

— ווילי, וואָס רעדסטו? וואָס וועסטו ניט לאָזען? ווער וועט זיך ניט דערוועגען? וואָס רעדסטו פון מורא?...

ער האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט:

— גאַרנישט. איך שפּאַס. איך מיין... פאַר דיר וואָלט איך זיך מיט דער גאַנצער וועלט געשלאָגען. איך האָב דיך אַזוי ליב, דו הערסט? אַזוי ליב... דו ביזט

מיר אזוי טייער, אזוי הייליג... אזוי ניט עהנליך ביזטו צו אלע אנדערע... דו האסט עפּעס אין מיר אויפגעוועקט, אנגעצונדען... און דיך, און דיך, און דיך, וויל מען... זאל מען... — ער האט געהאלטען איהר פּנים קעגען זיך און געקוקט איהר טיעף אין די אויגען אריין — איך וועל קעפּ צעשפּאלטען, דו הערסט! איך וועל קעפּ צעשפּאלטען!

זי האט זיך צעשראקען א ריס געטאן פון זיינע הענט — פאר זיינע אויגען האט זי זיך דערשראקען, פאר זיין טאן און זיינע ווערטער.

— גאט מיינער, ווילי, וואס רעדסטו היינט? — האט זי ארויסגעפּליסטערט און איז ארונטערגעשפּרונגען פון'ם בעט.

ער האט זיך אויך אויפגעהויבען מיט א צעטראגענער מינע און אויפגערעגטע אויגען:

— וואס?

— וואס רעדסטו היינט? — האט זי איבערגע'חזר'ט.

— וואס האב איך געזאגט? — האט ער זיך א כאפּ געטאן און זי אנגעקוקט צעטראגען.

האט זי איהם איבערגעגעבען, וואס ער האט גערעדט.

ער האט זיך פארוואונדערט. ער האט אליין ניט גע־הערט, וואס ער האט געזאגט. ער, וואס האט, ווי אן עכטער קינסטלער, ביז אהער געקענט אזוי פארשטעלען זיך, בעת ער האט געזוכט אריינצושלעפּען זיינע קרבנות אין זיין נעץ, האט איצט, ווען אן אמת'ער געפיהל האט איהם אזוי אומ־געריכטערהייד בארוישט צום ערשטען מאל אין זיין לעבען, אינגאנצען זיך פארלארען. ער איז ניט אימשטאנד געווען צו קאנטראלירען זיינע געדאנקען און צו באהערשען זיינע געפיהלען. בפרט נאך, ווען זיי זענען כסדר געווען אויפגע־רעגט פון מורא פאר דער „בייבי" און פאר די אנדערע פון זיין חברה. אין דעם דאזיגען מאמענט נאך דער סצענע מיט דזשוליע'ן, און אויפגערעגט פון דעם געדאנק, אז זיי וואר־טען, ער זאל זי איבערגעבען, ווען די וואך וועט פאראיבער, האט ער אליין ניט געפיהלט און ניט געהערט ווי די דרא־הענדיגע ווערטער האבען זיך ארויסגעריסען פון זיין צעטו־מעלטער נשמה...

ער האט ארויסגערעדט נאך א קורצען שווייגען:

— האב איך דאס געזאגט?

און גלייך זיך נערוועז צעלאַכט.

— הער נאָר דו, קליינע, דו האָסט דאָך מיך באַלד משוגע געמאַכט! איך הער שוין ניט, וואָס איך רעד! אָבער מיינען מיין איך גוט. איך מיין צו זאָגען, אז כל־זמן איך לעב, וועט קיינער זיך ניט דערוועגען, דיר שלעכטס צו טאָן.

זי האָט זיך פאַרוואונדערט.

— ווער וויל מיר דען עפּעס שלעכטס טאָן? פאַרוואָס זאָל מען מיר וועלען שלעכטס טאָן?

— פאַרוואָס? — האָט ער אַרויסגעמורמעלט, און גע־כאַפּט זיך, אז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און זיך ווידער צעלאַכט.

און פּלוצים האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ גוואַלדיגער גבורה, אַ הויב געטאָן זי אין דער הויך, אַ זעץ געטאָן זי צו זיך אויפ'ן אַקסעל און איז אוועקגעלאָפען מיט איהר איבער'ן צימער מיט אַ פרעהליכען געשריי:

— איך שפּאַס! איך שפּאַס! איך שפּאַס! פאַר־שטעהסט ניט קיין שפּאַס!

און זי האָט זיך געטרייסעלט ביי איהם אויפ'ן אַקסעל, מיט איהרע אָרעמס אַרום זיין שטאַרקען נאַקען, געדריגעט מיט די פיס, געלאַכט און געשריען:

— פּאַוואָליע, ווילי, וועסט פאַלען, לויף ניט אזוי!

די בלאָנדע האָר האָבען זיך ביי איהר צעשאָטען און פון דעם טרייסלען האָבען זיי געפלאָטערט אַרום איהרען און ווילי'ס פּנים, אזוי ווי פון אַ ווינט געשמיסען. איהר פּנים האָט אַרויסגעקוקט אַ צעפלאָקערטס פון די צעשאָטענע בלאָנדע לאָקען און פון איהרע אויגען האָבען ליכטיגע און לאַכענדיגע פונקען געשפּריצט.

ווילי האָט אַריינגעכאַפּט צווישען די ליפּען איינעם פון די דאָזיגע בלאָנדע לאָקענס, האָט זיך געיאָגט איבער'ן צימער, געביסען איהם, דעם בלאָנדען לאָקענדעל: „האַם! האַם!“ — געיאָגט זיך און געהאַצקעט פעני'ן מיט זיין שטאַרקען אַקסעל און גאָר זיך ניט געקימערט, וואָס איהרע אָרעמס האָבען אַלץ פעסטער און פעסטער געדריקט זיין נאַקען.

ביז ער, אַ פאַרסאָפּעטער, האָט זי אויפ'ן בעט אַרונ־טערגעלאָזט און זיך אוועקגעזעצט לעבען איהר. האָט זיך נאָהענט צוגעבויגען צו איהר און מיט איהרע הענט אַרומ־

געדרעהט זיין האלז און ארויסגערעדט, שווער־סאפענדיג מיט'ן גאנצען קערפער:

— דערשטיק מיך אזוי, פעני, דערשטיק מיך!...

זי האט איהם געענטפערט מיט א גליקליכען געלעכטער און צוגעדריקט איהרע ליפען צו זיינע.

שפעטער האט ער זיך פלוצים אנגערופען:

— דו ווייסט, פעני, היינט איז שוין דער פינפטער טאג זינט מיר וואוינען דא און מיר זיינען כמעט גאר פונ'ם הויז ניט ארויס.

זי האט געענטפערט:

— מיך ארט עס אפילו א האר ניט. מיר איז גאנץ פרעהליך אין דערהיים.

— מיט מיר?

— אַדאי. אהן דיר, דאכט זיך מיר, וואלט איך ניט געוואלט לעבען אפילו אין א גאלדענעם פאלאץ. דו ווייסט, ווילי?... איכ'ל דיר עפעס דערצעהלען. אמאל, אז דו פארזיצסט זיך דארט מיט דיינע פריינד ביי דיינע קארטען, דערמאן איך זיך אן דעם ווישטען אינזעל, וואס איך האב ניט לאנג געזעהן אין א מאווינג פיקטשור און איך טראכט מיר: ווי איך וואלט וועלען זיין מיט דיר דארט, כדי קיינער זאל אונז ניט שטערען.

ער האט זיך צולאכט.

— דיר געפעלט ניט, וואס איך שפיל אין קארטען?

— מיר געפעלט ניט, וואס די קארטען רייסען דיך אוועק פון מיר אמאל אויף גאנצע שטונדען. און מיר געפעלען ניט מאנכע פון דיינע פריינד...

— ווער? אפשר מיסעס גוטמאן?

— וואס פאלט דיר איין, ווילי? זי? איך האב זי אמת'דיג ליב. און איך מעג זי ליב האבען, נישקשה. ווען ניט זי, וואלט איך איצט ניט געווען אזוי גליקליך. זי איז דאך געווען א נזער שדכנ'טע. און אפילו איצט? א לייב־ליכע מאמע איז דאך ניט בעסער צו איהר אייגענער טאכ־טער ווי זי איז צו מיר. קומט יעדען טאג, קאכט, קויפט איין. לעבען זאל זי, וואס פאר א גאלדען הארץ זי האט! איך בין דאך איהר א ווילד־פרעמדע! אז דזשוליע טוט

עפּעס, פאַרשטעה איך נאָך, ז איז דיינע אַ קוזינע, אַבער מיסעס גוטמאַן...

ווילי האָט זיך נערוועז צעלאַכט.

— יאַ, יאַ, מיסעס גוטמאַן איז אַ טייערע נשמה, אַ גדולה אויף איהר!

פּעני האָט אונטערגעכאַפּט מיט אויפריכטיגער וואַרימ־קייט אין׳ם קול:

— יאַ, טאַקע נאָר אַ גדולה אויף איהר אַלטען קאָפּ!

— היינט, ווער פון מיינע פריינד געפעלען דיר ניט?

— פון די מענער קיינער ניט. און מעהר פון אַלע גע־פעלט מיר ניט די „בייבי." איך קען דיר גאָר ניט אַרויס־געבען ווי אומאַנגענעהם ער איז מיר געווען פון דעם ערש־טען מאָל אָן, ווען איך האָב איהם דערזעהן. עפּעס איז ער אַ ווילדער בער, מיט זיין וואוקס, מיט זיין כח, מיט זיינע לאַפּעס און מיט זיין קול. איך האָב זיך שוין געהאַט אַ ביסעל צוגעוואוינט צו איהם, נאָר זייט פריהער, ווען ער איז געוואָרען ווילד, איז ער מיר נאָך מעהר אומאַנגענעהם גע־וואָרען. איך וואָלט איהם איצט אינגאַנצען מעהר ניט גע־וואָלט זעהן.

ער האָט זיך אָנגערופען:

— ער שרעקט דיך, האַ?

— יאַ, ווילי, עפּעס, עפּעס... איך וויים ניט, פאַר־וואָס... נאָר מיר ווערט שווער, ווען איך דערזעה איהם... איך וואָלט אַ סך צופרידענער געווען, אז ער זאָל אהערצו געהן וואָס ווייניגער.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„דאָס הארץ זאָגט איהר, וואָס פאַר אַ מענש ער איז. פאַרוואָס אַבער זאָגט איהר דאָס הארץ ניט, וואָס פאַר אַ מענש איך בין, פאַרוואָס?"...

און ער האָט זיך אַליין געענטפערט:

„אפשר דערפאַר, ווייל איך וויל איהר קיין שלעכטס ניט טאָן?"

און אַננעמענדיג איהרע ביידע הענט אין זיינע, האָט ער אַרויסגערעדט פעסט:

— זיי רוהיג, פּעני, דאַרפסט פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבען. איך בין דאָ, איך!

און ער האָט איהר די הענט געקושט.

דערנאָך האָט ער ווידער געזאָגט:

— קום, מיר וועלען זיך א ביסעל דורכגעהן!

— און אין א ווייל ארום, ווען זי איז מיט איהם ארונ־טערגעגאנגען אויפ'ן ערשטען שטאָק, אויסגעפוצט צום שפּאַ־ציר־גאַנג, האָט דזשוליע איהם אָפּגעשטעלט.

— וואוהין געהט איהר?

— שפּאַצירען — האָט ער געענטפערט.

— קום אהער, ווילי — האָט זי איהם אנגענומען ביים אָרעם און איז אָפּגעטראָטען מיט איהם אָן א זייט — וואָס טוסטו? איהר מיסעס האָט זיך שוין פריהער נאָכגעפרעגט ביי מיסעם גוטמאַן אויף איהר אדרעס און מיסעס גוטמאַן האָט איהר געזאָגט, אז זי איז מיט דיר אוועקגעפאָהרען קיין שיקאַגאָ. געה ניט מיט איהר, קענסט נאָך אָנטרעפען יענע.

ווילי איז געשטאַנען א ווייל און האָט נאָכגעטראַכט. דאַן האָט ער שטיל געזאָגט:

— זי איז שוין אנגעטאַן, איך וועל דאָ שפּאַצירען ארום הויז.

און ער איז ארויסגעגאַנגען מיט פעני'ן פונ'ם הויז און האָט געשפּירט ווי זיינע אייגענע פיס וואָלטען פאַר־פלאָנטערט געווען אין דעם נעץ, וואָס ער האָט פאַר איהר געוואָרפען...

און דזשוליע האָט דורך א פענסטער ארויסגעקוקט אויף זיי מיט צעמישטע אויגען און געמורמעלט:

— אי שלעכט! אי שלעכט!...

10.

דער בעסערער „איך" ביי ווילי'ן

ווילי איז אַלץ מעהר און מעהר פאַר'שכור'ט געוואָרען פון דעם נייעם, אומבאַקאַנטען, מעכטיגען געפיהל, וואָס פעני האָט ארויסגערופען אין זיין נשמה.

דער פרישער הויך פון איהר ליבע, פון איהר אומשול־דיגער, ריינער ליבע, וואָס האָט זיך געטראָגען פון איהר גאַנצען ליכטיגען וועזען אזוי פריי, אזוי אוממיטעלבאַר, ווי

דער דופט פון א יונגער, בליהענדיגער בלום, האָט דורך דעם טיפען זומפּ דורכגעשלאָגען אין זיין נשמה און דעם דאָזיגען געפיהל אויפגעוועקט.

איצט האָט ער שוין אויפגעציטערט פון דעם געדאַנק אליין וועגען מאכען זי פאר „סחורה,“ הגם ער האָט נאָך קלאָר ניט געוואוסט, וואס ער וועט מיט איהר טאָן.

אָפּט האָט ער זיך איצט דערמאָנט אָן זיינע עלטערען און אָן זיינע ברידער און שוועסטער און ער האָט געטראַכט, ווען ער ברענגט זי צו זיי אלס זיין פרוי, וואלטען זיי איהם דעמאָלט זיכער מוחל געווען...

און אין יענעם ביינאַכט, ווען זיי ביידע זיינען געזעסען ביים פענסטער און האָבען ארויסגעקוקט אויף דער פאר׳־חלום׳טער שטילער גאס, וואָס איז געווען פארגאָסען מיט לבנה־שיין, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער קומט אריין מיט איהר צו זיינע עלטערען אין הויז, געהט צו צו זיין קראנקער מאמע, וועלכע ליגט אויפ׳ן בעט, און ער טוט א פאַל צו איהר און זאָגט: „מאמע, דאס איז מיין ווייב, אזוי ריין און אזוי אָנשטענדיג ווי דיינע טעכטער. מאמע, איך וויל לעבען מיט איהר אזוי, אז איהר זאָלט זיך ניט דארפען שעמען מיט מיר! און די מאמע קושט איהם און זי וויינט פאר פרייד, און קושט פעני׳ן און וויינט, און זאָגט איהר: „טאָכטער מיינע, גאָט זאָל דיך בענשען, דו האָסט מיין זוהן געמאכט פאר א מענשען. איצט וועל איך געזונט ווערען!“ און דערנאָך קומט אריין זיין אלטער טאטע, מיט דער ווייסער באָרד, און אלע ברידער און שוועסטער. און דער שוואָגער, דער דאָקטאָר, און זיי אלע קושען זיך מיט איהם און מיט זיין אָנשטענדיגער ווייב, און דאָס הארץ צעגעהט איהם פאר שמחה, פאר גוטסקייט צו זיי אלעמען, און זיינע אויגען זענען מיט טרעהרען פארלאָפען. .

און פאַרגעשטעלט זיך דאָס אלצדינג, איז ער פּלוצים, אזוי ווי ער איז געזעסען ביים פענסטער לעבען פעני׳ן, צוגעפאלען צו איהרע הענט, האָט זיי געקושט און געמור־מעלט:

— מיין עהרליכע ווייב! מיין ריינע ווייב! מיין גוטע ווייב!...

זי האָט דערפיהלט זיינע וואַרימע טרעהרען אויף איהר האַנט, האָט זי זיך א צאפּעל געטאָן:

— ווילי!... דו וויינסט?!...

די עלעקטריק האָט אין צימער נישט געברענט און זיי ביידע זיינען געווען באַלויכטען פון דעם מילד־ווייסען לבנה־שיין, וואָס האָט זיך געגאָסען דורך די פענסטער אין צימער. די שפּיגלען האָבען, ווי מאַטער זילבער, געגלאַנצט.

אַרום איז געווען שטיל, פאַר׳סוד׳עט שטיל. אויפ׳ן ערשטען שטאָק איז שוין קיינער ניט געווען. פון צייט צו צייט נאָר האָט זיך געהערט אַ ווייטער געפּילדער פון דעם עלעוויטאָר־צוג, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין דער העלער, פאַר׳חלומ׳טער נאַכט, ווי אַ ווייטער דונער..

זי איז צוגעשטאַנען צו איהם:

— דו וויינסט?

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— איך וויין? וואָס פאַלט דיר איין?

און ער האָט זיך צעלאַכט.

— ניין, ווילי, דו האָסט געוויינט, דו האָסט געוויינט. אָט־אָט זיינען דיינע טרערען, אָט דאָ־אָ!...

און זי האָט צו איהם אויסגעשטעלט איהר האַנט.

— אָט־דאָ־אָ, דו זעהסט? אָט־דאָ־אָ! זאָג, פאַרוואָס, זאָג!...

— גאָרנישט — האָט ער אַרויסגעמורמעלט — איך בענק נאָך מיין מאַמע, נאָך זיי אַלעמען. זיי וואָלטען דיך אַזוי ליב געהאַט! — האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען.

— איך וואָלט זיי אויך וועלען זעהן — האָט זי זיך אָנ־גערופען — וועלען מיר אַמאָל פאָהרען צו דיינע עלטערען. ווילי?

— האַ? — האָט ער׳ זיך אַ כאַפּ געטאָן, איז אַנטשוויגען געוואָרען אויף אַ ווייַלע, דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אָנ־גערופען:

— שלאָפען! שלאָפען! שוין שפּעט!

און ער האָט אַרונטערגעצויגען די בלויע שטאָרען אי־בער די פענסטער. אין צימער איז געוואָרען פינסטער. דער מאַטער גלאַנץ אויף די שפּיגלען איז אויסגעלאָשען געוואָ־רען.

פּעני האָט זיך גענומען אויסטאָן. ער האָט אָנגעצונדען די עלעקטרי. זי איז געשטאַנען לעבען בעט האַלב נאַקעט

און דערפיהלט זיין בליק, האָט זי אינסטינקטיוו מיט איהרע נאַקעטע אָרעמס פאַרשטעלט איהר יונגע ברוסט, זיך איינגעבויגען און ארויסגערעדט פאַרשעמט:

— ווילי, דרעה אויס די עלעקטרי! ..

אָבער ער האָט מיט געוואַלד אָוועקגעריסען איהרע הענט פון איהר בוזים און זיך איינגעגעסען מיט די ליפּען אין איהר צאַרטען, ראָזיווייסען פריהלינגס־פלייש און איהם אָנגעצונדען מיט אַזאַ פייער, אַז איהר צניעות'דיגער שעמגעפיהל איז אין איהר צעגאַנגען, ווי יונגער שניי אין דעם גלוט פון דער פאַרענדיגער זון...

* * *

פאַר חברה איז אַלץ מעהר און מעהר קלאָר געוואָרען, ווען נאָך אַ טאָג איז פאַראיבער, אַז ווילי דענקט אפילו ניט וועגען אָפּגעבען פעני'ן, און די „בייבי" האָט זיך געקאָכט און אַלץ געסטראַשעט: „זאָל ער נאָר ניט האַלטען זיין וואָרט, מיר וועלען זעהן!"

דזשוליע האָט גערעדט:

— וואָס מיינט ער? וואָס האָט ער אין זינען?

מיסעס גוטמאַן, וועלכע איז יעדען טאָג געקומען אַהין— פאַרט פרנסה! — האָט גע'טענה'ט, אַז זי וויל זיך אין דעם ניט מישען, אָבער זאָגען דאַרף ער, וואָס ער רעכענט צו טאָן מיט איהר.

און ער האָט געשוויגען, אַזוי ווי ער וואָלט פלוצים אָנגעוואָרען זיין לשון, און ער איז שטענדיג, ווען נאָר זיי האָבען איהם געזעהן, געווען פאַרטראַכט און צעטראָגען.

איינמאָל, אויפ'ן זעקסטען טאָג נאָך דער „חתונה" איז דאָס געווען, אַז מען האָט איהם געשיקט ערגיץ וועגען „ביזנעס," האָט ער ערקלערט: „זאָל די „בייבי" געהן, לואי פין, קיד רזשאָו, — ער וועט ניט געהן."

האָט זיך דזשוליע צעשריען:

— וואָס הייסט? דו ביזט אַ פּאַרטנער אין די ביזנעס. דאַרפסטו עפּעס טאָן. וואָס מיינסטו, דו וועסט זיצען לעבען דיין מילכיגער מיידעל און קוקען אויף דער לבנה?...

ער האָט זיך ניט צעקאָכט פון איהר געשריי, ווי דאָס וואָלט געווען פריהער מיט איהם, נאָר ער האָט געענטפערט שטיל און צעטראָגען:

— וועל איך ניט זיין קיין פּאַרטנער.

דערביי זענען אויך געווען די „בייבי“ און מיסעס גוט־מאַן.

האָט די „בייבי“ זיך גענומען קאָכען:

— דיין מיידעל געהערט צו די „ביזנעס,“ דו הערסט? נאָך איין טאָג, דו הערסט?...

ווילי האָט איהם ניט געענטפערט, האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף איהם צעטראָגען און זיך נערוועז צעלאַכט.

מיסעס גוטמאַן האָט זיך אַריינגעמישט:

— לאָזט איהם צו־רוה, אַ גדולה אויף אייך אפשר וויל ער אויף אַן אמת ווערען אַן אָרענטליכער יונגערמאַן? זאָל איהם גאָט העלפען. זאָל ער, געזונטערהייד, נעמען זיין מיידעל און אוועק פון דאַנען. קיין מיידלאַך פעהלען ניט. אַ דאַנק גאָט. מען דאַרף אָבער אָנהויבען צו טאָן ביזנעס. מען איז שוין דורכגעקומען מיט וועמען מ'האָט געדאַרפט... יעדער טאָג קאָסט געלט דער „פּראָטעקשאָן“...

דאָ איז אַרונטערגעקומען פּעני פונ'ם צווייטען שטאָק. ווילי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן איהר אַנטקעגען און איז מיט איהר אוועק צוריק.

די „בייבי“ האָט אַרויסגעברומט:

— מען דאַרף איהר זאָגען, ווער ער איז, דעם־איט!

דזשוליע האָט אונטערגעכאַפּט:

— יאַ, יאַ, דאָס וועל איך טאָן. איכ'ל מוזען דאָס טהאָן. ער היט זי ווי אַן אוצר. לאָזט קיינעם ניט צוגעהן צו איהר, האָט מורא, מען זאָל זי ניט אוועק'גנב'ענען ביי איהם!

— ער וועט זי שוין איינהיטען, דעם־איט! — האָט די „בייבי“ אונטערגעברומט.

און אין דער אמת'ן, האָט ווילי איצט אַפּגעהיט פּעני'ן, זי זאָל וואָס וויינינגער זיין אין דער געזעלשאַפט פון דזשוליע'ן און די איבעריגע. ער האָט כמעט די גאַנצע צייט פאַרבראַכט מיט איהר אויפ'ן צווייטען שטאָק, און איז ער געווען אונטען און זי איז אַרונטערגעקומען, האָט ער זי גלייך אוועקגענומען פון דאָרט.

ער האָט אַלץ מעהר און מעהר געציטערט איבער איהר און די אומרוהיגקייט וועגען איהר האָט זיך ווי אַ געפעהרליכע קראַנקהייט איינגעגעסען אין זיין מוח. אין זיינע

געהירען און אין זיין הארצען און איהם געפּרעסען אַ לע־בעדיגען.

ער האָט זיך געפיהלט אַזוי שוואַך, אַזוי צעטומעלט און אַזוי פאַרלאָרען, ווי אַ ווילדער וואָלף, ביי וועמען מען וואָלט פּלוצים די ציין ארויסגעריסען און די פיס אונטערגעהאַקט.

די ווילדע קראַפט פון דעם פריהעריגען מאָריס׳ן, פון דעם פריהעריגען אייבי׳ן, פון דעם פריהעריגען איזי׳ן, דעם פריהעריגען ווילי׳ן, איז איצט פאַראַליזירט געוואָרען אינ־גאַנצען.

איצט איז ער נאָר געווען אַ שוואַכער, פאַרליבטער יונ־גערמאַן, ביי וועמען מען האָט געזוכט מיט געוואַלד ארויס־צורייסען די פרוי, וואָס איז איהם געווען טייערער פון אַלצ־דינג אויף דער וועלט, און דורך זיין אייגענער שולד.

ער האָט זיך געפיהלט אין דער לאַגע פון איינעם, וואָס האָט אַליין פאַרשלעפּט זיין געליבטע אין אַ מורא׳דיגען זומפּ, און אַז ער האָט זי דערנאָך געוואָלט ארויסראַטעווען פון דאָרט, זיינען געשטאַנען מענשען מיט פּלעקער און גע־שריען צו איהם:

— צוריק! צוריק! זי געהערט דאָרט, דאָרט! זי מוז בלייבען אין דעם זומפּ!...

ווילי איז געווען פאַרצווייפעלט. ער האָט געמורמעלט: „איך וועל דעם קאָפּ צעשפּאַלטען!" אין דער אייגענער צייט אָבער האָט ער זיך געפיהלט שוואַך, אָהן זיינע פרי־הערדיגע כחות...

און אַז ער איז איצט שוואַך געווען, האָט דזשוליע אויך געפיהלט, און דערפאַר האָט זי זיך דערוועגט ארויסצוטרע־טען נעגען איהם מיט דער הארבער שפּראַך.

פּלוצים האָט דזשוליע זיך אָנגערופען:

— איהר ווייסט וואָס? בייבי, דו נעכטיג היינט דאָ און איך אויך. אָדער ער גיט זי אָפּ, אַז ניט, זאָל ער מיט איהר פאָהרען פון דאַנען. אָהער אָדער אַהין!

די בייבי האָט ארויסגערעוועט, און געוויזען מיט דער האַנט צום צווייטען שטאָק:

— אָט דאָרט בלייבט זי, אָט דאָרט! זי בלייבט, זאָג איך, זי בלייבט! אונזערען אַ מענשען בלאָפט מען ניט!

מיסעס גוטמאַן האָט זיך אָנגערופען:

— וואָס דען, זי וועט ניט בלייבען? איהר מיינט טאַקע אין דער אמת'ן, אז ער ווערט שוין אַ צדיק? ווייס איך וואָס, אונזערער אַ מענש וואַרפט ניט אַוועק, מיר ניט דיר ניט אַזאַ לייכטע פרנסה, אַ גדולה אויף אייך!

און יענעם אָוועגד זענען דזשוליע און די „בייבי" טאַקע געבליבען דאָרט נעכטיגען, און ווען ווילי האָט זיי געפרעגט, פאַרוואָס עפּעס מיט אמאָל, האָט דזשוליע איהם געענטפערט אין אַ פעסטען טאָן:

— דאָס הויז געהערט מיר און מיסעס גוטמאַן! אונזער געלט איז דאָס. און פון מאָרגען אָן פאַנגט זיך אָן ביזנעס... מאָרגען איז שוין אַ וואָך... גענוג געוואַרט!...

ווילי האָט זי אָנגעקוקט צעטומעלט.

— האַ?... מאָרגען. . — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט.

די „בייבי" איז געלעגען אויף דער זאָפע, האָט ער זיך אויפגעזעצט מיט זיין געוועהנליכען גוטמוטיגען שמייכעל אויפ'ן קינדערשען פּנים און איהם אָנגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגען. דערנאָך האָט ער אַרויסגעברומט רוהיג, אָהן אַ סימן פון כעס:

— מאָרגען, מיין פריינד, איז אויס יום־טוב. הוליע היינט, די לעצטע נאַכט!...

ווילי האָט אויף איהם פינסטער אַ קוק געטאָן און נאָר אַ סקריע געטאָן מיט די ציינער. ער האָט אָבער גאָר נישט געזאָגט, איז געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע און דערנאָך מיט אַ צעמישטען קאָפּ אַוועק אויפ'ן צווייטען שטאָק.

אין זיין צעטומעלטען מוח האָט זיך איין געדאַנק געדרעהט און געשריען: „מען מוז עפּעס טאָן, מען מוז, מען מוז!"...

אָבער וואָס? ווי? ווי אַזוי ראַטעוועט מען זי אַרויס פון דער דאָזיגער פּאַסטקע, אין וועלכער ער אַליין האָט זי פאַרשלעפּט?

און ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. איין זאַך נאָר האָט ער קלאָר געוואוסט, אַז ער קען זי ניט פאַרלירען. די אַלע הינדערנישען האָבען זיין ליעבע צו איהר נאָך מעהר צעוואַרימט, צעברענט זי ביז צו משוגעת.

אַ שרעקליכער כעס אויף זיך אַליין האָט איהם אָנגע־

כאפט, און אין הארצען האָט ער זיך אליין געזידעלט און געשאָלטען און גערופען זיך „אויסוואורף,“ „באנדיט“ און געוואונשען זיך האלז און נאקען צעברעכען. סטייטש, וואו זענען פריהער געוועזן ביי איהם די אויגען? ווי אזוי האָט ער פריהער ניט באמערקט, וואָס פאר א מיידעל דאָס איז?!

„רעכט אויף דיר, רעכט! ברעך האלז און נאקען, אויסוואורף! ברעך הענט און פיס, באנדיט! פארליר דיין זינען, ווער משוגע!“ — האָט ער זיך אליין אין הארצען געשאָלטען.

דערנאָך איז ער אריין אין שלאָפצימער, וועלכער איז געוועזן האלב באלויכטען.

פעני איז רוהיג געשלאָפען מיט'ן פנים ארויף, מיט איין נאקעטען רונדען ארעם פארלייגט הינטער'ן נאקען. די בלאָנדע האָר זענען געוועזן צעשאָטען איבער'ן ווייסען קישען און צוגעדעקט איז זי געוועזן מיט א ליילאך ביז דער יונגער ווייסער ברוסט. א גליקליכער שמייכעל, ווי ביי א געזונט, שלאָפענדיג קינד, האָט געשוועבט אויף איהרע פולע, ראָזעווע ליפען און ארום די ראָזעווע נאָז־לעכער, וועלכע האָבען זיך לייכט באוועגט.

ער האָט זיך געזעצט לעבען פענסטער, אויסגעבויגען זיך אויף א שטוהל און ארייננענומען דעם קאָפ צווישען זיינע ביידע הענט.

ער מוז מיט איהר אנטלויפען פון דאנען. אָבער וואוהין? אין פילאדעלפיע, שיקאגאָ, וואוהין ניט איז. און וואָס וועט ער דערנאָך טאָן? נו, דאָס וועט ער שוין שפעטער זעהן, אָבער זי מיינט דאָך, אז דאָס איז איהר הויז? וואָס זאָגט מען איהר, וואָס דערצעהלט מען איהר?

פלוצים איז איהם ארויף א געדאנק אויפ'ן זינען, אז וועלכען ער האָט זיך איצט, אין זיין פארצווייפעלטער לאגע, אנגעכאפט מיט זיין גאנצען צעטומעלטען וועזען. ער וועט זי נעמען צו זיין ברודער ברוכ'ן. ברוך איז א סאָציאַליסט. ער וועט איהם אלצדינג דערצעהלען, דעם גאנצען אמת, און עס איז גאָר קיין פראגע ניט, אז זיין ברודער וועט זיך דערפרעהען, וואָס ער וויל ווערען אן אָנשטענדיגער מענש. אָבער ווי ערקלערט מען איהר, פארוואָס ער האָט איהר פריהער ניט געזאָגט, אז ער האָט דאָ א ברודער? ער וועט שוין גע־

פינען א תירוץ. און וואס טראכט מען עפעס אויס וועגען הויז? ער וועט איהר זאגען, אז דאס מעבעל איז גענומען געווארען אויף אויסצאהלען און מען דארף צאהלען א סך און עס איז שווער... עס איז באגאנגען געווארען א נאר־רישקייט, ניט אויסגערעכענט פריהער... נייז, מען דארף איהר בעסער זאגען, אז דאס געלט אויפ'ן הויז האט דזשוליע געגעבען און דערפאר פיהרט זי זיך אויף ווי די גאנצע באַלעבאסטע, און דאס וויל ער ניט ליידען... יא, יא, דאס וועט זיין דער בעסטער תירוץ! ער טאר ניט אפלייגען... מארגען שוין, מארגען טאר ער דא ניט זיין מיט איהר!...

דערנאך איז ער אוועק שלאפען. און פעני האט שלאַפענדיגערהייט איהם גלייך דערפיהלט לעבען זיך און שלאַפענדיגערהייט האבען איהרע ליפען זיין קוש אונטערגעכאפט.

ער האט זי שטיל גענומען וועקען.

— פעני!...

— מ־מ־מ! — האט געענטפערט איהר פארשלאפענער קול.

— פעני!...

— וואס איז? — האט זיך דערהערט דערנאך איהר קלארער קול.

— איך וויל דיר עפעס דערצעהלען.

— וואס?

איצט האט ער געשוויגען און איהר קול האט זיך ווידער דערהערט אין דעם פינסטערען שלאפצימער.

— וואס האסטו מיר געוואלט דערצעהלען, ווילי?

— איך וויל דיר דערצעהלען... איך האב זיך ערשט צעקריעגט מיט זשוליע'ן.

— מיט זשוליע'ן? פארוואס?

— פארוואס? — ער איז אויף א ווייל אנטשוויגען געווארען, דערנאך האט ער גערעדט ווייטער — אט דאס וויל איך דיר דערצעהלען. דו זאלסט זיך אבער ניט וואונדערען, פעני... האסטו באמערקט, ווי זי פיהרט זיך דא אויף? די גאנצע באלעבאסטע, ניט אזוי?

— אמת, אבער איך האב געמיינט, ווייל זי איז דיינע א קוזינע און זי טוט עס גאר צוליב דיר און צוליב מיר.

— ניין, פעני, זי טוט עס, מחמת זי רעכענט, אַז זי איז דאָ די באַלעבאָסטע, ווייל זי האָט מיר געליהען געלט אויפ'ן הויז. זי דענקט, אַז דאָס גאַנצע הויז געהערט דער־פאַר צו איהר. און דאָס באַליידיגט מיך. איצט האָב איך זיך מיט איהר צעקריגט און האָב איהר געזאָגט, אַז מאָרגען פאַרלאָזען מיר דאָס הויז.

זי האָט זיך א צאַפּעל געטאָן.

— ווילי, וואָס רעדסטו?

— יאָ, פעני, מאָרגען. זאָל זי זיך וואָרגען מיט'ן הויז.

— אָט האָסטו דיר — האָט זי א זיפץ געטאָן — אויף דעם האָב איך זיך גאָר ניט געריכט.

ביידע זענען אנטשוויגען געוואָרען. אינ'ם צימער איז געווען שטיל. ווייט־ווייט פון דרויסען האָט זיך דערטראָ־גען א בייזער פייפען, צי פון א צוג צי פון פייערלייט, וועלכער האָט די ביינאַכטיגע שטילקייט אַנגעפילט מיט אומעט.

דערנאָך האָט זיך ווידער דערהערט פעני'ס קול:

— פאַרוואָס האָסטו ביי איהר געליהען געלט אויף אזא גרויס הויז? וואָלטען דען עטליכע צימערען געווען ווייניג?

— איך האָב ניט אויסגערעכענט. און ווידער... ווידער... איך וויים אליין ניט!

— אויב צוליב מיר, ווילי, האָסטו עס ניט געדאַרפט. איך וואָלט געווען צופרידען צו לעבען מיט דיר אין א פּאָר צימערלאַך, אפילו אין איין צימערל, אין דעם קלענסטען.

ער האָט א פיהר געטאָן די האַנט איבער איהר קאָפּ און אַרויסגערעדט שטאַרק געריהרט:

— אָט אזוי, פעני, אָט אזוי! דאָס האָב איך ליב צו הערען פון דיר. נאָר אזא ווי דו קאָן רעדען אזוי. ניט קיין צירונג, ניט קיין קליידער, ניט קיין געלט, ניט קיין פיעל צימערען... פעני, פעני, ווי מיין טאַטע־מאַמע, ווי מיינע ברידער און שוועסטער וואָלטען דיך ליב געהאַט! דו ווייסט גאָר ניט, דו ווייסט גאָר ניט! דעמעט! דער טיי־פעל זאָל מיך נעמען, האַלז און נאַקען זאָל איך ברעכען, האַלז און נאַקען, האַלז און נאַקען! — האָט ער פּלוצים גענומען מורמלען מיט כעס.

— ווער איז מיר, ווילי, גאָט איז מיט דיר, דו שילסט זיך!

— יא, יא, פעני — האָט ער געמורמעלט ווייטער — איך בין אַ באַנדיט, אַן אויסוואורף, אַ הונט... שיסען דאַרף מען מיך, שיסען...

זי האָט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט.

— ווילי — האָט זי אַרויסגעמורמעלט — דו ביזט שכור צי משוגע? וואָס זענען עס פאַר ווערטער!

ער האָט ניט געענטפערט, נאָר אַ כאַפּ געטאָן איהר נאַקעטען אַרעם, געגלעט איהם און שווער געסאַפּעט.

זי האָט זיך אַנגעבויגען צו איהם, אַנגעטאַפּט מיט דער האַנט דעם געקרויזטען לאָקען אויף זיין שטערען, וועלכען זי האָט אַזוי ליב געהאַט, און איהם ווייך אַ גלעט געטאָן.

— פאַרוואָס ביזטו אַזוי אויפגערעגט, ווילי? — האָט זי דערנאָך אַרויסגערעדט אַזוי ווייך, ווי זי וואָלט גערעדט צו אַ קינד — האָט דיין קוזינע דיך אַזוי אויפגערעגט? מען דאַרף ניט, ווילי, זיך אַזוי אויפקאָכען פון יעדער קליינינ־קייט, מען דאַרף ניט. דער געזונט איז טייערער. נו, וועלען מיר אַרויסציהען פון דאַנען, נו, קיין אומגליק ניט. פאַרקערט, נאָך בעסער, אז מיר וועלען ניט האָבען אַזאַ גרויס הויז, וועלען דעמאָלט אפשר דיינע פריינד ניט קומען אַזוי אָפט צו אונז...

— זיי וועלען ניט וואַגען — האָט ער זי אונטערבראָכען — קיינער ניט!

— די בייבי אויך ניט?

— די בייבי אודאי ניט. קיינער ניט!

האָט זי אַרויסגעפליסטערט:

— הלואי. איך האָב דיר שוין ניט איין מאָל געזאָגט. אז דיינע פריינד געפעלען מיר ניט.

— איך וויל זיי מעהר ניט קאָנען. קיינעם ניט, קיינעם ניט. איך וועל זיך זעהן מיט מיינע עלטערען, מיט מיינע ברידער און שוועסטער. נאָך מאָרגען.

— וואָס?

— פעני, איצט מוזטו דאָס וויסען. איך בין דאָך צע־קריגט מיט זיי אַלעמען.

— מיט וועמען?

— מיט מיינע עלטערען און מיינע ברידער און שוועסטער. און דו ווייסט פאַרוואָס? ווייל זיי איז ניט געווען געפעלען, הלמאַי איך שלעפּ זיך אַרום מיט אַט די אַלע, וועלכע זענען דיר אויך ניט געפעלען.

— יאָ? — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן — דו זעהסט, האָ? דו זעהסט? און דיינע עלטערען און דיינע ברידער און שוועסטער זענען דאָך שוין ניט קיין גרינהאָרנס!...

ער האָט זיך אָנגערופען:

— אוים! מעהר ניט! מאָרגען בעט איך זיך איבער מיט זיי. איך פאָהר צו מיין ברודער ברוך און איך מאַך אַ סוף!

— אין לאָס אַנדזשעלעס וועסטו פאָהרען? — האָט זיך דערהערט איהר אומרוהיג קול.

ער האָט אַ ווײלע געשוויגען. דערנאָך האָט ער אַרויסגערעדט:

— זיי וואוינען דאָ, אין ניו יאָרק.

— וואָס? — האָט זי אַרויסגעמורמעלט צעמישט, און האָט אָװעקגעכאַפּט איהר לאַשטשענדיגע האַנט פון איהם — דאָ וואוינען זיי? היינט פאַרוואָס?...

— ווייל איך בין צעקריגט מיט זיי, האָב איך דיר ניט געוואָלט זאָגען, וואו זיי וואוינען. עס איז געווען אַ נאַרישקייט פון מיר, אָבער פאַרפאַלען...

זי האָט געשוויגען, איינגעהילט אין דער פינסטערניש פון'ם צימער. דערנאָך האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט:

— מאָדנע! דו האָסט מיר איצט דערצעהלט אַזוי פיעל נייעס, אַז דו האָסט מיר אינגאַנצען דעם מוח צעמישט. איצט ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך קאָן דיך גאָר ניט...

ער האָט זי צוגעצויגען צו זיך.

— איצט ווייסטו אַלצדינג, און מיר אַליין איז גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען. זיי רוהיג, פּעני, דו וועסט זיין גליקליך מיט מיר, איך שווער דיר, איך שווער דיר, דו הערסט? — האָט ער גערעדט מיט אַזאַ וואַרימקייט און אַזאַ אויפריכטיגקייט אין קול, אַז זיינע ווערטער האָבען איינגעוויגט, איינגעטוליעט איהר צעטומעלטקייט און איהר אומרוהיגקייט, ווי אַ זיס ליד אַן אומרוהיג קינד אין וויגעלע.

זי האָט באַלד געטראַכט: „נו, מילא, אבי איך האָב איהם ליעב, און איך וועל פּטור ווערען פון דער „בייבי“ און פון די אַנדערע!“

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך ווידער דערהערט איהר קול:

— ווילי, קומט דזשוליע אַמאָל אַרויף צו דיינע על־טערען?

— דערמאָן מיר ניט איהר נאָמען! — האָט ער געענט־פערט נערוועז.

— אַזוי ביזטו בייז אויף איהר?

— אַן אויסוואורף. איך האָס זי!

— דו האָסט זיך אַזוי צעקריגט מיט איהר?

דאָ האָט זיך פּלוצים דערהערט פון הינטער דער וואַנט, דורך דער פינסטערניש, אַ גראָב געלעכטער און אַ פּאַר־שטיקטער קוויטש פון אַ פרוי.

פעני האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

— וואָס איז דאָס?... ווער איז דאָרט?...

ווילי האָט אַ סקריע געטאָן מיט די צייהן.

— אויסוואורפען! — האָט ער אַרויסגעמורמעלט.

ווידער האָט אָפּגעהילכט דער געלעכטער פון הינטער דער וואַנט אין דער שטילער פינסטערניש.

— דער „בייבי’ס“ קול! מיט וועמען איז ער דאָרט?

— האָט פעני אַרויסגעפליסטערט.

— ער נעכטיגט דאָ. דערפאַר האָב איך זיך צעקריגט מיט דזשוליע’ן. זי נעכטיגט דאָ אויך. ביידע דאָרט אין יענעם דאָ.

— האָ? — האָט זי מיט שרעק אַרויסגעשטאַמעלט — ביידע דאָרט, אין איין רום?... שלאָפען... נעכטיגען אין איין...?

— מאַרגען וועלען מיר זיי ניט אַנקוקען, פעני...

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? זי איז דאָך אַ פרוי... זי דאַרף דאָך האָבען עפּעס אַ פונק פון בושה, פון חרפּה... ווילי, וואָס איז דאָס היינט?... עפּעס... עפּעס...

און זי האָט זיך פּלוצים צעוויינט.

ער האָט זיך אויפגעזעצט. אין האַרצען ביי איהם האָט געקאָכט און געזאָטען. ער וואָלט אַריינגעלאָפען צו יענע

אין צימער אריין און וואָלט זיך אָפּגערעכענט מיט זיי. ער וואָלט זיך געבאָדען אין זייער בלוט. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז דעמאָלט וועט פעני זיך אַלצדינג דערוויסען, זיך דערוויסען, ווער ער אליין איז, און דער דאָזיגער געדאַנק האָט איהם אינגאַנצען פּאַראַליזירט, זיינע ווילדע כחות אוועקגענומען פון איהם.

ער האָט זי גענומען בעטען:

— מאָרגען וועלען מיר דאָך שוין דאָ ניט זיין.

און דאַן איז פעני אַרונטער פון'ם בעט.

— אויב דאָס איז איהר הויז — האָט זי נעכליפּעט — זאָלען מיר גלייך אַוועקגעהן פון דאַנען. מיר וועלען נעכ־טיגען ערגעץ אַנדערש, כאָטש אין דרויסען. איך וויל דאָ ניט נעכטיגען מיט אַזאַ איינער אונטער איין דאַך. איך קען ניט, איך קען ניט. אַזאַ באַליידיגונג, אַזאַ שמוץ! — האָט זי געוויינט — ווי אַזוי האָט זי זיך דערוועגט דאָס צו טאָן, ווי אַזוי? אַן ערליכע פרוי וואוינט דאָ, אַן עהר־ליכע פרוי, אַ קינד פון אַנשטענדיגע עלטערען!...

— וואוהין וועלען מיר געהן אין מיטען נאַכט? באַרו־היג זיך, — האָט ער געפּליסטערט.

— קום צו מיסעס גוטמאַן, מיר וועלען ביי איהר איבער־נעכטיגען די נאַכט — האָט זי גערעדט מיט טרעהרען אינ'ם קול — דאָ קען איך ניט, איך קען ניט!

— צו מיסעס גוטמאַן? — האָט ער אַרויסגעמורמעלט און אַ זיפץ געטאָן.

מיט אַמאָל איז ער אַרונטער פון'ם בעט און איז צוגע־גאַנגען צ ואיהר.

— פעני — האָט ער אַרויסגערעדט פאַרשטיקט — מאַד מיך ניט משוגע. איך בעט דיך, געה שלאָפען. געה שלאָפען. איך בעט דיך, דו מאַכסט מיך משוגע — האָט ער ווילד אַ קרעכץ געטאָן און זי אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ ווילדער קראַפט און זי, ווי אַ פאַר'עקשנ'ט קינד, אַריינגעוואָרפען אין בעט.

זי איז געוואָרען צעטומעלט, אי פון זיין ווילדען קרעכץ, אי פון זיין וואָרף, און זי איז אַנטשוויגען געוואָרען, געבלי־בען ליגען אויפ'ן בעט און האָט זיך ניט געקענט ריהרען מיט קיין גליד.

ער האָט זיך געליינט לעבען איהר, געמורמעלט עפּעס אונטער דער נאָז, געזיפצט און ווידער געמורמעלט...

און זי איז געלעגען, און אין איהר מוח האָט זיך אַזאַ שווערער חושך געמישט, אַזוי ווי די גאַנצע פינסטערניש פון'ם צימער וואָלט אַריינגעדרונגען אין איהר קאָפּ און יעדע צעלע דאָרט אָנגעפילט...

און מיט אַמאָל האָט זי זיך צוגערוקט צו איהם און מיט שרעק און אומרוה אין איהר קול אַרויסגעפליסטערט:

— ווילי, איך האָב אַזוי מורא, אַזוי מורא... עפּעס שרעקט מיך... עפּעס... עפּעס...

— שרעק זיך ניט... מיט דיין שרעק און מיט דיינע רייד מאַכסטו מיך נערוועז, משוגע — האָט ער געזאָגט.

האָט זי זיך צוגעדריקט צו איהם און זיך געטרייסעלט.

— זיי ניט בייז אויף מיר — האָט זי איהם גענומען בעטען — גיב מיר דיין האַנט. גיב מיר דיין האַנט.

האָט ער איהר האַנט אָנגענומען מיט זיינער און זיך שוין ווייך אָנגערופען:

— נו, שלאָף, קינד, שלאָף. אַלצדינג וועט זיין אַל־ראיט.

— ווערען מיר מאָרגען זיכער אַרויסציהען פון דאַנען?

— זיכער.

— און דו זאָגסט, אַז דיינע עלטערען וואוינען דאָ אין ניו יאָרק?

— דאָ...

— זיכער?

— דו גלויבסט מיר ניט?

— אָה, אַנטשולדיג, איך בין אַזוי צעמישט. אָבער דאָ וואוינען זיי דאָך, האַ?

— דאָ. דערווייל שלאָף, קינד. אפשר מאָרגען נאָך וועסטו זיי אַלעמען זעהן.

— הלואי. עפּעס פיינע מענשען, ווילי?

— עהרליכע, אָנשטענדיגע מענשען. מיין ברודער'ס נאָמען האָסטו אפשר געהערט. אַלע אַרבייטער קאָנען איהם. ער רעדט אָפּט אויף זייערע פאַרזאַמלונגען.

— ווי הייסט ער, ווילי?

— ברוך גינזבורג.

פעני האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי! ער איז דיין ברודער? איך האָב איהם גע־הערט רעדען. איז דאָס ער דיין ברודער?
— יא.
— איז ער דאָס דיין ברודער? — האָט זי איבערגע־חזר'ט שוין מיט התפּעלות אינ'ם קול, און פאַר איהרע אוי־גען האָט אויפגעלעבט א באַגייסטערטע מאַסענפאַרזאַמלונג פון אַרבייטער אין אַ לאָקאַל, וואו דער פאָרזיצער איז געווען ביינקין, דער יוניאָן־דעלעגאַט פון איהר שאַפּ, און דער הויפּט־רעדנער ברוך גינזבורג, א מאַן אין ברילען, וואָס האָט גע־רעדט מיט אַזא פייער, אַז ער האָט באַגייסטערט אַלע אַר־בייטער.
זי האָט זיך צוגעדריקט צו ווילי'ן פעסטער און אַרויס־געפּליסטערט שוין אַ באַגייסטערטע:
— דו האָסט אַ פיינעם ברודער, ווילי.
— מיין גאַנצע פאַמיליע איז אַ פיינע. אָבער איצט שלאָף, פּעני, שלאָף!
— יא, יא, שלאָפען! שלאָפען! — האָט זי געמורמעלט
— מאָרגען אָבער ציהען מיר אַרוים פון דאַנען, ווילי?
— זיכער.
זי איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט זיך איינגעדריקט אין איהם.
און באַלד האָט זי דערהערט זיין כראָפּען. זי אָבער איז נאָך לאַנג געלעגען און האָט געטראַכט און זיך פאַר־געשטעלט, ווי אַזוי ווילי ברענגט זי צו זיינע עלטערען און צו זיין ברודער ברוך'ן...
מיט די דאָזיגע געדאַנקען איז זי צום סוף איינגע־שלאָפען

.11

די קאַטאַסטראָפע

אויף מאָרגען אין דער פריה איז ווילי אויפגעשטאַנען פריהער ווי געוועהנליך. ער איז צוערשט אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער איבער'ן שלאָפצימער הין און צוריק פאַרטאָן אין זיך, האָט געוואָרפען פון צייט צו צייט אַ פאַר־טראַכטען בליק אויף דער שלאָפענדיגער פּעני'ן, וועלכע איז

ווי א קנויל געלעגן צונויפגעדרעהט אונטער דעם ליילער. און ער האט געזיפצט.

ער האט אין זיינע געדאנקען איצט גערעדט צו זיין ברודער ברוך; גערעדט צו איהם מיט א וויינענדיגען הארצען און זיך מודה ומתודה געווען אויף זיינע שרעקליכע פארברעכענס און געבעטען איהם, אז זי, פעני, די ריינע נשמה, וואס צוליב איהר איז ער גרייט צו שטארבען, זאל קיינמאל ניט וויסען וואס פאר א באנדיט ער איז געווען. דאן האט ער דאס געווארפען זיינע בליקען אויף איהר, אזוי ווי ער וואלט זיך איבערצייגען געוואלט, אז זי שלאפט און הערט ניט זיינע געדאנקען.

אין דעם צימער זענען די שטארען איבער די פענסטער ארונטערגעלאזט געווען, און א טונקעלקייט, אויסגעמישט מיט א גאלדענעם שיין פון דער פריהלינג־זון, וואס האט זיך דורך די סטארעס און דורך די שפאלטען אין צימער אריינגעריסען, האט זיך דארט געטראגען. פון הינטער די פענסטער האט א פרעהליך סוויטשערען פון פויגעלאך זיך געהערט.

דערנאך האט ווילי גענומען טראכטען, ווען צו געהן צום ברודער, גלייך אדער שפעטער. ער איז זיכער געווען, אז ער וועט זיין ברודער טרעפען צו יעדער צייט אין זיין געשעפט — די לעצטע יאהרען האט ברוך געהאט א סיגאר און סטיישאנערי געשעפט אויף קאלאמבוס עוועניו — און צי ער זאל געהן אליין, אדער זי אויך מיטנעהמען. אבער אין איהר געגענווארט וועט ער דאך ניט קאנען רעדען דאס וואס ער האט געדארפט, וואס ער האט געמוזט... סיידען נעהמען זי און איבערלאזען דערווייל אין א רעסטאראן ערגעץ, ביז ער וועט דארט מיט זיין ברודער זיך דורכרעדען? יא, דאס איז א פלאן. איבערלאזען זי דא אליין האט ער מורא געהאט. ער האט געקענט די אויסוואורפען.

און דא האט איהם פלוצים אן אנדער געדאנק אין מוח א זעץ געטאן און איהם אינגאנצען צעטומעלט: זיי קאנען איהם נאך מאכען א סקאנדאל — זשוליע, די „בייבי"... זיי קאנען איהר זאגען ווער ער איז און וואס פאר א חתונה זיינע איז געווען. זיי וועלען דאס איהר געווים זאגען. דער פאקט, וואס זיי האבען שוין היינט

גענעבטיגט דאָ אין דעם צימער הינטער דער וואַנט, איז אַ סימן, אַז זיי גרייטען זיך צו דעם.

„וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?" — האָט ער פאַר־צווייפעלט געטראַכט און ניט געזעהן פאַר זיך קיין אויס־וועג.

און ער איז אַרונטער אויפ'ן ערשטען שטאָק.

זשוליע און מיסעס גוטמאַן זיינען שוין דאַן געזעסען בּיים טיש און האָבּען געגעסען. די „בּייבּי" איז דאַרט ניט געווען.

— קום עסען, פאַרליעבּטער נאַר! — האָט איהם באַ־געגענט זשוליע מיט אַ שמייכעל.

ער האָט געשוויגען, פאַררויכערט אַ סיגאַר און נעזעצט זיך אויף דער זאָפע מיט צעטראָגענע אויגען.

זשוליע האָט זיך צעלאַכט.

— ווילסט שוין ניט עסען אויך? אפשר פאַסטו, טוסט תשובה אויף דיינע עבירות, האַ, דיימאָנדקע?

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט צעטראָגענע אויגען. דער־נאָך האָט ער פּלוצים זיך אַ קעהר געטאָן צו מיסעס גוטמאַן און נערוועז אַרויסגערעדט:

— הער אויס, אַלטע, איך וויל רעדען מיט דיר. הער אויס... דו בּיזט שוין אַלט, דער טייפעל ווייסט ווי אַלט דו בּיזט! ווי לאַנג נאָך, מיינסטו, וועסטו לעבען? דו קאָנסט ניט וויסען וואָס מאָרגען וועט מיט דיר זיין...

ביי מרס. גוטמאַן איז דער בּיסען אין מויל שטעהן געבּליבּען. זי האָט אויפגעהערט צו קייען און האָט אָנגע־קוקט ווילי'ן מיט צעמישטע אויגען.

ער האָט זיך אויפגעהויבּען פונ'ם אָרט און ווייטער גערעדט:

— האָסטו גאָט אין הארצען? דו זאָגסט, אַז דו האָסט און אַז דו האָסט מורא פאַר גאָט. וועלען מיר דאָס איצט זעהן, איצט וועלען מיר דאָס זעהן! לאָז ניט פאַראומגליקען פעני'ן, אַלטע!

מיסעס גוטמאַן האָט אַרויסגעוואָרפען דעם בּיסען פון איהר מויל, איז אויפגעשטאַנען פונ'ם טיש און האָט אַרויס־געמורמעלט, קוקענדיג אויף איהם:

— וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס האָסטו זיך צוגעטשע־פעט צו מיר? איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך מיש

זיך ניט. וואָס האָסטו צו מיר, אַ גדולה אויף דיר? דו האָסט דאָך זי אַליין פאַרפיהרט, היינט, וואָס פאַר אַ טענות האָסטו צו מיר?!

ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין הארצען און מיט וועהטאָג אויסגעשריען:

— אמת, איך האָב זי פאַרפיהרט, אמת! איך וויל זי אָבער איצט ראַטעווען, אַלטע! חתונה האָבען וויל איך מיט איהר אויף אַן אמת. צו מיינע עלטערען וויל איך זי פיהרען, און אויס באַנדיט, און אויס אויסוואורף, אַלטע, דו הערסט?

— און ווערען אַ צדיק!—האָט דזשוליע איהם איבערגע־שלאָגען מיט שפּאָטישען געלעכטער — קינדערלאַך, ער איז דאָך טאַקע אויף אַן אמת משוגע געוואָרען. מען קאָן שטאַר־בען. מאָרים דיימאָנדקע, איזי, ווילי, אַ צדיק! כאַ, כאַ, כאַ!...

האָט ער זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

— דו!... בעסער דערמאָן מיך ניט, ווער איך בין. בעסער דערמאָן מיך ניט! וואָרים דו ווייסט, וואָס ווילי קאָן, וואָס איזי קאָן!...

און ער האָט פאַרשטשעמעט די ציינער און געקוקט אויף דזשוליע'ן אַזוי, אַז פאַר שרעק האָט זי זיך שטיל און צע־טומעלט צעלאַכט.

ער איז דורכגעגאַנגען דאָס צימער הין און צוריק. דער־נאָך האָט ער זיך מיט אַמאָל ווידער אָפּגעשטעלט פאַר דזשוליע'ן.

— ביי דיר איז דאָך דאָס אַ געלט־ענין. גוט, וויפיעל געלט ווילסטו? נאַ! — ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ פּעקעל געלט פון קעשענע און אַ שמיץ געטאָן עס אויפ'ן טיש — נאַ, און רעד ניט, און זיי שטום! ווען איך זאָל וועלען זי אוועקנעמען פון דאַנען מיט אַ סקאַנדאַל, וואָלט איך דאָס געקענט טאָן; איך וואָלט זיך גאָר ניט געשראָקען פאַר אייך; גענומען זי און אַוועק! איך וויל אָבער אויסמיי־דען דעם סקאַנדאַל. איך וויל ניט, אַז זי זאָל וויסען, ווער איך בין און ווער דו ביזט און ווער מיסעס גוטמאַנקע איז. דזשוליע, איך בעט דיך... אַפילו ביי אַזאַ אויסוואורף, ווי איך בין געוועזן, איז אויך דאָ עפּעס פון אַ מענשען, עפּעס

מענשליכם, האָף איך, אַז ביי דיר אויך... איך בעט דיך!...

און אין זיין קול האָבען זיך דערהערט פאַרשטיקטע טרערען.

דזשוליע האָט ניט געגלויבט איהרע אויגען, אַז דאָס האָט געוויינט ווילי, דער שרעקליכסטער ברוט צווישען זיי אַלע.

הייסט עס, אַז דאָס איז ניט קיין שפּאַס. הייסט עס, אַז ער האָט געמיינט ערנסט. ניין, פעני'ן וועט ער ניט אוועקנעמען פון דאַנען. זי וועט דאָ בלייבען פאַר „ביזנעס.“ געננוג צייט האָבען זיי זיך גע'עסק'ט מיט איהר. און ער האָט פאַרשפּראָכען, אַז נאָר איין וואָך וועט ער זי האַלטען, וועט מען איצט מיט געוואַלד איהם צווינגען צו האַלטען זיין פאַרשפּרעכען.

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון'ם אָרט.

— איך געה עפּעס איינקויפען — האָט זי געזאָגט און איז אַרוים פון'ם הויז.

אין דער אמת'ן איז זי איצט געגאַנגען זעהן די „בייבי,“ וועלכער איז אַוועק צו אַ באַרבער זיך ראַזירען. זי האָט געוואוסט, וואו...

און ווען דזשוליע איז אַרוים פון'ם שטוב, איז ווילי צוגעגאַנגען צו מיסעס גוטמאַן.

— איך בין נאָך יונג — האָט ער ווידער אָנגעהויבען — דאָס לעבען איז נאָך פאַר מיר. איך האָב אָנשטענדיגע עלטערען, פיינע ברידער און שוועסטער. מיר האָט שטענ־דיג וועה געטאָן, פאַרוואָס זיי מוזען זיך שעמען מיט מיר... צו מיין קראַנקער מאַמע האָט מען מיך אַפילו ניט צוגעלאָזט. אַלטע — האָבען זיך ווידער דערהערט פאַרשטיקטע טרערען אין זיין קול — איצט, דורך פעני'ן קאָן איך ווידער גוט ווערען מיט זיי אַלע און זיי זאָלען זיך ניט דאַרפען שעמען מיט מיר. העלף מיר, אַלטע, זי אַרויסצורייסען פון דאַנען אָהן אַ סקאַנדאַל, העלף מיר!

מיסעס גוטמאַן איז געזעסען צונויפגעקאָרטשעט אויף איהר שטול. זיין אויסברוך, זיינע רייד, בפרט זיינע טרע־רען, האָבען אַזוי געווירקט אויף איהר, אַז זי, סענטימענטאַל ווי אַלע פרויען פון איהר סאָרט און מיט שטענדיגער מורא פאַר יענער וועלט אין איהר האַרצען, איז גאָר מטושטש געוואָרען און זי האָט ניט געוואוסט אַפילו וואָס

צו ענטפערען איהם. פלוצים האט זי זיך צעבליפעט, צו־געלייגט איהר דיקען ארעם צו די אויגען, געווישט מיט א ברעג פון ארבעל די טרערען און זיך צע־טענה'ט:

—האסט זיך דאך טאקע אויף אן אמת געבאפט, א גדולה אויף דיר! פארט א קינד פון לייטישע עלטערען. דערמאנט זיך, אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט. דערפיהלט יושר, רחמנות... פארט א לייטיש קינד!...

ער האט זי א גלעט געטאן איבער'ן אקסעל און גאנץ הילפלאז ארויסגעמורמעלט:

— אלטע, איך בעט דיך, איך ווער משוגע!

— נו, זאג, וואס זאל איך טאן, א גדולה אויף דיר? — האט זי געפרעגט מיט'ן וויינענדיגען קול, מיט וועלכען זי האט יום כפור געלייענט איהר תחינה.

— איך וויל איצט אריבערגעהן צו מיין ברודער. איך וועל איהם אלצדינג דערצעהלען. ער וועט זיכער פעני'ן אריינגעמען צו זיך. דאס וועט זיי אלעמען גליקליך מאכען. איך ווייס עס זיכער. אבער אז איך זאל זי איצט נעמען מיט זיך, וועל איך ניט קענען רעדען, ווען זי וועט זיין דער־ביי, און דא זי איבערלאזען אהן מיר האב איך מורא. דו פארשטעהסט דאך? וויל איך, אז דו זאלסט מיר אין דעם העלפען. דו וועסט קענען!...

זי האט זיך א כאפ געטאן:

— אדרבה, א גדולה אויף דיר, וואס ווילסטו זאל איך טאן?

— וועסטו עס אבער טאן?

— אלצדינג, אלצדינג, א גדולה אויף דיר! דו מיינסט עפעס, אז מיר איז ניחא צו זעהן, ווי מען קוילעט אוועק אזא כשר קינד, א יתומה'לע, נעבאך? און איהר טאטע'ן האט מען דאך, נעבעך, דער'הרג'עט אין א פאגראם!...

די לעצטע ווערטער האט זי ארויסגעפליסטערט און מיט איהר דיקער האנט ארונטערגעווישט א טרעהר פון איהרע אויגען.

— א יא א וואויל קינד? אבער דו קענסט זי נאך ניט. דו ווייסט ניט וואס פאר א הארץ זי האט. איך זאג דיר, אלטע, אז צוליב איהר וועט דיר גאט מוחל זיין אלע דיינע פארברעכענס.

זי האָט פרום אַ זיפץ געטאָן און מיט'ן גאַנצען האַרצען אַרויסגעמורמעלט:

— הלואי, רבונו של עולם!

און תיכף זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן:

— זאָג, וואָס זאָל איך טאָן, אַ גדולה אויף דיר? און גײה, גײה טאַקע גלייך צו דיין ברודער. נעהם זי אַוועק וואָס גיכער פון דאַנען.

— איך וואָלט זי איצט גלייך צוגענומען פון דאַנען, האָב איך אָבער מורא, אַז דזשוליע וועט מאַכען אַ סקאַנדאַל און איהר דערצעהלען, ווער איך בין. דו פאַרשטעהסט, אַלטע, וואָס פאַר אַ שרעקליכער קלאַפּ דאָס וואָלט געווען פאַר אַזאַ קינד ווי זי איז...

— זיי וועלען איהר געוויס זאָגען — האָט מיסעס גוטמאַן זיך אָנגערופען פאַרטראַכט — נאָך נעכטען האָבען זיי געשמועסט וועגען דעם.

ווילי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

— איך וועל זיי די קעפּ צעשפּאַלטען!...

— נו, שאַ, שאַ — האָט פּלוצים מיסעס גוטמאַן געזאָגט — איך ווייס שוין, וואָס מען זאָל טאָן. דו גײה גלייך צו דיין ברודער, און איכ'ל זי דערווייל צונעמען צו זיך אַהיים. זיי וועט גאָר ניט איינפאַלען, אַז איך וויל זי אַרויסרייסען פון דאַנען. דאָס פאַרלאָז זיך שוין אויף מיר. און דו קום נאָך איהר צו מיר אַהיים. זיי רוהיג, דו קאָנסט דאָך מיך, אַ גדולה אויף דיר. איך וועל זי שוין אַרויסנאַרען מיט גאַנצע ביינער פון דאַנען.

און בעת זי האָט דאָס געזאָגט, האָט איהר דיקער, פעטער פּנים זיך יום־טוב'דיג צעשטראַהלט און אַ באַגייסטערטער שמייכעל פון וואַרימער פרומקייט האָט זיך צעגאָסען איבער איהר.

ער האָט אָנגעכאַפּט איהרעביידע הענט, געדריקט זיי און געמורמעלט:

—זעה, אַלטע, זעה! איך וועל דיר אייביג דאַנקען. איך ווייס, אַז אויף דיר קאָן איך זיך פאַרלאָזען. איך לויף גלייך צו מיין ברודער. איכ'ל איהר זאָגען, זי זאָל גײהן מיט דיר צו דיר אַהיים. איכ'ל איהר אַרויפטראָגען אַ גלאָז קאַווע מיט עפּעס צובייסען...

ער איז צוגעלאָפען צום טיש, האָט אויף גיך אָנגעגאָסען אַ גלאָז קאַווע, אַרויפגעוואָרפען אויף אַ טעלער לאַקס, זעמעל און פּוטער און איז דערמיט אַוועקגעלאָפען צו פּעני'ן.

און מיסעס גוטמאַן האָט איהם נאָכגעקוקט מיט אַ שטראַהלענדיגער מינע, צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געטראַכט מיט אמת'ער פרומער התפעלות:

„אײַ־אײַ, וואָס פאַר אַ בריה גאָט איז! אַזוי איבערקערען דאָס דאַרץ פון אַזאַ רוצח! דער זכות פון איהר דער־הרג'עטען טאַטען איז איהר בייגעשטאַנען, דער זכות פון איהר דער'הרג'עטען טאַטען!"

און ווען זי האָט דערנאָך אַ קלער געטאָן, אַז זי אַליין וועט אויך צוהעלפען אין דעם, הגם זי וועט דערביי פאַרלירען ניט ווייניג געלט, וואָס אַזאַ מיידעל, ווי פּעני, וואָלט געקאָנט אַריינברענגען, האָט זיך אַזאַ וואַרימע גוטסקייט צעגאָסען איבער איהר נשמה, אַזוי ווי זי וואָלט געטאָן הונדערט מצוות מיט איין מאָל, און זי האָט געמורמעלט מיט די ווערטער פון דער תחינה:

„רבונו של עולם, דערפאַר זאָל דיין רצון זיין, דיין גנאָד זיין, אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין מיינע שווערע עבירות און חטאים, צוליב דיין הייליגען נאָמען וועגען!..."

און וואָס מעהר זי האָט געטראַכט פון דעם, אַלץ וואַרימער איז איהר געוואָרען אויף דער נשמה, אַלץ מעהר גוטסקייט האָט זי דערפיהלט אין איהר האַרץ, און אַלץ פרומער זענען געוואָרען איהרע געדאַנקען. און צום סוף האָט זי זיך גאָר דערטראַכט, אַז ווען גאָט וועט איהר העלפען און זי וועט אָפּשפּאָרען נאָך אַ ביסעל געלט, וועט זי איינגאַנצען אַוועקוואַרפען אָט די דאָזיגע מיאוס'ע פּרנסה און דעמאָלט וועט זי טאָן נאָר מצוות, כסדר מצוות...

ווען גאָט זאָל איהר נאָר העלפען און זי זאָל אָפּשפּאָרען נאָך אַ ביסעל געלט פון דעם דאָזיגען געשעפט!...

* * *

פּעני איז געזעסען אויפ'ן בעט אין איהר נאַכט־העמד, ווען ווילי האָט איהר אַריינגעבראַכט דעם פריהשטיק.

זי האָט צו איהם אַ שמייכעל געטאָן.

— לעבען זאָלסטו, ווילי. דו האָסט אָבער פאַרשטאַנען, אַז היינט איז מיר אומאָנגענעהם אַרונטערצוגעהן אַהין עסען.

איך שעהם זיך צו קוקען דיין קוזינע אין די אויגען אריין נאָך דער היינטיגער נאַכט...

— פעני — האָט ער זיך אָנגערופען — מיסעס גוטמאַן איז דאָ. זי וועט דיך באַלד רופען צו זיך אהיים. געה מיט איהר. איך וועל דערנאָך קומען נאָך דיר און וועל דיך נעמען צו מיין ברודער.

— ווען געהסטו צו איהם?

— גלייך. איך וויל ניט מיר זאָלען דאָ פאַרבלייבען אפילו נאָך איין טאָג.

— איך זיכער ניט. דאָס גאַנצע הויז איז מיר איצט נמאס. איך שעם זיך. מיר איז ניט אָנגענעהם. געה טאַקע גלייך און זאָם זיך ניט, דו העריסט?

ער האָט גענומען זיין הוט.

— דו הערסט פעני, דו זאָלסט געהן צו מיסעס גוטמאַן. איך וועל קומען אהין נאָך דיר.

— גוט, ווילי.

ער האָט זי ארומגענומען, צוגעדריקט איהר פרישען, וואַרעמען קערפּער צו זיך און זי אַ קוש געטאָן.

— גוד באַי, קינד! — האָט ער נערוועז ארויסגערעדט.

— גוד באַי, איך ווינש דיר, אַז דער שלום מיט דיינע זאָל דיר גרינג אָנקומען.

ער איז ארויסגעלאָפען.

אינ׳ם צימער אויפ׳ן ערשטען שטאָק האָט מיסעס גוטמאַן נאָך געשטראַהלט און געשמייכעלט.

ווילי האָט זיך נערוועז אָנגערופען צו איהר:

— אַלטע, איך האָב איהר געזאָגט, אַז מיר פאַרלאָזען דאָס הויז, ווייל דאָס געלט אויפ׳ן הויז האָט געגעבען דזשוליע. זי בלייבט נאָך אַלץ אַ קוזינע, די באַנדיטקע, פאַרשטעהסט? און מחמת מיר געפעלט ניט, וואָס זי פיהרט זיך דאָ אויף ווי די גאַנצע באַלעבאָסטע, מוז איך ארויס פון דאַנען. פאַרשטעהסט?

— גוט וואָס דו האָסט עס מיר געזאָגט. געה, אַ גדולה אויף דיר. געה, און גאָט זאָל דיר מצליח זיין דיין וועג. דער זכות פון איהר דער׳הרג׳עטען טאַטען איז איהר ביי־געשטאַנען.

— איך געה, גוד באַי!

ער איז צוגעלאָפען צו דער טיר און האָט זיך אָפּגע־שטעלט.

—אַלטע, איך האָב איהר געזאָגט, אַז דו וועסט זי רופען....

— גוט, איך געה באַלד ארויף צו איהר.

ער איז אַרויס פון דער טיר און האָט זיך באַלד ווידער צוריקגעקערט.

— אַלטע — האָט ער אַרויסגעמורמעלט צעטראָגען — געדענק, איך לאָז זי איבער אויף דיין פאַראַנטוואָרטליכקייט. געדענק...

זי האָט איהם געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— זעה נאַר, זעה, ווי אומרוהיג! דו קאָנסט מיך, צי ניין? געה, אַ גדולה אויף דיר, געה! איך נעהם זי באַלד אַוועק פון דאַנען.

ער איז אַוועק.

מיסעס גוטמאַן האָט אַ טראַכט געטאָן:

„די בעסטע צייט אַוועקצונעמען זי איז איצט, ווען קיי־נער איז נישטאָ.“

און זי איז אַרויף צו פעני'ן.

פעני האָט געגעסען איהר אָנבייסען.

— אַ גוטינקער מאָרגען דיר, פעניל — האָט די אַלטע אַרויסגערעדט אין איהר מוטערליכען טאָן — ווי פיהלסטו זיך היינט, אַ גדולה אויף דיר?

— אַ דאַנק. וואָס זאָגט איהר עפּעס, מיסעס גוטמאַן. מיר מופען דאָך!

— איך האָב געהערט. נו, מילא, אַ גדולה אויף דיר. זי האָט געליהען דאָס געלט, מיינט זי אַז... אַז... כוויי?... ער האָט עס געטאָן צוליב דיר, ווייל ער האָט דיר געוואָלט געבען אַ שעהן הויז. אַ דאַנה דיר, דו וועסט שוין האָבען אַ שעהן הויז. כ'לעבען, דאַרפסט זיין צופרידען...

פעני האָט געענטפערט:

— וואָס דען, איך בין ניט צופרידען? ווילי איז אַ נאַר, אויב ער האָט געמיינט, אַז איך בין אַזאַ, וואָס אַ שעהן הויז איז ביי מיר דער עיקר. ביי מיר קאָן ער וואוינען אין אין צימער, אַבי ער זאָל ניט דאַרפען לייהען און זאָרגען...

די סענטימענטאַלע מיסעס גוטמאַן האָט איצט גאָר אָנ־געקוואָלען פון איהרע רייד.

— אי טייער! אי גוט! א כשר קינד, א גוטע נשמה וואָס דען, א גדולה אויף דיר? אין דר'ערד דאָס געלט, אין דר'ערד א שעהן הויז, אבי אן צו זיין אן ארענטליכע פרוי, ועט שוין גאָט אליין העלפען. ניט אזוי, א גדולה אויף דיר?

— אודאי אזוי.

— אָט דערפאַר טאַקע האָסטו איהם אזוי צעפּאַלאָשעט, וייל דו האָסט אזא עהרליך האַרץ. דאָס הייסט, גאָט אליין האָט דיר דערפאַר געהאָלפען. אי האָט ער דיך ליב, א גדולה אויף דיר, די נשמה'קעלע קריכט איהם גאָר ארוים!...

— איך וויים — האָט פעני זיך אָנגערופען, און די חן־גריבעלאַך אויף איהרע באַקען האָבען זיך אָנגעצונדען און זי האָט זיך אינגאַנצען ליכטיג צעשטראַלט.

— נו, עס אָפּ גיכער און טו זיך אָן און מיר'ן געהן צו מיר.

מיט אמאָל האָט זי דערהערט א פאַרשטיקטען געמור־מעל פונ'ם ערשטען שטאָק. די אַלטע איז געוואָרען אומרוהיג.

— טו זיך אָן — האָט זי ווידער געזאָגט — איך קום באַלד ארויף.

און מיסעס גוטמאַן איז מיט אן אומרוהיגער מינע ארויסגעגאַנגען פון פעני'ס צימער, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קאָרידאָר און זיך איינגעהערט.

עטליכע שטימען האָבען אונטען גערעדט — דאָ העכער און באַלד נידעריגער. מיסעס גוטמאַן האָט דערקאַנט דזשור־ליע'ס קול, באַלד דער „בייבים" ברומען און דערנאָך קיד דזשאָו'ס, און זי איז נאָך אומרוהיגער געוואָרען.

„סיידען איבער מיין קאָפּ!" האָט זי א טראַכט געטאָן און אנטשלאָסען א צופּ געטאָן דאָס שייטעל איבער איהר שטערען, אזוי ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו שלאָגען. דערנאָך האָט זי מיט אן אימפּעט געלאָזט זיך לויפען פון די טרעפּ ארונטער און געסאָפּעט, ווי אן אַלטע קאַץ.

אונטען, אויפ'ן ערשטען שטאָק, האָט זי דערזעהן דזשוליע'ן, די „בייבי," לואי פין און קיד דזשאָו.

דזשוליע האָט זיך געקאָכט. דער טונקעלער ציגיינער־

פּנים איהרער האָט זיך גערויטעלט און איהרע שוואַרצע אוי־גען האָבען געברענט, ווי ביי אַ קאַץ. זי איז געשטאַנען אין מיטען צימער, האָט גערעדט, געמאַכט מיט ביידע הענט און שווער געסאַפּעט מיט איהר הויכען בוזים.

— מען טוט דערוויייל ניט קיין ביזנעס. געוואַרט, און איצט... ווילי וויל זי גאָר האַלטען פאַר זיך... נאַ סערי!
— האָט זי גע'טענה'ט מיט היץ.

קיד דזשאָו איז געוועזן שכור'לאַך. ער איז געזעסען אָהן אַ רעקעל און אָהן אַ הוט, מיט ביידע אָרעמס אָנגעשפּאַרט אויפ'ן טיש, האָט געקוקט מיט'ן רויטען, אויסגעשטשירע־טען אויג דזשוליע'ן גלייך אין פּנים אריין און יעדע ווײַלע האָט ער אַ קנאַק געטאָן מיט'ן צונג אָן זיין גומען אַזוי, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז עפּעס האָט געפּלאַצט. און ער האָט געמורמעלט:

— אַ וואָרט האָט ער דאָך געגעבען, דער... דער...
און איז נאָך אַ געבילדעטער, לייענט אַלע ביכלאַך, דער...
דער...

און דערביי האָט ער יעדעס מאָל צוגעלייגט אַ שמוציגע זידלעריי.

לואי פין, דער יונגערמאַן מיט דער צעשפּאַלטענער אונטערשטער ליפּ און די שוואַרצע קרייזעלאַך אויפ'ן שטע־רען, איז געזעסען אויפ'ן ווענטעל פון דער זאָפע און האָט געוויגט די פיס מיט די געלע לאַקירטע שיך, אָנקלאַפּענדיג זיך מיט זיי יעדע ווײַלע אָן אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען דערביי, און ער האָט געלאַכט.

— איך מיין, קינדער, אַז דיימאָנד מאַכט שפּאַס פון אונז אַלעמען. איהר וועט שוין זעהן. פאַרליבט גאָר, ווערען אַ בעל־תשובה מיט אַמאָל — ווילי אַ בעל־תשובה, כאַ! כאַ! כאַ! — האָט ער גערעדט און געלאַכט.

די „בייבי" אָהן אַ הוט און אָהן אַ רעקעל, מיט די אַרבעל פונ'ם העמד הויך פאַרקאַשערט איבער זיינע מוסקוליסטע אָרעמס, ווי פון שטאָל אויסגעגאָסען, מיט אַ פריש־ראַזירטען פּנים, וואָס מחמת דעם האָט ער אויסגעזעהן נאָך אינגער, נאָך אינגעלשער, מיט די האָר פאַרקאַמט הויך אַרויף און

מיט א גלאַנץ, האָט אויסגעקוקט אויפגערעדט, ווי א צע־רייצטע מגושמ׳דיגע חיה.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער׳ן צימער מיט א סיגאַר אין מויל און זיין ריזען־גוף האָט זיך באַוועגט אומגעוועהנליך פלינק, אזוי ווי געטריבען פון עפּעס א דאַמף, וואָס האָט אינעווייניג אין איהם געאַרבייט און איהם געטראָגען.

ער האָט געוואָרפען מיט זיינע אָרעמס און פון זיינע פאַרזשמורעטע אויגען האָט אַרויסגעגלאַנצט א פייכטער גלאַנץ ווי ביי א הונגעריגער קאַץ, בעת זי חלומ׳ט פון א געשמאַקען ביסען, און פון צייט צו צייט האָט ער א ציפּ געטאָן דעם קראַגען פון זיין העמד און נערוועז א דרעה געטאָן דעם דיקען, רויטען נאַקען, ווי ביי א בוהאַי, און אַרויסגעלאָזט א הייזעריגען ברום, אזוי ווי עפּעס וואָלט איהם דאָרט געשטיקט.

— דעמעט! — האָט ער הייזעריג געברומט מיט׳ן סיגאַר אין מויל — ער וועט זי שוין האַלטען פאַר זיך. דעמעט!

ווען מיסעס גוטמאַן האָט זיי אַלעמען דערזעהן, איז זי לכתחילה געוואָרען צעטומעלט. צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען האָט זי זיי, איהרע אַלטע פריינד, באַטראַכט פאַר איהרע געגנער, איהרע שונאים. באַלד אָבער האָט א כלומר׳שט פרעהליכער שמייכעל גענומען שפּילען אויף איהר דיקען פּנים און זי האָט זיך אָנגערופען רוהיג און פריינדליך:

—זעה נאָר, קיין עין הרע ניט, א גדולה אויף אייך, וואָס זענט איהר עפּעס געקומען אין מיטען העלען טאָג? איהר ווילט שפּילען א „פּאָוקער,“ וואָס?

דזשוליע האָט געענטפערט:

— זיי זענען געקומען שפּילען די ריכטיגע חתונה. איך האָב זיי אַלע געטראָפען ביים באַרבער, און צו „קיד דזשאָן“ און צו „קיד דעיגאָ“ האָב איך אויך טעלעפאָנירט, אז זיי זאָלען קומען. טאָמער וויל דיימאָנדקע מאכען „מאָנקי ביזנעס,“ זאָלען זיי זיין דאָ. אונז וועט מען ניט פיהרען ביי דער נאָז, נאָ סערי!...

די „בייבי“ האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— איך וועל אליין פארטיג ווערען מיט איהם, דעמעט!
— האט ער ארויסגערעוועט. און, צעברעכענדיג זיין סיגאר אויף צווייען, האט ער צוגעלייגט מיט א ברומען פון א צערייצטען בער, סאפענדיג שווער מיט זיין מעכטיגען גוף:
— איהר זעהט דאס, הא? אט אזוי וועל איך איהם צעברעכען, אט אזוי! זאל ער נאר היינט מיר ווידער... אט אזוי! אט אזוי!
און מיט זיינע מעכטיגע לאפעס האט ער דעם סיגאר צעריבען צווישען זיינע לאדאנעס און מיט א הילכענדיגען געפילדער ארונטערגעפאטשט די שטיקלאך טאבאק פון זיינע הענט:
— אויף אש, דעמעט, אויף אש!...
קיד דזשאו האט זיך שכור צעלאכט.
— שוררררר! בינ־נ־ג! בענ־נג! די „בייבי" וועט ניט קוקען, וואס ער איז א פילאזאף!
און דערביי האט ער א קנאק געטאן מיט'ן צונג אן זיין גומען און לאכענדיג א ווינק געטאן מיט זיין רויטען, אויסגעשטשירעטען אויג צו דער „בייבי."
מיסעס גוטמאן איז נאך מעהר צעטומעלט געווארען.
— קינדערלאך — האט זי זיך אנגערופען מיט א בעטענדיגען קול — איהר זענט גערעכט, א גדולה אויף אייך. ער האט געגעבען זיין ווארט, דארף ער עס האלטען. אבער... אין מיטען העלען טאג... עס קען נאך, חלילה, פאסירען אן אומגליק... ווארט כאטש ביז ביינאכט...
לואי פין איז אויפגעשפרונגען.
— דאס וואס איך זאג. ווארטען ביז ביינאכט און דאן וועלען מיר ערשט זעהן, אז איך בין געווען גערעכט: אז איהר האט זיך אומזיסט געקאכט, און מיר וועלען אלע בלייבען דעם פולס...
— שעד אפ! — איז צו איהם צוגעלאפען די „בייבי"
— איך ווארט נישט מעהר. און דו, אלטע, האב ניט מורא, וואס ס'איז אין מיטען העלען טאג. ניט דאס ערשטע מאל. טראך־טראך, און מען הערט ניט קיין פיפס! ביז ביינאכט וועט מען דא טאן ביזנעס. פארשטעהסט?...
— יא, יא — האט דזשוליע זיך א כאפ געטאן —

היינט ביינאַכט פאַנגט זיך אָן די ביזנעס. איך האָב שוין טעלעפאָנירט צו מילפּרעד'ן, זי זאָל היינט קומען אהער מיט די מיידלאַך. און מיט'ן גוטען-ווילען וועט זי דיימאַנדקע ניט וועלען אָפּלאָזען נישט איצט און ניט שפּעטער, דאָס איז זיכער. דו ווייסט עס דאָך אויך, אַזוי גוט ווי איך, היינט פאַרוואָס זאָגסטו, מיר זאָלען וואַרטען?

לואי פין האָט זיך דאַן אָנגערופען:

— קיד דזשאָו, געה רוף אַרונטער דיימאָנד'ן, מיר וועלען פּרוּווען רעדען מיט איהם. איך גלויב נאָך אַלץ, אַז ער מיינט עס ניט.

קיד דזשאָו האָט זיך אויפגעהויבען.

— אַל ראַיט. ער איז דאָרט ביי איהר? איך געה!

— וואַרט! — האָט מיסעס גוטמאַן זיך ראַפּטאָם אַ כאַפּ געטאָן — איך בעט אייך, קינדערלאַך, ניט איצט. אַ גדולה אויף אייך, ניט איצט!...

קיד דזשאָו האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט.

—זי איז גערעכט. איך געה ניט — האָט ער אַרויס-געמורמעלט — זאָל אַן אַנדערער געהן צום פילאָזאָף. זאָל די בייבי געהן איהם רופען. איך האַלט, אַז צום בער אין לאָך דאַרף איך ניט קריכען. דו פאַרשטעהסט, לואי?

און ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט'ן קאָפּ און צוגעקנאַקט מיט'ן צונג אין זיין גומען.

לואי פין האָט זיך צעלאַכט.

— איך האָב פאַרגעסען, אַז דו ביזט נאָר אַ העלד מיט די מיידלאַך!

דאַן האָט דזשוליע זיך אָנגערופען:

— אַל ראַיט, איך וויים אפילו, אַז דאָס איז אַרויסגע-וואָרפען; אָבער מיר וועלען פּרוּווען. איך געה איהם אַרונטערררופען.

מיסעס גוטמאַן האָט זי אַ כאַפּ געטאָן ביים אָרעם און אויפגערעגט אַרויסגערעדט:

— ער איז נישטאָ אויבען. ער קומט באַלד צוריק. דזשוליע, ווילסט מיך פאָלגען? זאָלען מיר זי לאָזען צו-רוה. עס פעהלען ניט קיין מיידלאַך. ער וויל זי? זאָל ער זי

האָבען. א גדולה אויף דיר, אָנהויבען זיך מיט איהם, ער וועט דאָך עמיצען דער'הרג'ענען!

דזשוליע האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרדעכטיגע אויגען און דערנאָך האָט זי א פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— אָי, קינדער, איך פאַרשטעה שוין! דאָס האָט די אַלטע מיט איהם אין דער שטיל אָפּגעמאַכט. זיי ווילען מאַכען א ביזנעס אָהן מיר. אַלטע, אָט דאָס זעהסטו? דו זעהסט דאָס, האַ? — האָט זי צו איהר אויסגעשטעלט א פויסט מיט א פייג — אַלטע, ביטערע קאַץ, איך האָב שוין לאַנג פאַרדעכטיגט, אַז איהר ווילט מאַכען א ביזנעס פאַר זיך!...

— וואָס פאַלט דיר איין, דזשוליע, א גדולה אויף דיר? וואָס הייסט, איך וויל דיך ניט האָבען פאַר א שותפ'טע, וואָס?

— היינט פאַרוואָס מאַכסטו אָט די מאַנקי ביזנעס? — האָט דזשוליע זיך צעשריען — אָדער איז עס ביי דיר ווידער אַן אָנשטעל געגען גאָט? זאָל ער, הייסט עס, זעהן, אַז דו בלומר'שט ווילסט ניט, נאָר מיר טוען עס, מיר? נו, פרומע נשמה, יאָ, מיר טוען עס, מיר! מיש זיך ניט צום שוואַרץ יאָהר, שווייג און מיש זיך ניט! נעהם געלט פון די ביזנעס און שטער אונז ניט!

און דאָ האָט זי זיך א קעהר געטאָן צו דער בייבי:

— בייבי, ער איז נישטאָ, געה אַרויף!...

און די „בייבי" האָט זיך א צאַפּעל געטאָן, ווי מען וואָלט איהם פּלוצים א ברען געטאָן מיט עפּעס, און זיין ריזען־קערפּער האָט זיך א ציה געטאָן, ווי ביי א חיה רעה. איידער זי טוט זיך א וואָרף אויף איהר קרבן, און דער פּנים און דער שטערן, און דער נאַקען, זענען פאַרלאָפען רויט מיט בלוט, און די אָדערען אויף זיינע מעכטיגע אָרעמס זענען עפּעס ווי אויפגעלאָפען, אַזוי ווי דאָס, וואָס האָט ווילד געקאָכט אין איהם, האָט זיך געריסען דורכצושפּאַרען זיך דורך זיי, און זיינע אויגען האָבען זיך געזשמורעט און ברייט־געעפענט און זיך ווידער געזשמורעט, און דער פייכטער בליאַסק פון פריה'ער האָט איצט נאָך שטאַרקער אַרויסגע־גלאַנצט פון דאָרט.

אויף אַ רגע איז געוואָרען שטיל אין צימער. אַלע האָבען פּלוצים איינגעהאַלטען דעם אָטעם. „קיד דזשאָו" האָט זיך אויפגעשטעלט. הינטער'ן טיש מיט אַ שכור'ן שמייכעל און אויסגעגלאָצט זיין רויט, אויסגעשטשירעט אויג אויף דער „בייבי"; לואי פין האָט אויך געשמייכעלט און זיין אונטערשטע, צעשפּאָלטענע ליפּ האָט זיך אַרונטערגעלאָזט; און פון דזשוליע'ס שוואַרצע אויגען האָבען געשפּריצט פונקען און איהר טונקעלער פּנים האָט אויסגעדריקט בייזע אכזריות.

און דאָ האָט די „בייבי" מיט אַ שווערען און הייסען סאָפּען זיך אַ קעהר געטאָן צו די טרעפּ. אָבער מיסעס גוטמאַן, מיט אַ פּנים פלאַם־פייער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגען איהם, מיט די דיקע אָרעמס ברייט צעשפּרייט און מיט'ן הויכען בוזים אויסגעשטעלט קעגען איהם, געקוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין און געמורמעלט:

—דו וועסט ניט געהן... דו וועסט ניט געהן... דו וועסט ניט געהן...

— הע?!...

און מיט אַמאָל האָט מיסעס גוטמאַן מיטביידע הענט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין אָרעם און מיט פאַרצווייפלונג אַרויסגעפּליסטערט:

— איך גיב דיר פינף און צוואַנציג דאָלאַר, דרייסיג... פערציג... וויפיעל דו ווילסט... טשעפּע זי ניט!...

— נו! — האָט דזשוליע אַ געשריי געטאָן — איהר הערט, הא?...

— ביי דער „בייבי" האָט זיך אַרויסגעריסען אַ ברום, אַזוי ווי דאַמף פון אַ לאָקאָמאָטיוו וואָלט אַרויסגעזעצט:

— אַ־אַ־ור־ע־ק־ק!...

און ער האָט מיט אַ לאַפּע אָנגענומען מיסעס גוטמאַן ביים קאָפּ און זי געטאָן אַזאַ שטויס, אַז זי איז מיט אַ צעקרימטען פּנים און צעטומעלטע אויגען צוריקגעפלויגען איבער'ן צימער מיט איהר שווערען גוף ווי אַ שווערע פאַס באַרג אַרונטער, זי האָט אַ וואָרף געטאָן ביידע הענט אין דער לופט, געוואָלט זיך אָן עפּעס פאַרהאַלטען, און איז געפאַלען מיט אַ זייט אויף דר'ערד.

דאָס שייטעל איז ביי איהר אַרונטערגעפאַהרען פונ'ם קאָפּ און גרויע קאַלטענעם האָר, ווי גרויע לעבעדיגע שלאַנגען, האָבען זיך פון דאָרט אַרויסגעריסען און זיך געדרעהט און געוויקעלט אַרום איהרע אַקסלען, אַרום איהרע אויערען אין באַקען, און צוגעגעבען איהר דעם אויסזעהן פון אַ בייזער מכשפה...

לואי פין און „קיד דזשאָו," וואָס זענען ניט געוועזען געוואוינט צו זעהן, אַז מען זאָל אַזוי באַהאַנדלען די אַלטע, זענען צוגעלאָפען צו איהר און האָבען זי אויפגעהויבען פון דר'ערד און זי אַוועקגעזעצט אויף דער זאָפע.

דזשוליע האָט אַרויסגעשיפּעט ווי אַ שלאַנג:

— האַלז און נאַקען האָט זי געדאַרפט ברעכען!

די „בייבי" איז פאַרשוואונדען...

— לאָזט ניט, גזלנים! — האָט די אַלטע מיט אַמאָל אַרויסגעקרעכצט — איהר טאַטען האָט מען דער'הרג'עט אין אַ פּאָגראָם!...

קיינער האָט איהר ניט געענטפערט. „קיד דזשאָו" און לואי פין זענען געזעסען אויף דער זאָפע לעבען איהר פוןביידע זייטען און האָבען געקוקט אַרויף אין דער ריכטונג, וואו די „בייבי" איז פאַרשוואונדען. קיין קול האָט זיך פון דאָרט ניט געהערט, קיין פּיפּס, שטיל איז געווען; אַ נערוועזע שטילקייט האָט זיך דאָרט געטראָגען, ווי אַמאָל אין אַ וואַלד פאַר אַ שטורם...

און דאַן האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקטער געוויין פון דער אַלטער, און אַ טענה'ן:

— ער וועט זי נאָך דאָרט דער'הרג'ענען... דער'הרג'ענען!...

— שאַ! — האָט דזשוליע אַרויסגעשיפּעט דורך די ציין — פאַרמאַכט איהר דעם פּיסק!

זי איז איצט געווען נערוועז און איהר נערוועזיטעט האָט זיך אויך איבערגעגעבען צו לואי פין און „קיד דזשאָו," וועלכער האָט זיך איצט מיט אַמאָל אויסגעניכטערט.

— שאַ! ש־ש־ש! — האָבען זיי ביידע געפּליסטערט צו דער אַלטער און ביידע האָבען זיך אויפגעהויבען און געקוקט אַרויף און זיך איינגעהערט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס.

די אַלטע איז אנטשוויגען געוואָרען. זי האָט נאָר געסאָפּעט מיט דער נאָז.

— עפּעס שטיל — האָט דזשוליע אַרויסגעמורמעלט.

— שטיל! — האָט געמורמעלט לואי פּין.

— שטיל! — האָט געפּליסטערט „קיד דזשאָו."

נאָך אַ מינוט איז אַוועק און נאָך אַ מינוט, און פון דאָרט האָט זיך נאָך אַלץ קיין קלאַנג ניט געהערט, און מיט יעדער מינוט איז געוואַקסען זייער אויפרעגונג און זייער נערוועזיטעט.

— אפשר וועט דער זכות פון איהר דער'הרג'עטען טאָטען בייסטעהן! — האָט די אַלטע ווידער אַרויסגעקרעכצט, און מיט ציטערנדיגע הענט פאַרריכט דאָס שייטעל אויפ'ן קאָפּ און פאַררוקט הינטער איהם איהרע גרויע קאַלטענעס.

דזשוליע האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

— מען דאַרף איהר פאַרשטאָפּען דעם פּיסק! — האָט זי אַרויסגערעדט דורך פאַרשטשעמעטע ציין, איז צוגעלאָפען צו דער טיר פונ'ם הינטערשטען טונקעלען צימער, וואו עס איז געהאָנגען אַ לאַנגער ווייסער האַנטוך און האָט איהם אַרונטערגעשלעפּט פון דאָרט — מיט דעם דאַרף מען איהר פאַרשטאָפּען דעם פּיסק, מיט דעם!

לואי האָט ביי איהר אַרויסגעריסען דעם האַנטוך און אַרויסגעפּליסטערט:

— דו ביזט משוגע? זי איז דאָך ניט איינע פון די מיידלאַך, זי איז דאָך מיסעס גוטמאַן, משוגענע, דו.

איז צוגעלאָפען צוריק צו דער טיר אויף די שפּיץ־פינגער, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער זאָל ניט צעשטערען די שטילקייט, און דאָרט אויפגעהאָנגען דעם האַנדטוך.

— טאָ זאָל זי איצט שווייגען — האָט דזשוליע אויפגערעגט אַרויסגערעדט — זי מאַכט מיך נערוועז. — פאַר וואָס איז דאָרט פאָרט אַזוי שטיל? — האָט זי זיך אונטערבראָכען.

— מערקווירדיג! — האָט לואי פּין געענטפערט.

— מען האָט געדאַרפט אַרויפגעהן — האָט קיד דזשאָו אַרויסגעמורמעלט.

— איך וועל געהן א קוק טאָן — האָט דזשוליע אַרויסגעפּליסטערט, און זי האָט זיך געלאָזט געהן אויף די שפּיץ־פינגער די טרעפּ אַרויף.

פּלוצים איז די שטילקייט איבערגעריסען געוואָרען. פון א פרויען־געשריי, וואָס, האָט זיך געדאַכט, האָט דורכגעשפּאָלטען די ווענט און דאָס גאַנצע הויז מיט'ן דאַך אויפגעטרייסעלט. פול מיט טויט־שרעק, כמעט מיט משוגעת האָט דער דאָזיגער געשריי אָפּגעהילכט אין דער אַרומיגער שטילקייט.

דזשוליע האָט זיך געלאָזט לויפען צוריק פון די טרעפּ; ביי לואי'ן האָבען זיך די שוואַרצע קרייזעלאַך אויפ'ן שטערן א ריהר געטאָן; „קיד דזשאָו" האָט זיך א טרייסעל געטאָן און גענומען פינטלען מיט'ן רויטען. אויסגעשטשירעטען אויג, און מיסעס גוטמאַן איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערען מיט ביידע הענט, צונויפגעקאָרטשעט זיך אין דרייען און אַרויסגעלאָזט פאַרשטיקטע, משוגה'דיגע טענער, וואָס האָבען געקלונגען:

— אַ־אַ־אַ־!... אַ־אַ־אַ!...

דער געשריי איז מיט אַמאָל איבערגעריסען געוואָרען. א לעצטער מאוימ'דיגער טאָן האָט זיך דאָרט ווידער דורכגעריסען אין דער לופט, איז ווידער אַרונטערגעפאַלען, ווי פון עפּעס איבערגעהאַקט, און ווידער איז געוואָרען שטיל, נאָך שטילער איידער פריהער...

„קיד דזשאָו" האָט געקוקט אויף לואי'ן, לואי אויף איהם און ביידע אויף דזשוליע'ן, און זי אויף זיי ביידען, פריהער א ביסעל צעטומעלט און ווי צעשראָקען, דערנאָך אָבער האָבען זיי זיך אַלע מיט אַמאָל, אַזוי ווי צונויפגערעדט זיך, צעלאַכט שטיל און ציניש, און אין זייערע אויגען האָט זיך א פייכטער גלאַנץ אָנגעצונדען און דאָס בעסטיאַלישע האָט דאָרט שטום געכרוקעט, ווי א חזיר אין בלאָטע...

„קיד דזשאָו" האָט פּלוצים אַרומגענומען דזשוליע'ן און זי א קוש געטאָן און דערנאָך האָט דזשוליע מיט לואי'ן זיך גענומען קושען...

די אַלטע מיסעס גוטמאַן. האָט זיך, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען צונויפגעקאָרטשעט, אַרונטערגעלאָזט מיט א שווערען

זיפֿץ אויף אַ שטול, די הענט נאָר האָט זי אוועקגענומען פֿון איהרע אויערען, אין וועלכע דער מורא'דיגער געשריי האָט נאָך געהילכט...

אין איהר פֿאַרבערעכערישען לעבען האָט זי גענוג געהערט אַזעלכע פֿאַרצווייפֿעלטע געשרייען פֿון אַזוינע קרבנות, נאָר זיי אַלע אין איינעם וואָלטען זי אזוי ניט צעטומעלט און צערודערט ווי דער דאָזיגער איין געשריי...

באַהערשט איצט פֿון איהר רעליגיעזען, אָדער ריכטיגער, פֿון איהר אבערגלויבישען געפֿיהל, מעהר איידער ווען עס איז פֿריהער דורך ווילי'ס רייד און האַנדלונג און באַזונדערס נאָך ווייל פֿעני איז געווען אַ קינד פֿון אַ טאַטען, וועלכער איז דער'הרג'עט געוואָרען אין אַ פּאָגראָם, האָט זי איצט אמת'דיג געליטען. אַזוינע אידישע קדושים, ווי פֿעני'ס טאַטע, האָבען אפילו אין אַזעלכע פֿאַרזומפּטע נשמות, ווי מיסעס גוטמאַן, אויך געוועקט באַזונדערע געפֿיהלען פֿון פֿאַרהייליגונג. איצט זענען די דאָזיגע געפֿיהלען אין איהר אויפֿגעוועקט געווען באַזונדערס שאַרף, און זיי האָבען איהר געטומעלט און געשראָקען.

„פֿאַרוואָס האָט ער דאָרט געשוויגען?" האָט זי שטיל געמורמעלט און זיך געשאָקעלט מיט'ן גאַנצען שווערען גוף „פֿאַרוואָס האָט ער דאָרט געשוויגען?"

באַלד האָט זיך איהר גענומען אויסווייזען, אז ער, דער דער'הרג'עטער טאַטע, שטעהט הינטער איהר רוקען און ער אָטעמט אויף איהר מיט דער קעלט פֿון טויט.

זי האָט זיך נאָך מעהר צונויפֿגעקאָרטשעט אויפ'ן שטול, מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן הינטער איהר.

„איך בין ניט שולדיג, אַ וועהטאָג איז מיר," האָט זי געפּליסטערט צעטומעלט, אזוי ווי זי וואָלט זיך פֿאַרענטפֿער־רען פֿאַר יענעם „געוואָלט זי ראַטעווען... גאָט איז מיין עדות... געלט געוואָלט געבען... שלאָגען זיך מיט איהם האָב איך קיין כח ניט געהאַט..."

דאָ האָט זי דערהערט דזשוליע'ס קול, וואָס האָט אין איהרע אויערען אָפּגעקלונגען, ווי פֿון הינטער דער וואַנט.

— איך וועל איהר אַרויפֿטראָגען דיימאַנדקעס בילד, וואו ער איז מיט רייטשלען... ביז ער קומט צוריק, זאָל

זי איהם קאָנען; זאָל זי וויסען, אז ער איז ניט בעסער איידער די „בייבי"...

און גלייך האָט פאַר מיסעס גוטמאַן, ווי דורך א נעבעל, א שוועב געטאָן א שענדליך בילד פון ווילי'ן און פון איינער פון די מיידלאַך, וואָס זי, מיסעס גוטמאַן, האָט שוין א סך מאָל געהאַלטען אין איהרע הענט און אויך אַנדערע עס גע־וויזען, און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם און געגומען מורמלען:

— ער, ער, נאָר דער רוצח!—האָט זי געמורמעלט, אַזוי ווי זי וואָלט אָנגעוויזען דעם דער'הרג'עטען, וועלכען זי האָט געפיהלט הינטער זיך, אויף דעם אמת שולדיגען, — ער האָט זי דאָך געבראַכט אהער צוליב דעם, דער גזלן, דער רוצח! פאַרוואָס האָט ער זי פריהער ניט געוואָלט ראַטעווען, איידער ער האָט זי פאַרשלעפּט אהער?—האָט זי גע'טענה'ט ווייטער און געפיהלט דערביי, ווי געדעכט זי איז און ווי די שווערע משא אויף איהר נשמה ווערט אַלץ גרינגער און גרינגער—נאָר ער, ער איז שולדיג... איך האָב זי געוואָלט ראַטעווען... געלט געוואָלט געבען... וואָס נאָך האָב איך געקענט טאָן?...

מיט אמאָל האָט זי דערהערט פון א ווינקעל אין איהר נשמה:

„אָבער ווער האָט זי באַקענט מיט איהם? ווער האָט זי צונויפגעבראַכט?"...

און זי איז ווידער צעטומעלט געוואָרען, און די משא אויף איהר נשמה האָט זיך נאָך שווערער אוועקגעלייגט...

— שוין אַזאַ פּרנסה! — האָט זי אַרויסגעמורמעלט.

פּלוצים איז זי אַנטשוויגען געוואָרען און האָט אויסגע־שטעלט איהרע אויגען, וועלכע זענען געוואָרען אַלץ גרעסער און צעשראָקענער, אויפ'ן ווייסען האַנדטוך, וואָס איז גע־האַנגען אויף דער טיר פון דעם הינטערשטען טונקעלען צימער.

איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז פון הינטער יענער טיר קוקט עמיצער אַרויס אין ווייסע תכריכים, און באַלד — אַז זי זעהט א צעבלוטיגטען, צעשפּאָלטענעם קאָפּ און אויגען מיט שערבלאַך...

דער קול איז ביי איהר אין האַלז פאַרשטיקט געוואָרען...

פאַרביי איהר זענען דורכגעגאַנגען דזשוליע מיט א בילד אין דער האַנט און קיד דזשאָ און לואי. זיי זענען אַלע אַוועק אַרויף די טרעפּ און זיי האָבען זיך איהר אויסגעוויזען, ווי בילדער פון א קינעמאַטאָגראַף, וועלכע וואָלטען פאַרביי־געשוועבט פאַר איהרע אויגען.

און מיט איהרע צעטומעלטע, אויסגעגלאָצטע אויגען האָט זי זיך דאַן אַרומגעקוקט: קיינער איז ניט געווען אין צימער, און נאָך א גרעסערער פּחד האָט זי אָנגעכאַפּט.

מיט מיה האָט זי זיך דערנאָך אויפגעהויבען פון איהר' שטול צונויפגעקאָרטשעט און מורא געהאַט א קוק צו טאָן אויף דער טיר פו'נ'ם הינטערשטען טונקעלען צימער.

אין א ווײַלע אַרום, ווען אין הויז זענען אריינגעקומען די צוויי גענגסטער־אַטאַמאַנען, „מאַנקי דזשאָן" און „קיד דעיגאָ," האָט זי אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אפילו צעטומעלט א שמייכעל געטאָן צו זיי. מיט זיי אין הויז האָט זי ניט געדאַרפט מורא האָבען, אפילו פאַר א טויטען מיט א צע־שפּאָלטענעם קאָפּ או'יך ניט!...

און אַז זי האָט איצט אַ קוק געטאָן אויף דער טיר, האָט זי דייטליך דערזעהן, וואָס דאָס ווייסע איז געווען, און זי האָט א טראַכט געטאָן:

„צו מיינע שונאים'ס קעפּ!... א האַנדטוך!"...

„מאַנקי דזשאָן," דער אַטאַמאַן פון די אידישע גענג־סטער, מיט'ן ריין־ראַזירטען, רויטען, גראָבען פּנים און מיט'ן פליך אויפ'ן קאָפּ, האָט געקוקט אויף איהר מיט זיינע רוהיגע אויגען, אין וועלכע א קאַלטער בליאַסק, ווי א שטאָלענער, האָט געלויכטען. אין די הענט האָט ער געהאַלטען זיין ברוינעם הוט. און דער ברייט־אַקסעלדיגער „קיד דעיגאָ" — דער אַטאַמאַן פון די איטאַליענישע גענגסטער, מיט'ן ברײַ־טען שוואַרצען הוט איבער'ן שטערן, האָט געדרעהט זיין קאָפּ מיט די שוואַרצע, שטעכיגע אויגען און גרויסע שוואַרצע וואָנצעס אויף אַלע זייטען און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַזוי ווי ער וואָלט אין דער לופט געשמעקט ווי א געיעג־הונט...

— וואָס איז דער מעהר, אַלטע? — האָט „מאַנקי דזשאָן" אַרויסגערעדט אין זיין געוועהנליכען גדלותדיגען טאָן —

פאַרוואָס איז דאָ עפּעס אַזוי שטיל? וואו זענען זיי? מען האָט אונז טעלעפאָנירט מיט אַ שעה און אַ האַלב צוריק, מיר האָבען אָבער ניט געקענט באַלד קומען.

די אַלטע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַ גדולה אויף דיר, דערצעהל מיר ניט. איך וויל ניט וויסען. איך וועל בעסער אַוועקגעהן... פאַרפאַלען!

און זי האָט זיך געלאָזט געהן צום אַרויסגאַנג, און ווען זי איז איצט פאַרבייגעגאַנגען די טיר, הינטער וועלכער דער ווייסער האַנדטוך איז געהאַנגען, האָט זי איצט אויך פון דאָרט צעטומעלט אַוועקגעדרעהט די אויגען.

זי איז אַרויס פון הויז.

— וואָס איז דער מעהר מיט דער אַלטער? — האָט „מאַנקי דזשאָן" אַרויסגערעדט, און אַ געשריי געטאָן:

— העי, וואו זענט איהר דאָרט? דזשוליע!...

און ער האָט שניידענדיג אַ פייף געטאָן און נאָך איהם „קיד דעיגאָ."

און גלייך האָבען זיך דערהערט טריט פון די טרעפּ, און דזשוליע איז אַרונטערגעקומען.

זי האָט ציניש געשמייכעלט.

— העלאָו, באָיס! — האָט זי זיי באַגריסט — מזל טוב!...

— די בייבי? — האָט „מאַנקי דזשאָן" זיך אָנגערופען.

— ווער דען? — האָט זי זיך צעלאַכט — איהר האָט איהם געדאַרפט אָנקוקען, ווי ער זעהט אויס! זי האָט איהם שיער אַ פינגער אָפּגעביסען...

„מאַנקי דזשאָן" און „קיד דעיגאָ" האָבען זיך איבערגע־קוקט און אין ביידענס אויגען האָט זיך עפּעס אָנגעצונדען.

— אַרויפגעהן? — האָט „מאַנקי דזשאָן" זיך אָנגערופען.

— קום! — האָט „קיד דעיגאָ" געזאָגט.

— ניט איצט — האָט דזשוליע זיי אָפּגעהאַלטען — זי איז האַלב טויט. מען האָט זי ערשט אָפּגעמינטערט. מען האָט איהר דאָרט געוויזען אַ בילד פון איהר „מאַן" מיט עמיצען, האָט דאָס זי נאָך מעהר דער׳הרג׳עט, ווי די גאַנצע חתונה... ווי צעטומעלט און אָהן כחות זי איז ניט געווען, האָט זי זיך אויפגעזעצט אויפ׳ן בעט, געקוקט אויפ׳ן בילד און דערנאָך — בוכע מיט׳ן קאָפּ אין קישען, מיר האָבען זי

קוים אָפּגעמינטערט... פונדעסטוועגן דאַרף מען טעלע־פאָנירן נאָך אונזער דאָקטאָר...

פון די טרעפּ האָבן זיך דערהערט שווערע טריט.

— אָט קומט ער! איהר וועט עפּעס זעהן — האָט דזשוליע זיך א כאַפּ געטאָן מיט געלעכטער.

די „בייבי" איז אַרונטערגעקומען מיט זיין רוהיגען, שווערען, אומגעלומפּערטען גאַנג און האָט גוטמוטיג געזשמור־רעט זיינע אויגען, אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט גאָר ניט פּאַסירט. נאָר דער פּנים איז ביי איהם געווען איינגאַנצען צעקראַצט און אויף איין אַקסעל איז געווען צעריסען דאָס העמד און א פינגער פון דער רעכטער האַנט איז געווען איבערגעבונדען.

די ביידע גענגסטער־אַטאַמאַנען האָבן זיך צעלאַכט.

— בייבי, ווי דו זעהסט אוים!

ער האָט גוטמוטיג אָרויסגעברומט:

— ע טאַף דזשאָב געהאַט, דעמעט! וואו איז די אַלטע? זי האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט זיין א סקאַנדאַל...

דזשוליע האָט זיך אומגעקוקט.

— וואו איז זי? זי האָט דאָך איהם ניט געלאָזט געהן. ווייסט זי דער טייפעל פאַרוואָס. צי ווייל די פרומקייט האָט זי אָנגעכאַפּט, צי ווייל זי האָט געהאַט עפּעס אַנדערש אין זינען. די בייבי אָבער האָט איהר אַזאַ שטויס געגעבען פון זיך, אַז עס איז נאָר א וואונדער, ווי זי האָט ניט געבראָ־כען האַלז און נאַקען!

די „בייבי" האָט זיך אָנגערופען:

— עס פאַרדריסט מיך. איך האָב עס ניט געדאַרפט טאָן. פאַר מיסעם גוטמאַן האָב איך רעספּעקט אַלע מאָל. דעמעט, עס פאַרדריסט מיך!

— עה! — האָט דזשוליע געזאָגט — זאָל דאָס דיך ניט פאַרדריסען. עס שאַדט ניט, אַז זי זאָל אַמאָל כאַפּען איבער דער שנוצע. זי איז א היפּאָקריטקע. אַזוינע האָב איך פיינט. מיט די אויגען גלאָצט זי צו גאָט און מיט די הענט נעהמט זי געלט פון די ביזנעס. זאָל זי געהן אין די העל, אַזאַ היפּאָקריטקע!...

לואי און „קיד דזשאָו" זענען אַרונטערגעקומען פון אויבען.

— פאַרשפּאַרט איהר רום? — האָט דזשוליע זיך גע־ווענדט צו זיי.

— צוגעשלאָסען — האָט „קיד דזשאָו“ געענטפערט. און מיט אַמאָל איז ער געוואָרען אומרוהיג.

— סעי, באָיס — האָט ער זיך אָנגערופען — און אַז איהם האָבען מיר פאַרגעסען... ער וועט דאָך... דזשי!...

— האָב גאָר ניט מורא — האָט די „בייבי“ ארויסגעברומט — איך האָב עס געטאָן, און זאָל ער זיך פייטען מיט מיר! באָיס, אַ פּאָוקער!...

— געהט עס! — האָט „מאַנקי דזשאָן“ אונטערגעכאַפּט — דזשוליע, קאָרטען און קאָניאַק!

און באַלד האָט זיך דער קאָרטען־שפּיעל צעברענט. לעבען יעדען איז געלעגען אַ פּעקעל געלט און יעדער האָט געשפּילט אויף זיין באַזונדערען אופן. די „בייבי,“ מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל אויף זיין צעקראַצטען פּנים און מיט פאַרזשמורעטע אויגען, ווי ביי אַן אָנגעזעטיגטען הונט, וואָס ליגט אויף אַלע פיער אויף דער זון; לואי אויפגערעגט, מיט דער אונטערשטער, צעשפּאָלטענער ליפּ אַרונטערגעלאָזט; „קיד דזשאָו“ האָט געוואָרפען יעדע ווייַלע זיין רויט, אויסגעטשירעט אויג אויף זיינע מיטשפּילער אַרום איהם און פון זיי אויף זיינע קאָרטען און ווען זיין קאָרט איז איהם ניט געווען געפעלען, האָט ער אַ קנאַק געטאָן מיט׳ן צונג אַז זיין גומען, אַוועקגעוואָרפען די קאָרטען און זיך אָנגעגאָסען אַ גלעזעל קאָניאַק און אויסגעטרונקען און ווידער אַ קנאַק געטאָן מיט׳ן צונג; „קיד דעיגאָ“ האָט, האַלטענדיג די קאָרטען, געפּייפט אַן אַריע פון אַן איטאַליענישער אָפּערא און צוגעקלאַפּט מיט אַ פוס אונטער׳ן טיש; „מאַנקי דזשאָן“ איז געזעסען מיט אָנגעבלאָזענע ליפּען און געקוקט אין זיינע קאָרטען מיט אַזאַ מינע, אַזוי ווי ער וואָלט אַרומגעטראַכט עפּעס אַ שווערע פילאָזאָפישע פּראָבלעם; און דזשוליע האָט מיט אַ כיטרער מינע געקוקט יעדען אין פּנים אַריין און זיך באַמיהט צו טרעפען וואָס פאַר אַ קאָרט יעדער פון זיי האָט געהאַט.

— מיט אַ דאָלאַר מעהר!

— אָפּגעגעבען!

— איך אויך!

— איך מאַך צוויי!

— סעי, דו בלאָפסט!

— מיינע דאָלאַרס בלאָפען ניט!

— גיב אַ ניינטעל!

— מיר אַ פינפטעל!

אַ שמוציגע זידלעריי, און אַ וואַרף מיט כעס די קאָרטען אויפ'ן טיש.

— כאַ! כאַ! כאַ! — האָט געלאַכט דער געווינער.

די אַנדערע האָבען זיך געזידעלט שמוציג און פון זייערע מיילער זענען געפאַלען ווערטער, ווי שטיקער בלאָטע. די לופט אַרום זיי איז ווי אָנגעזאָפּט געוואָרען מיט אַ שווערען גערוך.

„מאַנקי דזשאָן" האָט זיך נאָך מעהר געזידעלט איידער די אַנדערע, אָבער רוהיג, קאַלטבלוטיג און אין זיין גדלות'דיגען טאָן.

וועגען דעם פאַרברעכען, וואָס איז ערשט ניט לאַנג באַגאַנגען געוואָרען, האָט קיינער פון זיי איצט ניט געטראַכט — דאָס איז ביי זיי געווען אַ געוועהנליכע, טאָג־טעגליכע געשיכטע...

12.

דער קאָשמאַר

ווען ווילי איז געקומען צו זיין ברודער אַהיים, האָט ער אויסער ברוד'ן דאָרט געטראָפען זיין טאַטען אויך. אין האַרצען האָט איהם אַ האַק געטאָן, בעת ער האָט זיי דערזעהן, און דער פּנים האָט זיך ביי איהם אָנגעצונדען און ער האָט קיין מוט ניט געהאַט זיי צו קוקען אין די אויגען. און די ווערטער וואָס ער האָט אָנגעגרייט, האָבען אויסגעטריקענט אין זיין מוח...

מיט אַמאָל האָט ער דערהערט זיין טאַטען'ס קול:

— זעהט נאַר, ווער עס איז דאָ? אונזער מלאך המות!

און תיכף האָט ער דערזעהן פאַר זיך דעם בלייבען פּנים פון זיין ברודער ברוך מיט גרויסע, פאַרוואונדערטע אויגען. ער האָט איהם געפרעגט שטיל, אין אַ פרעמדען טאָן:

— סער?...

— וועל?—האָט ווידער געפרעגט ברוך'ס פרעמדער קול. קיין ווערטער.

— וועל? — האָט ווידער געפרעגט ברוכ'ס פרעמדער קול.

דאן ערשט האט ווילי געפונען זיינע ווערטער און זיי ארויסגערעדט מיט טרערן אין די אויגן.:

— טרייב מיך ניט, ברוך, איך וויל... איך בין געקו־מען... איך וויל ווערן א מענש, אז איהר זאלט זיך ניט דארפען שעמען מיט מיר...

און ווייטער האט ער ניט געקענט רעדען. טרערן האָ־בען איהם געשטיקט.

האט איהם ברוך נאך מעהר פארוואונדערט אָנגעקוקט און דער טאטע האט זיך אויך צוגערוקט נעהנטער.

— וואס וויל ער, ברוך? — האט דער אלטער זיך אָנ־גערופען.

האט ווילי גערעדט ווייטער אין א געבראכענעם טאָן:

— א סך יסורים האָב איך אייך אלעמען פארשאפט. דער גרעסטער אויסוואורף בין איך געווען. שיסען האט מען מיך געדארפט, ווי א משוגענעם הונט, ביז... ביז... איך האב געטראָפען איינע, די ריינקייט, די גוטסקייט, די עהר־ליכקייט אליין... ברוך, זי איז... זי איז... זי פאסט צו זיינע דיינע א שוועסטער... דעם טאטענ׳ס א טאָכ־טער... איך האב זי ליעב... משוגע... זי מיינט, אז איך בין אן אָנשטענדיגער מענש, זי זאל מיך קאָנען ליב האָבען... זי איז א גרינע, האט ניט קיין עלטערן, וויל איך איהר געבען עלטערן... ברוך, דו וועסט זי ליב האָבען. דער טאטע וועט זי ליב האָבען, די מאמע, אלע, אלע... האָב רחמנות. איך אליין האב זי אריינגעשלעפט צווישען אויסוואורפען און לומפען. זי ווייסט נאך ניט, וואו זי געפינט זיך. זי איז נאך ניט פארלאָרען. איך וויל זי ארויסראטעווען. איך מוז זי ארויסראטעווען. העלף מיר, ברוך, העלף מיר, אויב ניט צוליב מיר, טאָ צוליב איהר. זי איז אן ארבייטערין און קאן דיך!...

ברוך האט זיך אומגעקוקט אויף זיין טאטען און אויפ־געדעגט ארויסגערעדט.

— טאטע, דו הערסט?

און באלד האט ווילי דערזעהן פאר זיך זיין טאטען. די ווייסע, ברייטע באָרד האט זיך ביים אלטען געטרייסעלט און די ליפען האָבען געציטערט, ווי זיין קול:

— איז דאס אמת? הא, וואס איז דאס? אפשר טאקע!

דו האסט חרטה, הא? ווילסט ווערען א מענש, אויס עובר־ישראל?... דאס הארץ זאגט מיר, אז דאס איז אמת. מיט סתם א באיקע איז ער דאך ניט געקומען אהער! הער נאר... זאג... זאג... וואס אן ערך?... ברוך, אפשר האט וואס זאל באקעהרען דאס הארץ פון דעם רוצח, הא? פרעג וואס זאל באקעהרען דאס הארץ פון דעם רוצח הא? פרעג איהם, ברוך, וואס וויל ער, זאל מען טאן?

— איך וויל, טאטע, דו זאלסט מיר מוחל זיין און זי אויפנעמען ווי דיינס א קינד אין דיין הויז. איך וועל אר־בייטען, זוכען צו פארדינען עהרליך ברויט פאר אונזביידען. נעהם זי נאר דערווייל אריין צו זיך אין הויז.

האט ברוך זיך אנגערופען:

— אויב דאס איז אזוי ווי דו זאגסט, וועלען מיר זי אריינגעמען; איך וועל זי אריינגעמען צו זיך...

און דער אלטער טאטע האט א פאטש געטאן אין די הענט.

— געוואלד, רבונו של עולם, איז דאס טאקע אמת? שלמה'קעלע — האט ער זיך אווארף געטאן צו ווילי'ן — אויב דו מיינסט עס טאקע מיט'ן גאנצען הארצען... שלמה'קעלע, דעם לעצטען ביסען וועל איך אייך אפגעבען. נאר ווער אויס רוצח, ווער אויס הפקר־יונג. געה ברענג זי, ברענג זי אהער... ברענג זי צו מיר... טייער ווי דאס שווארץ־אפעל פון די אויגען וועט זי אונז זיין. אויב זי האט דיך נאר געמאכט פאר א מענשען. געה, ברענג זי, איך וועל דא ווארטען!

האט זיך ווילי א ווארף געטאן צו זיין טאטען, איהם געקושט די הענט און ארויסגערעדט מיט טרערען אין די אויגען:

— דו וועסט זעהן, טאטע, דו וועסט זעהן... פאר אלע אייערע יסורים... דו וועסט זעהן!

און ער איז ארויסגעלאפען פון זיין ברודער'ס הויז, ווי אויף פליגעל וואלט ער זיך געטראגען, און אין זיין נשמה האבען געהוליעט און געזונגען די בעסטע, די ווארימסטע געפיהלען, און אזוי גוט האט ער זיך געפיהלט, אזוי עהרליך און אנשטענדיג, גאר א ניי־געבוירענער מענש!

זיין טאטע וועט פון איהם נאך א סך נחת האבען,

זיין מאמע, זיי אַלע, אַלע. און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי ער קומט אריין צו מיסעס גוטמאַן אין הויז און זאָגט צו פעני'ן: „קום צו מיין טאַטען!" און ער ברענגט זי דער־נאָך צו זיין טאַטע'ן אין הויז און זיי אַלע זענען אַזוי פאַר־וואונדערט פון איהר שעהנקייט און ריינקייט...

ער האָט זיך געזעצט אויף אַ קאַר — ווי לאַנגזאַם זי האָט זיך געשלעפּט! ער — האָט זיך איהם געדאַכט, וואָלט גיכער דאָרט געקענט זיין, ווען ער וואָלט געגאַנגען צו־פוס...

— קאָנדוקטאָר, טייפעל, קלינג אָן, זאָל די קאַר זיך טראָגען שנעלער! — האָט זיך איהם געוואָלט אויסשרייען.

ער האָט ניט אויסגעהאַלטען, איז אַרונטער פון דער קאַר, האָט געכאַפּט אַ טעקסי און געהייסען דעם שאָופער צו פאָהרען שנעל...

אַ דאַנק גאָט, צוגעפאָהרען צו מיסעס גוטמאַנ'ס הויז! און מיט אימפּעט איז ער אריינגעלאָפען אין קארידאָר פונ'ם טענעמענט־הויז, ניט געפיהלט די פיס אונטער זיך, און אין האַרצען האָט איהם געהאַקט, געהאַקט פאַר אויפרעגונג און אומגעדולד.

מייביל האָט איהם געעפענט די טיר.

— וואו איז פעני? — האָט ער פאַרסאָפּעט געפרעגט.

האָט זיך מייביל ציניש צעלאַכט און געענטפערט:

— דו ווייסט דען ניט, וואו זי איז?

איז ער צעטומעלט געוואָרען.

— זי האָט דאָ געדאַרפט זיין מיט מיסעס גוטמאַן — האָט ער אַרויסגעמורמעלט.

האָט מייביל זיך אָנגערופען:

— זיי ניט קיין „דעם פול," דיימאָנד. זי איז דאָרט, וואוהין דו האָסט זי פאַרשלעפּט, און דאָרט וועט זי בלייבען. זי איז ניט בעסער פון די אַנדערע, וועלכע דו אַליין האָסט איינגעבראָכען!...

אַזוי ווי זי וואָלט איהם דערלאַנגט מיט אַ שווערען האַמער איבער'ן קאָפּ, און ער האָט אויף אַ רגע פאַרלאָרען דעם לשון. דערנאָך האָט זיך זיין האַנט פון זיך אַליין אַ ריס געטאָן צו מייביל'ן, אָבער זי איז פלינק, ווי אַ קאַץ, אָפּגע־שפּרונגען פון איהם, האָט זיך אוועקגעשטעלט הינטער'ן טיש און זיך צעלאַכט אויף אַ קול.

און דאַ האָט ער זיך ראַפּטאַם אַ וואָרף געטאָן דורך דער טיר, איבערגעלאָזט זי הינטער זיך אָפן, איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס און קיינעם און גאָרנישט ניט געזעהן פאַר זיך, און איין געדאַנק, ווי אַ גליהענדיג שטיק פייער, האָט געברענט און געצונדען זיין מוח: די אַלטע האָט איהם באַטראָגען, אונטערגעפיהרט!...

און פאַר זיינע אויגען האָבען זיך געמישט פעני און די „בייבי" און דזשוליע, און „קיד דזשאָו" — ער וועט זיי דער'הרג'ענען!...

„פעני! פעני!" האָט געשריען אין זיין נשמה מיט באַנומענע קולות.

און דאַן האָט ער דערזעהן פון וויטען דאָס הויז. עס האָט אויסגעזעהן אַזוי רוהיג, און אַ האָפענונג האָט זיך מיט אַמאָל דערוועקט אין איהם. אפשר איז מיסעס גוטמאַן אַוועק שפּאַצירען מיט איהר? עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז מען זאָל פעני'ן אויך... ניין, דאָס הויז וואָלט דאַן ניט געשטאַנען אַזוי רוהיג. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די ווענט אינאיינעם מיט'ן דאַך, וואָלטען דעמאָלט געשריען, וואָלטען דעמאָלט געגוואַלדעוועט אויף דער גאַנצער גאַס!...

געוויס, זיכער איז זי ערגיץ אַוועק מיט מיסעס גוטמאַן. די אַלטע האָט איהם צוגעזאָגט אין אַזאַ טאָן. ער קאָן זי. זי איז אַן אויסוואָורף, אָבער פאַר גאָט האָט זי מורא און פאַר איהם אויך.

אויף דער נשמה איז איהם געוואָרען גרינגער, גרינגער...

* * *

פון גאַס איז אַריינגעלאָפען מיסעס גוטמאַן מיט אַ צע־שראָקענעם פנים.

— קינדערלאַך, ער געהט! — האָט זי אַרויסגערעדט פאַרסאָפּעט — אַ גדולה אויף אייך, ער וועט מיך דער־הרגענען!

אַלע ביים קאָרטענטיש זענען מיט אַמאָל שטיל געוואָרען און האָבען זיך אומגעקוקט אויף איהר. „קיד דזשאָו" האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין געלט פונ'ם טיש און מיט די ווערטער: „ער איז מיין בעסטער פריינד, כ'וועל זיך מיט איהם ניט פייטען," האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון הינטער'ן טיש און איז אַריינגעלאָפען אין דעם טונקעלען הינטערשטען צימער. דזשוליע האָט צעמישט אַרויסגעמורמעלט: „נו, געהט ער!

ווער האט עס פאר איהם מורא!" פונדעסטוועגען האט זי זיך אויפגעהויבען פון איהר ארט און זיך איבערגעזעצט אויף „קיד דזשאו'ס" פלאץ אויף דער אנדערער זייט טיש און געווארפען אומרוהיגע בליקען דא אויף „מאנקי דזשאן", דא אויך „קיד דעיגא" און דא אויף דער „בייבי."

דאן האט די „בייבי" ארויסגעברומט:

— אלטע, האב ניט מורא, איך האב עס געטאן. זעץ זיך דארט און איך בעט דיך, דו זאלסט מיר עקסקיוזען פאר דעם שטויס. איך האב ניט געמיינט... נו, קארטען, קארטען, דעמעט, וואס האט איהר זיך דערשראקען?

„מאנקי דזשאן" האט מיט זעלבסטווירדע א שמייכעל געטאן און געזאגט אין זיין גדלות'דיגען טאן:

— דערשראקען זיך? דו מיינסט דאך ניט, אז איך האב זיך דערשראקען? דיימאנד איז ניט קיין טייפעל און פאר דעם טייפעל שרעק איך זיך אויך ניט! נו, שפּילען! שפּילען.

ער האט אריינגענומען דאס פעקעל קארטען אין די הענט און עס אנגעהויבען צו טאשען.

און דא איז ווילי אריינגעקומען.

ער האט דערזעהן די חברה, איז ער געבליבען שטעהן צעטומעלט און האט א רגע זיי אלעמען שטום אנגעקוקט. דערנאך האט ער אנגעשטעלט זיינע צעטומעלטע אויגען אויף מיסעס גוטמאן, וועלכע האט זיך צוגערוקט צו „מאנקי דזשאן" און איז מיט אראפגעלאזטע אויגען געשטאנען לעבען איהם...

מיט אמאל איז ווילי'ן אלצדינג קלאר געווארען, און אין קאפ האט איהם א זעץ געטאן עפּעס שווערס און ברענענדיגס, אזש אין זיינע אויערען האט גענומען הילכען און פאר זיינע אויגען האבען זיך אלע און אלצדינג גענומען דרעהען און וויגען. און ער האט אליין ניט געהערט דעם ווילדען קרעכץ, וואס האט זיך ארויסגעריסען פון זיין הארץ.

אלע האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און געקוקט אויף איהם, ווער פארוואונדערט און צעמישט פון זיין קרעכץ און אויסזעהן, און ווער ערנסט און פינסטער, גרייט צו שלאגען זיך.

א ווײלע האט קיינער פון זיי קיין ווארט ניט ארויסגערעדט און ס'איז געווען אזוי שטיל, אז מען האט געהערט

ווילי׳ס שווערע סאפּען, דעם סאפּען פון זיין גאנצען קערפּער, דעם פלאקער פון זיין צעפלאמטען פּנים, האט זיך געדאכט, האט מען געהערט טרעשטשען, און די משוגענע פארצווייפלונג, וואס האט פון זיינע צעטומעלטע אויגען ארויסגעשריען...

און דא איז „מאנקי דזשאן״ צוגעגאנגען צו איהם און האט איהם ארויפגעלייגט די האנט אויפ׳ן אקסעל און רוהיג ארויסגערעדט:

— וואס איז דער מעהר, וואס איז דער מעהר, באי? פארוואס קוקסטו אזוי? פארוואס זאגסטו ניט „העלאו״? דערקענסט שוין ניט דיינע אלטע פריינד, הע?

ווילי האט געקוקט אויף איהם מיט זיינע אויגען, ווי ביי איינעם, וואס האט פארלארען דעם זינען, און שווער געסאפּעט. דערנאך האט ער, ווי מיט זיינע לעצטע כחות, הייזעריג ארויסגעפּליסטערט:

— וואו איז זי?...

— ווער?...

— מיין פעני...

און „מאנקי דזשאן״ האט איהם רוהיג געענטפערט:

— זי איז אויבען. פארטיג געמאכט זי פאר ביזנעס...

ווילי האט ווילד א הויב געטאן זיין האנט איבער איהם, ווי ער וואלט איהם געוואלט אנכאפּען ביים גארגעל, די האנט איז אבער געבליבען פארגליווערט אין דער לופטען און ער איז אינגאנצען געבליבען שטעהן אויף איין ארט ווי פארגליווערט. אפילו זיינע אויסגעגלאצטע אויגען זיינען אויך ווי פארגליווערט געווארען אין זייערע ארביטען, קיין ריהר האבען זיי זיך ניט געטאן.

„מאנקי דזשאן״ האט זיך צעלאכט.

און מיט אמאל האט זיך ביי ווילי׳ן ארויסגעריסען א געשריי: „פ ע נ י!״ אזוי ווי פון זיין גאנצען קערפּער האט זיך דער דאזיגער געשריי ארויסגעריסען, אזוי ווי יעדער אבר זיינער וואלט עס אויסגעשריען, און אזוי מורא׳דיג האט אפּגעהילכט דער דאזיגער געשריי, אז אלע האבען אומווילענדיג זיך א טרייסעל געטאן און מיסעס גוטמאן האט זיך נאך נעהנטער צוגערוקט צו „קיד דעיגא.״

דערנאך האט זיך ווילי א ריס געטאן פון זיין ארט מיט א האסטיגקייט פון א משוגענעם און מיט א צעקרימטען און

פלאַם־פייערדיגען פנים און ווילדע אויגען האָט ער זיך ארויף אויף די טרעפּ געלאָזט לויפען.

ער איז אריינגעלאָפען אין דעם שלאָף־צימער, וואו ער האָט זי פריהער איבערגעלאָזט, האָט געוואָרפען ווילדע בליקען ארום זיך און, ווי דורך א נעבעל, האָט פאר זיינע אויגען א מיניע געטאָן דאָס ליידיגע בעט מיט די קישענס און דער דעקע דערביי אויף דער ערד, דער בליאסק פון די שפּיגלען. זי אָבער איז דאָרט ניט געווען....

— פעני! — האָט זיך ביי איהם ווידער ארויסגעריסען, און ער אליין האָט זיין קול ניט געהערט און ניט געפיהלט די פּיס אונטער זיך, בעת ער איז פון דאָרט צוריק ארויסגעלאָפען און האָט זיך אָנגעשטויסען אָן דער אָנטקעגענדיגער צוגעשלאָסענער טיר מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס האָט איהם א שליידער געטאָן צוריק, און אויף א רגע איז ער שטעהן געבליבען און געקומען צו זיך.

ער האָט די צוגעשלאָסענע טיר א שטויס געטאָן מיט די הענט און קני, דערנאָך מיט זיין אַקסעל און זי אויפגעריסען.

און אין דער האַלב־טונקעלקייט פון׳ם צימער האָט ער דערזעהן א בעט און דאָרט.....

ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, האָט זיך קיין ריהר ניט געטאָן, אזוי ווי אלע זיינע אברים וואָלטען מיט אַמאָל פּאַראַלאַזירט געוואָרען און דער קרעכץ, וואָס האָט זיך פון זיין נשמה ארויסגעריסען, איז אין זיין האַלז פּאַרשטיקט געוואָרען.

זי איז דאָרט געלעגען, זיין פעני, כמעט אינגאַנצען נאַקעט. די רעכטע באַק מיט׳ן אויג אינגאַנצען פארשוואָלען און דאָס לינקע אויג, ווי א גלעזערנע, אָהן דער מינדסטער באַוועגונג, ווייט אויסגעגלאָצט אויף איהם. איהר קערפּער און שטערען זיינען בלייך געווען, ווי קאַלטער מארמאָר, און פון איהרע עטוואָס־פאַנאַנדערגעעפענטע ליפען האָט א שטיינער הויך פון׳ם לעבען זיך געטראָגען, און די גאָלד־בלאָנדע האָר זיינען פארטשעפּעט געווען אָן דעם אייזערנעם צוקאָפּענס פון׳ם בעט, אזוי ווי א ווילדער שטורעם האָט זי אהין פארשליידערט און זיי זיינען געבליבען דאָרט הענגען...

און ווילי האָט זיך אַלץ ניט אַ ריהר געטאָן און דאָס גלעזערנע, ווייט אויסגעגלאָצטע אויג האָט געקוקט אויף איהם, געקוקט אַנגעשטרענגט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך ארויס־רייסען געזוכט פון עפּעס אַ מין הין־הער־פּלעט, און איהם האָט זיך אויסגעדאכט, אַז דאָס דאָזיגע שרעקליכע אויג קלאָגט זיך פאַר איהם: „ווילי, זעה, וואָס מען האָט געטאָן מיט מיר!“

און פּלוצים האָט פון אונטער זיין הארצען אַ הייסע כוואַליע זיך אַ הויב געטאָן, אין קאָפּ איהם אַ זעץ געטאָן און דורך די אויגען מיט טרערען ארויסגעשאָסען, און מיט אַ רעווען פון אַ געקוילעטען בוהאַי האָט ער זיך אַ וואָרף גע־טאָן צו איהר.

— ווער האָט עס געטאָן, ווער? ! זאָג, דערצעהל!...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן איהר האנד, און קאַלט איז זי געווען און איז געבליבען ליגען אין זיינער, ווי אַ טויטע. האָט ער אַ טאַפּ געטאָן איהר אַקסעל, איהר ברוסט — קאַלט, קאַלט....

האָט ער זיך אַ צאַפּעל געטאָן, ווי גרויס ער איז געווען, און מיט די קני אַן דר'ערד זיך אַ זעץ געטאָן, אַז די קראַנקע אינאיינעם מיט'ן בעט האָבען זיך אַ טרייסעל געטאָן, און ער איז צוגעפאַלען צו איהרע קאַלטע הענד, האָט זיי געקושט און גערעוועט:

—איך וועל משוגע ווערען! איך וועל משוגע ווערען! איך וועל משוגע ווערען!

אַזאַ אומגעריכטער קלאַפּ טיעף אין זיין נשמה אריין האָט איהם אינגאַנצען דעם מח איבערגעקעהרט. ער, ווילי, וואָס האָט ביז אהער שמייכלענדיג געקענט צונעמען די שווערסטע פיזישע קלעפּ מיט זיין שטאַרקען גוף, בעת ער האָט זיך אַמאָל געשלאָגען מיט איינעם פון דער „חברה“, איז ניט געוואוינט געווען צו אַ קלאַפּ אין דער נשמה... ער האָט אַזוי זעלטען זיין נשמה פריהער געפיהלט, סיידען אַמאָל, אַז ער האָט זיך אַן זיינע עלטערען דערמאָנט, וואָס זייער שוועל האָט ער ניט געטאָרט אריבערטרעטען, צי ווען ער האָט אַמאָל אַ בוך געליינט, וואָס האָט אויף איהם אַן איינ־דרוק געמאַכט. די לעצטע צייט ערשט, האָט ער זיין נשמה

שטענדיג געפיהלט, וועלכע אין דעם פלאם פון פעני'ס ליבע האט זיך אלץ מעהר און מעהר אפּגערייניגט פון איהר פסולת, פון דעם מורא'דיגען שמוץ, פון דעם טיעפען זומפּ, אין וועלכען זי איז פריהער פארזונקען געווען. בפרט נאך האט ער אזוי פיעל גוטסקייט און ווארעמקייט אין זיין נשמה געפיהלט אט ערשט טאקע בעת ער האט זיך מיט זיין טאטען און ברודער איבערגעבעטען....

און מיט אמאל....

ער האט ניט געוואוסט, וואס ער זאל טאן. אי יאמערען אויפ'ן קול האט זיך איהם געגלוסט, אי הרג'ענען זיך מיט זיי, אויף טויט זיך הרג'ענען, אי קלאפּען זיך דעם קאפּ אן דער וואנד. און אין דער אייגענער צייט אבער האט ער געפיהלט, אז ער האט קיין קרעפטען ניט געהאט אפילו פון די קני אויפצושטעהן, אזוי ווי אלע זיינע פריהערדיגע שטארקע כחות וואלט דער מורא'דיגער קלאפּ פון זיין קערפּער ארויסגעזעצט, און ער האט איהרע קאלטע הענד געקושט און געוועוועט.

און פלוצים האט ער דערהערט א שטיל פליסטערען. ער איז אויפגעשפּרונגען.

דאס גלעזערנע, ווייט־אויסגעגלאצטע אויג האט נאך אלץ געקוקט אויף איהם, און ווילי'ן האט זיך אויסגעוויזען. אז עס האט זיך איצט באוועגט און איהרע ליפּען האבען זיך אויך באוועגט און עפּעס געפליסטערט, וואס ער האט ניט געקענט פארשטעהן....

— וואס? וואס? — האט ער געמורמעלט פארצווייפעלט, — די „בייבי“?... „מאנקי זשאן“?...

און ער האט זיך ווידער ארונטערגעלאזט אויף די קניע.

— דערצעהל! איך וויל וויסען! איך בין ניט שולדיג, פעני. איך האב געמיינט עהרליך. איך בין געגאנגען צו מיין ברודער. איבערגעבעטען זיך מיט מיין טאטע'ן אויך. זיי ווארטען דארט אויף אונז, זיי ווארטען, זיי ווארטען! — האט ער מיט אמאל געגומען כריפּען, אנגעכאפּט דעם שווארצען לאקען פון זיין שטערען און געקלאפּט זיך דעם קאפּ אן

דעם אייזערנעם װענטעל פונ'ם בעט און זיך צערעװעט אָהן װערטער:

— א—א—א! א—א—א!...

און דאָ האָט ער װידער דערהערט א שנעלען פּליסטערן, דערנאָך א דײטליכען קול, װי פון א קראנקען קינד. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

זי איז האלב געזעסען אויפ'ן קישען, די בלאנדע האָר פּארריסען איבער'ן הויכען, אייזערנעם צוקאָפּענס פונ'ם בעטעל, הינטער איהר נאַקען, אזוי װי מען װאָלט זי פאר די דאָזיגע האָר צוגעהאלטען, אז זי זאָל ניט אנטלויפען, און די באק מיט'ן גלעזערנעם אויג האָט געברענט פלאם־פייער, און זי, די קראנקע, האָט געאָטעמט הייס און גיך — גיך, און עפּעס גערעדט, גערעדט.....

ער האָט זיך פון די קניע אויפגעהויבען, איז שיער צוריק ניט געפאלען, אזוי האָט זיך איהם אינ'ם קאָפּ געדרעהט. דערנאָך האָט ער באפרייט איהרע האָר פון דעם צוקאָפּענס און, בעת דעם האָט ער דערפיהלט, װי איהר קערפּער האָט געברענט.

„מען דארף א דאָקטאר... װאָס טוט מען?" — האָט אין איהם צוטומעלט געשריען, און ער האָט געװאָרפען ארום זיך פארצװייפעלטע בליקען, װי ער װאָלט געזוכט הילף פון ערגעץ.

— מאמע, ראטעװע! ער שלאָגט איבער'ן קאָפּ, איבער'ן קאָפּ! — האָט די קראנקע פלוצים גענומען קרעכצען און איז צוריקגעפאלען אויפ'ן קישען, און דאָס גלעזערנע אויג האָט זיך מיט שרעק געריסען פון אונטער'ן שטערען ארויס — ראטעװע! ראטעװע!....

דערנאָך איז זי אויף א װיילע שטיל געבליבען, דאָס אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איין פונקט, און דאן האָט זי זיך װידער א צאפּעל געטאָן מיט'ן גאנצען קערפּער און ארויסגעלאָזט א פארשטיקטען געשריי, װי מען װאָלט זי געװאָרגען:

— װײל—ל—לי!...

ער האָט זיך א װאָרף געטאָן צו איהר.

— איך בין דאָ, פּעני... נעבען דיר בין איך... וואָס? וואָס? רעד! דערצעהל!...

זי האָט איצט ווידער געשוויגען און איהר אויג איז געבליבען הענגען אין דער לופטען אַ גלעזערנע, אַ ווייט־אויסגעשטשירעטע...

און דאָ האָט ער מיט אַמאָל באַמערקט, אַז דאָס אויג קוקט ניט אויף איהם, נאָר איבער זיין קאָפּ, אַז דאָס אָפענע אויג, אין וועלכען דער העכסטער שרעק איז פאַרגליווערט געווען, זעהט איהם גאָר ניט, און ער האָט זיך דערפיהלט אַזוי הילפלאָז...

— אַ דאָקטאָר! אַ דאָקטאָר! — האָט ער געמורמעלט און זיך געוואָרפען אַרום בעט, ווי אַ פאַרשפּאַרטע חיה אין אַ שטייג, און, ווי זי, האָט ער אויך קיין אַרויסגאַנג ניט געקענט געפינען.

אויף דר'ערד, נעבען בעט, איז אַ ווייסע ליילאַך גע־לעגען. ער האָט עס אויפגעהויבען, געוואָלט מיט דעם די נאַקעטע קראַנקע צודעקען, און פּלוצים איז פון'ם לייאַך אַ בילד אַרויסגעפאַלען, אויף דר'ערד געפאַלען. ער האָט זיך איינגעבויגען צום בילד און תיכף זיך אַ צאַפּעל געטאָן צו־ריק, אַזוי ווי פון אַ שניט מיט אַ בייטש איבער'ן פּנים. דאָס לייאַך האָט ער פון די הענט אַרויסגעלאָזט.

ער האָט דאָס בילד דערקענט, אַ שענדליך בילד פון איהם און פון איינער פון זיינע קרבנות, רייטשעל. אַ בילד פון זיין פאַרברעכערישער פאַרגאַנגענהייט...

הייסט עס, מען האָט עס איהר געוויזען און זי האָט שוין געוואוסט, ווער ער איז, האָט שוין געוואוסט!...

ער האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט און זיינע צעטומעלטע אויגען זענען הענגען געבליבען אויף דעם דאָזיגען בילד, אוועקרייסען זיי האָט ער זיי ניט געקאָנט.

און מיט אַמאָל האָט פאַר זיינע אויגען אויפגעלעבט אַ צימער איבער אַ סאַלון אין קוני־איילאַנד, און די אייגענע רייטשעל, וואָס די ליעבע צו איינעם פון דער „חברה," צו איהר „חתן," האָט יענע דעמאָלט נאָר־וואָס פאַרפיהרט אַהין — אַ יונג, שעהן מיידעל — ראַנגעלט זיך מיט איהם, ווילי'ן, מיט איהרע ציין און נעגעל, בעט זיך און שרייט,

און ער, ווילי, דעמאָלט מאָריס, שטיקט און וואָרגט און שלאָגט יענע מיט זיינע אייזערנע הענט, און טויט יענע דערנאָך אַ הויב אין דער הויך און שליידערט אין בעט אריין מיט אזא קראַפט, אז יענע בלייבט ליגען, ווי אַ דער־הרג'עטע...

איצט האָט ער יענע געזעהן אזוי קלאָר. די אויגען האָבען זיך ביי יענער ניט ארויסגעזעהן פון אונטער די ביידע פארשוואָלענע באַקען און אויף דעם ווייסען האַלז ביי יענער זענען קאָנטיג געווען די רויטע סמנים פון זיינע אייזערנע פינגער...

ער האָט איצט געזעהן יענע נאָך אַ מעהר פארקריפעלטע ווי פעני'ן, און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז ער האָט ווידער געהערט דאָס רחמנות'דיג זשיפּען פון יענער, ווי דאָס רחמנות'דיג פּיפּסען פון אַ צוגע'הרג'עטען פייגעלע:

— מערדער! מערדער!

ווילי האָט זיך נאָך מעהר צונויפגעקאָרטשעט און אַלע זיינע אויגען פון דעם בילד ניט אָוועקגעריסען, און אַזוי־פיעל ליידען און צעטומעלטקייט האָבען זיי אויסגעדריקט!

ווי אין אַ קלאָרען שפּיגעל האָט ער זיין גאַנצע שרעקליכע פאַרגאַנגענהייט אין דעם דאָזיגען שענדליכען בילד געזעהן. אזוי ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט פאַר איהם דעם דאָזיגען שפּיגעל געהאַלטען, כדי ער זאָל זיך איצט קלאָר זעהן אין דעם ריכטיגען ליכט און זאָל זיך דערקענען...

און ער האָט זיך איצט דערזעהן און דערקענט. די פאַרגאַנגענהייט זיינע האָט צו איהם איצט געשריען מיט די אַלע פאַרצווייפעלטע קולות פון די קרבנות, וואָס ער האָט פאַרפיהרט און „איינגעבראָכען..."

און איינע נאָך דער אַנדערער האָבען זיך פאַר זיינע אויגען געטראָגען די מיידלאָך, צעשלאָגענע, צע'הרג'עטע, מיט פאַרשוואָלענע באַקען און אויגען און צו איהם געשריען:

— מערדער! מערדער!

יאָ, ער איז געווען אַ מערדער! יענע אַלע וואָלטען אויך אפשר געבליבען אנשטענדיגע מיידלאָך, ווען ניט ער! און ווי ער האָט זיי געשלאָגען, און וויפיעל זיי האָבען דורכגעליטען ביז זיי זענען געוואָרען דאָס, וואָס זיי זענען איצט

געוועז. א מערדער איז ער געווען, א מערדער! ווי אזוי האט ער קיין רחמנות ניט געהאט, ווי אזוי? !...

אין דעם מורא'דיגען גיהנום פון זיינע מענשליכע ליי־דען האט ער איצט מיט שארפען וועהטאג אויך די מענש־ליכע ליידען פון זיינע קרבנות דערפיהלט!

און פלוצים האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז די דאזיגע אלע מיידלאך מיט רייטשלען אינאיינעם שפאטען פון איהם און שרייען צו איהם צערייצט:

„אהא, דיין מיידעל אויך! דיין מיידעל אויך! אט, וויים איצט! אט, פיהל איצט! דאס האט זיך גאט פאר אונזער בלוט אפגערעכענט! אפגערעכענט! אפגערעכענט!"

און זיין נשמה האט צערייצט און קראנקהאפט אונ־טערגעכאפט, אזוי ווי ער וואלט א וואונד געקראצט, וועלכע האט איהם געביסען:

— יא, יא, אפגערעכענט זיך! אפגערעכענט זיך! אה, ווי אפגערעכענט זיך!...

און ער האט דערפיהלט, ווי עפעס א געהיימע גערעכ־טיגקייט וואלט איבער איהם געשטאנען און מיט א פייער־דיגער האנט איהם אויף פעני'ן געוויזען און מיט א פייער־דיגען אטעם געפליסטערט:

— זעהסט? אט אזוי האסטו אויך געטאן מיט די אנדערע...

און געגען זיין ווילען האט ער ווידער זיינע אויגען א קעהר געטאן צו דער קראנקער, און איהר גלעזערנע אויג האט איצט געקוקט איהם גלייך אין פנים אריין און אויסגע־וויזען האט זיך איהם, אז דאס דאזיגע אויג, וואו דער שרעק איז ווי פארגליווערט געווארען, האט איהם געפלוכט איצט, געשאלטען און געטריבען איהם פון זיך...

און א רחמנות'דיגער, הילפלאזער שלוכצען האט זיך ביי איהם ארויסגעריסען:

— מיט דיר האב איך עס ניט געמיינט, ניין, ניין!

ער האט דערהערט א קול, ווי פון אונטער דער ערד. ער האט זיך א כאפ געטאן. דער קול האט ארויפגעשריען:

— סעי, דיימאנד, דו לעבסט דארט? קום ארונטער!

ער האט דערקאנט „מאנקי דזשאנס" קול, און אלע

אברים, אזוי ווי זיין יעדער אבר וואָלט געווען אַ גיפטיגע שלאַנג, האָבען זיך אַ רים געטאָן, גרייט צו באַפאַלען...

אָה, ער וועט זיי דער׳הרג׳ענען, אַלעמען, אַלעמען! זאָ־לען זיי איהם אויך דער׳הרג׳ענען. איהם אַ טויט, זיי אַ טויט. ווען ער וואָלט געקענט זיי צערייסען אברים־ווייז! ווען ער וואָלט געקענט זיי פאַרשפּאַרען אין דעם הויז און עם אונטערצינדען, אינאיינעם מיט זיי זאָל ער אויך פאַר־ברענט ווערען אויף אַש, אויף אַש! ווען ער וואָלט גע־קענט, געקענט!...

דער דאָזיגער ווילדער אויסברוך פון האַס, וואָס האָט זיך אין איהם אויפגעכאַפּט, איז געווען דאָס לעצטע אויפ־פלאַקערען פון זיינע פריהערדיגע ווילדע כחות...

ער האָט גענומען לויפען איבער׳ן צימער, ווי אַ משוגע׳־נער, וואָס איז אין זיין צעלע פאַרשפּאַרט, האָט זיך געצופּט דעם שוואַרצען לאָקען, געביסען זיך די פינגער, וואָס אויף צוויי פון זיי האָבען בריליאַנטענע רינגען געפינקעלט, און געזוכט אַן אויסגאַנג פאַר דעם האַס, וואָס האָט איהם גע־שטיקט...

ער וועט ניט שווייגען... ער טאָר ניט... ער וועט... ער וועט... אָבער וואָס?... שלאָגען זיך מיט זיי? אָבער איינער געגען אַלעמען... נו, וועלען זיי איהם דער׳הרג׳ע־נען! ער וועט אָבער אויך איינעם דער׳הרג׳ענען! ער האָט נאָר געדאַרפט וויסען, ווער האָט עס געטאָן... מסתמא די „בייבי“... ער וועט איהם דעם גאַרגעל איבערשניידען! אָבער זי?... וואָס וועט דערנאָך פון איהר ווערען! זי מוז דאָך געראַטעוועט ווערען, זי מוז דאָך!...

און דער דאָזיגער געדאַנק האָט זיין ווילדען האַס אינ־גאַנצען פאַראַליזירט און זיינע אויפגעכאַפּטע כחות, ווי מיט אַ האַק אונטערגעהאַקט. הילפלאָז האָט ער ארויסגע־קרעכצט:

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

און פּלוצים איז ער שטעהן געבליבען און האָט זיך אַ פּיהר געטאָן מיט אַ האַנט איבערן שטערן.

— האַ?!...

א געדאנק, ווי א בליץ, האט אין זיין מח אויפגעפלאַקערט, און ער האט דערזעהן אַן אויסוועג. ווי א פארשפאַרטער אין א תפיסה, וואלט פלוצים פאר זיך דערזעהן א טיר, דורך וועלכער ער האט געקאַנט אנטלויפען...

— הא?!...

ער איז א ווײילע געשטאַנען און האט אַרומגעטראַכט. דערנאָך האט ער ענערגיש א מאך געטאָן מיט'ן קאָפּ:

— יאָ, יאָ, דאָס, דאָס! — האט ער אַרויסגעמורמעלט מיט א שפּאָטישען שמייכעל — א סוף! אַן ענד! דאָס איינציגע, וואָס איך קען, וואָס איך מוז טאָן!

ער איז ווידער דורכגעגאַנגען דאָס צימער מיט וואַקעלדיגע טריט און זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

— איך מוז... איך מוז...

זיינע צעטראָגענע אויגען זענען ווידער געפאַלען אויף דאָס שענדליכע בילד. ער האט ביטער א שמייכעל געטאָן, אויפגעהויבען דאָס בילד, צעריסען עס און די שטיקלאַך צו זיך אין קעשענע אריינגעשפּאַרט. דערנאָך איז ער מיט אַמאָל רוהיג געוואָרען, נאָר די אויגען זיינע האבען אויסגעדריקט ליידען, אַזוי ווי אַלע יסורים פון זיין נשמה וואָלטען זיך דאָרט פּאַרקליבען...

און דאָ האט ער דערהערט הילכענדיגע טריט, וואָס האבען זיך געטראָגען פון'ם קאָרידאָר. ער האט פאַרשטאַנען, אַז עמיצער פון „חברה" קומט, האט ער א כאַפּ געטאָן דאָס ליילאַך פון דר'ערד, צוגעדעקט מיט דעם די נאַקעטע קראַנקע און אַליין איז ער אַרויס פון'ם צימער מיט פעסטע טריט און מיט כמעט א רוהיגער מינע אויפ'ן פּנים.

פאַר דער טיר האט ער געטראָפען „מאַנקי זשאַן" און לואי'ן. זיי האבען צו איהם געשמייכעלט.

— וועל? — האט איהם „מאַנקי זשאַן" די האַנט אויפ'ן אַקסעל אַרויפגעלייגט — לאָז מיך דיך אַנקוקען!

און ער האט אויף איהם אַנגעשטעלט זיינע אויגען מיט'ן קאַלטען, שטאַלענעם בליאַסק.

— ד'האטס ראיט, מאַי באַי, ד'האטס ראיט! אָפּגעקיהלט זיך, באַרוהיגט זיך, ווידער א „גוד באַי."

ווילי האט געשמייכעלט. האט אַלע זיינע כחות צו־

גויפגענומען, כדי צו ווייזען זיי א רוהיגע מינע. ער האט ארויסגערעדט שטיל און הייזעריגלאך:

— וועל, פארפאלען!

און פלוצים האט ער זיך צעלאכט מיט א קול, אזוי ווי מען וואלט א צעבראכענע גלעזערנע כלי אן עפעס גע־קלאפט, און ער האט צוגעלייגט:

— איך בין געווען משוגע... אבער מעהר ניט... ארויסגעקורירט!... ווער האט דעם דזשאב געמאכט?...

— די „בייבי“ — האט לואי געענטפערט און זיך צע־לאכט — און מיר האבען שוין געמיינט, אז בלוט וועט זיך גיסען. אזוי איז גלייכער. וואס מאכט זי? מען האט געשיקט נאך אונזער דאקטאר...

און דא האבען ביי ווילי'ן די אויגען אויפגעפלאקערט. ער האט זיי אבער תיכף ארונטערגעלאזט, ווי ער וואלט מורא געהאט, זיי זאלען זיינע געדאנקען ניט ארויסגעבען. מיט א שפאטישען שמייכעל האט ער זיך אנגערופען:

— זי וועט גאנץ זיין. איך האב די אנדערע נאך ער־גער „צעבוטשערט.“ וועל, באיעס — האט ער זיך אונטער־בראכען — לאזט זי איצט צו־רוה. זי האט פיבער. רעדט פון היץ. געהט ניט איצט צו איהר אין צימער. זאל זי פריהער צו זיך קומען.

ער האט זיך ווידער צעלאכט מיט זיין געבראכענעם געלעכטער:

— איהר וועט זי נאך האבען!...

— ווי איך זעה, ביזטו נערוועז — האט פלוצים „מאנ־קי זשאן“ זיך אנגערופען.

ווילי האט זיך א כאפ געטאן:

— נערוועז? איך? ניין! פריהער בין איך נערוועז געווען. און איך וועל אייך זאגען פארוואס. ווייל איצט קאן איך זיין מיט אייך אפענהערציג. איך האב... איך האב...

ער האט זיך ווידער צעלאכט, ניט געוואוסט, וואס צו זאגען, און ארויסגערעדט:

— וואס איז דער אונטערשייד!

— וואָס? וואָס? וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן? — איז „מאָנקי דזשאָהן" צו איהם צוגעשטאַנען — פאַרוואָס ביזטו געווען נערוועז? פאַרוואָס ביזטו געווען משוגע?

ווילי האָט אַ טראַכט געטאָן און דערנאָך לאַנגזאַם געענטפערט:

ווייל מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איך האָב זי ליב... ווי אַ צאָהן־וועהטאָג האָב איך געהאַט... דער קראַנקער צאָהן איז אָבער איצט אַרויסגעריסען און... און געענדיגט... די „בייבי" האָט ריכטיג געהאַנדעלט... איך אַליין וואָלט אויך אַזוי געהאַנדעלט. ער האָט מיך געראַטעוועט. ערנסט! אַזאַ נאַרישקייט, אַזאַ משוגעת... כאַ! כאַ! כאַ! וועט איהר רויכערען?

ער האָט אַרויסגענומען פון דער וועסט־קעשענע דריי סיגאַרען, זיי דערלאַנגט, און אַליין פאַררויכערט.

— איצט געה איך ענדיגען לייענען... אַן אינטערעסאַנט בוך, באָיס! — האָט ער זיך אָנגערופען און זיך אַ קעהר געטאָן צו דער טיר פון'ם שלאָף־צימער מיט די שפּיגלען.

„מאָנקי דזשאָהן" האָט איהם אָפּגעהאַלטען ביי אָן אָרעם.

— וואָס בוך! טו העל וויט די בוקס! ביזט נאָך ווייניג געבילדעט? — האָט ער געזאָגט — אָט האָסטו מיט דיין גאַנצער בילדונג שיער ניט געהאַנדעלט, ווי אַן אידיאָט. קום בעסער אַרונטער און נעהם אַ „האַנט." מיר שפּילען דאָרט פּאָוקער. קום!

לואי האָט אַ ציה געטאָן „מאָנקי דזשאָהן" ביים אָרבעל.

— קום, זיי וואַרטען דאָרט מיט דער „געים." ער וועט ניט געהן. דו ווייסט דאָך, אַז מען קען איהם ניט אוועקרייסען פון די ביכער.

„מאָנקי דזשאָהן" האָט זיך אָנגערופען:

— אָל ראַיט, זאָל ער לייענען, אַבי ער איז מעהר ניט משוגע! וועסטו שפּעטער אַרונטערקומען, פילאָזאָף?

— יאָ, יאָ, אין אַ האַלבער שעה אַרום...

— וועל, קיד, איך בין צופרידען, וואָס מיר האָבען זיך היינט ניט צעקריגט — האָט „מאָנקי זשאָן" דאָן געזאָגט און איז אַוועק מיט לואי'ן.

ווילי האָט זיי נאָכגעקוקט, ביז זיי זענען אַרונטער פון די טרעפּ, און געטראַכט מיט גאַל: „איך ווילֿ אייך שוין דערצעהלען אַ געשיכטע!“ דערנאָך האָט ער אויף די שפּיץ־פינגער זיך דורכגע׳גנב׳עט צום באַזונדערען אַריינ־גאַנג, וואָס האָט געפיהרט פון דרויסען צום אויבערשטען שטאָק, געעפענט שטיל די טיר, איז אַרויסגעגאַנגען און האָט זי שטיל צוגעמאַכט הינטער זיך. דאַן האָט ער אויף די שפּיץ־פינגער זיך אַרונטערגע׳גנב׳עט פון די טרעפּ און איז אַרוים אויפ׳ן גאַס.

ער איז אַוועק מיט שנעלע טריט אין יענער זייט, וואו דאָס ביסעל בוימער פונ׳ם אַמאָליגען וואַלד האָט געטונ־קעלט פון ווייטען. ער איז געגאַנגען באַרג אַרויף און באַלד באַרג אַרונטער, און געהענדיג, האָט ער געשלעפּט פון זיין קעשענע די שטיקלאַך פון זיין בילד, געריסען זיי אויף פּיצלאַך און זיי צעוואָרפען אויףביידע זייטען וועג, אַזוי ווי ער וואָלט צעריסען זיין שענדליכע פאַרגאַנגענהייט און דאָס געוואָלט איבערלאָזען אין דעם שטויב און דעם שמוץ פון דער גאַס...

דערנאָך האָט ער זיך מיט אַמאָל פאַרקירעוועט אויף לינקס אין אַ נייער גאַס אַריין און נאָך שנעלער גענומען געהן. אויפ׳ן אַנדערען עק גאַס איז געשטאַנען אַ נייע אַפּטייק, האָט ווילי אַהין געקוקט.

פּלוצים זענען פון דאָרט אַרוים צוויי מיידלאַך. ווילי איז געבליבען שטעהן צעמישט. ער האָט זיי דערקאָנט. דאָס זענען געווען מעי און מילפרעד, מעי, דאָס יונגע קינד, וואָס ער האָט ערשט גאָר ניט לאַנג „איינגעבראָכען“ ביי מעקאַרטי׳ן איבער׳ן רעסטאָראַן און וועלכע איז איצט געווען „סחורה,“ פּונקט ווי מילפרעד. און ער האָט זיך איצט דערמאָנט די גאַנצע סצענע פון יענעם ביינאַכט ביי מע־קאַרטי׳ן איבער׳ן רעסטאָראַן, ווי דאָס אויסגעהונגערט קינד האָט זיך געבעטען און געוויינט, מען זאָל זי אַרויסלאָזען, מען זאָל זי לאָזען געהן צו איהר טאַטע־מאַמע, און אַ פאַרצווייפעלטע חרטה אויף דעם, און אַ טיפער רחמנות צו איהר, האָבען זיך אויפגעוועקט אין זיין נשמה, און אַ הייסער פאַרלאַנג אָפּצוגעבען איהר דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט איצט ביי זיך געהאַט, די בריליאַנטענע רינגען פון זיינע פינגער, די שפּילקע פון זיין קראַוואַט, דעם זייגער

זיינעם, און איהר זאָגען, זי זאָל אַנטלויפען פון דעם דאָזיגען שענדליכען לעבען, אַז זי איז נאָך יונג און אַז דאָס לעבען איז נאָך פאַר איהר...

באַלד אָבער האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז זיי טאָרען איהם איצט ניט זעהן, ווייל טאָמער געהען זיי אַהין, וועלען זיי זיכער יענע דערצעהלען, אַז זיי האָבען איהם געטראָפען און דאָס קען יענע נאָך ווערען אויפפאַלענד.

ער האָט זיך פלינק אויסגעדרעהט און שנעל פאַרקירעוועט אין אַן אַנדער זייט און זיך פאַררוקט הינטער אַ וואַנט פון אַ הויז.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען און ער האָט זיך געלאָזט געהן מיט אַן אימפּעט אין דער פריהערדיגער ריכטונג.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַריין אין אַפּטייק, האָט זיך פאַרמאַכט אין אַ טעלעפאָן־בודקע און אָפּגערופען:

— פּאָלים העדקוואָרטערס!...

און מיט אַ פעסטען קול האָט ער געלאָזט וויסען וועגען דעם פאַרברעכען, אָנגערופען דעם נאָמען פון דער גאַס, דעם נומער פון דעם הויז, די נעמען פון די פּערזאָנען, וואָס זענען דאָרט איצט געוועזען — אַלץ גוט־באַקאַנטע נפשות דער פּאָליציי — און אויך זיין אייגענעם נאָמען, געבעטען מען זאָל אַרויסשיקען אַן אַמבולאַנס און ערקלערט, ווי אַזוי מען זאָל באַפאַלען דאָס הויז און וואו ער אַליין וועט זיין...

און דערנאָך, אַז ער איז אַרוים פון דער טעלעפאָן־בודקע, איז ער שוין ניט געוועזען אַזוי רוהיג. עס האָט איהם געפיבערט און אַ קאַלטער שווייס האָט אַרויסגעשלאָגען אויף זיין שטערען און פייכט געמאַכט דעם שוואַרצען, געקרויזטען לאָקענדעל...

איצט איז איהם געוועזען קלאָר, אַז מיט דער דאָזיגער האַנדלונג זיינער האָט ער זיך אַליין פאַר'משפט צום טויט; אַז ער וועט זיך שוין פון דעם ניט קענען ראַטעווען, און ווי ער האָט זיך ניט באַמיהט צו בלייבען רוהיג און גלייכגילטיג צו דעם, האָט דאָס הײם לעבען, טיעף אין זיין נשמה זיך געשראָקען פאַר דעם...

ער איז אַרוים פון'ם אַפּטייק. אויף דער גאַס האָט געלויכטען און געוואָרעמט די גאָלדענע זון, און איהם איז געוועזען קאַלט. ער האָט געמורמעלט: „אַי דאָנט קער, זאָל

מען מיך דער׳הרג׳ענען, אַי דאַנט קער!" און אין דער אייגענער צייט האָבען זיך זיינע אויגען געמאָלען „מאַנקי דזשאָהן," „קיד דעיגאָ," די „בייבי," לואי פין און נאָך אַנדערע פון דער חברה, יעדער מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט, אויסגעשטעלט קעגען איהם, און עס האָט איהם אַלץ מעהר און מעהר געשווינדערט.

„פייגלינג," האָט ער זיך אַליין געזידעלט. „דו ביזט נאָר געווען אַ העלד אויף פאַרברעכענס, אָבער צו האַנדלען אַזוי ווי דו דאַרפסט, ווי דו מוזט...

„דיין לעבען איז איצט קיין סענט ניט ווערט!" האָט אַ צעשראָקענע שטימע זיך אַ צאַפּעל געטאָן פון אַ ווינקעלע אין זיין נשמה.

„נו, ווער דאַרף מיין לעבען!" האָט ער אַרויסגע־מורמעלט, „כאַפּט עס דער טייפעל! קיינער וועט נאָך מיר ניט קלאָגען! טו העל מיט מיין לעבען, טו העל!!" האָט ער זיך ווייטער געזידעלט מיט גאַל, — אַבי זיך אָפּרעכענען מיט זיי, באַגראָבען זיי...

„אָבער זי, פּעני?" האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ ווייכע, צאַרטע שטימע אין זיין נשמה, און די דאָזיגע שטימע האָט איהם אַזוי ווייך געמאַכט, האָט איהם אַזוי צענומען, אַז זיינע אויגען זענען פאַרלאָפען מיט טרערען...

דאַן האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

„און אפשר וועל איך זיין גאַנץ? יאָ, יאָ... איך וועל אַרויסטרעטען געגען זיי אַלס עדות, וועל זיי באַגראָבען און דערנאָך וועל איך מיט איהר אַוועקפאָהרען ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָדט... יאָ, יאָ, אַזוי וועט עס זיין!"...

און אָנגעכאַפּט זיך אָן דעם דאָזיגען געדאַנק איז ער געוואָרען אַ ביסעל רוהיגער...

שפּעטער אַ ווייל, ווען ער האָט זיך צוריק דורכגע־גנב׳עט דורך דעם באַזונדערען אריינגאַנג און איז אריין צו דער קראַנקער אין צימער, האָט ער זי געטראָפען אין נאָך אַן ערגערען צושטאַנד.

דאָס שרעקליכע אויג איז איצט געווען האַלב צוגעמאַכט, פאַרגלאָצט מיט אַ טויטער ווייסקייט, און די הויט אַרום דעם אויג איז געווען רויט, האָט געברענט ווי דער גאַנצער פּנים פון דער קראַנקער, און יעדע ווייל האָט זי זיך אַ

צאַפּעל געטאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער, מיט די הענט און פיס, און אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטען געשריי, אַזוי ווי מען וואָלט זי געוואָרגען.

דער ליילעך איז געווען פאַרשליידערט אונטער איהר.

ער האָט זיך צוגעבויגען צו איהר, און אַ היץ מיט אַ שווערען גערוך פון אַ קראַנקען מענשליכען קערפּער האָט איהם אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין.

ער האָט אָבער איהר האַנט, וועלכע איז געווען איין שטיק פייער, אַריינגענומען אין זיינער, און מיט אַ קרעכ־צען זי גענומען קושען, געקושט זי מיט אַ מין פאַרצווייפ־לונג, איינגעזויגט זיך אין איהר מיט די ליפּען, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסזויגען פון איהר דעם שרעקליכען פייער, וואָס האָט אין איהר געברענט...

דערנאָך האָט ער זי ווידער צוגעדעקט מיט'ן ליילעך.

ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול נישט ווייט פון'ם בעט, אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, געקוקט מיט אויגען פול פאַרצווייפלונג אין איין פונקט אויפ'ן דיל און געטראַכט, און דערמאָנט זיך, און זיך געמוטשעט...

פאַר זיינע אויגען איז דאָ אַרויסגעשוואומען פּעני מיט איהר ליכטיגען שמייכעל און מיט איהרע חן־גריבלאַך אויף די גליהענדיגע באַקען, אינגאַנצען לאַכענדיג גליק, אינגאַנצען שטראַלענדיגע פרייד, אינגאַנצען איבערגעגע־בענע ליבע, ריינע, שעמעוודיגע, שטילע, טיפע ליבע, און באַלד — ווי ער האָט זי געטראָפען מיט'ן שרעקליכען גלעזערנעם אויג ווייט אויסגעגלאָצט און דערנאָך — די „בייבי,“ אַ ווילדער, ווי אַ צערייצטע חיה רעה...

ער האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן.

„וואַרט, וואַרט!“ — האָט ער געקרעכצט.

פּלוצים האָט ער דערהערט שטילע, פאַר'גנב'עטע טריט הינטער זיך. ער האָט זיך אַ קעהר געטאָן, און דערזעהן מיסעס גוטמאַן.

זי איז געשטאַנען אין דער טיר און האָט נישט דרייסט געקוקט אויף איהם, אַזוי ווי זי וואָלט נאָך אַלץ מורא גע־האַט פאַר איהם.

ער האָט זי דערזעהן, האָט ער זיך אַ צאַפּעל געטאָן און גענומען צונויפנעמען זיינע כחות, כדי צו באַהערשען זיך.

ער האָט זיך אויפגעהויבּען פון'ם שטוהל.

— וואָס שטעהסטו דאָרט, אַלטע? קום אַריין — האָט ער שטיל געזאָגט און נישט געקוקט אויף איהר — האָב קיין מורא נישט, איך וועל דיר גאָרנישט טאָן.

זי האָט זיך ניט גערוהרט פון'ם אָרט און אַלץ געקוקט אויף איהם, אזוי ווי זי וואָלט איהם נאָך אַלץ ניט געטרויט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופען שטיל:

— זיי האָבּען דאָך געזאָגט, אַז דו בּיזט דאָרט, אין יענעם צימער, אַז דו לייענסט דאָרט אַ בּוך?

— שוין געענדיגט דעם בּוך. איך בּין אַריין אַהער, צו זעהן, אפשר דאַרף מען אַ דאָקטאָר. ווי דענקסטו? אַ שאָד, ווען זי זאָל אַ שטאַרב טאָן. זי קען אַריינבּרענגען אַ סך געלט... דאַרף מען אַ דאָקטאָר, ווי רעכענסטו, אַלטע?...

זי האָט געענטפערט:

— איך ווייס ניט... איך האָבּ עס ערשט געוואָלט זעהן, וואָס זי מאַכט... אָבּער, אַ גדולה אויף דיר...

— וואָס „אָבּער"?...

— איך האָבּ מורא צוצוגעהן... פאַר דיר האָבּ איך מורא, אַ גדולה אויף דיר... דיימאָנד, טאַקע דו בּיזט אינגאַנצען רוהיג?

— אינגאַנצען, אינגאַנצען, האָבּ ניט מורא!...

— איך בּין ניט שולדיג, גאָט איז מיין עדות. איך האָבּ זי געוואָלט ראַטעווען. געלט האָבּ איך איהם אָנגעבּאָטען... וואָס נאָך האָבּ איך געזאָלט טאָן? ער האָט דאָך מיך שיער דער'הרג'עט, אַ גדולה אויף דיר!

— די „בּייבּי"?...

—יאָ, דאָס ערשטע מאָל טרעפט עס מיר אין מיין לעבּען, אַז אַן אייגענער מענש זאָל אויף מיר אויפהויבּען די הענט. אָבּער דאָס וואָלט מיך גאָרניט געאַרט, ווען איך וואָלט זי נאָר געראַטעוועט... פע, אַ מיאוס'ע פּרנסה!

ער האָט אַרויסגערעדט צערייצט:

— ראַטעווען... פאַרוואָס זי יאָ און די אַנדערע ניט? די „בּייבּי" איז גערעכט און דזשוליע אויך! און דו!... הער אויף, אַלטע, צו שפּילען דיינע קאָמעדיעס מיט גאָט. הער אויף!...

זי האָט איהם אָנגעקוקט. דערנאָך האָט זי אַ טראַכט געטאָן:

„עפּעס געפעלט מיר ניט זיין רוהיגקייט. צי קלייבט ער זיך ניט עפּעס צו טאָן?"

— הער נאָר — האָט זי זיך אָנגערופען — דיך אַרט שוין גאָר ניט?

ער האָט זיך צעלאַכט. דערנאָך האָט ער געענטפערט:

— אוי, אַלטע, אַלטע, און דיך האַלט מען פאַר אַ חכמה! ווי אַזוי האָט דיר גאָר געקענט איינפאַלען, אַז איינער פון אונזערע, דיינער אַ פריינד, וועט זיך ערנסט פאַרליבען און ווערען אַ צדיק צוליב אַ מיידעל! וואָס איז, איך האָב קיין שענערע ניט געהאַט אין מיין לעבען? איך האָב דאָס נאָר געוואָלט באַווייזען, ווי נאַריש דו ביזט!

און ער האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט, אָבער אַזוי רוהיג, אַז מיסעס גוטמאַן האָט אַ טראַכט געטאָן:

„דער שלאַק זאָל איהם נעמען, עס טשעפּעט איהם דאָך טאַקע ניט. און איך האָב געמיינט, אַז דער רוצח... מילא, אַבי מיין רצון איז געווען גוט... איך האָב אודאי געמיינט ערנסט... גאָט האָט געליינט אין מיין האַרצען"...

דאָ האָט זיך דערהערט דער פאַרשטיקטער קול פון דער קראַנקער:

— אָט אַזוי־אַ.... דער'הרג'עט מיך... דערשטיקט מיך... שלאָגט! שלאָגט! שטאַר־ר־ק־ער!...

ווילי איז צוגעגאַנגען צום בעט, מיסעס גוטמאַן אויך.

— וועה איז מיר — האָט מיסעס גוטמאַן אַ זיפץ געטאָן — ווי זי זעהט אויס! — אוי, אַזאַ פרנסה! נו, נו!...

זי איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט געקוקט אויף דער קראַנקער און געשאָקעלט דעם קאָפּ. דערנאָך האָט זי זיך ווידער אָנגערופען:

— דיימאָנד, איך האָב מורא... דו געדענקסט סער־רע'ן, וועלכע דו האָסט... יענע האָסטו נאָך מעהר צע־זרג'עט... יענע איז געשטאָרבען פון אַ היץ־קראַנקהייט... זי, דאַכט זיך, האָט עס אויך...

פּלוצים האָט זיך דערהערט פון אונטען אַ טומעל. ווילי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען. מיסעס גוטמאַן האָט זיך איינגעהערט.

— מסתמא האָבען זיי זיך דאָרט צעשלאָגען ביי די קאָרטען — האָט זי אַרויסגעמורמעלט.

מיט אַמאָל זענען, ווי פון אונטער דער ערד, פאַר איהר אויסגעוואַקסען צוויי פּאָליסלייט מיט קלאַבס אין דער הויך. זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, איז געוואָרען ווייס ווי לייוואַנד און האָט זיך איינגעקאָרטשעט.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי אַרויסגעמורמעלט און געקוקט אַרום זיך מיט גלעזערנע אויגען.

און דאָ האָט ווילי זיך צעלאַכט מיט גאַל:

— דאָס איז מיין אַרבייט, אַלטע מכשפה! זי איז די באַלעבאָסטע פונ׳ם הויז! — האָט ער זיך געווענדט צו די פּאָליסלייט און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אָבער דאָרט האָט ער פאַר די אויגען דערזעהן צוויי אַנדערע קלאַבס און זיך אָפּגעשטעלט.

באַלד אָבער האָט ער די פּאָליסלייט ערקלערט, אַז ער איז מאָרים דיימאָנד, און, אגב, האָבען זיי איהם אויך דערקאָנט, און זיי האָבען איהם ערלויבט אַרונטערצוגעהן אונטען...

ער איז אַרונטערגעלאָפען די טרעפּ מיט אַ צו׳להכעיס׳דיגען שמייכעל אין די ברענענדיגע אויגען. אויפ׳ן ערשטען עטאַזש האָט ער געטראָפען אַרום אַ טוצען פּאָליסלייט מיט אַ קעפּטען אין פּריוואַט־קליידער. זיי אַלע זענען געשטאַנען מיט די קלאַבס אַרומגעשטעלט געגען דער חברה.

דזשוליע האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקעל, ווי אַ געהעצטע חיה, און אַרויסגעקוקט פון דאָרט מיט פאַרוואונדערטע און צעטומעלטע אויגען.

אויף דער זאָפע זענען געזעסען מילפרעד און מעי,ביידע מיט בלייכע, צעקרימטע פּנים׳ער, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך געקליבען צו וויינען...

„מאַנקי דזשאָן“ איז געשטאַנען מיט אַ ציגאַר אין מויל, ביידע הענט פאַררוקט אין די הויזען־קעשענעס, די פיס ברייט צעשפּרייט, האָט געקוקט דעם קעפּטען גלייך אין פּנים אַריין, געדרויכערט און שפּאָטיש געשמייכעלט.

„קיד דעיגאָ“ איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט׳ן רוקען אָן טיש, מיט איין פוס פאַרוואָרפען איבער׳ן אַנדערען, האָט „ערדרעהט די שוואַרצע וואָנצעס, געקוקט אויפ׳ן פּאָליסמאַן מיט׳ן קלאַב פאַר איהם, און זיך געוויצעלט.

— ווי דענקסטו — האָט ער געלאַכט — וואָס איז שטאַרקער, דיין קלאַב, צי מיין קאָפּ, הע?

די „בייבי" איז געווען אויפגערעגט, ווי אַ בער, וואָס מען וואָלט פּלוצים איבערפאַלען אין זיין גרוב. ער האָט זיך געדרעהט מיט זיין ריזען־קערפּער אויף אַלע זייטען, געזשמורעט זיינע אויגען און זיין פּנים מיט זיין שטאַרקען נאַקען, האָט זיך געדראַכט, אַז זיי שפּריצען מיט בלוט און ער האָט ווילד געברומט:

— דעמעט! דעמעט!

„קיד דזשאָו" און לואי פין האָבען אויך אויסגעזעהן צעטומעלט.

ווען ווילי האָט זיך באַוויזען מיט זיין שפּאַטישען שמייכעל, האָט דזשוליע פּלוצים פון איהר ווינקעל אויסגעשריען:

— דאָס האָסטו געטאָן, דיימאָנד!

און ער האָט געענטפערט מיט גאַל:

— יאָ, איך!

און ער האָט זיך צעלאַכט.

— דער'הרג'עט איהם דאַרט! — האָט דזשוליע אַ קוויטש געטאָן.

און דאַ האָט די „בייבי" מיט אַ מערקווירדיגער פלינקקייט פאַר זיין אומגעלומפּערטען ריזען־קערפּער זיך אַ וואָרף געטאָן צו ווילי'ן פאַרביי דעם פאַליסמאַן, וואָס איז געשטאַנען צווישען זיי, און איהם אַזאַ פּלעם געגעבען, אַז ווילי האָט דערזעהן פונקען פאַר די אויגען, און איבער זיין רעכטען אויג איז גלייך אויסגעוואַקסען אַ בערגעלע און איהם פאַרשטעלט די ראיה...

אויף אַ רגע איז ווילי צעטומעלט געוואָרען, דערנאָך, ווען זיין האַנט האָט זיך מיט האַסט אַ וואָרף געטאָן צוריק אויף דער „בייבי," האָט זי דערפיהלט אַ האַק פון אַ שווערען קלאַב, אַזוי, אַז די האַנט איז שיער ניט איבערגעבראָכען געוואָרען, און אַזאַ האַק האָט אויך די „בייבי" געקראָגען איבער זיין קאָפּ...

ווילי האָט צעטומעלט פאַררוקט די צעקלאַפּטע האַנט אונטער'ן בוזים און די געזונטע האָט ער צוגעטראָגען צום פאַרשוואָלענעם אויג.

דערנאָך האָט ער געהערט, ווי „חברה" האָט איהם געזידעלט און געסטראַשעט. און באַלד האָט ער געזעהן ווי

אַן אַמבולאַנס־דאָקטאָר אין אַ ווייסען אַנצוג מיט אַ יוניפאָרם היטעל איז אריין אין הויז און מיט אַ פּאָליסמאַן פאַר־שוואונדען אויף די טרעפּ...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען זיי אַלע ארויסגעפיהרט פון הויז און אויפ'ן גאַס זיי אַריינגעזעצט אין אַ פּאַטרול־וואַגען...

13.

נייע מענשען

אויף דעם פאַרלאַנג פון דעם דיסטריקט אַטאַרני איז פעני געלעגען אין אַ באַזונדער צימער אין שפּיטאָל. מחמת זי האָט געזאָלט זיין דער הויפּט־עדות קעגען די אַרעסטירטע, איז אין קאָרידאָר פאַר דער טיר פון איהר צימער שטענדיג געזעסען אַ דעטעקטיוו מיט אַ לאַנגוויילִיגער מינע, וועלכער האָט געזאָלט ארויסקריגען אַן ערקלערונג ביי איהר, ווען זי וועט קומען אַ ביסעל צו זיך. ער האָט אויך אַכטונג געגעבען אויף די מענשען, וועלכע זענען געקומען אַהין געוואויר ווערען וואָס די קראַנקע מאַכט.

די ערשטע צוויי, וואָס זענען געקומען זי געוואָהר ווערען אויף מאָרגען פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי מ'האָט זי גע־בראַכט אין האָספּיטאַל אַריין, זענען געווען ווילי, וועלכער איז איצט געשטאַנען אונטער'ן שוץ פון דעם דיסטריקט־אַטאַרני, אלס דער, וואָס האָט זיי אַלעמען ארויסגעגעבען, און זיין שוועסטער גאָלדע, אַ הויכע און שלאַנקע בלאָנדינקע, מיט אַ סימפּאַטישען, אינטעליגענטען אויסזעהן, וועלכע האָט ביי־טאָג געאַרבייט אלס בוכהאַלטערין, אין אַ געשעפט אויף בראָדוויי און ביינאַכט אויף די ציוניסטישע מיטינגען.

ווילי, מיט אַן אַרומגעבונדענער האַנט און אַ פאַרשוואָ־לענע אויג, האָט אויסגעזעהן ווי אַ געשלאָגענער הונט און זיין שוועסטער, ווי עס איז קאַנטיג געווען פון איהר פאַר־שעמטער מינע, האָט זיך אויך ניט באַזונדערס אַנגענעהם געפיהלט...

מען האָט זיי ניט אַריינגעלאָזט צו דער קראַנקער אין צימער — ניט דער דעטעקטיוו און ניט דער דאָקטאָר האָ־בען עס ערלויבט. און ווען ווילי האָט שטיל און מיט אַ רחמנות'דיגער מינע געפרעגט ביים דאָקטאָר וועגען איהר

צושטאנד, האט יענער נאר א ציה געטאן די אקסלען און ערשט געענטפערט, ווען גאלדע, מיט א פארוויטעלטע פנים און א פארשעמטען שמייכעל, האט וועגן דעם נאך אמאל געפרעגט.

— זעהר געפעהרליך — האט דער דאקטאר געענטפערט און איז פארשוואונדען אין קארידאר.

ווילי האט ארונטערגעלאזט דעם קאפ און ארויסגערעדט, נאכזאגענדיג דעם דאקטאר מיט א פארשטיקטען קול:

— זעהר געפעהרליך!...

און דערנאך, ווען ער איז געגאנגען צוריק מיט זיין שוועסטער, האט זיך פלוצים ביי איהם ארויסגעריסען מיט טיפען וועהטאג:

— פארוואס קומט עס איהר, הא? פארוואס ניט מיר?! איך, אזא לומפ, און זי... און זי... ניטא קיין גערעכ־טיגקייט אין לעבען, ניטא!...

זיין שוועסטער האט אויפגערעגט א קוק געטאן אויף איהם, געוואלט איהם זאגען, אז נאר פאר דעם דאזיגען קרבן אליין איז ער ווערט, אז מען זאל איהם דערשיסען ווי א משוגענעם הונט, אבער, דערזעהענדיג ווי אומגליקליך און צעבראכען ער האט אויסגעזעהן, האט זי פארביסען איהרע ליפען און גארניט געזאגט.

אויף מארגען אין דער פריה, נאך דעם דאזיגען באזוך, איז ווילי ווידער געקומען אין האספיטאל אריין מיט זיין ברודער ברוד'ן, א מאן מיט א בלייכען און פארטראכטען פנים און מיט ברילען אויף די אויגען, און ווידער האט מען זיי ניט אריינגעלאזט צו איהר אין צימער. און וויפיעל ווילי האט ניט גע'טענה'ט רחמנות'דיג צום דעטעקטיוו און צום דאקטאר, אז ער וועט נאר א קוק טאן אויף איהר פון ווייטען, ער וועט אפילו ניט צוגעהן צו איהר בעט, האט דער דעטעקטיוו אלץ געשאקעלט דעם קאפ און דער דאקטאר האט ערקלערט:

— מען קען ניט!

זיי האבען שוין געוואלט אוועקגעהן, ערשט א נייער פארשוין איז פארסאפעט אנגעקומען, א הויכער, שטארקער מאן, מיט א ברייטען, רויטען, פשוט'ען פנים און קינדערשע פארטראכטע אויגען, לאנגע ארעמס און מיט איין אקסעל א ביסעל איינגעבויגען.

ברוך האָט איהם תיכּף דערקענט. ער האָט זיך מיט איהם אָפּט געטראָפען אויף די סאָציאַליסטישע פאַרזאַמ־לונגען. און ער האָט ברוכ'ן אויך גלייך דערקענט.

— וואָס טוט איהר עפּעס דאָ, יאַנקעל? — איז ברוך צוגעגאַנגען צו איהם.

— איך? — האָט יאַנקעל זיך אָפּגערופען — גוט טאַקע, וואָס איך האָב אייך געטראָפען. הערט אויס, איך בין אַ גרינגער און איהר זענט אַן אַמעריקאַנער, וואָלט איך אייך געבעטען, אַז איהר זאָלט אויף אַ ווײַלע זיין מיין צונג... דאָ ליגט ערגיץ מיינע אַ גוטע... אַ גוטע באַקאַנטע, וויל איך אויסגעפינען.

— ווי הייסט זי?

— זי הייסט פעני עלקין.

ווילי, וועלכער איז געשטאַנען פון דערווייטענס מיט אַן ארונטערגעלאָזטען קאָפּ, האָט, אַז ער האָט דערהערט דעם נאָמען, זיך אַ צאַפּעל געטאָן און זיך אומגעקוקט אויף יאַנקל'ע'ן.

— פעני עלקין? — האָט ברוך איבערגעפרעגט פאַר־וואונדערט און זיך אַ קעהר געטאָן צו ווילי'ן — שלמה, איז דאָס ניט?...

ווילי האָט געענטפערט מיט אַ קול, אזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָרגען:

— זי הייסט... פעני... עלקין...

— האָ? — האָט יאַנקעל זיך אַ כאַפּ געטאָן — יאָ, פעני עלקין הייסט זי.

ער האָט פון זיין זייט אָנגעקוקט ווילי'ן מיט דעם פאַרשוואָלענעם אויג און דער ארומגעבונדענער האַנט און געמיינט, אַז דאָס איז אַ פּאַציענט, וואָס איז דאָ אין שפּי־טאָל געוועזן ביי אַ דאָקטאָר.

ברוך האָט זיך אָנגערופען:

— פון וואַנען קענט איהר זי?

— ווע‏מען פעני'ן? וואָס הייסט פון וואַנען? אויב זי איז נאָר די אייגענע, קאָן איך זי גוט, גאָר גוט. גע־וואוינט מיט איהר די גאַנצע צייט אויף איין לאָזשי, ביי דערזעלביגער מיסעס. טאַקע דאָרט, וואו איך וואוין איצט. ערשט פאַר דריי וואָכען האָב איך זיך מיט איהר געזעגענט. געוועזן אַוועקגעפאָהרען צו מיין ברודער קיין פילאַדעלפיע.

האָב בּרעה געהאַט דאָרט צו פֿאַרבּלייבּען, און זי האָט דאָ געזאָלט חתונה האָבּען מיט אַ רייכען באַי. זי איז געווען אַזוי גליקליך, ווען איך האָב זיך מיט איהר געזעגענט. קום איך לעצטע וואָך פֿון פֿילאַדעלפֿיע צוריק, קיין אַרבּייט דאָרט ניט געפֿונען און סתם אַ פֿאַרשלאָפֿענע, טויטע שטאָדט, און איך באַזעץ זיך ביי מיין אַלטער מיסעס. דערצעהלט זי מיר, אַז פּעני האָט חתונה געהאַט און אַז זי האָט זיך באַזעצט מיט איהר מאַן אין שיקאַגאָ, אַזוי האָט איהר די אַלטע מיסעס גוטמאַן, אַ שכנה אינ׳ם אייגענעם הויז, דערצעהלט... נו, זאָל עמיצען עפּעס איינפֿאַלען? מיט אַמאָל איז די אַלטע מיסעס גוטמאַן אַרעסטירט געוואָרען און פֿון די צייטונגען דערוויסען מיר זיך, אַז מען האָט זי אַרעסטירט אין אַ הייזעל און אַז זי האַנדעלט גאָר מיט ווייסע שקלאַפֿען. און אַז דאָרט, אין דעם הייזעל, האָט די פּאָליציי געפֿונען אַ האַלב־טויט מיידעל, וואָס הייסט פּעני. זי איז פֿאַרשלעפּט געוואָרען אַהין פֿון אַ לומפּ, פֿון אַ קאַדעט, מיט וועלכען זי זאָל האָבּען חתונה געהאַט. שרייט מיין מיסעס, אַז דאָס מוז זיין אונזער פּעני, ווייל מיסעס גוטמאַן איז דאָס געווען די גאַנצע שדכנ׳טע צווישען פּעני׳ן און איהר באַי.

איך גלויב ניט, אַז דאָס איז זי, ניין! אויף נאמנות. ווי אַזוי קען מען אַזאַ זאַך גלויבּען! עס איז דאָך אַזוי ווילד, אַזוי משונה׳דיג, אַזוי אומגלויבּליך, אין מיטען ניו יאָרק... מען קען דאָך משוגע ווערען! איך בעט אייך, איהר זענט אַן אַמעריקאַנער, געפֿינט אויס. זי הייסט פּעני... פּעני עלקין...

ברוך האָט געקוקט אויף איהם מיט צעמישטע אויגען און ניט געוואוסט, וואָס איהם צו ענטפֿערען. זאָגען איהם, אַז זיין קומען אַהער האָט אויך אַ שייכות מיט דער אייגענער פּעני׳ן, וואָלט ער איהם דעמאָלט אויך געמוזט דערצעהלען, אַז זיין ברודער איז דאָס דער לומפּ, דער קאַדעט, וואָס האָט זי פֿאַרשלעפּט אַהין, און דאָס האָט ער נישט געקענט דערצעהלען, עס איז איהם שווער געווען־דאָס צו דערצעהלען, איהם ברוך׳ן, וואָס פֿון דעם געדאַנק אַליין, אַז זיין ברודער איז דאָס דער קאַדעט, האָט זיין גאַנצע נשמה געברענט פֿאַר חרפּה און ווערטאָג. פֿון דער אַנדערער זייט אָבּער האָט ער געוואוסט, אַז וויבּאַלד יאַנקעל איז אַזוי פֿאַראינטערע־

סירט אין איהר, וועט ער סוף־כּל־סוף זיך דערוויסען, וואָס פאַר אַ שייכות ער, ברוך, האָט מיט דער אומגליקליכער.

ער האָט אַ קוק געטאָן צעמישט אויף ווילי'ן, וועלכער האָט גוט פאַרשטאַנען די לאַגע פון זיין ברודער, און אוועקגעדרעהט פון איהם די אויגען, וואָס האָבען אויסגעדריקט טיפען צער און דערשלאָגענקייט.

צום סוף האָט ברוך אַרויסגעשטאַמעלט:

— איך ווייס ניט, אויב איהר וועט זי היינט קענען זעהן. מען לאָזט היינט קיינעם פון די באַזוכער ניט צו צו די קראַנקע.

און ווען ער האָט עס געזאָגט, האָט ער געפיהלט, ווי איינער, וועלכער וויל זיך אַרויסדרעהען פון אַן אומגליק, וואָס מוז קומען כּאָטש אויף דערווייל.

יאַנקעל האָט אויסגעשריען:

— אָבער איך וויל דערגעהן צי איז עס פּעני עלקין. איך בעט אייך. דאָס קען מען דאָך דערגעהן...

פּלוצים האָט דער דעטעקטיוו, וועלכער איז געזעסען פאַר דער טיר פון פּעני'ס צימער, זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט. ער איז געווען אַ אידישער דעטעקטיוו, וואָס האָט גערעדט אידיש. אין אָפיס פון דעם דיסטריקט אַטאַרני, האָט מען געוואוסט, אַז די קראַנקע, וועלכע האָט געדאַרפט געבען אַן ערקלערונג, איז געווען אַ גרינע מיידעל. האָט מען דערפאַר אַהין געשיקט אַ דעטעקטיוו, וואָס האָט געקענט רעדען אידיש.

ער האָט געהערט, וואָס יאַנקעל האָט גערעדט צו ברוכ'ן און ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט איהם.

ער איז צוגעגאַנגען צו יאַנקעל'ן און האָט גענומען איהם אויספרעגען, ווי לאַנג ער האָט געקאַנט פּעני'ן, וואָס זי האָט פריהער געטאָן, וואו ער וואוינט און וואו זי האָט פריהער געוואוינט.

יאַנקעל האָט אויף אַלע זיינע פראַגען געענטפערט און דערביי צוגעלייגט ביי יעדען ענטפער:

— איך בין אָבער זיכער, אַז דאָס איז ניט זי. עס קאָן ניט זיין, עס קען ניט זיין!

מיט אַמאָל האָט דער דעטעקטיוו זיך אָנגערופען:

— אל ראיט, איהר וועט באלד זעהן, אויב דאס איז זי...

ווילי האט זיך א כאפ געטאן און איז צוגעלאפען צום דעטעקטיוו.

— פליעז — האט ער ארויסגעפליסטערט מיט אזוי פיעל געבעט אין די אויגען — נאר פון דערוויטענס... איין קוק נאר...

א ברייטער שמייכעל האט זיך צעלייגט אונטער די לאנגע שווארצע וואנצעס פון דעם דעטעקטיוו און מיט לא־כענדיגע אויגען אונטער דעם ברייטען שווארצען הוט, האט ער א ווייל׳ע אנגעקוקט ווילי׳ן. דערנאך האט ער איהם ארויפגעלייגט א האנט אויפ׳ן אקסעל און מיט א שפאטישען שמייכעל געזאגט:

— דו, דיימאנד, האסט זי שוין געזעהן ניט איין מאל... דו קאנסט זי איצט ניט זעהן. געה, געה אהיים, אומזיסט ווארטסטו דא!

יאנקעל האט געקוקט אויף זיי און ניט פארשטאנען וועגען וועמען זיי רעדען.

ווילי איז געבליבען שטעהן ווי א דער׳הרג׳עטער, און יאנקל׳ען האט דער דעטעקטיוו אנגענומען ביים ארעם און איז מיט איהם אריין צו דער קראנקער אין צימער.

דארט איז פעני געלעגען אויף א ווייס בעט, דער בלאנ־דער קאפ ארומגעלייגט מיט זעקעלאך אייז און ביידע הענט, ווייס, ווי פריש־אויסגעפאלענער שניי, אויסגעצויגען פון ביידע זייטען בעט. זי האט זיך ניט א ריהר געטאן, נאר שטיל, שטיל געקרעכצט. איין אויג איז ביי איהר געווען ארומגעבונדען און דאס צווייטע האלב אפען. זי האט אבער קיינעם ניט געזעהן פאר זיך, ניט דאס צימער, וואו עפעס א פייערליכע רוהיגקייט האט געשוועבט, און ניט די קראנקען־שוועסטער מיט׳ן ווייסען טשיפיק, וועלכע איז געזעסען לעבען איהר בעט.

זי האט זיך געפונען אין א צושטאנד, וואו אהן יעדען צוזאמענהאנג און זין האבען זיך אין איהר מח נאכאנאנד געמישט בילדער פון איהר פארגאנגענהייט און געגענווארט מיט אימה׳דיגע בילדער פון מורא׳דיגע חלומות...

ווען יאַנקעל האָט זי דערקאַנט, איז ער געוואָרען ווייס ווי קרייד. ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטען אויף די פיס און אויף אַ ווײַלע פאַרלאָרען זיין לשון.

— איז דאָס זי? — האָט דער דעטעקטיוו געפרעגט.

יאַנקעל האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און זיין איינגעבויגענער רעכטער אַקסעל האָט זיך נאָך מעהר ארונטערגעלאָזט.

— פעני עלקין?

— פעני עלקין — האָט יאַנקעל געענטפערט אַזוי שטיל, אַז מען האָט קוים געקאָנט הערען זיין קול.

דער דעטעקטיוו האָט איהם צוריק אַרויסגעפיהרט פונ'ם צימער, און יאַנקעל האָט געטראָטען צעטומעלט, מיט'ן רעכטען אַקסעל איינגעבויגען. און ווען דער דעטעקטיוו האָט איהם דערנאָך ווידער אויסגעפרעגט, האָט זיך יאַנקלען אויסגעוויזען, אַז דאָס אַלצדינג חלום'ט זיך איהם און זיין קול, מיט וועלכען ער האָט געענטפערט, האָט זיך איהם אויך אויסגעוויזען ווי אַ פרעמדער, און ווען ברוך און ווילי זענען צוגעגאַנגען צו איהם, האָבען זיי זיך איהם אויסגעוויזען ווי שאָטענס.

— נו, — האָט ברוך געפרעגט, — געזעהן זי?

יאַנקעל האָט אַרויסגעמורמעלט:

—דאָס איז טאַקע זי. מען קען משוגע ווערען!...

ווילי האָט געקוקט אויף איהם און פאַר אויפרעגונג האָט ער מיט זיין איבערגעבונדענער האַנט אַ צופּ געטאָן יאַנק־לע'ן ביי אַן אַרבעל, דערפיהלט אַ שאַרפען וועהטאָג אין דער האַנט, אַ כאַפּ געטאָן זי צוריק מיט אַ צעקרימטען פּנים און גלייך אַנגענומען יאַנקעל'ס אַרבעל מיט דער געזונטער האַנט.

— ווי זעהט זי אויס? — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט.

יאַנקעל האָט געמיינט, אַז דער אומבאַקאַנטער יונגער־מאַן פרעגט זיך נאָך אויף איהר, ווייל ער, יאַנקעל, האָט איהם פריהער פאַראינטערעסירט אין איהר, האָט ער גע־ענטפערט:

— ווי זי זעהט אויס? אַ שאָטען פון פעני'ן. אַי, אַי, אַזאַ מיידעל... מען קען משוגע ווערען!

— האָט איהר גערעדט מיט איהר? — האָט ווילי ווייד־

טער געפרעגט מיט א מינע פון א דערשלאָגענעם הונט און געקוקט יאנקלען אין פּנים אריין.

— ניין.

— האָט זי עפּעס גערעדט?

— ניין.

— קיין וואָרט ניט?

— קיין איין וואָרט. זי האָט נאָר געקרעכצט.

— געקרעכצט? — האָט ווילי איבערגעפרעגט און דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט. באַלד אָבער האָט ער ווידער אַרויס־געשטאַמעלט:

—און דאָס אויג?... אויסגעגלאָצט?... אויסגע־גלאָצט, הא?

יאנקעל האָט איהם אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— איך פאַרשטעה ניט, וואָס פאַר אַן אויג? פון וואָס רעדט איהר? פון וועמען?

דאָ האָט ברוך אַ צופּ געטאָן ווילין ביים אָרעם. ווילי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם, פאַרשטאַנען, אַז זיין ברו־דער איז אומאַנגענעם, וואָס ער, ווילי, רעדט צופיעל מיט יאַנקל'ען פון פעני'ן, און ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט נאָר פאַרשטיקט אַ זיפץ געטאָן.

אין דרויסען האָט יאַנקעל מיט אַמאָל זיך אָנגערופען צו ברוכ'ן:

— איהר הערט? איך פיהל איצט, אַז איך וואָלט געקענט זיין אַ מערדער. קיינמאָל האָב איך ניט געקענט פאַרשטעהן, ווי אַזוי איין מענש קאָן דער'הרג'ענען אַ צווייטען. ווען איך בין אין רוסלאַנד געווען אין דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָב איך אַלע מאָל ביי זיך אין האַרצען געטראַכט, אַז דער טעראָריסט מוז בטבע זיין מעהר נאָהנט צו אַ מערדער איידער צו אַ נאָרמאַלען מענשען. אַלע מיינע געפיהלען האָבען פּראָטעסטירט קעגען מענשען־מאָרד. נו, זאָל זיין אַ מיאוס'ער שפּיאָן, אַ שרעקליכער דעספּאָט, אָבער דער'הרג'ענען איהם, ווי אַזוי קען מען עס, ווי אַזוי מעג מען עס?! דאָס ברענגט דאָך אַרונטער דעם מענשען צו דער מדרגה פון דער ווילדסטער חיה! אָבער אין דעם איצטיגען מאָמענט פיהל איך, אַז יענעם לומפּ, וואָס האָט פעני'ן פאַרשלעפּט, וואָלט איך אַליין מיט'ן

גרעסטען פאַרגעניגען דער׳הרג׳עט! אויף נאמנות, קיין איין מינוט וואָלט איך זיך ניט געקווענקעלט!...

ברוך איז רויט געוואָרען און האָט צעמישט געשמייכעלט. און ווילי האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט און געקרעכצט מיט׳ן האַרצען.

„הלואי וואָלט מען מיך דער׳הרג׳עט, הלואי!“

ביים צעשיידען זיך האָט יאַנקעל געזאָגט:

— איך וועל אַרונטערפאָהרען זעהן באַקאַנטע. וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? — האָט ער זיך אונטערבראָכען צעטראָגען — גוד באַי, געגאַנגען! — האָט ער דערנאָך געזאָגט צו זיי, מיינענדיג, אַז דער יונגערמאַן מיט ברוכ׳ן איז אויך אַ געגאַנגען, און ער האָט זיך געלאָזט לויפען צו דער קאַר, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט דערביי.

ווען ברוך איז דערנאָך געבליבען מיט זיין ברודער אַליין, האָט ער אַרויסגערעדט מיט ביטערניש אינ׳ם קול:

— נו, האַ? וואָס זאָגסטו, שלמה? פאַרגעניגען? כבוד? ער מיינט דאָך, אַז דו ביזט אויך איינער פון אונזערע... „געגאַנגען“... ווען ער זאָל וויסען, האַ? ווען ער זאָל וויסען... ער וועט זיך אָבער דערוויסען שפּעטער. אַלע וועלען זיך דרוויסען. אַ כבוד פאַר דיין עהרליכען טאַטען, פאַר דער קראַנקער מאַמע, פאַר אונז אַלעמען אַ גרויסער כבוד. ניין, איך געה נישט מעהר מיט דיר אַהין, איך געה ניט!

ווילי׳ן האָבען ברוכ׳ס ווערטער געשניטען, ווי מיט אַ שאַרפען מעסער איבער׳ן האַרץ, און ער האָט געשוויגען. ערשט שפּעטער, ווען זיי זיינען געזעסען אין קאַר, האָט ער אַרויסגעמורמעלט:

— ברוך, אַך, ברוך, ווען מען וואָלט מיך דערשטיקט, בעת איך בין נאָך געווען אַ קינד!...

* * *

פון דעמאָלט אָן איז יאַנקעל געקומען אַהין יעדען טאָג און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איהר.

פאַרנאַכט, גלייך פון דער אַרבייט איז ער געלאָפען אַהין און דער דעטעקטיוו האָט איהם דאָן געזאָגט ווי זי האָט זיך געפיהלט.

מיט ווילי'ן האָט ער זיך מעהר ניט באַגעגענט, ווייל ווילי איז געקומען אין דערפריה יעדען טאָג, אמאָל מיט זיין ברודער ברוכ'ן, וועלכער האָט דאָך רחמנות געהאַט אויף איהם, כאָטש ווי ער האָט זיך ניט געשעמט מיט איהם, און אמאָל — מיט זיין שוועסטער גאָלדע'ן און אַ פּאָר מאָל אויך מיט זיין אַלטען טאַטען.

דער אַלטער טאַטע, אַ הויכער, ברייטער איד, מיט אַ ברייטער ווייסער באָרד און מיט ווייסע שטרענגע ברע־מען, האָט אין איהם איצט געזעהן גאָר אַ נייעם זוהן, אַ שטילען, אַ ליידענדען, אַן אמת'ן בעל תשובה, און דערפאַר איז ער איהם איצט באַזונדערס טייער געווען, ווי אַ פאַר־לאָרענער אוצר, וועלכען ער וואָלט פּלוצים ווידער געפונען, און דערפאַר איז איהם טייער געווען דאָס אומגליקליכע מיידעל, ווייל נאָר דורך איהר איז שלמה'קעלע איצט געווען אויפ'ן דרך הישר...

מיט'ן גאַנצען הארצען האָט דער פרומער טאַטע גע־בעטען ביי גאָט אַ רפואה שלמה פאַר איהר און צו זיין ווייב האָט ער גערעדט, אז גאָט וועט רחמנות האָבען און דאָס מיידעל וועט געזונט ווערען, וועט ער זי, בלא נדר, שיקען אין די בערג צו דערהאָלען זיך. ווי דאָס אויג אין קאָפּ וועט זי איהם טייער זיין. זי איז שלמה'קעלעס מלאך און זי ליידט, נעבעך, פאַר זיינע בלוטיגע מעשים...

14.

ווילי'ס יסורים

איינמאָל אַ שבת, ווען ווילי איז אין דער פריה געקומען אהין מיט זיין ברודער, האָט דער דאָקטאָר זיי ערקלערט מיט אַ פרעהליכער מינע, אַז די קראַנקע איז ארוים פון סכנות און אַז זיי וועלען זי קאָנען זעהן אין אַ פּאָר טעג ארום.

ווילי האָט זיך שיער צעיאָמערט פאַר שמחה. און פאַרנאַכט דעמזעלביגען טאָג, ווען דער דעטעקטיוו האָט יאַנקלע'ן אויך געזאָגט, אַז זיין פריינדין איז ארוים פ.ן געפאַהר, האָט ער שיער ניט געכאַפּט קושען דעם דעטעקטיוו.

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען יאַנקעל איז געקומען אהין, זענען שוין דאָרט געווען ווילי און ברוך. דער לעצ־

טער האָט דערזעהן יאַנקל'ען פון דערווייטענס, איז ער גע־וואָרען רויט און האָט זיך שטיל אָנגערופען צו ווילי'ן:

ער קומט. געה אַהיים. לאָז מיך איבער מיט איהם אַליין. איך וויל איהם אַליין ערקלערען. בעסער איידער ער זאָל זיך דאָס דערוויסען פון אַנדערע. דאָס פייניגט מיך. איך מוז עס טאָן...

און מיט אַ פאַרשטיקטען זיפץ האָט ווילי איהם פאַר־לאָזען און איז מיט אַן אַרונטערגעלאָזטען קאָפּ פאַרשוואונ־דען אין דעם קאָרידאָר.

יאַנקעל האָט דערזעהן ברוכ'ן, איז ער צוגעגאַנגען צו איהם.

— וואָס טוט איהר דאָ אַזוי אָפּט? איהר קומט עמיצען געוואָהר ווערען?

— יא — האָט ברוך געענטפערט און צעמישט געשמייכעלט.

—איהר ווייסט — האָט יאַנקעל איהם דערצעהלט מיט התפעלות — דאָס מיידעל... מיין באַקאַנטע... אַט די וואָס איז אַריינגעפאַלען... איהר געדענקט דאָך? איז אַרויס פון געפאַהר.

— איך וויל עפּעס רעדען מיט אייך, יאַנקעל — האָט איהם ברוך איבערגעשלאָגען.

— מיט מיר? — האָט איהם יאַנקעל אָנגעקוקט פאַר־וואונדערט.

— יא, מיט אייך.

— וואַרט איכ'ל נאָר פרעגען, וואָס זי מאַכט! — האָט יאַנקעל געזאָגט, און איז צוגעלאָפען צום דעטעקטיוו, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסען דאָרט פאַר דער טיר.

— פיין! — האָט דער דעטעקטיוו איהם געענטפערט — דער דאָקטאָר זאָגט, אַז זי וועט באַלד אינגאַנצען געזונט ווערען.

דאַן האָט זיך יאַנקעל צוריקגעקערט צו ברוכ'ן מיט אַ פּנים וואָס האָט אינגאַנצען געלויכטען און געשמייכעלט.

— זי ווערט געזונט — האָט ער געמורמעלט — אויף נאמנות, דאָס איז ביי מיר די גרעסטע שמחה, די גרעסטע שמחה.

ברוך האָט געקוקט אויף איהם פאַרטראַכט און גע־שוויגען. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופען:

—הערט אויס, יאנקעל, איהר זענט אן אינטעליגענטער מענש, אן עהרליכער מענש, אן עהרליכער סאציאליסט, וויל איך מיט אייך רעדען אפען, פון הארץ צו הארץ, ווי מען זאגט...

יאנקעל האט אויסגעגלאצט אויף איהם זיינע קינדערש־פאר'חלומ'טע אויגען. אזא אנהויב האט איהם שטארק פארוואונדערט.

— איהר האט מיך געפרעגט, צי איך קום אהער עמיצען געוואהר ווערען. יא, יאנקעל. און ווייסט איהר וועמען? את טאקע די אייגענע פעני עלקין. איהר וואונדערט זיך, ווי אזוי איך קום צו איהר? איך אליין קען זי ניט; האב זי קיינמאל ניט געזעהן; ווייס אפילו ניט ווי זי קוקט אויס; אבער מיין ברודער קען זי, דער שווארצער שעפס פון אונזער משפחה... צו מאכען עס בקיצור, יאנקעל: איך האב א ברודער, איז ער געוועזן איינמאל אן „אנטי־קעל,” פאר קיינעם פון אונז — ניט פאר מיינע עלטערען און ניט פאר מיינע אנדערע ברידער און שוועסטער — האט ער זיך ניט געטארט ווייזען. פאר אונז אלעמען איז ער געוועזן געשטארבען, טויט, באגראבען. מיר אלע האבען געוואונשען, אז אין איין שעהנעם טאג זאלען מיר זיך דערוויסען, אז ער איז טויט, טאקע אויף אן אמת... פלוצים קומט ער צו אונז דא ניט לאנג א לעבעדיגער, נאר גאר א נייער מענש, א בעל תשובה. ער האט חרטה אויף זיין פריהערדיגען לעבען, זאגט ער. ער וויל ווערען אן ארענטליבער מענש, מיר זאלען זיך מיט איהם ניט דארפען מעהר שעמען. און מיר זעהען, אז ער רעדט פון הארצען, אויפריכטיג; אז ער מיינט ערנסט וואס ער זאגט... וואס איז די מעשה? ער האט געטראפען א מיידעל, זי איז זיין זומפ פארשלעפט, געמיינט זי צו מאכען פאר איינע — איהר פארשטעהט דאך, וואס איך מיין?... האט ער זיך פלוצים געכאפט, אז ער איז פארליבט אין איהר און האט זיין געוויסען דערפיהלט... בעט ער און וויינט — מיר זאלען דאס מיידעל ארייננעהמען צו זיך. — ער וועט ארבייטען, זוכען צו פארדינען זיין ברויט אויף אן עהרליכען אופן. נאטירליך, זיינען מיר געוועזן צופרידען צו העלפען איהם, ארויסצוררייסען זי און איהם אליין פון דעם טיעפען

זומפּ. אונזער אַלטער טאַטע האָט זיך אַזש צעוויינט פאַר שמחה, וואָס זיין שלמה'קע איז געוואָרען אַ בעל־תשובה. אָבער שלמה'קעלען איז באַשערט געווען צו שניידען דאָס, וואָס 'ער האָט פּארזייט: ווען ער האָט גע'פּועל'ט ביי אונז, אַז מיר זאָלען דאָס מיידעל אַריינגעמען צו אונז, האָט ער ביי זיין חברה ניט גע'פּועל'ט, אַרויסצולאָזען זי פון דאָרט. אין דער צייט, ווען ער איז געווען ביי אונז, האָט „חברה" דערוויייל דאָרט, אין דעם זומפּ, אָפּגעטאָן איהר טייפעלשע אַרבייט. מיין ברודער האָט זי דערנאָך גע־פונען אין אַ שרעקליכען צושטאַנד און דאַן האָט ער זיי אַלעמען איבערגעגעבען צו דער פּאָליציי...

און ברוך האָט געענדיגט מיט אַ ביטערען שמייכעל:

— אַ יאָ, יאַנקעל, איהר וואָלט דאָך קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז איך האָב אַזאַ ברודער...

יאַנקעל איז געווען בלייך. ער האָט אַרויסגעשטאַ־מעלט:

— און דאָס מיידעל איז געווען?

— יאָ, פעני עלקין, די אייגענע...

אַ שווייגען.

— און אייער ברודער איז דאָס געווען איהר חתן?

— אַזוי הייסט עס.

— און זי האָט געוואוסט, ווער ער איז? — האָט יאַנקעל ווידער געפרעגט, און זיינע ליפּען האָבען אַ ציטער געטאָן.

— ניין, דאָס האָט זי ניט געוואוסט. דער ברודער האָט מיר אַלצדינג דערצעהלט. אַז אַרומרייזענדער פון אַ געשעפט. האָט איהר דען געקענט עפּעס איינפאַלען?

ווידער אַ שווייגען...

— צי איז דאָס ניט דער, וואָס איך האָב אַנומעלט דאָ געזעהן מיט אייך, אַט דער מיט דער אַרומגעבונדענער האַנט?

— דאָס איז ער אַליין.

— אייערער אַ לייבליכער ברודער?

— יאָ, מיין מאַמע האָט אונז געבוירען פון איין טאַטען — האָט ברוך געענטפערט מיט אַ ביטערען שמייכעל.

— ער?!...

ביי יאנקלע'ן האט א זעץ געטאן דאס בלוט אין פנים.

— און אזא חיה רעה געהט ארום פראנק און פריי, אזוי ווי גאר ניט, און מען האקט איהם ניט אונטער די פיס, און מען דערשיסט איהם ניט, ווי א משוגענעם הונט!

ברוך האט געענטפערט:

— ער האט זיך זיין שטראף, גלויבט מיר. שלאפט ניט, עסט ניט. טראכט נאר פון איהר, רעדט נאר פון איהר און פארשעלט זיך די יאהרען. אויסער דעם, ווייסט ער, אז פריהער אדער שפעטער וועלען זיינע פריהעריגע חברים זיך אפרעכענען מיט איהם. ער שלאפט מיט מיר אין איין צימער, זעה איך, ווי ער מוטשעט זיך די נעכט... אפט אין מיטען נאכט, וועקט מיך אויף זיין געשריי. ניטא וואס מקנא צו זיין זיין לעבען, ער איז גענוג באשטראפט...

יאנקעל האט א שאקעל געטאן דעם קאפ.

— ניין, ניין, עס איז גאר אויף דער וועלט נישטא אזא שטראף וואס אזא חיה רעה האט פארדינט! — האט ער געזאגט — ווען איהר וואלט געקענט דאס מיידעל, אזוי ווי איך! זאל ער זיך ניט ווייזען — האט ער פלוצים גע־נומען פליסטערען, און זיינע קינדעריש־פארטראכטע אויגען האבען זיך מיט אמאל אנגעצונדען מיט האס — פארוואס געהט ער נאך אהער, זאגט איהם, אז ער זאל זיך דא מעהר ניט ווייזען. איך וועל זיך אננעמען פאר איהר. איהר הערט? אמת, איך בין א גרינער, אבער הענט האב איך שטארקע. און פאר אזא נפש דארף מען נאר האבען שטאר־קע הענט!

— וואס האט איהר זיך צעקאכט, יאנקעל? ער מיינט דאך איצט ערנסט מיט איהר. ער איז דאך איצט אן אנדער מענש. צוליב איהר האט ער דאך צעריסען מיט זיין פרי־העריגען לעבען, זיין לעבען אין קאן איינגעשטעלט.

— איך גלויב ניט אין וואונדער. אזא חיה רעה קען ניט ווערען פלוצים אן ארענטליכער מענש.

— זעהט איהר דאך!

— איך זעה גאר נישט. און אויב אפילו ער פיהלט איצט ווי א מענש, וועט עס אויך ניט זיין אויף לאנגע יאהרען. אין דער ליבע און אין דער חרטה פון אזוינע ברואים טאר מען ניט גלויבען, מען טאר ניט, מען טאר ניט.

— געדענקט איהר, יאַנקעל, טאָלסטאָי'ס תחית המתים? יאַנקעל האָט זיך צעלאַכט אויפגערעגט.

— וואָס איז, אפשר וועט איהר מיר זאָגען, אַז אייער ברודער איז אַ נייער נעכליודאָוו? האָט נעכליודאָוו אויך גע־זוכט צו פאַרשלעפּען מיידלאַך אין אַזאַ זומפּ, כדי צו מאַכען געשעפט פון זיי? האָט ער פון מאַסלאָוואַ'ן אויך געוואָלט מאַכען אַ ווייסע שקלאַפין?...

— אומדירעקט האָט ער עס געמאַכט פון איהר. אָבער ניט פון דעם רעד איך. איך רעד פון דער חרטה, וואָס האָט זיך דערנאָך מיט אַזאַ פייער אויפגעכאַפּט אין זיין האַרצען, בעת אין דער געזונקענער מאַסלאָוואַ'ן האָט ער, ווי אין אַ שפּיגעל, דערקאַנט זיינע מיאוס'ע מעשים. געדענקט איהר, ווי ער האָט דאַן דערפיהלט זיין געוויסען, אָדער ווי טאָלסטאָי אַליין וואָלט זיך אויסגעדריקט, ווי ער האָט דאַן דערפיהלט גאָט?...

יאַנקעל האָט אומגעדולדיג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— אַך, לאָזט צופרידען! אַ פאַרגלייך! נעכליודאָוו האָט דאָך אַלע מאָל געהאַט זיין גאָט, און אַזאַ ווי אייער ברודער... ווען האָט ער געהאַט אין האַרצען? דעם טייפעל, דעם זומפּ!...

— יאַנקעל, עס וואונדערט מיך אויף אייך. מיין אַלטער, פרומער טאַטע איז טאָלעראַנטער איידער איהר. ער זאָגט, אַז אַ בעל תשובה איז אַ סך חשוב'ער אפילו פון אַ צדיק, און איהר, אַ סאָציאַליסט, וואָס גלויבט, אַז מען קען אויפקלערען מענשען, אַז מען קען זיי מאַכען בעסער... שאַ — האָט ער זיך פלוצים אונטערבראָכען — אין דער היים זענט איהר דאָך געווען אַ בונדיסט, איז דאָס ניט אַ פאַקט, אַז צווישען די מענשען, וואָס דער „בונד" האָט אויפגע־קלערט און אויסגעמענשעלט, האָט מען געקאָנט טרעפען אויך אַזוינע, וואָס זיינען פריהער געווען גאָר ניט אַזעלכע שעהנע ברואים?...

יאַנקעל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך וויל מיט אייך ניט דעבאַטירען. אויף אַ פאַר־זאַמלונג וועט איהר דעבאַטירען מיט מיר, אָבער ניט ווען אַ

הארץ איז צעריסען! אויף נאמנות, איך פארשטעה ניט, ווי אזוי איהר שעמט זיך גאר ניט צו רעדען אזוי וועגען אזא ברודער. פע!...

און ער איז אויפגערעגט אנטלאפען, מיט'ן רעכטען אקסעל איינגעבויגען.

ברוך האט איהם נאכגעקוקט און פארשעמט געשמייכערט. דערנאך האט ער א טראכט געטאן מיט וועהטאג:

„איז ער דען ניט גערעכט?".

און ער האט זיך געלאזט געהן איבער'ן קארידאר צו דער גאס־טיר.

אין דרויסען איז פלוצים ווילי פון הינטער איהם אויסגעוואקסען.

— נו, וואס האט ער געזאגט? — האט ווילי איהם געפרעגט.

און ברוך האט מיט גאל געענטפערט:

— ער האט געזאגט, אז מ'האט דיך געדארפט דערשיסען, ווי א משוגענעם הונט!...

ווילי האט זיך א צאפעל געטאן. דערנאך האט ער זיך צעלאכט אזוי רחמנות'דיג און דערשלאגען.

— יא, יא, ער איז גערעכט — האט ער ארויסגעפליסטערט — און דאס וועט שוין קומען. דאס וועט שוין קומען!...

.15

ווען פעני איז געקומען צו זיך

אין דער אייגענער צייט איז פעני געלעגען אין יענעם צימער שוין ביי איהר פולען באוואוסטזיין. שוואך, אהן כחות, איז זי דארט געלעגען, אויסגעמאטערט פון דעם שווערען קאמף וואס איהר יונג לעבען האט געפיהרט פאר זיך די לעצטע פאר וואכען מיט די מורא'דיגע געשפענסטער, וועלכע זיינען געבוירען געווארען אין איהרע אנגעצונדענע געהירען. די דאזיגע געשפענסטער האבען דארט פארשפרייט א שווערען און א היים־שטיקענדען חושך, דורך וועלכען געשטאלטען, איין געשטאלט מורא'דיגער פונ'ם אנדערען, איינס מגושמ'דיגער פונ'ם אנדערען, האבען זיך געטראגען און געדרעהט אהן שום סדר און אהן שום זין און האבען

געשטיקט דעם באוואוסטזיין פון דער קראַנקער און געזויגען דעם זאַפט פון איהר לעבען.

איהר יונג לעבען האָט סוף־כל־סוף מנצח געווען. איצט איז איהר מח געווען אויסגעלייטערט און זי האָט איצט גע־טראַכט קלאָרער, ווי ווען עס איז פריהער, און זי האָט איצט גאָר אַ סך פארשטאַנען, וואָס זי האָט פריהער ניט פאַר־שטאַנען.

זי איז שוין מעהר ניט געווען די פריהערדיגע נאאיווע, אומשולדיגע פעני, וואָס האָט געזעהן און געטראַכט און גע־לעבט אויסשליסליך מיט איהר ריינעם הארץ, נאָר אַן ערפאַ־רענע פרוי איז זי איצט געווען, וואָס די איבערגעלעבטע מורא'דיגע דראַמע, וועלכע האָט אינגאַנצען צעטרייסעלט איהר לייב און זעעל, האָט זי געצוואונגען צו זעהן זאַכען, וואָס זי האָט פריהער ניט געזעהן, און פארשטעהן זאַכען, וואָס זי האָט פריהער ניט פארשטאַנען...

אַזוי ווי זי וואָלט פּלוצים דערפיהלט די אויגען פון איהר קאָפּ, האָט זי זיך געוואונדערט, וואו זיינען איהרע אויגען געווען פריהער, וואו איז פריהער געווען איהר פאַר־שטאַנד ?!...

די איינצעלהייטען פון דער שרעקליכער דראַמע און אַלע איהרע העלדען, וואָס האָבען זיך איצט געטראָגען פאַר פעני'ס אויגען, זיינען, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, ארויסגעשוואָר־מען פון איהר ווייטער, ווייטער פארגאַנגענהייט ווי שרעק־ליכע דעראינערונגען פון פארגאַנגענע יאָהרען... און ווי אַ מענש באַקומט אַ קלאָר בילד פון געוויסע מענשען און פּאַסי־רונגען, וואָס האָבען אויף איהם געמאַכט אַ טיפען איינדרוק, ווי עס טרעפט געוועהנליך, ערשט אין די שפּעטערע יאָהרען, ווען די דאָזיגע מענשען און פּאַסירונגען זיינען געוואָרען דער־אינערונגען, אַזוי האָט אויך פעני ערשט איצט קלאָר באַגרי־פען די מענשען און די פּאַסירונגען פון איהר דראַמע, ווען זיי האָבען זיך איהר אַרויסגעוויזען, ווי בייזע געשפּענסטער פון איהר ווייטער, ווייטער פארגאַנגענהייט...

איצט האָט זי געזעהן די פרומע, עהרליכע מיסעס גוט־מאַן אין איהר ריכטיגען געשטאַלט, אַ בריאה מיט גאָט אויף די ליפּען און מיט אַ שאַרפען מעסער אונטער'ן בוזים, און

זי האָט איצט קלאָר געזעהן די גאַנצע אויסגעלאַסענקייט אויף מייביל'ס שעהנעם פּנים און אין די אויגען און מאַני־רען פון די אַלע פּרויען, וואָס זי האָט געטראָפען זינט איהר „חתונה"...

און אַז זי האָט איצט געטראַכט וועגען יענע אַלע מענער, האָט זי אויפגעשוידערט מיט איהר גאַנצער נשמה. אין יע־דען פון זיי האָט זי איצט קלאָר געזעהן דעם פאַרברעכער, די חיה רעה.

דאָס, וואָס זי האָט פריהער געפיהלט צו זיי אינסטינק־טיוו מיט'ן הארצען, האָט זי איצט קלאָר געזעהן מיט איהרע אויגען. און וועגען ווילי'ן האָט זי איצט געטראַכט מיט טיפען האַס. זי האָט איצט קלאָר געוואוסט, ווער ער איז און צוליב וואָס ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט, און וואָס דאָס איז פאַר אַ מין „חתונה" געווען. און מיט וועהטאָג האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם איינדרוק, וואָס דער „רעווערענד" האָט אויף איהר געמאַכט און די אַלע געסט, און די גאַנצע חתונה מיט'ן סקאַנדאַל, און זי האָט זיך ווידער און ווידער געפרעגט: וואו זענען געווען איהרע אויגען, איהר פאַרשטאַנד? דאַכט זיך אַ קינד האָט געקאָנט פאַרשטעהן, בפרט נאָך, ווען זי האָט געפיהלט, ווען דאָס האַרץ האָט איהר דעמאָלט געזאָגט?...

און, בכלל, ווי אַזוי האָט זי ניט באַמערקט, ווער ווילי איז געווען? פון זיינע פאַרשיידענע גראָבקייטען און פּרע־כע מאַנירען, פון זיין געקרויזטען לאָקענדעל, ווי ביי אַ שאַרלאַטאַן, פון זיינע גנב'שע אויגען האָט דאָך געשמעקט אויף מיילען ווייט דער פּשוט'ער באַנדיט! בפרט נאָך יענער ערשטער סדר־נאַכט...

גאָט אין הימעל, וואָס האָט עס זי אַזוי בלינד געמאַכט, אַזוי פאַרבלענדט?!...

און אַמאָל, ווען דער לעצטער שוידערליכער מאָמענט פון איהר דראַמע האָט, ווי אַ מורא'דיגער קאָשמאַר, פאַר איהר אויפגעלעבט, האָט זי זיך קלאָר דערמאָנט, וואָס די „בייבי" האָט איהר אויפגעקלערט וועגען ווילי'ן און ווי זי האָט מיט איהרע לעצטע כחות געקעמפט קעגען דער צערייצטער חיה און מיט איהרע לעצטע געדאַנקען גערופען ווילי'ן צו הילף, ניט גלויבענדיג, וואָס די „בייבי" האָט

דערצעהלט וועגען איהם, און ווי דערנאָך איז דזשוליע געקומען מיט די אַנדערע צוויי מענער און איהר געוויזען דאָס שענדליך בילד. אין אַזוינע מאָמענטען האָט זי ווידער געפיהלט, ווי אין איהר קאָפּ מישט זיך, און מיט אַלע כחות האָט זי זיך באַמיהט ניט צו טראַכטען פון דעם און דאָך געטראַכט, געטראַכט און געשווידערט, און געהאַסט דעם מאַן, וואָס זי האָט ערשט גאָר ניט לאַנג צוריק אַזוי ליב געהאַט.

אַזוי ווי אַ שטורם וואָלט אומדערוואַרט אַרויסגעריסען מיט׳ן וואָרצעל די דאָזיגע ליבע פון איהר האַרצען, און אַ קוואַל פון האַס וואָלט דאָרט אויך אַזוי אומדערוואַרטעט זיך געעפענט אויף יענעם פּלאַץ...

אַמאָל, טראַכטענדיג וועגען דעם, האָט זי געבעטען דעם טויט אויף זיך. באַלד אָבער האָט דער יונגער קערפּער איהרער דערפיהלט די מחיה׳דיגע וואַרימקייט פון דער זון וואָס האָט אַריינגעקוקט אין די אָפענע פענסטער פון׳ם צימער, און ער האָט זיך אויפגעצאַפּעלט מיט יענער באַזונדערער לעבענסלוסט, מיט יענער באַזונדערער לעבענספרייד, וואָס יעדער מענש פיהלט, בעת ער דערהאַלט זיך פון אַ שווערער קראַנקהייט...

* * *

אַ סטאַטוע פון מאַרמאָר, אַזוי ווייס און אומבאַוועגליך, איז זי געלעגען אויפ׳ן בעטעל, איבער׳ן בלאַנדען קאָפּ אַ ווייס הייבעל, די אויגען פאַרזונקען אין טיפע לעכער, פון וועלכע זיי האָבען אַרויסגעקוקט ווי שטיקלאַך בלויער הימעל, דער ווייסער פּנים, אָהן די שמייכלענדיגע חן־גריבעלאַך, אויסגעצויגען, אָפּגעמאַטערט און ערנסט. די קראַנקען־שוועסטער איז ניט געווען אין צימער. אין די אָפענע פענסטער האָט די זון גאָלדיג אַריינגעלאַכט. שטיל איז דאָרט געווען. נאָר פון צייט צו צייט האָט אין דער שטילקייט זיך אַריינגעפּלאַכטען דאָס פרעהליכע סוויטשערן פון די פויגעלאַך, וועלכע האָבען זיך געפּרעהט אויף די בוימער הינטער די פענסטער.

דערנאָך זענען אַריינגעקומען די יונגע קראַנקען שוועסטער מיט׳ן ווייסען טשיפּיק און דער אַלטער דאָקטאָר מיט׳ן ווייסען קאָפּ און יונגען, ריין־ראַזירטען פּנים. מיט אַ שוואַכען שמייכעל האָט פּעני זיי באַגעגענט.

— וועל, געהט עס גוט? — האָט דער דאָקטאָר זיך געווענדט צו איהר מיט א פּאַטערליכען שמייכעל.

זי האָט געענטפערט מיט א שוואך קול:

— איך דאַנק אייך, דאָקטאָר, איך פיהל אָל ראַיט.

— אָל ראַיט, איז גוט!...

ער האָט זיך געזעצט לעבען איהר בעט אויף א שטול, געפיהלט איהר פּולס און אין א ווײלע ארום האָט ער מיט א צופרידענער מינע זיך אָנגערופען:

— פיין!

איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך א קעהר געטאָן צו דער קראַנקען־שוועסטער:

— זעצט זי אוועק לעבען פענסטער קעגען דער זון. היינט זאָל מען נאָך קיינעם ניט צולאָזען צו איהר. זי איז נאָך שוואך. אפשר מאָרגען. גוד־באַי, קינד — האָט ער א מאַך געטאָן מיט א האַנט צו פעני'ן — די וואך וועלען מיר אײנגאַנצען געזונט ווערען.

און ער איז ארויס פון צימער.

די קראַנקען־שוועסטער האָט איהר געהאָלפען אויפהויבען זיך פון'ם בעט. ערשט איצט האָט פעני דערפיהלט, ווי שווער עס איז געוואָרען איהר קאָפּ, אזוי ווי ער וואָלט געווען אָנגעגאָסען מיט בליי. און ווען זי האָט ארונטערגעלאָזט די פיס אויף דר'ערד, האָט זי זיך א כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט אָן דעם אָרעם פון דער קראַנקען־שוועסטער, ווייל דער דיל אונטער איהרע פיס האָט זיך געוויגט, ווי די שיף, אויף וועלכער זי איז געפאָהרען קיין אמעריקע, אין דער צייט ווען דער ים האָט געשטורמט.

און אָנהאַלטענדיג זיך אָן דעם אָרעם פון דער קראַנקען־שוועסטער, האָט זי זיך קוים דערשלעפּט ביז צום שטול, וואָס איז דאָרט, פאַר'ן פענסטער, געשטאַנען. דערפאַר אָבער, אַז זי האָט זיך דערנאָך ארונטערגעלאָזט אויפ'ן שטול און איהר קאָפּ און איהר גאַנצער קערפּער האָבען נאָר דערפיהלט די לאַסטשענדע וואַרימקייט פון דער זון, האָט זיך ביי איהר ארויסגעריסען:

— אך, ווי גוט דאָ איז, ווי גוט!...

אויף מאָרגען האָט זי זיך געפיהלט שטאַרקער, און ווען זי האָט פאַרלאָזען דאָס בעט מיט דער הילף פון דער קראַנקען־שוועסטער, איז איהר קאָפּ געווען גרינגער און

דער דיל אונטער איהרע פיס האָט זיך אויך ניט געוויגט אזוי ווי נעכטען.

זי איז געזעסען קעגען פענסטער און האָט זיך גע־פרעהט מיט דער זון און מיט'ן פויגעל־געשוויצער און מיט בענקעניש זיך דערמאָנט אָן דער זון און אָן די פויגעלאַך און אָן איהר מאַמע אין דער היים.

שפּעטער איז דער דאָקטאָר געקומען, האָט זי ווידער אונטערזוכט און דערנאָך זיך אָנגערופען צו איהר:

— קינד, דאָ וועט באַלד אייך באַזוכען אַ מאַן פון דעם דיסטריקט אַטאָרני'ס אָפיס, דערצעהלט איהם אַלצדינג, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אייך; נאָר גאַנץ רוהיג, רעגט זיך ניט אויף.

זי איז תיכף געוואָרען נערוועז, און אַ לייכטע רויט־קייט האָט זיך צעגאָסען איבער איהר ווייסען פּנים. דאָס האָט איהר דערמאָנט אָן דעם, וואָס זי האָט געהערט פון דער קראַנקען־שוועסטער, בעת זי איז געקומען צו זיך, אַז די פּאָליציי האָט זי געבראַכט אַהער; אַז יענע אַלע זענען אַרעסטירט, און מען וועט זיי משפּט'ן, און זי וועט מוזען זיין אַן עדות.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן:

„אָט־אָט הויבט זיך דאָס שוין אָן. נאָך דאָס פעהלט מיר. אויספּויקען פאַר דער גאַנצער וועלט. גאָר קיין סוף נישטאָ צו די צרות!...

דער דאָקטאָר איז אַרויס, און באַלד איז דער אידישער דעטעקטיוו מיט די לאַנגע, שוואַרצע וואָנצעס און מיט דעם ברייטען הוט, אַריינגעקומען.

זי איז געזעסען אויפ'ן שטול קעגען אָפענעם פענסטער און ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול קעגען איהר.

די קראַנקען־שוועסטער איז געשטאַנען מיט אַ נייגע־ריגער מינע הינטער איהר.

מיט אַ ווייכען, פאַר'גנב'עטען קול האָט דער דעטעק־טיוו זי אָנגעהויבען אויסצופרעגען און זי, אַ נערוועזע, מיט אַ שרעקענדיג הארץ, האָט איהם געענטפערט מיט אַ שטי־לען, ציטערדיגען קול.

אַנדערע זאַכען זענען איהר געווען שווער צו דערצעה־לען. שפּעטער, ווען דער דעטעקטיוו איז פאַרטיג געוואָ־רען, איז זי געווען אַזוי אויסגעמאַטערט און אָפּגעשוואַכט,

אזוי ווי זי וואלט קראנקערהייד געצוואונגען געווען צו שלעפּען שווערע שטיינער.

די קראנקען־שוועסטער האט איהר אפּגעווישט דעם קאלטען שוויים פון'ם שטערען.

דער דעטעקטיוו האט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צו דער טיר, און האט זי געעפענט.

— דיימאנד — האט ער א רוף געטאן — איצט קאנסטו אריינגעהן!...

ווילי איז אריינגעקומען מיט'ן הוט אין די הענט, צעמישט און דערשלאגען.

און ווען ער איז צוגעגאנגען נאהנט צו פעני'ן מיט ניט־דרייסטע טריט, האט זי איהם דערזעהן, ברייט געעפענט איהרע אויגען, איהר מויל, געוואלט א געשריי טאן, איז אבער קיין קול ביי איהר ניט געווען.

פּלוצים האט זי אפּגעווארפען דעם קאפּ אויפ'ן ווענטעל פון'ם שטול און איז געבליבען ליגען מיט פארגלאצטע אויגען און מיט אן אפענעם מויל.

ווילי האט זיך געטרייסעלט, ווי א בלאט, פון'ם קאפּ ביז צו די פיס, געמורמעלט: „פעני, פעני!" און ניט דערוועגט זיך צוצוגעהן גאנץ נאהענט צו איהר. די קראנקען־שוועסטער האט גענומען שרייען, אז ער זאל ארויסגעהן. און ווען דער דעטעקטיוו האט צו איהם א וואונק געטאן, איז ער אלץ געשטאנען, צוגעשמידט צו זיין ארט און האט געמורמעלט: „פעני." דערנאך, אז דער דעטעקטיוו האט איהם מיט געוואלד גענומען שטופען פון דארט, האבען זיינע אויגען אלץ געקוקט אהין, וואו פעני איז געזעסען, און ער האט רחמנות'דיג געמורמעלט:

— פעני! פעני!

די קראנקען־שוועסטער האט פעני'ן אויפ'ן בעט אוועקגעלייגט און איז ארויסגעלאפען נאך א דאקטאר.

און אין א ווייליע ארום, ווען דער אלטער דאקטאר האט זי צום באוואוסטזיין געבראכט, האט זי געעפענט די אויגען און שוואך געקרעכצט.

דער דאקטאר האט זיך צו איהר אנגערופען:

— מיין קינד, איך האב אייך געווארענט, אז איהר זאלט זיך ניט אויפרעגען. זייט בראוו, אויב איהר ווילט

געזונט ווערען. די נעכסטע פּאָר טעג ניט צולאָזען קיינעם צו איהר — האָט ער זיך אַ קעהר געטאָן צו דער קראַנקען־שוועסטער — און דאָס בעט זאָל זי ניט פאַרלאָזען ביז מאָרגען.

און ער איז אַרויס.

און שפּעטער האָט פּעני איינגעדרימעלט. און מיט אַמאָל איז זי געלעגען אין'ם ווּעלדעל ביים טייך פון איהר שטעדטעל, אויפ'ן הויכען, גרינעם גראָז. פּאַסען בלויער־הימעל ציהען זיך צווישען די שפּיצען פון די ביימער. פייגעלאך שפּרינגען ארום איהר, שפּרינגען און טאַנצען, און וויגען זיך אויף די גרין־באַבלעטערטע צווייגען און טשיריקען און סוויסטשערן אַזוי פרעהלאך. און פּלוצים איז זי אַליין אַ פייגעלע, טראָגט זיך פון צווייג צו צווייג מיט צעשפּרייטע פליגעלאך און סווישטשערט און טשיריקעט אַזוי לוסטיג, אַזוי לעבעדיג. דאַן דערהערט זיך דער גלאָקען־קלאַנג פונ'ם קאַסטיאָל און זי דערשרעקט זיך פאַר דעם פייערליכען הודיען פונ'ם גלאָק און פאַר שרעק פאַלט זי ארונטער אויפ'ן ברעג טייך, כאַפּט זיך באַלד, אַז זי האָט איהרע פליגעלאך פאַרלאָרען, איהרע פעדערען, אַז זי איז אויס פייגעלע, נאָר אַ פרוי, אינגאַנצען מוטער־נאַקעט... זי פאַרשטעלט מיט איהרע אָרעמס איהר ווייסע ברוסט, שעמט זיך פאַר איהר אייגענער נאַקעטקייט, און פּלוצים דערזעהט זי פון צווישען די ביימער ווילי'ן, די „בייבי" און נאָך אַנדערע, זיי קוקען אויף איהר פון דאָרט, ווי ווילדע חיות, און גנב'ענען זיך צו איהר. זי קאָרטשעט זיך אינגאַנצען צונויף, דריקט צונויף איהרע היפּטען און ציטערט אינגאַנצען. און מיט אַמאָל טוען זיי זיך אַלע אַ וואָרף אויף איהר און שלעפּען זי אין טייך אריין, און שטופּען זי אַלץ טיפער און טיפער. זי זינקט. זי עפענט דאָס מויל צו שרייען, לויפט דאָס וואַסער איהר אין מויל אריין און שטיקט זי און ווערגט זי... זי נעמט צונויף איהרע אַלע כחות און טוט זיך אַ ריס און אַ הויב איבער'ן וואַסער און לאָזט אַרויס אַ געשריי: „ראַטעוועט!" און עפענט די אויגען...

נעבען איהר איז געשטאַנען די קראַנקען־שוועסטער און האָט איהר אָפּגעווישט דעם שוויים פונ'ם שטערען.

פּעני האָט אַ כאַפּ געטאָן איהר האַנט.

— האָב איך זיך דערשראָקען! — האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט און טיף אָפּגעצויגען דעם אָטעם.

* * *

אויף מאָרגען איז זי ווידער געזעסען אויפ'ן שטול געגען דעם אָפענעם פענסטער און האָט מיט אַלע איהרע אברים אַריינגעזויגען אין זיך דעם וואַרעמען לעבענס-זאַפט פון דער זון. און אין עטליכע טעג שפּעטער איז זי שוין אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער אָהן דער הילף פון דער קראַנקען-שוועסטער.

פון איצט אָן איז זי מיט יעדען טאָג אַלץ קרעפטיגער געוואָרען, האָט געגעסען מיט אַפּעטיט און געשלאָפען אַ געזונטען שלאָף. ביז צום סוף וואָך איז זי כמעט אינגאַנצען געזונט געוואָרען.

אויסער דעם דאָקטאָר און דער קראַנקען-שוועסטער האָט זי איצט מעהר קיינעם ניט געזעהן, ניט געוואָלט קיינעם זעהן. וואָרים ווען די קראַנקען-שוועסטער, וועלכע האָט מיט איהר גערעדט דייטש און אַמאָל ענגליש און ס'רוב אַ געמיש פוןביידע שפּראַכען אינאיינעם, האָט איהר אַמאָל געזאָגט, אַז דער „יאָנג מען" מיט זיין „בראָדער" ווילען זי זעהן, איז פעני פאַרצאַפּעלט געוואָרען און האָט יענער ערקלערט מיט אַן אויפגערעגטען קול אין אַ שפּראַך, האַלב אידיש און האַלב דייטש און ענגליש:

— איך בעט זיי, ליבע מאַדאַם, פּליז, לאָזען זיי איהם ניט אַריין. לאָזען זיי קיינעם ניט אַריין. ער איז אַ בעד מען, מיין מערדער. איך בעט זיי, ליבע מאַדאַם, לאָזען זיי איהם נעווער, נעווער אַריין. פּליז, ליבע מאַדאַם!...

די קראַנקען-שוועסטער האָט זי אַ גלעט געטאָן איבער'ן בלאָנדען קאָפּ און אַרויסגערעדט מיט מיטגעפיהל אינ'ם קול:

— פּור גוירל, בערוהיגען זי זיך. אָל־ראַיט!...

און זי איז אַרויס אין קאָרידאָר, וואו ווילי מיט ברוכ'ן האָבען געוואַרט, און האָט זיי שטרענג געזאָגט, אַז זיי זאָלען דאָס מיידעל צורוה לאָזען; זי וויל זיי ניט זעהן און וועט זיי ניט זעהן. און שפּעטער פאַרנאַכט, ווען יאַנקעל איז געקומען, האָט די קראַנקען-שוועסטער איהם אויך געזאָגט:

— מען קאָן זי ניט זעהן.

— איז זי אָל־ראַיט? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט איהם ניט געענטפערט, אָננעמענדיג איהם פאַר איינעם פון ווילי'ס פריינד, און פאַרקלאַפּט די טיר פון פעני'ס צימער פאַר זיין נאָז.

פעני האָט זיך אָנגערופען:

— ווידער ער?

די קראַנקען־שוועסטער האָט געענטפערט:

— וואָן אוו היז פרענדס. פיליכט איין בראָדער. ער וואר שאָן דא א קאָפּעל טיימס... וואָנס דהי דעטעקטיוו בראָט הים אין יור רום...

פעני האָט אַרויסגעפּליסטערט:

מיין גאָט, וואו באַגראָבט מען זיך פון זיי.

און דערנאָך האָט זי זיך ווידער געווענדט צו דער קראַנקען־שוועסטער:

— פּליעז, מאַדאַם, לאָזען זיי קיינעם ניט אריין, איך בעט זיי, ליבע מאַדאַם, נעווער!...

פון דעמאָלט אָן האָט סיי ווילי און סיי יאַנקעל באַקומען איין ענטפער פון דער קראַנקען־שוועסטער:

— זי וויל קיינעם ניט זעהן!...

15.

דער בעל תשובה און חשוב'ער פון דעם צדיק

דער דאָקטאָר האָט ערקלערט, אַז פעני איז שוין אינגאַנצען געזונט און אין עטליכע טעג ארום וועט מען זי פונ'ם שפּיטאָל אַרויסלאָזען.

אַז פעני האָט עס דערהערט, איז זי צעטומעלט געוואָרען. וואוהין וועט זי געהן, צו וועמען?

פריהער, ווען זי איז אין אַמעריקע געקומען, האָט זי געהאַט אַן אַדרעס צו איהר קוזינע, האָפנונגען געהאַט, היימישע כחות, אָבער היינט?... די קוזינע איז ערגעץ אין לאָס אַנדזשעלעס, קיין האָפנונגען ווי פריהער האָט זי שוין ניט און איהרע היימישע כחות האָט זי אויך פאַרלוירען — וואָס זאָל זי טאָן?

איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז פונ'ם שפּיטאָל וועט מען זי אַרויסשיקען ווי אין אַ שוואַרצער נאַכט אַריין, וואו

זי וועט בלאָנדזשען אַליין, גאַנץ אַליין, עלענד, אָהן כחות, און וואו אַזעלכע מיאוס'ע ברואים, ווי ווילי, ווי די „בייבי", ווי מיסעס גוטמאַן און ווי דזשוליע וואַרטען אפשר אויף איהר. וואָרים איהר האָט זיך איצט אויסגעדאַכט, אַז אַמע־ריקע איז פול מיט אַזעלכע ברואים...

זי האָט זיך גאָרניט געקענט באַרוהיגען, נאָכאַנאַנד גע־טראַכט וועגען דעם, בייטאָג, ווען זי איז געזעסען לעבען אָפענעם פענסטער, און ביינאַכט. ווען זי איז געלעגען אויף איהר געלעגער.

איהר האָט זיך אָפט דערמאָנט אָן איהר היים, אָן איהר מאַמע און שוועסטער מיט אַזאַ ברענענדיגער בענקעניש, און אין איהרע געדאַנקען האָט זי פאַר זיי אויסגעגאָסען איהר פאַרביטערט האַרץ: אוי, פאַרוואָס האָבען די פאַ־גראַמשטשיקעס זי דעמאָלט ניט דער'הרג'עט אינאיינעם מיט איהר טאַטען, זי וואָלט נישט געליטען אַזוי! וואָס זאָל זי טאָן? פאַרוואָס איז זי ניט געשטאָרבען דאָ אין שפּיטאָל? פאַרוואָס האָט זי די „בייבי" אינגאַנצען ניט דער'הרג'עט? פאַרוואָס האָט זי גאָט אַזוי באַשטראָפט, פאַר וועלכע חטאים?...

וואָלט זי דאָ כאָטש געהאַט איין פריינד. און אפשר... אפשר — וועה צו איהרע יונגע יאָהרען! — וואָלט אַ פריינד זיך איצט געשעמט מיט איהר!...

געוויס וואָלט ער זיך געשעמט מיט איהר, געוויס! אָבער פאַרוואָס? איז זי עפּעס שולדיג אין דעם? אמת, אַ מיידעל דאַרף זיך היטען, בפרט אַ גרינע, אָבער ווי אַזוי האָט זי זיך געקענט ריכטען אויף אַזאַ אומגליק? יאָ, זי האָט זיך אויף דעם געדאַרפט ריכטען, אַ ניט נאַריש מיידעל וואָלט באַלד דערקענט, ווי זי וואָלט נאָר אַ קוק געטאָן אויף זיין גנב'שען פּנים מיט די ממזר'שע אויגען, אַז דאָס איז אַ געפעהרליכער באַנדיט!

בפרט נאָך האָבען זיך איהרע אויגען געדאַרפט עפענען נאָך דעמאָלט, בעת זי האָט דורכ'ן שליסעל־לאָך פון מיסעס גוטמאַנ'ס טיר באַמערקט, ווי ער האַליובעט זיך מיט מיי־ביל'ן, צי ווען ער האָט זיך מיט איהר אַליין ערלויבט אַ גראָבע לאָסקע, און נאָך דער סצענע אין דעם הייזעל אין דער ערשטער סדר־נאַכט אודאי און אודאי...

יא, יא, זי איז שולדיג, זי אליין איז שולדיג אין איהר אומגליק — האָט זי זיך באַשולדיגט און פאַרענטפערט און ווידער באַשולדיגט אין איהרע געדאַנקען — זי איז געווען בלינד, פאַרבלענדט, אָהן אַ קאָפּ און אָהן שכל...

וואָלט זי איהם דעמאָלט כאָטש פאַרגעשטעלט פאַר יאַנקלען. יאַנקעל איז אַ געבילדעטער יונגערמאַן, אַ קלוגער און אַן עהרליכער. ער וואָלט גלייך געזעהן, וואָס פאַר אַ נפש יענער איז... דאָס אָבער האָט זי נישט געקענט טאָן, ווייל יאַנקעל... ווייל יאַנקעל... אַך, ווען זי וואָלט דער־מאָלט ליב געהאַט יאַנקעל׳ן, וואָלט זי איצט ניט געוואוסט פון די צרות...

און דאָ האָט זי זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן מיט טיפען עקעל אין איהר הארצען:

„פוי, האָב ליב אַ מאַן, אפילו דעם בעסטען, פוי! פוי!“

זי וועט קיינמאָל ניט חתונה האָבען, קיינמאָל ניט. יע־דער מאַן וואָלט איהר איצט געעקעלט, יעדער מאַן!

אָבער יאַנקעל איז דער איינציגער מענש, וואָס וואָלט איהר איצט געהאָלפען. ער וואָלט אויף איהר רחמנות גע־האַט. וואו האָט זי אַהינגעטאָן זיין פילאַדעלפיער אדרעס? זי וואָלט אָנגעשריבען אַ בריעף צו איהם. און אפשר וועט איהם הנאה טאָן איהר אומגליק? האָט זי איהם ניט געזאָלט פאַרשטויסען פון זיך! צוליב איהר איז ער דאָך אַנטלאָפען קיין פילאַדעלפיא!

און איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי האָט געהערט יאַנקעל׳ס קול:

— אַ מצוה אויף אייך. איך האָב אייך ליב געהאַט. איהר האָט געזעהן, ווי שטאַרק איך האָב אייך ליב געהאַט, אַ מצוה אויף אייך!...

און זי האָט ניט געפיהלט, ווי טרערען קייקלען זיך איבער איהרע באַקען, בעת זי האָט פאַרצווייפעלט גע־טראַכט:

„ער וועט מיך איצט אויך ניט וועלען קענען. איך בין אַליין, ווי אין מיטען ים!“

די קראַנקענשוועסטער, פאַר וועמען פעני האָט אַמאָל אויסגערעדט איהר הארץ, האָט רחמנות געהאַט אויף איהר

און זי געטרייסט: זי וועט ניט געהן פארלארען. גוטע מענשען וועלען זי שטיצען און זי וועט אויך קריגען ארבייט.

איינמאל קומט אריין צו איהר די קראנקענשוועסטער און זאגט איהר, אז א יונגע לײדי מיט אן אלטען מאן, קאנטיג א „ראבײ," ווילען זי זעהן. זײ שײנען צו זײן שטארק פאראינטערעסירט אין איהר. די קראנקענשוועסטער רעדט זי צו, אז זי זאל אויסהערען, וואס זײ ווילען. אפשר ווילען זײ איהר העלפען. פעני זאגט „אל ראיט," און די קראנקענשוועסטער לאזט דערנאך אריין ווילי'ס טאטען און זײן שוועסטער גאלדע, און אליין געהט זי ארויס פון דעם צימער.

די קראנקענשוועסטער האט געוואוסט, ווער זײ זענען געווען, זי וואלט פריהער, קאן זײן, זײ ניט ארײנגעלאזט צו פעני'ן; נאר איצט, אונטער דעם אײנדרוק פון פעני'ס הילפלאזיגקייט און עלענדקייט, און, נאך מעהר, מחמת דעם באזונדערען גוטען אײנדרוק, וואס גאלדע האט אויף איהר געמאכט, האט זי באשלאסען צוצורעדען פעני'ן, זי זאל זעהן, וואס זײ ווילען.

קוקט פעני אויף די אומבאקאנטע מיט א פארוואונדערטער מינע און גאלדע און איהר טאטע קוקען ביידע אויף איהר מיט רחמנות. דער אלטער זיפצט און טראכט: „טאקע נעבעך אן אײדעל קינד!" און גאלדע טראכט: „וועה איז מיר, נאך כמעט א קינד!" און א ווײלע שווײגען זײ אלע. דערנאך רופט זיך אן פעני:

— אפשר האט איהר פארבלאנדזשעט? געוואלט זעהן עמיצען אנדערש?

האט דער אלטער געענטפערט:

— נײן, מיר האבען ניט פארבלאנדזשעט. און אז מען פארבלאנדזשעט אפילו, האט גאט אויך רחמנות און פיהרט ארויף דעם פארבלאנדזשעטען צוריק אויפ'ן גלײכען וועג.. וואס מאכסטו? ווי פיהלסטו זיך?

האט פעני איסגעגלאצט אויף איהם איהרע בלויע אויגען.

— ווער זענט איהר? איך האב אייך קײנמאל ניט געזעהן.

דער אלטער האט געוואלט ווייטער רעדען; אבער גאלדע האט איהם איבערגעשלאגען:

— זיי אַזוי גוט, טאַטע, איך וועל דאָס איהר ערקלערען.

און ווייך, מיט אַ גוטען שמייכעל, האָט זי זיך געווענדעט צו פעני'ן:

— איהר הייסט דאָך פעני?

— יאָ.

— פעני עלקין?

— יאָ, איהר קענט מיך דען?

— איך קען אייער אומגליק.

פעני האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגען און איהר ווייסער פּנים האָט זיך עטוואָס פאַררויטעלט.

— איהר קענט? פון וואַנען? — האָט זי אַרויסגעמורמעלט.

פון וואַנען? — האָט גאָלדע איבערגעפרעגט, געשוויגען אַ רגע, דערנאָך האָט זי זיך פּלוצים אַ וואָרף געטאָן צו איהר, אַרומגענומען זי און שטאַרק אויפגערעגט אַרויסגעפּליסטערט:

— איך בין זיין שוועסטער!...

פעני האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, געעפענט ברייט די אויגען און געקוקט גאָלדע'ן, וועלכע האָט זי געהאַלטען נאָך אַרומגענומען, גלייך אין פּנים אַריין. און גאָלדע האָט גערעדט ווייטער:

— יאָ, איך בין אַ שוועסטער פון דעם אומגליקליכען. ער ליידט גענוג פאַר זיין פאַרברעכען, פאַר אַלע זיינע פאַרברעכענס...

פעני האָט אַרויסגעשטאַמעלט:

— וועמעס שוועסטער זייט איהר? די שוועסטער פון מיין מלאך המות?

— יאָ, איהר האָט אַ רעכט איהם אַזוי צו רופען — האָט גאָלדע שטיל געענטפערט.

דאַן האָט פעני זיך אַ ריס געטאָן פון איהרע אָרעמס, איז צוגעלאָפען צו דער טיר מיט אַן אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג אויף איהר פּנים און האָט גענומען רופען:

— ליבע מאַדאַם, וואו זענען זיי? זייען זיי אַזוי גוט!...

און אַז די קראַנקען־שוועסטער האָט זיך ניט באַוויזען, האָט פעני גענומען ברעכען די הענט און זיך ווידער אַ קעהר געטאָן צו גאָלדע'ן, וועלכע איז איצט צעמישט געוואָרען.

— אַי, געהט אוועק! געהט אוועק! האָט רחמנות, געהט אוועק! לאָזט מיך כאָטש איצט צורוה!

דאָ האָט זיך דער אַלטער אריינגעמישט:

— איך פאַרשטעה ניט. מיר זענען דאָך צו דיר, חלילה, ניט געקומען מיט אַ שלעכטער כונה. ווי צו אַן אייגען קינד זענען מיר צו דיר געקומען, ווי צו אַן אייגענער טאָכטער. איך בין זיין טאַטע. זי איז זיין שוועסטער. מיר האָבען רחמנות אויף איהם און אויף דיר. וואָס שרייסטו, נאַרעניו דו?...

— אויב איהר האָט רחמנות, אויב איהר קענט רחמנות האָבען, טאָ געהט ארויס גלייך. מוטשעט מיך ניט. איך האָס איהם און האָס יעדען איינעם, וואָס דערמאָנט מיך אָן איהם — האָט פעני געזאָגט מיט טרערען אינ'ם קול.

ביי גאָלדע זענען די אויגען מיט טרערען פאַרלאָפען און איהר טאַטע האָט זיך ווידער אָנגערופען:

— זיי ניט פאַר'עקשנ'ט, פעני. מיר ווילען דיר ניט קיין שלעכטס טאָן. זעהען מיר עפּעס אויס, חלילה, ווי שלעכטע מענשען?

— אייער זוהן האָט אויך אויסגעזעהן אַן ארענטליכער באַי און מיסעס גוטמאַן אויך — האָט פעני זיך פּלוצים צעוויינט, איז צוגעגאַנגען צום שטול לעבען פענסטער, האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויף איהם, איז צוגעפאַלען מיט'ן פּנים צו זיין פאַרענטש, האָט געוויינט און אויפגעציטערט מיט איהרע אַקסלען.

אַ ווייַלע איז דערנאָך שטיל געווען אין דעם דאָזיגען צימער. עס האָט זיך געהערט דאָס פאַרשטיקט כליפּען פון פעני'ן, דאָס זיפצען פון דעם אַלטען און דאָס סוויסטשערן פון אַ פייגעלע אויף אַ בוים הינטער'ן פענסטער.

גאָלדע האָט מיט אויגען פול טרערען, געקוקט דאָ אויף דער וויינענדיגער פעני'ן און דאָ אויף איהר טאַטע'ן, און זי האָט מיט דער נאָז געצויגען.

צום סוף איז זי צו פעני'ן צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

— איך בעט אייך, שאָנעוועט אייער געזונט. איהר זייט נאָך קראַנק. בארוהיגט אייך. וויינט ניט.

פעני האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון דער פאַרענטש און אָנגעקוקט גאָלדע'ן מיט נאַסע, רויטע אויגען אַזוי אומגליקלאַך און פאַרלוירען.

— איך וועל משוגע ווערען — האָט זי ארויסגעפּליסטערט ווי צו זיך אַליין — איך וועל משוגע ווערען!

זי איז אויפגעשטאַנען פון איהר אָרט, אָבער די פיס האָבען זיך איהר אונטערגעבויגט, האָט זי זיך צוריק אַרונטערגעלאָזט אויפ'ן שטול.

דער אַלטער האָט זיך אָנגערופען:

— שוואַך, נעבאַך, מען וועט זי מוזען גוט צוזעהן.

ער האָט זיך צוגערוקט נעהענטער צו איהר און גערעדט ווייטער מיט הארציגקייט אינ'ם קול:

— מסתמא אַזוי באַשערט, קינדעלע. געהסט אַמאָל אינ'ם וואַלד און עס באַפאַלען דיך גזלנים... יאָ, יאָ, אַזוי קוק איך אויף דעם... גזלנים, גזלנים זענען דיך באַפאַלען, רוצחים!... און מיין זוהן איז געווען דער הויפּט־גזלן, וועה צו מיר! אָדער אפשר האָט גאָט דיך לכתחילה אויסגעוועהלט, די זאָלסט באַקעהרען דאָס הארץ פון דעם רוצח?... וואָרים דו ווייסט גאָר ניט, ווי אַזוי ער איז איצט באַקעהרט געוואָרען. גאָר אַ נייער מענש. קיין האָר אפילו ניט געבליבען פון דעם פריהערדיגען רוצח!... און ווי דו ביזט ביי איהם איינגעבאַקען אינ'ם הארצען. כסדר טראַכט ער וועגען דיר, נאָר וועגען דיר, נאָר וועגען דיר. און זיינע יסורים זענען גאָר ניט צו משער זיין. אַן אמת'ער בעל־תשובה...

פעני האָט פאַרשטעלט מיט ביידע הענט איהרע אויערען, נידעריג אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך איינגאַנצען צונויפגעקאָרטשעט.

און קליין ווי זי איז געווען, האָט זי איצט אויסגעזעהן, ווען זי איז אַזוי געזעסען, ווי אַ קליין בלאָנד מיידעלע, וואָס האָט זיך פאַר עמיצען צונויפגעקאָרטשעט. ועלכער האָט עס מיט אַ קאַנטשיק געסטראַשעט און מיט אַ בייזען געשריי עס געשראָקען.

גאָלדע האָט אַ וואונק געטאָן צו איהר טאַטען, ער זאָל אויפהערען צו רעדען, האָט ער אומגעדולדיג אַ מאַך געטאָן צו איהר מיט ביידע הענט און גערעדט ווייטער:

— דערפאַר זאָג איך דיר, זיי איהם מוחל, ווי מיר אַלע האָבען איהם מוחל געווען... גלויב מיר, אַז מיר אַלע האָבען זיך גענוג אויסגעליטען פון איהם. גאָט אַליין ווייסט, וואָס פאַר אַ חורבן ער האָט געמאַכט אין מיין הארצען. און

זיין מאמע'ן האט ער אינגאנצען דער'הרג'עט. עד היום איז זי נאך קראנק פון איהם. ווארים דו דארפסט וויסען, פעני, אז מיט מיינע אנדערע קינדער, א דאנק גאט, דארף איך זיך ניט שעמען. אלע עהרליכע קינדער, געבילדעטע, מיט רחמנות און יושר אינ'ם הארצען. איין זוהן א רעדנער, רעדט ביי די ארבייטארער אויף די פארזאמלונגען, לייגט אוועק זיין געזונט און לעבען פאר זיי. די גאנצע וועלט קען איהם, מיין ברוד'ן. מיין אנדערער זוהן איז א לאיער. מיט איהם, א דאנק גאט, דארף איך זיך אויך ניט שעמען. און אן איידים האב איך, איז ער א דאקטאר, דארף איך זיך מיט איהם אויך ניט שעמען...

גאלדע האט איהם אונטערבראכען:

— פאפא, גענוג דיר!

— אך, אך, לאז רעדען! — האט דער אלטער זיך צעביי־זערט אויף איהר — איך וויים, וואס איך טו. לערען מיך ניט קיין שכל. זי מיינט דאך מסתמא, אז זיינע ברידער און שוועסטער און זיין טאטע־מאמע זענען... זאל זי טאקע וויסען, ווער מיר זענען...

ער איז אפגעטראטען אין א זייט און האט גענומען ווינ־קען צו זיין טאכטער מיט די אויגען און די פינגער, זי זאל צו איהם צוגעהן. זי איז צוגעגאנגען, האט ער זיך איינגע־בויגט און איהר אין אויער איינגערוימט:

— נאר, קוים וואס מען האט צוגעלאזט, דארף מען רע־דען, איהר געבען צו פארשטעהן. ער ווערט דארט משוגע. ער איז דאך דיין ברודער. ווי אזוי האסטו קיין רחמנות ניט אויף איהם? און אויף איהר איז אויך א ביטערער צער... אן איידעל קינד... מיר זענען מחויב... זיי דארפען חתונה האבען... טא שטער מיר ניט... לאז רעדען...

זי האט ארויסגעפליסטערט:

— דו רעדסט אבער צופיל. דו זעהסט דאך, ווי זי ליידט!...

— דו ביסט א נאר! — האט ער זי איבערגעשלאגען שוין הויך אויפ'ן קול, און איז ווידער צוגעגאנגען צו פעני'ן.

— דו פארשטעהסט — האט ער אנגעהויבען פונדאסניי.

— מיר זענען, א דאנק דעם אויבערשטען, ניט אבי ווער. און רבנים זענען אויך געווען אין אונזער משפחה. און איך

אַליין, אַ דאַנק גאָט, בין אויך ניט קיין עם הארץ, ווייס, אַ דאַנק דעם אויבערשטען, וואָס אין די ספרים טוט זיך. אַי ער? נו, מסתמא אַזוי באַשערט געווען!... אין אַ שלעכ־טער חברה אַריינגעפאַלען פון קליינוויז אויף. אַכטונג גע־בען אויף איהם האָב איך קיין צייט ניט געהאַט, ווי אויף מיינע עלטערע צוויי זיהן. יענע זענען געבוירען געוואָרען אין רוסלאַנד. איך בין דאָרט געווען אַ שעהנער בעל־הבית, האָב צייט געהאַט אַכטונג צו געבען אויף זיי, און ווי קליין זיי זענען ניט געווען, האָבען זיי ביי מיר געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, אַ טאַטע, אַ מאַמע, זענען זיי טאַקע אויסגע־וואקסען לייטישע זיהן. ער, אָבער, איז ביי מיר דאָ געבוירען געוואָרען, באַלד ווי איך בין קיין אַמעריקע געקומען. איך האָב דאָ אַ פשוט'ער אַרבייטאָרער געמוזט ווערען; יאָהרען לאַנג אין שאַפ געאַרבייט, אַכטונג געבען אויף איהם האָב איך קיין צייט ניט געהאַט. נו, האָבען אַנדערע, ברוך השם, אַכטונג געגעבען אויף איהם — לאופערס, באַנדיטען, ממזרים, איז ער אויסגעוואַקסען אַזאַ פרי... אַי, אַי—האָט ער גענור־מען קרעכצען — האָט ער אונז צרות פאַרשאַפט, יסורים! אָבער מילא... וואָס איז געווען, איז געווען, אַבי ער איז איצט, געלויבט דער אויבערשטער... הער אוים, פעני, עס איז דאָ אַ בפירוש'ער מאמר: „במקום שבעלי תשובה עומדין, צדיקים גמורים אין יכולין לעמוד" — דאָס הייסט, אַז דער בעל תשובה איז נאָך אַ גרעסערער חשוב איידער אַן אמת'ער צדיק. דאָס איז אַ בפירוש'ער מאמר אין דער מסכתא ברכות — האָט ער צוגעלייגט אין אַזאַ טאָן, אַזוי ווי ער וואָלט איהר געוואָלט זאָגען: „דו זעהסט, ווען איך זאָג דיר, אַז איך בין ניט קיין עם הארץ, באַווייז איך דאָס דיר!" — דאַריבער זיי איהם מוחל, ווי מיר אַלע האָבען איהם מוחל געווען. אדרבה, דו הער אַליין, וואָס ער וועט דיר זאָגען...

זי איז נאָך אַלץ געזעסען צונויפגעקאָרטשעט, דעם בלאַנ־דען קאָפ נידעריג אַרונטערגעלאָזט, און האָט מיטביידע הענט זיך די אויערען פאַרשטעלט. אַזוי ווי זי וואָלט אין דער דאָזיגער פאָזע פאַרגליווערט געוואָרען. קיין וואָרט האָט זי ניט אַרויסגעבראַכט, קיין קלאַנג.

— איז וואָס זאָגסטו?

זי האָט געשוויגען.

— זאָל איך איהם דיר שיקען?

זי האָט זיך ניט אַ ריהר געטאָן און אַלץ געשוויגען.

ער איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו איהר און האָט זיין האַנט איהר אויפ׳ן קאָפּ אַרויפגעלייגט.

— וואָס שווייגסטו?

און דאָ האָט זי זיך געטאָן אַ צאַפּעל, אַזוי ווי זי וואָלט זיך פון אַ חלום אויפגעכאַפּט, און זיך פון איהר אָרט אויפגע־הויבען.

— איך האָב ניט וואָס צו זאָגען — האָט זי אַרויסגע־רעדט שטיל און דערשלאָגען.

— זאָל איך איהם שיקען?

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

— ניין.

— פאַרוואָס? באַטראַכט זיך, נאַרעניו, דו ביזט דאָך אַזוי עלענד, אָהן אַ סענט ביי דער נשמה און ביי מיר וועסט האָבען אַ היים...

זי האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— איך וואָלט בעסער געוואָלט האָבען אַ קבר...

— דו ביזט אַ נאַר!

זי האָט אַרויסגעזיפצט:

— קיין חכמה בין איך אודאי ניט, וועה איז מיר!

אַ שווייגען. דערנאָך האָט זיך דער אַלטער פּלוצים גע־ווענדעט צו זיין טאָכטער:

— גאָלדע, נו, פאַרוואָס שווייגסטו? דו ביזט געקומען שווייגען?

גאָלדע האָט נערוועז געענטפערט:

— אַז דו רעדסט אַזוי פיעל, מוז איך דאָך שווייגען.

ער איז בייז געוואָרען.

— נו, נו, רעד דו, רעד דו, ווייז אַ קונץ, פועל ביי איהר, פועל, איכ׳ל שווייגען!...

גאָלדע האָט זיך אָנגערו[illegible]ען:

— אַז זי וויל איהם ניט זעהן, קאָן מען זי ניט נויטען.

ער האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

— שיקסע! הערסט? אַי, שווייג שוין בעסער, שווייג! איכ׳ל שוין אַליין רעדען. הער אויס — האָט ער זיך ווידער אַ קעהר געטאָן צו פעני׳ן, וועלכע איז איצט געשטאַנען ביים

פענסטער מיט'ן רוקען צו זיי — איך בין מחויב דאָס דיר צו זאָגען און דו טו זיך דערנאָך ווי דו פאַרשטעהסט. איך האָב שטאַרק רחמנות אויף איהם און אויף דיר אויך. אמת, ער איז פריהער ניט געוועזן קיין פיינער מענש, אָבער דו ביזט אַ מיידעל, אַן אומגליקליך מיידעל... דו פאַרשטעהסט, אַן אומגליקליך מיידעל... דו פאַרשטעהסט, אַ מיידעל... אַ מיידעל... פאַרשטעהסט דאָך, וואָס איך מיין... מיט אַ מום אַ מיידעל!...

פעני האָט אַ קרעכץ געטאָן און, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען ביים פענסטער מיט'ן רוקען צו זיי, האָט זי זיך ווידער צונויפגעקאָרטשעט אינגאַנצען, און ביי גאָלדע'ן האָט זיך דער פּנים צעפלאַקערט און די אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען, בעת זי האָט דערהערט די לעצטע ווערטער פון איהר טאַטען. זי האָט אויפגערעגט אויסגעשריען:

— אָה, גענוג, גענוג, שווייג! אַ מיידעל מיט אַ מום איז זי, האַ? פאַרוואָס, ווייל אַזאַ באַנדיט, ווי דיין זוהן, איז געגען איהר באַגאַנגען אַ שוידערליכען פאַרברעכען? איז זי דערפאַר שוין מיט אַ מום? איז דערפאַר שוין געפאַלען איהר מענשליכער ווערט?...

ער האָט זי איבערגעשלאָגען מיט שרעק:

— רוצח'טע, גוואַלד, וואָס רעדסטו? וואָס פילאָזאָפירסטו? אנשטאָט מיר צו העלפען, רעדסטו פונקט קאַפויר!...

— איך רעד, וואָס איך מוז, פאַפאַ! איך רעד, וואָס איך פיהל, וואָס איך האַלט פאַר מיין פליכט צו רעדען! פאַפאַ, מיט יעדער אנשטענדיגער מיידעל האָט אַזאַ אומגליק געקאָנט טרעפען, מיט דיינער אַ טאָכטער אויך...

ער האָט זי אָנגעקוקט צעמישט.

— טפוי, מרשעת, וואָס רעדסטו? ביים זיך אָפּ בעסער די צונג!

— און דו ביזט דער לעצטער מענש איהר דאָס צו זאָגען, ווייל דיין זוהן איז דער באַנדיט!

ער האָט טיף אַ זיפץ געטאָן און ארונטערגעלאָזט דעם אַלטען, ווייסען קאָפּ.

— אַי־אַי־אַי!...

און דאָ האָט פעני, גאָר אומגעריכט פאַר גאָלדע'ן, זיך פון איהר אָרט ביים פענסטער אַ כאַפּ געטאָן, איז צוגעגאַנגען

צו איהר מיט אויגען פול טרערען, און, בייסענדיג די ליפען, איז זי מיט אמאל צוגעפאלען צו גאלדע'ן אויף דער ברוסט און האט פארשטיקט זיך צעיאמערט.

ביי גאלדע'ן זענען די אויגען אויך פארלאפען מיט טרערען און זי האט מיט א האנט געגלעט פעני'ן איבער די בלאנדע האר.

אזוי זענען זיי געשטאנען א היבשע ווײלע. דער אלטער האט אויפגעהויבען דעם קאפ, געקוקט אויף זיין טאכטער און געוואונקען צו איהר, זי זאל איצט רעדען.

דאן האט זיך גאלדע אנגערופען מיט טרערען אין'ם קול:

— פאפא, דו געה אהיים. איך וועל בלייבען מיט איהר א ווײלע אליין.

ער האט א מאך געטאן מיט'ן קאפ:

— גוט. אויך רעכט. אבער גיב איהר צו פארשטעהן, ווי אן אייגען קינד וועט זי ביי אונז זיין. נאך טייערער. ווייל זי איז נעבאך, א געשטראפטע פאר פרעמדע זינד, פאר די זינד פון מיין זוהן. גיב איהר דאס צו פארשטעהן, גאלדע, נו, א גוטען טאג דיר, פעני, דו וועסט שוין זיין מיין שנור, דו וועסט שוין זיין, מיט גאט'ס הילף! און אודאי וועלען מיר צופרידען זיין איינער פונ'ם אנדערן. און שלמה'קעלע איז אנאנדערער, גאר אנאנדערער, דו וועסט איהם ניט דערקענען!...

און זיפצענדיג איז ער פונ'ם צימער ארויסגעגאנגען.

דעמאלט, ווען גאלדע איז אליין געבליבען מיט פעני'ן, האט זי איהר ווייך איבער'ן קאפ א גלעט געטאן און שטיל ארויסגערעדט:

— נו, גענוג... הערט אויף צו וויינען און רעדט בעסער מיט מיר אפענהארציג. וואס רעכענט איהר צו טאן?

פעני האט אויפגעהויבען דעם קאפ פון גאלדע'ס ברוסט און א דריק געטאן די אקסלען.

— איך ווייס ניט — האט זי געענטפערט, און מיט א טיכעל אויסגעווישט די אויגען — איך בין דא אזוי עלענד. ווען איך וואלט געקענט אויסגעפינען דעם אדרעס פון מיין קוזינע. זי איז אין לאס אנדזשעלעס.

גאָלדע האָט ביי איהר געפרעגט דעם נאָמען פון איהר קוזינע און פון דער קוזינע'ס מאַן און וועגען זיין באַשעפטי־גונג געפרעגט און איהר צוגעזאָגט, אַז זי וועט בעטען איהר ברודער דעם לאָיער, אויסצוגעפינען פאַר איהר דעם אַדרעס פון דער קוזינע.

— און איהר באַרוהיגט זיך — האָט גאָלדע ווייטער גע־רעדט — איהר זייט נאָך יונג. דאָס לעבען איז נאָך פאַר אייך. איהר וועט נאָך גליקליך זיין. אין אייער גרויסען אומגליק האָט איהר נאָך גליק געהאַט. וויי־ניגסטענס האָט איהר זיך אַרויסגעריסען. אַנדערע מיידלאַך האָבען ניט אַזאַ מזל ווי איהר...

פעני האָט אַ ביטערען לאַך געטאָן.

— אַ שעהנעם מזל האָב איך. און אפשר — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן — זייט איהר גערעכט. עס איז טאַקע אַ נס, וואָס איך בין דאָרט ניט פאַרלוירען געגאַנגען איינגאַנ־צען. איך האָב דאָך איהם אַזוי ליעב געהאַט. ווען ער וואָלט געזאָגט אויף נאַכט טאָג, וואָלט ביי מיר רעכט געווען. וועה איז מיר, ווי בלינד און פאַרבלענדט איך בין געווען. איך האָב עפּעס יאָ געזעהן און ניט געזעהן. איך האָב עפּעס יאָ געפיהלט, אַז די מענשען, דאָס הויז, אַלצדינג מיט אַנאַנ־דער זענען ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָבער אַז דאָס זאָל זיין... דאָס זאָל זיין, — וועה איז מיר, ווי אַזוי האָט עס מיר גאָר געקאָנט איינפאַלען! איך האָב דאָך איהם געהאַל־טען פאַר מיין אמת'ען מאַן! און מיסעס גוטמאַן אַזאַ פרומע אידענע... אמת, אַן אַנדער מיידעל, ניט קיין גרינע און אַ קלינערע פון מיר, קאָן זיין, וואָלט גלייך פאַרשטאַנען, וואו זי איז אין דער וועלט. וואָרים אַז איך דערמאָן זיך היינט, וואָס איך האָב דעמאָלט באַמערקט, זעה איך איין, אַז אַן אַנ־דערע אויף מיין אָרט וואָלט זיך דעמאָלט נאָך באַלד געכאַפּט, וואָס פאַר אַ מענש ער איז און וואָס פאַר באַנדיטען זיי אַלע זענען!

און דאָ האָט זי מיט אַמאָל זיך אונטערבראָכען מיט אַ ביטערען שמייכעל:

— און אפשר דאַרף מען זיך פאַר אייך אויך היטען...

—וואָס פעלט אייך איין, פעני?

— איך גלויב איצט ניט מיינע אויגן... קיינעם גלויב איך ניט...

— איך פארשטעה אייך — האט גאלדע זיך אנגערופען נאך א קורצען שווייגען.

— מעהר גלויבען ווי איך האב איהם געגלויבט, קען מען ניט — האט פעני ארויסגערעדט פארטראכט, ווי צו זיך אליין.

גאלדע האט געקוקט אויף איהר און געשוויגען. דער־נאך האט זי זיך אנגערופען:

— זאגט מיר דעם אמת: ליבט איהר איהם נאך איצט אויך?

פעני האט א ציטער געטאן.

— וואס? איך האס איהם, ווי דעם מלאך המות.

— ווען איהר ווייסט אפילו, אז איהם האט איהר צו פארדאנקען, וואס איהר זייט ארויסגעראטעוועט פון דארט?

— איך ווייס, אז נאר איהם האב איך צו פארדאנקען, וואס איך בין אזוי אומגליקלאך.

— איך מוז אייך זאגען, פעני, אז ער ליבט אייך ערנסט: אז ער ליידט שרעקליך און וואלט איצט אלצדינג געטאן פאר אייער גליק...

פעני האט זי איבערגעשלאגען מיט שרעק און עקעל אין איהר קול:

— איך בעט אייך... ווארים אז איך טו א טראכט וועגען איהם, צינדט זיך מיר אן דער מח... און איבערהויפט איהר זייט זיין שוועסטער, האט קיין פאראיבעל ניט, מיר איז שווער מיט אייך צו רעדען.

און זי איז אפגעטראטען פון איהר צום פענסטער.

א ווייל'ע האט גאלדע איהר נאכגעקוקט מיט פארטראכ־טע אויגען. דערנאך האט זי ארויסגערעדט:

— יא, איך פארשטעה אייך. איך פארשטעה אייך זעהר גוט. אייער האס איז א גערעכטער. און איך מוז אייך זאגען: אמת, איך בין זיין שוועסטער און עס איז זי־כער א רחמנות אויף איהם און אויף די עלטערען אודאי. אבער צורעדען אייך, איהר זאלט זיך מיט איהם פארבינדען, דאס וויל איך ניט. דאס טאר איך ניט. וואלט איהר איהם

נאָך געליבט, קען זיין, אז דאַן וואָלט איהר זיך מיט איהם גע־מעגט פאַרבינדען. עס קאָן זיין, אז אייער ליעבע וואָלט איהם צוגעבונדען צו אייך און ער וואָלט געבליבען אַן אַנ־שטענדיגער מענש. אַזוי אָבער, אָהן אייער ליעבע, ווען איהר וואָלט איהם אפילו אַזוי ניט געהאַסט, קאָן מען ניט וויסען, וואָס אין אַ יאָהר ארום קאָן פון איהם ווידער ווערען. איך בין געגאַנגען היינט אהער, ווייל איך האָב, ערשטענס, גע־וואָלט צוליב טאָן מיינע עלטערען, און, צווייטענס, די הויפּט־זאַך, ווייל איך האָב געוואָלט דערגעהן, וואָס איהר אַליין פיהלט צו איהם. יעדענפאַלס בין איך צופרידען, וואָס איך בין דאָ. דאָס גיט מיר די מעגליכקייט אייך צו פאַרזיכערען, אַז צו יעדער צייט וועט איהר האָבען אין מיר אַ פריינד, אין וועלכען איהר נויטיגט זיך היינט אַזוי!

פעני האָט ארויסגעמורמעלט:

— אָבער וועגען אייער ברודער וועט איהר דאָך מיט מיר מעהר ניט רעדען?

— קיין וואָרט ניט. ווען פאַרלאָזט איהר דעם שפּי־טאָל?

— די וואָך.

— ווילט איהר איך זאָל פאַר אייך אַנגרייטען אַ רום?

— און אייער ברודער וועט דאַן וויסען דעם אדרעס...

— קיינער ניט. איהר האָט מיין וואָרט.

פעני האָט ווידער אַרויסגעמורמעלט:

— קען איך אייך גלויבען?

גאָלדע האָט זיך הארציג צעלאַכט.

— איהר מעגט מיר גלויבען. און אייער קוזינע׳ס אַד־רעס וועט מען אויך אויסגעפינען.

— איך דאַנק אייך.

דערנאָך, ווען גאָלדע איז אוועק, האָט פעני אַ ציה גע־טאָן די אַקסלען און אַרויסגעפּליסטערט:

— איך וויים? אפשר קאָן מען איהר גלויבען...

16.

ווילי׳ס סוף

אויף מארגען פארנאכט האט פעני א צווייטען באזוך געהאט. די קראנקען־שוועסטער איז אריינגעקומען און האט איהר א צעטעלע דערלאנגט.

פעני האט איבערגעלייענט דאס צעטעלע: „מען לאזט מיך ניט אריין. איך וויל אייך זעהר זעהן. יאנקעל.“

זי איז בלייך און רויט געווארען און האט איהרע אויגען פארוואונדערט אויסגעגלאצט.

— יאנקעל! — האט זי צעטומעלט ארויסגעמורמעלט.

— זי קאנען איהם?

— פעני האט זיך א כאפ געטאן.

— וואס הייסט? געוויס, ליבע מאדאם. ער איז א גוטער מענש. ע נייס מען. לאזען זיי איהם אריין, פלים.

און דאן האט איהר די קראנקען־שוועסטער דערצעהלט, אז דער אייגענער זשענטעלמאן איז יעדען טאג געקומען און האט זיך נאכגעפרעגט אויף איהר. זי האט איהם אבער קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט, ווייל זי האט געדענקט, אז ער איז איינער פון יענעמ׳ס פריינד.

פעני האט זיך אנגערופען:

— אך, ליבע מאדאם, פארוואס האבען זיי מיר שוין לאנג ניט געזאגט, אז ער איז דא? זיי ווייסען גארניט, וואס פאר א טייערער מענש דאס איז!

דאן האט די קראנקען־וועכטערין יאנקלען אריינגעשיקט.

ער איז אריינגעקומען און געבליבען שטעהן נעבען דער טיר און האט געקוקט אויף איהר שטארק אויפגערעגט. זי איז געשטאנען אויפ׳ן אנדערן עק צימער, ניט ווייט פונ׳ם פענסטער, און האט אויף איהם געקוקט צעמישט, און איהר אפגעמאטערטער פנים איז געווען פלאם־פייער רויט. א ווײלע זענען זיי ביידע אזוי געשטאנען, ווי צו זייערע ערטער צוגעשמידט, און האבען געשוויגען. דערנאך האט יאנקעל ווי מיט גוואלד זיך פון זיין ארט א ריס געטאן און איז צוגע־גאנגען צו איהר מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט.

— וואָס מאַכט איהר? — האָט ער אַרויסגערעדט שטיל, געקוקט אויפגערעגט איהר אין די אויגען אַריין און געדריקט איהר האַנט.

זי האָט גלייך ניט געענטפערט, איז ניט אימשטאַנד געווען צו ענטפערען פאַר צעטומעלטקייט. און איהרע אויגען האָבען זיין בליק אויך ניט געקאָנט אויסהאַלטען און זי האָט זיי אַרונטערגעלאָזט צעטומעלט און פאַרשעמט. נאָר איהרע ליפּען האָבען שוואַך און אַזוי ווי פאַרשולדיגט געשמייכעלט.

— נו, וואָס קאָן מען העלפען! — האָט ער ווידער גע־זאָגט, אַזוי ווי ער וואָלט אויף איהרע געדאַנקען געענטפערט.

זי האָט נאָך נידעריגער דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט, גע־ביסען די ליפּען און געסאָפּעט מיט דער נאָז.

ער האָט איהר ווידער די האַנט אַ דריק געטאָן.

— נו, פאַרפאַלען! פאַרגעסט עס, ווי אַ בייזען חלום!

— קאָן מען דאָס אַמאָל פאַרגעסען! — האָט זי אַרויס־געבליפּעט.

— איהר מוזט עס פאַרגעסען!

ער האָט אַרויסגעלאָזט איהר האַנט פון זיינער און צו־געלייגט:

— זעצט זיך. שטעהט ניט. איהר זייט צו־שוואַך.

זי האָט זיך געזעצט אויפ'ן ראַנד פונ'ם בעט און געווישט איהרע אויגען מיט אַ טיכעל. ער האָט צוגערוקט אַ שטול נעהענטער צו איהר און אַליין זיך אויך געזעצט.

— ווי אַזוי האָט איהר זיך דערוואוסט וועגען דעם? — האָט זי דערנאָך געפרעגט.

האָט ער איהר דערצעהלט, ווי אַזוי.

זי האָט אַרויסגעמורמעלט:

— הייסט עס, אין די צייטונגען שוין אויך געווען וועגען דעם. די גאַנצע וועלט ווייסט שוין וועגען מיין שאַנד. און אייך שטעהט אַן איצט מיט מיר צו רעדען?

— וואָס הייסט?...

— איך מיין איצט... איצט, ווען איך בין אַזוי באַ־שמוצט, אַז מיך אַליין עקעלט פון מיר.

ער האָט ווידער גענומען איהר האַנט.

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטען, פעני. דאָס האָט מיט אייך געקענט טרעפען אין דערהיים בשעת דעם פּאָגראָם אויך. די כוליגאַנעס, וואָס זענען אייך דאָ באַפאַלען, זענען נאָך ערגער איידער יענע...

— טויזענט מאָל ערגער. יענע זענען לכתחילה געקומען, ווי גזלנים...

— נו, נו, גענוג, גענוג, פעני, באַרוהיגט זיך!

און ער איז צוגעפאַלען מיט די ליפען צו איהר האַנט.

זי האָט אַרויסגעריסען איהר האַנט פון זיינער.

— טוט עס ניט — האָט זי אַרויסגעפליסטערט, און איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט טיפען עקעל — מיר איז עס אומאַנגענעם.

און ווען ער האָט זי אָנגעקוקט אַביסעל צעמישט, האָט זי איהם ערקלערט מיט דעמזעלביגען טיפען עקעל אין די גרויסע, בלויע אויגען:

— איך אַליין קאָן זיך צו מיין קערפּער איצט ניט צוריהרען. מיר ווייזט זיך אויס, אַז איך בין אינגאַנצען פאַרפּעסטעט...

אַ ווייַלע האָבען זיי דערנאָך געשוויגען. דאַן האָט ער אַ זיפץ געטאָן און אַרויסגערעדט שטיל:

— יאָ, איך פאַרשטעה אייך זעהר גוט... ווען פאַרלאָזט איהר דעם האָספּיטאַל?

— די וואָך.

און זי האָט איהם דערצעהלט, אַז פריהער זענען ביי איהר געווען יענעמ'ס טאַטע און שוועסטער און די לעצטע וועט פאַר איהר אַ צימער קריגען.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— זיינע אַ שוועסטער וועט פאַר אייך אַ צימער קריגען? און איהר זייט צופרידען דאָס צימער אָנצונעמען?

— איך קאָן דאָך ניט געהן פון דאַנען אויף דער גאַס — האָט זי שטיל געענטפערט.

— און וואו בין איך? — האָט ער זיך אָנגערופען.

— איך האָב דאָך ניט געוואוסט, אַז איהר זייט דאָ. ווידער, האָב איך געקענט מיינען, אַז איצט וועט אייך גיט אָנשטעהן מיך צו קענען.

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטען. און פון דעם צי־מער, וואָס יענע האָט אייך פאַרגעשלאָגען, דאַרפט איהר זיך אָפּזאָגען.

— דאָס איז נאָר אויף אַ קורצער צייט, יאַנקעל, ביז איך וועל קריגען דעם אַדרעס פון מיין קוזינע.

— איהר וועט אריינציהען אין אייער פריהערדיגען צי־מער.

— דאָס ניט, יאַנקעל.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך שעם זיך דאָרט צו ווייזען. ווידער וועט מיך דאָס הויז דערמאַנען אַן אַ סך זאַכען, וואָס איך וואָלט זיי געוואָלט פאַרגעסען.

— און זיין שוועסטער וועט אייך אַן דעם ניט דער־מאַנען?

האָט זי אַ ווײַלע געשוויגען. דערנאָך זיך אַנגערופען:

— איהר זייט גערעכט. איך בין אָבער אַזוי צעטור־מעלט, אַזוי צעמישט...

ער האָט זיך אַנגערופען אין אַ פאַדערענדיגען טאָן:

— איהר מוזט זיך אָפּזאָגען פון איהר צימער, איהר הערט? אויף נאמנות, מיך וואונדערט, פעני, פאַרוואָס איהר האָט ניט דעם געפיהל, אַז יעדער און יעדע זאַך, וואָס האָט די מינדסטע שייכות מיט יענעם, דאַרף אייך זיין אומאַנ־גענעם. נאָר אפשר ליבט איהר איהם נאָך איצט אויך, האַ? דאָס האַרץ פון אַ פרוי איז דאָך אַזאַ סוד...

— אַי, יאַנקעל, איך בעט אייך, רעדט ניט אַזוי...

— איז דאָס ניט אמת?

— אַך, לאָזט מיך צורוה!

און זי האָט אָפּגעקעהרט פון איהם דעם קאָפּ.

און שפּעטער, ווען ער האָט זיך געזעגענט מיט איהר, איז צווישען זיי געווען אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל פאַר איהר קריגען אַ צימער ביי מענשען, וואָס האָבען זי ניט געקענט.

* * *

אויף מאָרגען נאָכמיטאָג איז די קראַנקען־שוועסטער אריינגעקומען צו פעני'ן און האָט איהר געזאָגט, אַז די ליידי, וואָס איז נעבטען געווען, וויל זי זעהן.

און באלד איז גאָלדע אריינגעקומען. די קראַנקען־שוועסטער האָט זי איבערגעלאָזט אַליין מיט פעני'ן.

— נו, ווי פיהלט איהר זיך היינט, פעני? — האָט גאָל־דע געפרעגט.

— אָל־ראַיט. איך דאַנק אייך.

— איך האָב שוין פאַר אייך אַ גוטע רום.

פעני האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגען און זיך אָנגע־רופען:

— דאָס צימער דאַרף איך ניט מעהר. איך דאַנק אייך זעהר.

— פאַרוואָס?

— עמיצער אַן אַנדערער קריגט פאַר מיר אַ צימער. ווען איהר זייט נעכטען געווען ביי מיר, האָב איך ניט גע־וואוסט, וואוהין איך וועל געהן פון דאַנען, וואָס איך וועל טאָן. היינט אָבער... איך נויטיג זיך ניט מעהר אין אייער צימער...

— אייער קוזינע האָט זיך אויסגעפונען?

— ניין, אַ גוטער באַקאַנטער מיינער.

— וועט ער אייך פאַרזאָרגען מיט אַ רום?

— יאָ.

— וועל — האָט גאָלדע געזאָגט — איך בין אודאי צו־פרידען, אַז איהר נויטיגט זיך ניט מעהר אין מיין הילף. אייער קוזינע'ס אַדרעס ווילט איהר נאָך האָבען?

— געוויס. איהר האָט מיר פאַרשפּראָכען.

— מיין ברודער דער לאָיער האָט שוין אָוועקגעשיקט אַ בריף וועגען דעם נאָך לאָס אַנדזשעלעס צו זיינעם אַ באַ־קאַנטען לאָיער.

— איך דאַנק אייך.

גאָלדע האָט געקוקט אויף איהר פאַרטראַכט. קאָנטיג געווען, אַז זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען און זיך מישב געווען, צי זי זאָל, אָדער ניט. צום סוף האָט זי אַרויסגע־רעדט מיט אַ שמייכעל:

— הערט אויס... איך האָב אפילו מורא, אַז איך וועל ביי אייך כאַפּען אַ שוואַרצען סוף, פונדעסטוועגען וועל איך פּרובען... איך האָב נעכטען גערעדט מיט מיין אומגליק־

ליבען ברודער, געגעבען איהם צו פאַרשטעהן, אַז ער דאַרף ניט, אַז ער טאָר ניט טראַכטען מעהר וועגען אייך, אַז ער זאָל אייך פאַרגעסען. איך האָב מיט איהם גערעדט אָפען, דער־צעהלט איהם, ווי אַזוי איהר פיהלט צו איהם איצט. ער גלויבט עס ניט. ער קען עס ניט גלויבען. ער איז צוגעשטאַ־נען צו מיר, איך זאָל איהם מיטנעמען צו אייך און אויב איהר אַליין וועט עס איהם זאָגען, גיט ער זיין וואָרט, אַז ער וועט מיט אַלע מעגליכקייטען זיך באַמיהען צו פאַרגעסען אייך. ער ליידט אַזוי, אַז איך האָב קיין האַרץ ניט געהאַט איהם צו זאָגען, אַז ער זאָל ניט געהן. איך מיין, אַז איהר אַליין וואָלט איהם געזאָגט דאָס, וואָס איהר האָט מיר נעכטען געזאָגט, קאָן זיין, אַז ער וואָלט דאַן איינגעזעהן...

פעני האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן און מיט שרעק אַרוים־געמורמעלט:

— וואָס ווילט איהר פון מיר?

— ער איז דאָ. רעדט צו איהם. זאָגט איהם — האָט גאָלדע זי גענומען בעטען.

— זאָל מיך גאָט אויסהיטען! — האָט פעני אַרויסגע־שטאַמעלט און איז אַפּגעלאָפען מיט שרעק צום פענסטער.

אַ ווײַלע האָבען זיי דערנאָך געשוויגען. דאַן האָט פעני אויסגעשריען מיט צעפּלאַמטע באַקען:

— איהר האָט דאָך מיר ערשט נעכטען צוגעזאָגט, אַז איהר וועט זיין נאָמען אַפילו פאַר מיר קיינמאָל ניט דער־מאָנען און היינט האָט איהר איהם שוין געבראַכט! אַ דאַנק גאָט, וואָס איך וועל איצט קאָנען אויסקומען אָהן אייער צי־מער!

— איך געדענק גוט, וואָס איך האָב אייך צוגעזאָגט. אָבער ווען איהר וואָלט געווען אויף מיין פּלאַץ און געזעהן, ווי אומגליקלאַך ער איז, וואָלט איהר אויך אַזוי געהאַנדעלט ווי איך. נו, וואָס זאָל מען טאָן, אַז ער קען זיך ניט פאַר־שטעלען, אַז דאָס מיידעל, וואָס האָט איהם אַזוי ליעב געהאַט, זאָל איהם איצט ניט ווען קענען. בפרט נאָך, ווען צוליב איהר האָט ער מיט זיין גאַנצען פריהערדיגען לעבען צעררי־סען. פאָלגט מיך, זאָל ער פון אייער אייגענעם מויל הערען, אַז ער דאַרף מעהר ניט האָפען אויף אייך...

— וואס ווילט איהר פון מיר ? וואס ווילט איהר ? ! —
האט פעני גענומען שרייען, און פלוצים האט זי זיך אונטער־בראכען און מיט אימפעט זיך א קעהר געטאן צו גאלדע'ן —
גוט, רופט איהם אריין. איכ'ל זיך מאכען הארץ... איינ־מאל פאר אלעמאל, מאכען א סוף ! ...

גאלדע איז ארויס פונ'ם צימער.

און תיכף האט פעני חרטה געהאט אויף דעם. זי איז אזוי אויפגערעגט געווארען, אז הענט און פיס האבען ביי איהר געציטערט. וואס האט זי געטאן ? ! זי קאן איהם ניט זעהן, זי קאן ניט, ניין, ניין ! ...

אבער שוין פארפאלען געווען. ער איז אריינגעקומען מיט גאלדע'ן. לאנגזאם און מיט ניט־זיכערע טריט, ווי איי־נער, וואס איז ערשט פון א קראנקהייט אויפגעשטאנען, איז ער אריינגעקומען און שטעהן געבליבען ניט ווייט פון דער טיר.

דאס פנים בלייך און מיט א מידען אויסדרוק, די אויגען איינגעפאלען און מיט א צעמישטען און נעבאכדיגען בליק : די האר אויפ'ן קאפ מיט'ן געקרויזטען לאקענדעל ניט פאר־קאמט, צעפאטעלט, און דאס קורץ נעזעל, וואס האט אמאל געקוקט חוצפה'דיג און ממזר'יש, אומעטיג און ווי צונויפ־געקארטשעט פאר שרעק. און אנגעטאן איז ער אויך געווען אפגעלאזען, ניט אזוי פראנטיש ווי אמאל. קורץ, דער איצ־טיגער ווילי איז נאר געווען א שאטען פון דעם פריהערדיגען.

פעני איז געשטאנען ווי צו איהר ארט צוגעוואקסען. האט געקוקט אויף איהם מיט אויסגעגלאצטע, צעטומעלטע אויגען, געזעהן איהם ווי דורך א נעבעל און אין איהר נשמה האט עפעס היסטעריש געשריען.

ווילי האט ארונטערגעלאזט דעם קאפ און געשוויגען.

גאלדע האט שטיל ארויסגערעדט צו איהר ברודער :

— נו, פארוואס שווייגסטו ? דו האסט דאך גע־וואלט...

ער האט לאנגזאם דעם קאפ אויפגעהויבען, אנגעקוקט פעני'ן און זיינע אויגען ווידער ארונטערגעלאזט.

— פעני — האט ער מיט מיה ארויסגעשטאמעלט — איך האב געהערט, אז דו... אז איהר...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ רגע זיך געקווייקסעלט. צי זאָגען איהר „דו“, צי „איהר“, דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבען לאַנגזאַם און מיט אַ געבראָכענעם קול:

— אַז דו ווילסט מיך מעהר ניט קענען... איז דאָס אמת?...

זי האָט איהם ניט געענטפערט. דער נעבעל פאַר איהרע אויגען איז געדיכטער געוואָרען. דער היסטערישער געשריי אין איהר נשמה שטאַרקער און זיין קול האָט זיך צו איהרע אויערען דערטראָגען, ווי פון הינטער אַ דיקער וואַנט.

ער האָט גערעדט ווייטער:

— איך קאָן עס ניט גלויבען. איך וויל עס ניט גלויבען. אמת, איך בין געווען אַ שרעקליכער לומפּ. איצט אָבער... דו האָסט מיר מיינע אויגען געעפענט... איך האָב דערפיהלט... איך האָב פאַרשטאַנען... פרעג זי, מיין שוועסטער... פרעג מיין ברודער ברוכ'ן... פרעג מיין טאַטע'ן. פּעני, ווען איך וואָלט מיין האַרץ געקענט פאַר דיר עפענען...

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהר און אָנגעכאַפּט איהרע הענט.

זי האָט זיך אינגאַנצען געטרייסעלט. און פּלוצים האָט דער היסטערישער געשריי, וואָס האָט אין איהר נשמה געשריען, זיך ביי איהר אַרויסגעריסען, פריהער שטיל, פאַרשטיקט, אַזוי ווי זי וואָלט איהם אין איהר האַלז געוואָלט פאַרהאַלטען, דערנאָך שטאַרקער און באַלד הויך אויפ'ן קול.

ווילי האָט צעטומעלט איהרע הענט אַרויסגעלאָזט, און גאָלדע איז צו איהר צוגעלאָפען און צום בעט זי צוגעפיהרט.

זי האָט דאָן איינגעגראָבען דעם פּנים אין קישען און איהר געשריי פאַרשטיקט.

גאָלדע האָט אַ צופּ געטאָן איהר ברודער ביים אָרעם.

— קום! — האָט זי שטיל געזאָגט.

ער האָט זיך לאַנגזאַם אומגעדרעהט און טיף אַ זיפץ געטאָן.

— קום — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט — איצט גלויב איך דיר.

און ער האָט זיך שטיל צעלאַכט:

— טו העל וויטה מי, טו העל, טו העל!...

ער האָט זיך געלאָזט געהן מיט זיין שוועסטער צו דער טיר און זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט.

— זי האָט דאָך מיר אָבער גאָרנישט געזאָגט. זאָל זי מיר זאָגען. איך וועל ניט אַוועקגעהן פון דאַנען. איך קאָן ניט. איך קאָן ניט.

און ער האָט זיך צוריקגעקערט.

פעני איז נאָך געלעגען מיט'ן פּנים איינגעגראָבען אין קישען און האָט געשוויגען. די קראַנקען־שוועסטער איז אַריינגעקומען.

—וואָס איז געשעהן? — האָט זי זיך געווענדט צו גאָלדע'ן.

גאָלדע האָט איהר אין קורצען ערקלערט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דערביי האָט זי אָפּגערופען זי אַן אַ זייט און איהר דערצעהלט, ווי איהר ברודער, וועלכער איז איצט גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען, ליידט, און זי געבעטען, זי זאָל פעני'ן געבען צו פאַרשטעהן, אַז זי מוז איהם איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר מאַכען איהרע איצטיגע באַציהונגען צו איהם, כדי ער זאָל זי אַרויסשלאָגען פון'ם קאָפּ.

האָט די קראַנקען־שוועסטער מיט איהר מסכים געווען און זי איז צוגעגאַנגען צום בעט און האָט אַ גלעט געטאָן פעני'ן איבער'ן קאָפּ און מיט גוטע רייד געזוכט צו פועל'ן ביי איהר, אַז זי זאָל זאָגען דעם יונגענמאַן, וואָס זי דענקט וועגען איהם.

פעני האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון'ם קישען, אויפ־געזעצט זיך, און ניט קוקענדיג אויף קיינעם, האָט זי אַרויס־גערעדט מיט אַ הייזעריגען קול:

— אַז איך קאָן מיט איהם ניט רעדען. מיר וואָלט גרינגער געווען צו רעדען מיט'ן מלאך המות!

ווילי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, ווען ער האָט איהר קול דערהערט, און איז צוגעלאָפען צו איהר.

— ניט צו נאָהענט! — האָט די קראַנקען־שוועסטער זיך אָנגערופען און מיט אַ האַנט איהם אָפּגעשטעלט.

ער איז אָפּגעטראָטען צוריק, האָט אַ קוק געטאָן אויף דער קראַנקען־שוועסטער מיט אַ מינע פון אַ געשלאָגענעם הונט און געשוויגען.

דאַן איז גאָלדע צוגעגאַנגען צו פעני׳ן.

— איך פאַרשטעה, ווי שווער עס איז אייך צו רעדען. אָבער אַז איהר האָט פריהער שוין איינגעווילינט און ער איז אַריינגעקומען, מיין איך, אַז איהר דאַרפט רעדען. זאָגט איהם, וואָס איהר פיהלט צו איהם...

— איהר ווייסט עס, איך האָב עס אייך שוין געזאָגט

— האָט פעני שטיל געענטפערט.

— הייסט עס, אַז איהר ליבט איהם שוין ניט מעהר?

— איך האָס איהם!

גאָלדע האָט מיט רחמנות אַ קוק געטאָן אויף איהר ברודער. ער האָט זיך צונויפגעקאַרטשעט און געקוקט אויף פעני׳ן פול מיט פאַרצווייפלונג.

— נאַ! נאַ! — האָט ער זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן. אָנשטעלענדיג זיינע אויגען אויף זיין שוועסטער — זי מיינט עס ניט... זי קאָן עס ניט מיינען! — פעני — האָט ער דערנאָך ווידער אַ קעהר געטאָן זיינע אויגען אויף איהר — פעני... דערמאָן זיך נאָר, ווי דו האָסט מיך ליב געהאַט, ווען איך בין געווען פאַרדאָרבען, אַ העסליכער לומפּ, פאַרוואָס זאָלסטו מיך ניט ליב האָבען איצט?...

האָט זי געענטפערט גאָלדע׳ן, אָנשטאָט איהם:

— זאָגט איהם, ווייל פריהער האָב איך איהם ניט גע־קענט; בלינד בין איך געווען, פאַרבלענדעט געווען.

— פעני, איך בין איצט אַן אַנדער מענש! — האָט ער אַרויסגעקרעכצט.

— זאָגט איהם, אַז דאָס קימערט מיך ניט.

— דו זאָגסט דאָך, אַז דו האָסט מיך? דאָס באַווייזט. אַז איך קימער דיך יאָ!

האָט זי זיך דאַן מיט אַמאָל אַ קעהר געטאָן צו איהם מיט ברענענדיגע אויגען און שוין צו איהם אַליין גערעדט:

— יאָ, האָסען האָס איך אייך. אָה, ווי איך האָס אייך. ניט ווייניגער פון די כוליגאַנעס, וואָס האָבען מיין טאַטען דער׳הרג׳עט. איהר זייט נאָך ערגער איידער יענע.

יענע זענען אפען געקומען מיט העק און מיט אייזענס איך האבען מיין טאטען דער׳הרג׳עט און איהר זייט געקומען צו מיר מיט גוטע, שעהנע רייד און אין הארצען צו מיר אריינגעקראכען...

זי איז אויפגעשפרונגען פונ׳ם בעט מיט א צעפלאמטען פנים, האט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען און גערעדט ווייטער שוין מיט טרערען אינ׳ם קול:

— דאס אלץ איז געווען נאר א מיטעל אויף אריינצוכאפען מיך אין אייער זומפ, אויף צו הרג׳ענען מיך אויף תמיד! אי, געהט ארויס, געהט ארויס פון דאנען, געהט ארויס, ווארים איך קען נאך משוגע ווערען!

זי האט זיך ווידער געזעצט אויפ׳ן בעט, אריינגענומען דעם קאפ צווישען איהרעביידע הענט און זיך געשאקעלט מיט׳ן גאנצען קערפער.

ער האט ארויסגעמורמעלט:

— אמת, אזוי איז עס געווען לכתחילה... שפעטער אבער... פעני, עהרליכער ווי איך האב דערנאך דיך ליב געהאט, קען מען ניט ליבען. דו האסט געזעהן, דו האסט געפיהלט, ווי טייער דו ביזט מיר געווען. קיינמאל וועסטו ניט וויסען, איך פארזיכער דיר, פיעל איך האב געליטען און לייד נאך היינט. גלויב מיר, אז איך בעט אויף זיך דעם טויט. אהן דיר קאן איך ניט לעבען און דו זאגסט, אז דו האסט מיך!...

— יא, יא! — האט זי זיך א כאפ געטאן — איך האס אייך! אוי, געהט אוועק! געהט אוועק!

ער האט רחמנות׳דיג א שמייכעל געטאן.

— אל־ראיט, איך וועל געהן! אבער איידער איך געה אוועק, בעט איך דיך... גוט, דו ווילסט מיך מעהר נישט קענען, אל־ראיט, דו ביזט גערעכט. איך האב עס פארדינט... אבער האס מיך ניט, פעני... דער געדאנק, אז דו האסט מיך, מאכט מיך משוגע. ליב מיך ניט, וויל מיך מעהר ניט קענען, אבער האס מיך ניט. איך וויל ניט שטארבען מיט׳ן געדאנק, אז דו האסט מיך. לאנג וועל איך דאך ניט לעבען... איך וויים עס זיכער. היינט אדער מארגען, צי אין א וואך, צי אין א חודש ארום, — חברה

וועט מיט מיר פאַרטיג ווערען. חברה פאַרשווייגט ניט אַזוינע זאַכען... ווען דו וואָלסט געווען מיט מיר, וואָלט זיך געלוינט אפשר צו היטען, אַזוי אָבער — הלואי כאָטש מאָרגען!... האָס ניט קיין טויטען, פּעני!...

גאָלדע איז אַפּגעטראָטען אין אַ ווינקעלע און האָט געווישט די טרערען. פּעני האָט נאָך אַלץ געהאַלטען דעם קאָפּ צווישעןביידע הענט, געשאָקעלט זיך און געשוויגען.

מיט אַמאָל האָט ווילי אַרונטערגענומען די בריליאַנ־טענע רינגען פון זיינע פינגער, אַרויסגעשלעפּט די שפּילקע פון זיין קראַוואַט און דעם גאָלדענעם זייגער פון זיין וועסט אַרונטערגענומען.

— נעהם דאָס! — האָט ער געזאָגט און אויסגע־שטרעקט די האַנט מיט דעם דאָזיגען גאַנצען ציערונג, צו פּעני'ן.

פּעני האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם מיט טיפער פאַר־אַכטונג, אויפגעהויבען זיך פון'ם אָרט און אַהן אַ וואָרט אַוועק אויף דעם אַנדערען עק צימער.

ווילי איז איהר נאָכגעגאַנגען מיט אַן אויסגעשטרעק־טער האַנט און מיט בעטענדיגע אויגען.

— נעהם דאָס... דו וועסט זיך מוזען ערהאַלטען... איך בעט דיך... נעהם דאָס, נעהם! נעהם!...

און פּלוצים האָט פּעני אויסגעשריען מיט אַ יאָמער:

— ליבע מאַדאַם, זאָל ער אַרויסגעהן! איך קאָן ניט. ליבע מאַדאַם, איך קאָן ניט מעהר!...

גלייך האָט ווילי זיך אָפּגעשטעלט, די האַנט מיט'ן ציערונג אַרונטערגעלאָזט און דערנאָך — דעם קאָפּ מיט אַ הילפלאָזער מינע.

— נו, גוט, גוט — האָט ער אַרויסגעמורמעלט — מעהר ניט, מעהר ניט... אפשר וועלען מיר זיך נאָך זעהן אין קאָורט, אויב איך וועל נאָר ביז דעמאָלט לעבען... קום, גאָלדע... וועל, איך האָב ניט געגלויבט, אַז זי האָסט מיך אַזוי... וועל, קום!...

און מיט וואַקלענדיגע טריט, אַזוי ווי שכור, איז ער מיט גאָלדע'ן פון'ם צימער אַרויס...

אויף מאָרגען פאַרנאַכט איז יאַנקעל געזעסען מיט פעני'ן אין אַ צימער פון אַ טענעמענט־הויז אין האַרלעם און האָט געלעזען פאַר איהר טשעכאָוו'ס אַן ערצעהלונג. ער איז געווען באַגייסטערט און זיינע קינדעריש־פאַר'חלום'טע אויגען האָבען געשטראַלט פאַר תענוג. יעדע ווײַלע האָט ער מיט התפעלות אונטערגעשטראָכען זיין לעזען: „איהר הערט? איהר הערט?" זי האָט אָבער צו זיין לייענען זיך ניט צוגעהערט, פאַרנומען מיט איהרע געדאַנקען. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי ערשט גאָר ניט לאַנג, מיט קנאַפּע צוויי חדשים צוריק, האָט ער פאַר איהר געלייענט אויף דער פריהערדיגער קוואַרטיר אויך מיט אַזאַ התפעלות און ווי זי האָט דעמאָלט בעת דעם געטראַכט וועגען דעם שעהנעם ווילי מיט אַזאַ אומעט, מיט אַזאַ בענקעניש.

„שווין־זשע איז עס ניט מעהר ווי זיבען־אַכט וואָכען" — האָט זי געטראַכט — „דאַכט זיך, יאָהרען גאַנצע זענען זייט דעמאָלט אַוועק, אַ גאַנצען גיהנום זינט דעמאָלט דורכגעלעבט!"

יאַנקעל האָט געענדיגט.

— נו, זייט איהר עפּעס אַ מבינ'טע אויף אַזאַ דערצעהלונגעל? — האָט ער זיך אָנגערופען מיט אַ באַגייסטערטען שמייכעל — דאָס איז דאָך אמת'ע קונסט, אויף נאמנות!

זי האָט קיין מוט ניט געהאַט איהם צו זאָגען, אַז זי האָט ניט געהערט, וואָס ער האָט געלייענט, און געענטפערט:

— יאָ, זעהר שעהן!

דערנאָך האָט זי זיך מיט אַמאָל אָנגערופען:

— יאַנקעל, וואָס טוט מען? איך מוז שרייבען אַ בריף צו מיין מאַמען, ווייס איך ניט וואָס איהר צו שרייבען.

— שרייבט אַז איהר זענט געזונט.

— און וועגען מיין... חתונה?... איך האָב דאָך איהר געשריבען, אַז איך האָב...

— שרייבט איהר, אַז פון דער חתונה איז גאָר נישט געוואָרען, ווייל איהר האָט אויסגעפונען, אַז דער חתן איז ניט קיין שעהנער מענש.

זי האָט אַ זיפץ געטאָן.

— איכ'ל מוזען דאָס שרייבען. זי וועט דאָרט אביסעל נחת האָבען.

— נו, פעני, ניט געטרויערט. טוט אַ שמייכעל, גוואַלד, גזלנ'טע!

ער האָט זיך האַרציג צעלאַכט.

— איך וועל שוין קיינמאָל ניט שמייכלען, יאַנקעל.

— ווייס איך! איהר וועט נאָך שמייכלען, און לאַכען. און איהר וועט נאָך גליקלאַך זיין, איהר וועט שוין זעהן! איהר וועט פאַרגעסען.

— פאַרגעסען? יאָ! דערווייל וועל איך קומענדיגע וואָך מוזען געהן אין קאָורט אריין... אַ צוגאָב נאָך!...

— נו, וואָס קאָנט איהר זיך העלפען? זאָל עס אייך אָבער ניט אַרען!

— ווי רוהיג איהר זאָגט עס, יאַנקעל. ווי אַזוי זאָל עס ניט אַרען? אויספּויקען דאָס פאַר דער גאַנצער וועלט!

— זאָל זיך די וועלט שעמען, למאי זי האָט אַזוינע פאַרברעכער. איהר זייט אָבער ניט שולדיג...

שפּעטער, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט פעני זיך געזעצט שרייבען אַ בריף צו איהר מאַמע'ן און צו איהר שוועסטער.

„ליבע, טייערע מאַמינקע מיינע! ליבע, טייערע אסתר'קע! ערשטענס שרייב איך אייך, אַז איך בין לויב גאָט געזונט; דאָס נעמליכע פון אייך צו הערען. צווייטענס, שרייב איך אייך, אַז מיט מיין חתן...“

מעהר האָט זי ניט געקענט שרייבען. פון איהרע אויגען האָבען זיך אַ ריס געטאָן טרערען, די פען איז פון איהרע הענט אַרויסגעפאַלען און מיט אַ פאַרשטיקטען יאָמער האָט זי זיך אַ וואַרף געטאָן אויפ'ן בעט און דעם פנים טיף אין דעם קישען באַגראָבען...

* * *

שוין דער דריטער טאָג ווי אַלע צייטונגען פון ניו־יאָרק זענען פול געווען מיט דעם סענסאַציאָנעלען פּראָצעס פון ווילי'ס פריהערדיגע חברים. גאַנצע שפּאַלטען האָבען די צייטונגען אָפּגעגעבען פאַר יעדען איינעם פון די אַנגע־

קלאגטע און מיט אלע פרטים באשריבען דאס, וואס יעדער פון זיי האט געזאגט און געטאן און נאך מעהר, וואס יעדער פון זיי האט ניט געזאגט און ניט געטאן. און די בילדער פון די דאזיגע „באריהמטהייטען“, געדרוקט אויף דער ערשטער זייט פון די דאזיגע צייטונגען, זענען אלע אזוי עהנליך געווען איינס צום אנדערען, אלע מיט צעפאטעלטע האר, מיט אזוינע ווילדע אויגען, מיט גרויסע, ארונטערגעהאנגענע אויערען, ברייטע, פלאכע, פלאטשיגע פנים'ער און לאנגע, שפיציגע מארדעס... אפילו „מאנקי זשאנ'ס“ גלאנציגער פליך איז אויך באגראבען געווארען אונטער א געדיכטען בוש ווילדע, צעפאטעלטע האר און דער יוגענדליכער און גוטמוטיגער פנים פון דער „בייבי“ האט דארט אויסגעזעהן, ווי דאס געזיכט פון איינעם, וואס האט פארבראכט אין סינג־סינג א צוואנציג יאהר לכל הפחות. האט מען א קוק געטאן אויף זייערע בילדער אין די צייטונגען, האט מען גלייך אין יעדען פון זיי דערקענט א באנדיט, א גענגסטער, א לומפ, קורץ, א באשעפעניש, וואס פון זיין אויסזעהן האט מען באלד געקענט דערקענען, אז עס איז א געבוירענער מורא'דיגער פארברעכער...

מיסעס גוטמאן איז דערהויבען געווארען צו א קעניגין... אלס די קעניגין פון די ווייסע שקלאפען־הענדלער האבען די צייטונגען זי באשריבען. איהר הערשאפט האט דערגרייכט אויף אלע עקען פון דער וועלט, וואו נאר איהרע אונטערטאנען האבען געארבייט. מיסעס גוטמאן, נעבאך! וואו איז איהר רוהיגער און פרומער פנים אהינגעקומען! אויף די בילדער אין די צייטונגען האט זי אויסגעזעהן, ווי די מוטער פון פארדארבענקייט און אויסגעלאסענקייט אליין. און איין צייטונג האט זי אפילו ארויסגעשטעלט דעקאלטע, ווי אן אמת'ע קעניגין....

קורץ, די צייטונגען האבען געקלאפט אויף זייער גרויסען פויק און האבען פארגעשטעלט מיסעס גוטמאן און איהר גאנצע „חברה“ אזוי ווי זיי האבען זיך געמאלען אין דער פאנטאזיע פון זייערע לעזער — דער באנדיט האט אויסגעזעהן ווי א באנדיט, גערעדט זיין באזונדערען באנדיטען־זשארגאן און געהאלטען זיך ווי א באנדיט!

דער געריכטס־זאל איז די גאנצע צייט איבערגעפאקט געווען פון א גרויסען עולם, ס'רוב פרויען, סיי פון דער בעסערער געזעלשאפט און סיי פון דער אונטערוועלט.

און די פרויען פון דער בעסערער געזעלשאפט האבען זיך דוקא געוואונדערט, וואס די באנדיטען, א חוץ „קיד דזשאו", האבען אויסגעזעהן אזוי לייטיש, כמעט דזשענ־טעללייט, האבען זיך געהאלטען אזוי קארעקט און וואס כמעט יעדער פון זיי האט גערעדט א פיינעם, ליטעראַרישען ענגליש.

די אנגעקלאגטע האט מען ניט גע'משפט אלע צוזא־מען. צוערשט איז פארגעקומען דער „טרייעל" פון דער „בייבי", דזשוליע און מיסעס גוטמאן. אדוואקאטען מיט גרויסע נעמען האבען זיי פארטיידיגט. די אונטערוועלט האט אויף דעם געלד געשאפען.

די „בייבי" איז צוערשט געווען מונטער, געזעסען צווי־שען זשוליע'ן און מיסעס גוטמאן, האט געשמייכעלט און גוטמוטיג געזשמורעט די אויגען. מען האט געקאנט מיינען, אז ער איז אויך איינער פון די, וואס זענען געקומען ביי־וואוינען דעם דאזיגען סענסאציאנעלען פראצעס און אז ער האט זיך דארט צוגעקוקט און צוגעהערט מיט פארגעניגען צו דעם, וואס איז פארגעקומען. און ווען ער איז פאר דעם ריכטער און די געשווארענע געשטאנען און דער דיסטריקט אטאירני האט מיט א שטרענגען טאן איהם גענומען שטע־לען פראגען, איז ער אויך געבליבען רוהיג און האט אויף אלע פראגען געענטפערט מיט א גוטמוטיגען קינדערשען שמייכעל און די אויגען געזשמורעט.

ווען דער דיסטריקט אטאירני האט איהם געפרעגט, ווי איז זיין נאמען, האט ער געענטפערט:

— טשארלי רובין.

— רופט מען אייך „בייבי"?

— יא.

— פארוואס?

— ווייל איך בין זעהר קליין געוואקסען — האט ער געענטפערט אזוי גוטמוטיג און נאאיוו, אז דער געריכטס־זאל איז פארהילכט געווארען פון געלעכטער.

דאן האט דער דיסטריקט אטאירני א דונער געטאן איהם אין פנים אריין:

— און פון וואס מאכט איהר א לעבען?

האט די „בייבי" א שמייכעל געטאן און ניט געענט־פערט.

— ענטפערט אויף מיין פראגע! — האט דער דיס־טריקט אטאירני ווייטער געדונערט.

— איהר שרייט אזוי, אז איך הער ניט, וואס איהר פרעגט — האט די „בייבי" זיך אנגערופען גוטמוטיג.

— פון וואס מאכט איהר א לעבען? ענטפערט!

— פון וואס עס מאכט זיך — האט דאן ערשט די „בייבי" געענטפערט.

זייט איהר א קאדעט? האנדעלט איהר מיט פרויען?

— האט דער דיסטריקט אטאירני ווייטער געדונערט.

— אי אבדזשעקט! — האט דער הויפט לאיער פון די אנגעקלאגטע זיך א כאפ געטאן.

— האט איהר אמאל אין אייער לעבען געארבייט?

— יא, איך בין געווען א „ניוס־באי", האב פארקויפט צייטונגען.

— ווי אלט זייט איהר דאן געווען?

— צוועלף יאהר.

— און דערנאך?

— געארבייט ביי מיין פאטער אין גראסערי.

— ווי לאנג זענט איהר געווען ביי אייער פאטער אין גראסערי?

— ביז פערצעהן יאהר דארט געארבייט.

— האט מען אייך דאן ארעסטירט?

— אי אבדזשעקט! — האט דער אייגענער לאיער זיך ווידער א כאפ געטאן.

אבער דער ריכטער האט גע׳פסק׳ענט, אז די „בייבי" דארף ענטפערען אויף דער לעצטער פראגע פונ׳ם דיס־טריקט אטוירני.

— יא, מען האט מיך דאן ארעסטירט.

— פארוואס, טשארלי רובין?

די „בייבי" האט ניט געענטפערט.

— ווייל איהר האָט אייער אָרימען פאָטער באַ׳גנב׳עט, און ווען ער האָט אייך ביי דער האַנט געכאַפּט, האָט איהר איהם מערדעריש געשלאָגען דערפאַר?

דעם ערשטען מאָל איז די „בייבי" דאַן צעמישט גע־וואָרען און האָט דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט.

— פאַרוואָס ענטפערט איהר ניט, טשאַרלי רובין? — האָט דער דיסטריקט אַטאָירני אַ געשריי געטאָן.

— יאָ! — האָט די „בייבי" געענטפערט, אויפהוי־בענדיג דעם קאָפּ און זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטען מיט פאַרזשמורעטע אויגען, ווי אַ חיה, וואָס וואָלט זיך פּלוצים דערזעהן אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען.

— וויפיעל וואָכען איז אייער פאָטער דערנאָך געלעגען אין שפּיטאָל פון די קלעפּ, וואָס איהר האָט איהם געגעבען?

— איך ווייס ניט.

— זייט דאַן האָט איהר מעהר אייער פאָטער ניט געזעהן?

— ניין.

— אייער מוטער אויך ניט?

— ניין.

— קיינעם פון אייער פאַמיליע?

— קיינעם.

— ווי אַלט זייט איהר געווען, ווען איהר האָט זיך צום ערשטען מאָל געטראָפען מיט דער „בלאָנדער סוזי׳ן"?

— 18 יאָהר.

— אין יענער צייט, וואָס איז געווען אייער באַשעפ־טיגונג?

די „בייבי" האָט געשוויגען.

— האָט איהר דאַן געקענט „מאַנקי דזשאָו"?

— יאָ.

— איהר האָט באַלאַנגט צו זיין „גענג"?

— אי אבדזשעקט! — איז דער לאָיער אויפגעשפּרונ־גען.

דער ריכטער האָט ווידער גע׳פּסק׳ענט, אַז די „בייבי" זאָל ענטפערען אויף דער דאָזיגער פראַגע.

— יאָ. איך בין געווען איינער פון זיינע באָיעס — האָט די „בייבי“ געענטפערט.

—איינער פון זיינע „באָיעס“?... און מיט וואָס האָבען זיך באַשעפטיגט „מאָנקי דזשאָנ׳ס באָיעס“? וואָס האָט ביי אייך געקאָסט צו דער׳הרג׳ענען אַ מענשען?

— ניט אמת! — האָט די „בייבי“ זיך פלוצים אַ כאַפּ געטאָן — קיין מענשען האָב איך ניט ע־מאָרדעט, איך ניט!

— און קעפּ האָט איהר געשפּאַלטען? און געלט די געשעפטסלייט אויף דער איסט סייד געצוואונגען אייך צו געבען?

די „בייבי“ האָט ווידער געשוויגען.

— ענטפערט, טשאַרלי רובין!

— איך געדענק ניט — האָט ער שטיל און נערוועז געענטפערט.

— איצט, טשאַרלי רובין, זאָגט מיר: איז די „בלאָנדע סוזי“ געווען דאָס ערשטע מיידעל אייערע?

— יאָ.

— און זי האָט אַריינגעבראַכט אייך גענוג געלט?

— ווי אַמאָל.

— און אַז זי האָט אייך אַריינגעבראַכט ווייניגער. האָט איהר זי געשלאָגען?

די „בייבי“ איז פון דער דאָזיגער פראַגע נאָך מעהר צעמישט געוואָרען, האָט פלוצים אַ קוק געטאָן אויף זיין לאָיער מיט אַזאַ מינע, אקוראַט ווי ער וואָלט איהם וועלען זאָגען: „וואָס שווייגסטו? דו נעמסט דאָך געלט, פאַרמאַך איהם דעם פּיסק!“ דער דיסטריקט אַטאָירני האָט אָבער אַ געשריי געטאָן צו איהם, אַז ער זאָל קוקען אויף איהם און דאָס בלוט האָט איהם אין זיין פּנים און זיין מעכטיגען נאַקען אַ זעץ געטאָן און ער האָט אָנגעקוקט דעם דיסטריקט אַטאָירני ווי אַ צערייצטע חיה און פלוצים אַרויסגערעוועט ווי אויף צו־להכעיס זיין לאָיער, דעם דיסטריקט אַטאָירני און דער גאַנצער וועלט:

— דעמעט! יאָ, יאָ, איך האָב זי געשלאָגען, געשלאָגען, געשלאָגען! וועל?...

און פון איצט אן האט ער אויף אלע פראגען פון דעם דיסטריקט אטאירני געענטפערט אין דעם אייגענעם צערייצטען און צו׳להכעיס׳דיגען טאן, און יעדער ענטפער זיינער האט ווי געקלונגען:

„איך האב עס געטאן און איך פייף אויף אייך!“

די אדוואקאטען זענען צעטומעלט געווארען. האבען מיט אלערליי דריידלאך און קונצען געזוכט צו געבען אן אנדער ווענדונג זיינע ענטפערס, זענען יעדע ווילע ארויסגעשפרונגען מיט א נייעם „אי אבדזשעקט“, אבער עס האט גארניט געהאלפען: די „בייבי“ איז צערייצט געווען און האט געגעבען אזעלכע ענטפערס, אז דער גאנצער „חברה“. וואס איז פארמישט געווען אין דעם דאזיגען „טרייעל“. איז פינסטער אין די אויגען געווארען.

יעדער בייער ענטפער זיינער, ארויסגערעדט מ׳ט חוצפה׳דיגען שפאט, אין א צערייצטען, צו׳להכעיס׳דיגען טאן, האט אלץ טיפער און טיפער געמאכט דעם גרוב, וואס דער דיסטריקט אטאירני האט געגראבען פאר איהם און די אנדערע פון דער באנדע. די אדוואקאטען האבען זיך אנגעקוקט צעמישט. דער גלאט־ראזירטער, לענגליכער פנים פון דעם דיסטריקט אטאירני האט געלויכטען פאר נצחון. דער אלטער ריכטער מ׳ט׳ן ווייסען קאפ און אין דעם שווארצען ריכטער־קלייד האט אלץ שטרענגער און שטרענגער אנגערוקט זיינע געדיכטע ווייסע ברעמען. די געשווארענע האבען זיך צוגעהערט, ווער מיט פארוואונדערטע, אויסגעגלאצטע אויגען, ווער מיט א פאנאנדערגעעפענטען מויל. ווער מיט א שמייכעל, ווער מיט א מינע פון פאראכטונג און ווער אויפגערעגט, מיט כעס. דער זייטיגער עולם איז געזעסען מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם און האט זיך צוגעהערט. נאר פון צייט צו צייט האט דער אפענער ענטפער פון דער „בייבי“ ארויסגערופען א פארשטיקטען געמורמעל צווישען די מענער און א פליסטערען צווישען די פרויען. ווי א רוישען פון פארטריקענטע בלעטער צווישען ביימער אסיען־צייט... איין מאן, מיט אויפגעבלאזענע רויטע באקען און מיט רונדע, אויסגעפוטשעטע אויגען, האט יעדע ווילע ארויסגעלאזט א משונה׳דיגען אפגעהאקטען לאך:

„הא!" און דער דאזיגער לאך האט נערוועז געמאכט אלעמען, סיי דעם ריכטער און סיי די געשוואוירענע און סיי דעם עולם ארום איהם, ביז א פאליסמאן האט דעם דאזיגען מאן פון דארט ארויסגעפיהרט.

זשוליע איז געזעסען נעבען מיסעס גוטמאן, האט געקוקט אויף די געשווארענע מיט צעשראקענע אויגען, געבראכען די הענט און געמורמעלט:

„פארפאלען! ער איז שוין משוגע געווארען. ער קוילעט אונז אוועק!"

מיסעס גוטמאן האט אויסגעזעהן ווי א דער'הרג'עטע, מיט אן ארונטערגעלאזטען קאפ.

זינט דער „טרייעל" האט זיך אנגעהויבען, האט זי, די „קעניגין", — ווי די צייטונגען האבען זי גערופען — ניט אויפגעהערט צו וויינען און מיט'ן הארצען האט זי נאכאנאנד מיט גאט אונטערהאנדעלט, איהם צוגעזאגט, אז אויב ער וועט זי באפרייען, וועט זי תיכף אויפגעבען די „ביטערע פרנסה" און וועט גוט און פרום זיין. איצט, אז זי האט געהערט די ענטפערס פון דער „בייבי", האט זי צעטומעלט געטראכט: „גוואלד, דער רוצח, ער שלעפט זיך אין דר'ערד אריין און אונז אלעמען מיט זיך!"

זי האט איצט קלאר איינגעזעהן, אז גאט וויל ניט אויף איהר רחמנות האבען...

אויף דער אנדער זייט, צווישען צוויי דעטעקטיווס, זענען געזעסען „מאנקי דזשאן" מיט אזא גדלות'דיגער מינע, אזוי ווי ער וואלט דא געווען דער ריכטער, און „קיד דעיגא", פרעהלאך, דרעהענדיג דעם קאפ מיט די שווארצע, פלינקע אויגען און שווארצע, דיקע וואנצעס אויף אלע זייטען, וואו ער האט געזעהן באקאנטע פנימ'ער פון פריינד. נאר איין „קיד דזשאו" איז געזעסען א דערשלאגענער נעבען זיי און זיין רויט, אויסגעשצירעט אויג האט געקוקט מיט שרעק אין דער זייט, וואו די „בייבי" איז געשטאנען און האט זיינע ענטפערס געגעבען.

צווישען די עדות זענען געזעסען ווילי, מילפרעד, מעי און הינטער זיי פעני, יאנקעל און ברוך.

ווילי איז די גאנצע צייט געזעסען מיט א מינע פון איינעם, וואס איז פאר'משפט געווארען צו שטארבען. ער איז געווען בלייך און זיינע איינגעפאלענע אויגען האבען דא אויפגעפלאקערט קרענקליך־נערוועז און דא זיך אויסגע־לאשען, ווי טויטע. דעם ערשטען טאג פון פראצעס האט ער א פאר מאל געפרואווט צו פארפיהרען א שמועס מיט פעני'ן, זי האט אבער מיט שרעק אפגעקעהרט דעם קאפ פון איהם און פון דעמאלט אן האט ער גענומען טראכטען וועגען איהר ווי א פאר'משפט'ער צום טויט, טראכט וועגען לעבען: אז עס איז פארפאלען, ער מוז זיך זעגענען מיט זיין לעבען אויף אייביג!... מעהר האט ער שוין נישט געפרואווט רעדען צו איהר. און פון דעמאלט אן האט ער זיך אפט אומגעקוקט ארום זיך, געזעהן באקאנטע פנים'ער פון „חברה," וואס האבען געקוקט אויף איהם מיט בייזע אויגען, און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז עס ציהען זיך צו איהם מעסערס און רעוואלווערען און בשעת זיין קערפער האט זיך דאן געקארטשעט פאר שרעק, האט ער, ווילי, געטראכט מיט פארצווייפלונג:

„הלואי! הלואי!"

פעני איז די גאנצע צייט געווען זעהר נערוועז. זייט דעם ערשטען טאג ווען מען האט זי גערופען צום „סטענד" און זי האט קוים געקענט רעדען פאר אויפרעגונג און חרפה, האט זי געפיהלט, אזוי ווי מען וואלט זי גענויט אויסצו־שרייען פאר דער גאנצער וועלט וועגען איהר שאנד. איהר גאנצע נשמה האט געברענט און זיך געצאפעלט פאר בושה.

איצט, ווען די „בייבי" האט געגעבען זיינע ענטפערס, האט זי זיך אפט א קעהר געטאן צו יאנקלע'ן און ברוכ'ן און ארויסגעמורמעלט, שוידערנדיג מיט די אקסלען:

— וואס פאר באנדיטען! ווי אזוי האב איך געקענט זיין אזוי בלינד!...

און איינמאל האט ברוך איהר אויף דעם געענטפערט:

— איך אליין וואלט זיי אויך ניט דערקענט, ניט־נאר אזא אומדערפאהרען מיידעל ווי איהר זענט געווען. אין אייראפא איז גרינג צו דערקענען אזוינע נפשות. דארט טראגען זיי דעם צייכען פון זייער בארוף אויף זייערע פנים'ער, אין זייער באנעמונג און אין זייער שפראך. מען קען זיי דארט דערקענען פאר מיילען ווייט; דא אבער —

געהט טרעפט, אז דער דאַזיגער יונגערמאַן מיט די פיינע מאַנירען און דער שעהנער שפּראַך איז אַזאַ אויסוואורף! געהט טרעפט, אז דער דאַזיגער גיגאַנט מיט'ן גוטמוטיג־קינדערשען פּנים איז אַזאַ חיה רעה. ווי וואָלט עס גאַר געקענט עמיצען איינפאַלען! פּונקט ווי עס וואָלט קיינעם ניט געקענט איינפאַלען, אַז די אַלטע מיט'ן עהרליכען, פרומען פּנים איז אַזאַ אויסוואורף...

דער דיסטריקט אַטוירני האָט ווייטער אויסגעפרעגט די „בייבי":

— איז לואי פּין געוועזען אין הויז, ווען איהר זענט באַפאַלען פעני עלקין?

— געוועזען. וועלל?...

— איז דזשוליע געוועזען?

— געוועזען. וועל? — האָט די „בייבי" זיך געריצט מיט'ן פּראָקוראָר.

— איז מיסעס גוטמאַן געוועזען?

— געוועזען.

דאָ האָט מיסעס גוטמאַן מיט אימפּעט זיך אַ הויב געטאָן פון איהר אָרט.

— איך האָב איהם אָנגעבאָטען געלט — האָט זי אויסגעשריען מיט טרעהרען אין קול, קוקענדיג פאַרצווייפעלט אויפ'ן דיסטריקט אַטוירני — איך בין נישט שולדיג!

אַ פּאָליסמאַן האָט זי אַ ציה געטאָן פון הינטען. זי האָט זיך צוריק געזעצט אויף איהר אָרט, זיך אַ קעהר געטאָן צו איינעם פון איהרע אַדוואָקאַטען, אַ אידען, און מיט אַ פאַרשטיקטען געוויין אַרויסגערעדט:

— איך האָב דאָך איהם אָנגעבאָטען געלט, ער זאָל זי ניט טשעפּען. אַ גדולה אויף אייך, ראַטעוועט מיך!

פּאַרטיג געוואָרען מיט דער „בייבי," האָבען די אַדוואָקאַטען אַרויסגערופען ווילי'ן צום „סטענד." זיי האָבען געוואָלט ווייזען, אַז ער איז געוועזען דער ריכטיגער פאַרפיהרער פון פעני'ן און אַז צווישען איהם און דער „בייבי" איז געוועזען אַן אָפּמאַך פון פריהער, צו אַטאַקירען דאָס מיידעל.

ווילי האָט ניט געלייקענט. ער האָט גערעדט מיט ביטערניש און וועהטאָג וועגען די מעשים פון איהם און זיינע

פריהערדיגע חברים. ער האָט זיך נאָך מעהר באַשולדיגט ווי די אַדוואָקאַטען האָבען איהם באַשולדיגט.

ווי מיט פייערדיגע בייטשען האָט ער זיך געשמיסען. זיין יעדעס וואָרט האָט געקלונגען מיט אויפריכטיגער חרטה, באמת ווי די פאַרצווייפעלטע וידוי פון אַ בעל־תשובה.

— אַזוינע מענשען, ווי איך בין געווען — האָט ער גע־רעדט מיט וועהטאָג — וואָלט מען געדאַרפט האַלטען צוגע־שמידט אויף אַ קייט!...

און דערנאָך, אַז דער דיסטריקט אַטוירני האָט איהם גענומען צום קרייץ־פאַרהער און איהם געלאָזט דערצעהלען, ווי אונטער דער ווירקונג פון זיין ליבע צו פעני'ן האָט אין איהם דערוואַכט דער מענש, האָבען זיינע ליידען, וואָס ער, ווילי, האָט דאָן אָנגעהויבען צו שילדערען, געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף זיינע צוהערער, אַז אַ סך פרויען אין דעם גרויסען געריכטס־זאַל האָבען צוגעלייגט זייערע טיכלאַך צו די אויגען.

שפּעטער, ווען ווילי האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט, האָט ער זיך אינגאַנצען געטרייסעלט פאַר אויפרעגונג.

דעם אייגענעם אָוועגד האָט מען די „בייבי" און מיסעס גוטמאַן און דזשוליע'ן דערקלערט שולדיג אין ווייסע־שקלאַ־פעריי האַנדעל און פאַרגוואַלדיגונג... אויף מאָרגען האָט מען גע'משפּט די איבעריגע און זיי האָבען אויך געקראָגען אַ שווערע שטראָף.

* * *

אין דער איינענער וואָך איז פעני אַוועקגעפאָהרען צו איהר קוזינע אין לאָס אַנדזשעלעס, וועמעס אַדרעס אַהין האָט איהר איינמאָל ברוך געבראַכט.

צו וואָקזאַל האָט זי באַגלייט נאָר איין יאַנקעל.

פריהער האָט יאַנקעל געפּרואווט ביי איהר פועל'ן, זי זאָל פאַרבלייבען אין ניו יאָרק.

— וואוהין וועט איהר פאָהרען? — האָט ער גערעדט צו איהר — אויף נאמנות, פאַרבלייבט דאָ. איכ'ל זיך באַ־מיהען, אַז איהר זאָלט פאַרגעסען...

— קיינמאָל נישט, יאַנקעל, קיינמאָל נישט. איך מוז אַוועק פון דאַנען, איך מוז...

— איהר זענט דאָך אָבער אַזוי צעבראָכען... אויף נאמנות, איך קען אייך ניט לאָזען פאָהרען.

— רעדט נישט קיין נארישקייטען.
— און ווען איך וועל אייך נישט לאזען?
— וועל איך אליין אײנס פאהרען.
— און ווען איך וועל אייך זאגען, אז מיר וועט זיין אומעטיג אהן אייך?
— איך וויל דאס נישט הערען, יאנקעל.
— און ווען איך וועל אייך זאגען, אז איך ליב אייך?
— פוי, הערט אויף!
— מיינט איהר, אז איהר וועט קיינמאל ניט חתונה האבען?
— קיינמאל ניט, יאנקעל, קיינמאל ניט! פון דעם געדאנק אליין וועגען חתונה האבען מיט א מאן, שוידערט מיך!...

האט ער דערנאך א ווײלע געשוויגען. דאן האט ער זיך אנגערופען מיט זיין הארציגען קול:

— איך פארשטעהע אייך זעהר גוט, פעני. די באליידיגטע און באשמוצטע ריינקייט רעדט דאס איצט אין אייך. שפעטער אבער... מילא, מיר וועלען פון דעם מעהר ניט רעדען. עס וועט נישט העלפען, ווי איך זעה...

און אזוי איז פעני אוועקגעפאהרען.

* * *

עטליכע טעג שפעטער, א זייגער צעהן אינדערפריה, ווען ווילי האט זיך געזעצט אויף א קאר, כדי צו פאהרען דאון־טאון צו זיינע עלטערן, האט ער פלוצים באמערקט, אז נאך איהם איז אריינגעקומען אין א קאר א בלאנדער יונגערמאן.

ער האט זיך איינגעקוקט און באלד דערקענט איינעם פון „מאנקי דזשאנ׳ס" חברה. ער איז געווארען צעטומעלט. באלד אבער האט ער פארצווייפעלט א מאך געטאן מיט דער האנט און שיער אויפ׳ן קול ניט אויסגעשריען: „וועל, זאל ער!" פונדעסטוועגען האט ער בעת דעם דערפיהלט ווי עס איז איהם געווארען קאלט, הגם אין דרויסען איז געווען הייס, און ער האט זיך דערמאנט, ווי זיין ברודער ברוך האט איהם געווארענט נישט צו פאהרען אליין, האט געוואלט פאהרען מיט איהם, און ווי ער, ווילי, האט איהם אפגערעדט פון דעם. ער האט איהם ניט געדארפט אפרע־

דען. און אפשר איז אזוי בעסער. אויב דער „גענגסטער“ איז געקומען איהם ערמאָרדען, וואָלט ער נאָך ברוכ'ן אויך דערמאָרדעט...

ער האָט אַ שוידער געטאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער. אין קאַר זענען דאָן געוועזן נאָר צוויי פרויען מיט דריי קינדער.

ווי די קאַר וועט זיך אָפּשטעלען, וועט ער אַרונטער־שפּרינגען...

ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און איז אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרם. לעבען קאָנדוקטאָר איז געשטאַנען אַ צווייטער יונגערמאַן מיט ברייטע אַקסלען און אַ ברייטען, פליישיגען פּנים. דער יונגערמאַן האָט געהאַלטען אַן אויס־געלאָשענעם סיגאַר אין מויל, געדרעהט איהם צווישען די ליפּען און געקוקט אויף ווילי'ן מיט רוהיגע, אָבער שטעכיגע אויגען.

ווילי איז געבליבען שטעהן ווי צוגעוואַקסען צו זיין אָרט. ער האָט דערקענט איינעם פון די געפעהרליכסטע „גענגסטערס.“

און דאָ האָט זיך די קאַר אָפּגעשטעלט. אַ נייער פּאַ־סאַזשיר איז אַרויפגעקומען, און דער קאָנדוקטאָר איז אַריין נאָך איהם אינעווייניג אין קאַר. און אין דער צייט האָט ווילי פּלוצים דערפיהלט אַ שטאַרקען שטויס אין דער זייט און אַ שטאָך, און אַ ברען. „אָט דאָס איז עס!“ איז ווי אַ בליץ דורכגעפלויגען אין זיין מח, און אין איינעם מיט דעם האָט אין זיינע אויערען אַ הילך געטאָן, ווי אַ שווערער גלאָק וואָלט איבער זיין קאָפּ אַרונטערגעפאַלען און מיט קלאַנגען זיך צעשאָטען...

עס איז פינסטער געוואָרען אַרום איהם און ער האָט גענומען זינקען, זינקען אין אַ טיפען שוואַרצען תהום אַריין...

אַ „שטילער“ רעוואָלווער האָט איהם פאַרטיג געמאַכט...

* * *

אויף מאָרגען איז געוועזן ווילי'ס לויה, און איבער זיין קבר האָט זיין אַלטער טאַטע מיט אַ פאַרשטיקטען שלוכצען געזאָגט קדיש.

ענד.

ערֹאינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג

פון לעאָן קאָבּרין

פראַכטפול ארויסגעגעבען אין צוויי בענדער, אויף דעם בעסטען פּאַפּיר מיט 18 בילדער פון שרייבער און אַקטיאָרען, האָבען געמאַכט א גרויסען רושם צווישען די קריטיקער און די לעזער פון אלע שיכטען און קלאַסען. ווען מען לייענט די צוויי ביכער, לעבען אויף פאַר אייערע אויגען ווי דורך א כשוף, יעקב גאָרדין, ענטין, שמר, גאָלדפאַדען, יעקב אַדלער, דוד קעסלער, ז. מאָגולעסקא, באָרים טהאָמאַשעווסקי, מ. מאָשקאָוויטש, טארענבערג, מאַדאַם ליפּצין, מאַדאַם אַדלער, בערטהא קאַליש, בעסי טהאָמאַשעווסקי און נאָך אַנדערע, — זיי לעבען אויף פאַר אייך סיי אלס מענשען און סיי אַלס שאַפער. איר באַקאַנט זיך מיט זיי נאָהענט, מיט זייער אינטימען לעבען, מיט זייער טאַלאַנט, און עס ווייזט זיך אייך אוים, אַז איר אַליין האָט זיי אייער גאַנץ לעבען געקענט.

אָט וואָס די קריטיק האָט געזאָגט וועגען די דאָזיגע ערֹאינערונגען:

ש. ניגער (אין „טאָג”): „איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן מאָגולעסקאָ'ן, אָבער איך קען איהם: ל. קאָבּרין האָט מיך באַקאַנט מיט אים. איך האָב נאָר פון ווייטען אַמאָל געזעהן קעסלער'ן, אָבער ער שטעהט איצט פאַר מיינע אויגען, ווי א לעבעדיגער: איך האָב געלייענט קאָבּרינ'ס ערֹאינערונגען וועגען אים. איך האָב דערמאָנט מאָגולעסקא'ן און קעסלער'ן. כ'וואָלט דאָס אייגענע געקאָנט זאָגען אויך וועגען אַנדערע. זיי זיינען אַלע קלאָר און שאַרף געצייכענט אָדער געמאָלען אין פאַרבען”.

דר. א. מוקדוני (אין „מאָרגען-זשורנאַל”): „איבער א בוך וועגען אידישען טעאַטער דאַרף מען מאַכען די ברכה „שהחינו”... האָב איך מיט דער גרעסטער נייגעריגקייט געווארט אויף די צוויי ביכער פון לעאָן קאָבּרין. און קיינמאָל

איז מיין נייגעריגקייט אזוי שען באלוינט געוואָרען. איך האָב די צוויי ביכער דורכגעלייענט מיט איין אטהעם"...

א. וואהלינער (אין „די נייע ווארהייט"): „פאר אייך לעבט און באוועגט זיך פילפארביג און פולבלוטיג א גאנצע און זעהר אינטערעסאנטע און זעהר וויכטיגע עפּאָכע"...

נ. בוכוואלד (אין „די פרייהייט"): „כ'האָב געלייענט די „עראינערונגען" מיט ברענענדיגען נייגיר און בין געווען פאראינטערעסירט אין זיי פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער."

ב. צ. גאָלדבערג (אין די „פרייע ארבייטער שטימע"): „פול מיט לעבען יעדע שורה"...

דער לעבעדיגער (אין „קונדס"): „ליבע, פיינע שילדערונגען"...

נ. מ. (אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פון ווארשע): „גלענצענד האָט זיך ל. קאָברין'ען איינגעגעבען אויפצולעבען יענע פּיאָנערען פון אונזער אמאָליגען אידישען טעאטער. דאָס בוך לייענט זיך ווי א שפּאַנענדער ראָמאַן. עס פאַר־כאַפּט דעם לעזער און מען ווערט מיטגעריסען מיט זיין דערצעהלען"...

„צוקונפט" (חודש אָקטאָבער) „צוויי פּרעכטיגע, מאָנומענטאלע ביכער".

דער פּרייז פון ביידע בענדער איז דריי דאָלאר.

צו באַקומען אינ׳ם אָפיס פון „טאָג", ביי ל. קאָברינ'ען, 882 ברוקלין עוועניו, ברוקלין, און אין יעדער אידישער בוכהאנדלונג.